STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06997

GYU DE MOPASAN'S GEZAMELTE VERK

Guy de Maupassant

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גיז דע מאָפּאַסאַן'ס

געזאַמעלטע ווערק

שטאַרקער ווי דער טויט

(ראָמאַן)

איבערזעצט פון

לעאָן קאָברין

XIV

ארויסגעגעבען פון „פאָרווערטס"
175 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק
1919

ערשטער טהייל

I

דורך דעם ליכט, וואָס איז פונ'ם באַלקען אין אַטעליער געפאַלען, האָט זיך געזעהן העלער טאָג. אויבען אויפ'ן באַלקען איז געמאַכט געווען א גרויסע עפענונג, אזא מין פענסטער פון וואַנען עס האָט אריינגעקוקט די אונענדליכע הימעל בלויקייט, איבער וועלכע פויגעלאך האָבען זיך געטראָגען שנעל ווי אַ בליץ.

אָבער קוים איז דאָס פרעהליכע, הימעלשע ליכט אין דעם הויכען, ערנסטען, דראַפּירטען צימער געפאַלען, איז עס געוואָרען זאַנפט, ווייך, האָט זיך עס אויסגעמישט מיט די אַרומיגע שטאָפען און איז פערשלונגען געוואָרען פון די פּאָרהאַנגען; בלויז אין די ווינקלען האָט עס ווידער אויפגעטויכט, און די גאָלדענע ראַמען האָבען דאַן אויסגעזעהן ווי מיט פייער בעגאָסען. פריעדען און רוה האָט זיך געפיהלט אין דער שטילקייט פון דעם קינסטלער'ס היים, וואו די מענשליכע נשמה אַרבייט. צווישען די דאָזיגע פיער ווענט, וואו עס אַרבייט דער געדאַנק, וואו עס קעמפּפט און שאַפּט און אַרבייט דער קינסטלער, ערשיינט אַלעס מיעד און פאַרמאַטערט, אַזוי שנעל ווי דער מייסטער רוהט. נאָך זיינע געוואַלדיגע אָנשטרענגונגען ווערט אַלעס אַרום ווי טויט, אַלעס דרימעלט איין, די מעבעל, די פּאָרטיערען, די נאָך ניט געענדיגטע בילדער אויף דעם לייוועגד, אַקוראַט ווי דאָס גאַנצע צימער וואָלט צוזאַמען מיט'ן קינסטלער מיעד געווארען, פונ'ם שטענדיגען קעמפּפען, פונ'ם אויביגען שאַפען...

א אונבעשטימטער גערוך פון פארב, פון טערפּענטין און טאַבאַק, האָט זיך געטראָגען איבער'ן צימער. קיין קלאַנג האָט ניט אונטערבראָכען די שטילקייט, אויסער דער קורצער, העלער געשריי פון די שוואַלבען, וועלכע האָבען זיך געטראָגען הויך אין דער לופטען און דער אונבעשטימטער גערויש פון דער שטאָדט, וואָס האָט קוים דערגרייכט ביז צו די דעכער. ארום האָט זיך קיין זאַך ניט בעוועגט אויסער א קליין בלוי וואָלקענדיל רויך, וועלכען אָליוויער בערטין האָט, ליגענדיג אויף דער זאָפע, פון זיינע ליפּען ארויסגעבלאָזען.

די אויגען צום ווייטען הימעל געריכטעט, האָט ער געזוכט א אידעע פאר א נייעם בילד. וואָס זאָל ער מאָהלען? ער האָט עס נאָך ניט געוואוסט. ער איז ניט געווען קיין ענטשלאָסענער, אין זיך זיכערער קינסטלער, דערפאר האָט ער שטענדיג געזוכט, געטאַפּט אין דער פינסטער און זיך געוואָרפען פון איין סטיל אויף א צווייטען. ער איז געווען רייך, בעריהמט, האָט געהאַט גרויס כבוד און דאָך, אפילו איצט, ווען די זון פון זיין לעבען האָט שוין געהאַלטען ביים אונטערגאנג, האָט ער נאָך אלץ בעשטימט ניט געוואוסט, וואָס אייגענטליך ער האָט אין דער קונסט פערטרעטען, צו וואָס ער האָט געשטרעבט. קלוג, פול בעגייסטערונג און ענערגיע, האָט ער זיין קונסט געליעבט מיט א מין הייליגער ליעבע. פּיזלייכט האָט דער גרויסער ערפאָלג, וואָס זיינע עלעגאנטע, שעהנע בילדער האָבען געהאַט אין דער אריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט, איהם בעאיינפלוסט און געשטערט צו ענטוויקלען זיך, ווי ער האָט פריהער אין זינען געהאַט.

פון דעם ערשטען ערפאָלג אָן, איז ער, אליין ניט וויסענדיג, שטענדיג געפיהרט געוואָרען פון דעם פערלאַנג צו געפעלען. דער דאָזיגער פערלאַנג האָט איהם פאָרזיכטיג און געלאַסען אויף אַנדערע וועגען געפיהרט און בּיסלעכווייז האָט דער קינסטלער זיינע קינסטלערישע איבערצייגונגען פארבויגט. דער וואונש אלעמען צו געפעלען האָט זיך ביי איהם אויסגעדריקט אין פיעלע

פערשיעדענע זאַכען, און דאָס האָט פיעל ביינעטראָגען צו זיין בע־ריהמטקייט.

זיינע גוטע מאַניערען, די אויסגעצייכענטע האַלטונג, זיין שעהנער אַנצוג, דער נאָמען, וואס ער האָט געהאַט פון פריהער אַלס גוטער רייטער, פעכטער און שיסער, האָבען פיעל געהאָלפען זיין בעריהמטקייט צו פערשטאַרקערן. נאָך „קלעאָפּאַטראַ“, דאָס ערשטע בילד, וואָס האָט איהם צו יענער צייט אַ נאָמען געמאַכט, האָט גאַנץ פּאַריז געעפּענט פאַר איהם די טירען. מען האָט איהם בע־וואונדערט, געפּייערט און ער איז פּלוצים געוואָרען איינער פון יענע גלענצענדע געזעלשאַפטליכע קינסטלער, צוליעב וועלכע מען רייסט זיך אַרום אין די געזעלשאַפטליכע סאַלאָנען און וועלכע ווע־רען נאָך גאָר יונגערהייד אריינגענומען אין דער אַקאַדעמיע פון די אונשטערבליכע. אונטער דעם בייפאַל פון דער גאַנצער שטאָדט איז ער דאָרט אויפגענומען געוואָרען.

און אַזוי לאַסטשענדיג און גלעטענדיג האָט איהם דאָס גליק ביז צום שוועל פון דער עלטער צוגעפיהרט.

איצט האָט ער אין דער שטימונג, וואָס דאָס שעהנע וועטער האָט אַרויסגערופען אין דרויסען און אין איהם אַליין, געזוכט עפּעס אַ פּאָעטישען איינפאַל פאַר אַ ניי בילד. דער פריהשטיק און די סיגאַרעטלעך האָבען איהם עטוואָס מיעד געמאַכט און מיט דעם בליק אין דער לופטען האָט ער געטרוימט, און זיין פאַנטאַזיע האָט אין דער בלויער לופט פאַר איהם אַרויסגערופען פערשיעדענע בילדער: גראַציעזע פרויען אין אַן אַלעע פון אַ פּאַרק, אָדער אויף דעם טראָטואַר פון אַ גאַס, אַ פּאַרליעבט פּאָרעל ביים ברעג ים, עלעגאַנטע בילדער, וועלכע האָבען זיך איהם געוועהנליך אַזוי גוט איינגעגעבען. די דאָזיגע געשטאַלטען האָבען זיך אָבגעצייכענט אין דעם בלויען הימעל אונבעשטימט, אויסמישענדיג זיך איינס מיט דאָס אַנדערע און די שוואַלבען, וועלכען האָבען זיך נאָכ־אַנאַנד געטראָגען אין דער לופטען, האָבען זיי דורכגעשניטען און צייטענווייז אין גאַנצען אָבגעווישט.

ער האָט גאָר נישט געקענט געפינען. אַלע געשטאַלטען, וואָס ער האָט פאַר זיינע אויגען געזעהן, זיינען געווען עהנליך צו עפּעס אַ בילד, וואָס ער האָט שוין פריהער געמאָלען. אַלע פרויען זיינען געווען טעכטער אָדער שוועסטער פון די, וואָס זיין קינסטלערשע פאַנטאַזיע האָט שוין איינמאָל אויף דער וועלט געבראַכט. און די אונבעשטימטע אַנגסט, וואָס האָט איהם זייט אַ יאָהר צייט געפּלאַגט: די אַנגסט, אַז ער האָט זיך שוין אויסגעשעפּט, אַז זיין פאַנטאַזיע איז פאַראָרימט, פאַרטריקענט געוואָרען, אַז עס איז איהם שווער צו געפינען נייע געדאַנקען, נייע שטריכען, נייע פאַרבען, האָט איהם גענומען פּלאָגען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

ער איז לאַנגזאַם אויפגעשטאַנען און זיך גענומען איבערקוקען זיינע סקיצען, טאָמער וועט ער דאָרט עפּעס געפינען, וואָס זאָל איהם אַרויפברייגנען אויף אַ נייער אידעע.

בלאָזענדיג דעם רויך פאַר זיך, האָט ער געבלעטערט די סקיצען און צייכנונגען, וואָס זיינען ביי איהם געלעגען בעהאַלטען אין אַן אַלטען שראַנק. באַלד איז עס איהם אָבער מיאוס געוואָרען. איהם האָט גענומען עקלען פון דאָס אומזיסטיגע זוכען, ער האָט געלאָזען די צייכנונגען, אַוועקגעוואָרפען דעם סיגאַרעטעל, גענומען פּייפען אַ גאַסען־ליעדעל און פון אונטער אַ שטול אַ שווערע געוויכט מיט איין האַנד אַרויסגענומען.

מיט דער אַנדערער האַנד האָט ער פאַרצויגען דעם פאָרהאַנג, וואָס האָט פאַרשטעלט דעם שפּיעגעל, וועלכער האָט געדיענט דערצו, אום די ריכטיגקייט פון די בעוועגונגען אָבצושפּיעגלען. ער האָט זיך געשטעלט פּונקט אַנטקעגען, גענומען מאַכען גימנאַסטיק און זיך דערביי בעטראַכט אינ׳ם שפּיעגעל.

צווישען די קינסטלער איז ער בעריהמט געוואָרען מיט זיין קראַפט, דערנאָך אין דער געזעלשאַפט מיט זיין שעהנהייט, אָבער די לעצטע צייט האָט זיך אויף איהם גענומען אַוועקלייגען די עלטער און איהם דיק און שווער געמאַכט. ער איז געווען אַ הויכער, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ שטאַרקער ברוסט, אָבער איצט

איז ער געוואָרען אָנגעגאָסען מיט פעטס, ווי אַן אַלטער פעכטער, הגם ער האָט יעדען טאָג געפאָכטען און שטונדען לאַנג געריטען. זיין קאָפּ האָט איינגעהאַלטען אין זיך עטוואַס בעזונדערעס, ער איז נאָך געווען פונקט אַזוי שעהן ווי פריהער, הגם ער האָט זיך דאָך אויך געענדערט. זיינע שוואַרצע אויגען האָבען לעבהאַפטער געגלאַנצט פון אונטער די גרויע ברעמען און די ווייסע קורץ־געשאָרענע האָר זיינע קרעפטיגע וואָנצעס, וועלכע האָבען אין זיך געהאַט עטוואַס מיליטערישעס, זיינען געבליבען אין גאַנצען ברוין און האָבען צוגעגעבען דעם פּנים אַן אויסדרוק פון ענערגיע און שטאָלץ.

ער איז געשטאַנען פאַר'ן שפּיגעל און מיט זיינע שטאַרקע, מוסקעלדיגע אָרעמס אַלערליי בעוועגונגען געמאַכט.

אָבער פּלוצלונג האָט ער אינ'ם שפּיעגעל, אין וועלכען מען האָט געקענט זעהן דאָס גאַנצע צימער, באַמערקט, ווי אַ פאָרהאַנג האָט זיך באַוועגט און אַ פרויען־קאָפּ, גור דער קאָפּ, האָט זיך בע־וויזען און איהם געגומען זוכען. גלייך נאָכדעם האָט אַ שטימע געפרעגט:

— איז מען אין דערהיים?

ער האָט געענטפערט:

— געוויס! — און זיך אומגעדרעהט. דאַן האָט ער אַ וואָרף געטהאָן די געוויכט, מיט וועלכע ער האָט זיין גימנאַסטיק געמאַכט, אויפ'ן קאַנאַפּע, איז אויפגעשפּרונגען מיט עטוואָס אַ געמאַכטער לעבהאַפטיגקייט, און זיך אַ לאָז געטהאָן צו דער טיר.

אַ פרוי אין אַ העלען קלייד איז אריין אין צימער. זיי האָבען זיך געגעבען די הענד און זי האָט געזאָגט:

— דו מאַכסט דיין גימנאַסטיק?

— יאָ — האָט ער געענטפערט — איך האָב פּרובירט מיין קראַפט און דו האָסט מיך דערביי איבערראַשט.

זי האָט זיך צולאַכט און ווייטער גערעדט:

— איך האָב אין פּיר־הויז גיט געטראָפען דעם פּאָרטיער און

אזוי ווי איך ווייס, אז דו ביזט אין דיעזער צייט אימער אליין, בין איך אריין אונגעמעלדעטערהייד

ער האָט זי בעטראַכט:

— מיין גאָט! ווי שעהן דו ביזט היינט! אין גאַנצען שיק!

— יאָ, אין מיין נייעם קלייד! געפעלט עס דיר?

— וואונדערשעהן, די פארבען שטימען אויסגעצייכענט צו־זאַמען. מען מוז צוגעבען, היינטיגע צייטען פערשטעהען די פרויען ווי זיך אָנצוטהאָן.

ער איז ארומגעגאַנגען ארום איהר און זי בעטראַכט פון אַלע זייטען, האָט א טאַפּ געטהאָן די ווארע, א ציה געטהאָן די פאַל־דען, ווי איינער וואָס פערשטעהט זיך אויף קליידער פונקט ווי א שניידער. ניט אומזיסט האָט ער זיין גאַנץ לעבען בענוצט אויף דעם, אום מיט זיין קינסטלערישען געפיהל און דעם פיינעם שפּיץ פון זיין פּענזעל צו שילדערען די שעהנהייטען פון דער בייטענ־דיגער מאָדע און ארויסצוברענגען דעם פרויען רייץ, וועלכער איז אונטער דעם שווערען סאַמעט, אונטער זייד און שנעע־ווייסע שפּי־צען פערבאָרגען.

צום סוף האָט ער געזאָגט:

— דאָס קלייד איז זעהר געלונגען, עס שטעהט דיר אויסגע־צייכענט.

זי האָט איהם געלאָזט זיך בעוואונדערן און זיך דערביי גע־פרעהט, וואָס זי איז שעהן און געפעלט איהם.

זי איז שוין ניט געווען מעהר גאָר יונג, אָבער נאָך זעהר שעהן. ניט צו הויך, עטוואָס פעט, אָבער פריש און מיט יענעם רייצענ־דען חן, וואָס מאַכט די פערציג־יאָהריגע פרויען בעזונדערס אינ־טערעסאַנט. מען האָט זי געקענט פערגלייכען מיט איינער פון יענע ראָזען, וואָס בליהען אָהן א סוף, ביז איהרע בלעטער בליהען זיך אזוי פאַנאַנדער, דאָס זיי צופאַלען אין איין שטונדע אַלע אויף איין מאָל.

מיט איהרע שעהנע, בלאָנדע האָר האָט זי איינגעהאַלטען דעם יונגען, פרישען חן פון אַ פּאַריזערין, וועלכע ווערט קיינמאָל ניט אַלט. יענע פּאַריזערין, וואָס פערמאָגט אַ מערקווירדיגע לעבענסקראַפט און אַ אונערמיעדליכען ווידערשטאַנד געגען דעם אַלטער, ווייל פריהער פאַר אַלעמען היט זי איהר קערפּער און איהר געזונד.

זי האָט אויפגעהויבען דעם שלייער און ארויסגעשעפּצעט:

— קריעג איך דען ניט קיין קוש?

— איך האָב געראויכערט — האָט ער געזאָגט.

— וואָס מאַכט עס אויס — האָט זי בעמערקט און צו איהם אויסגעשטרעקט דאָס מויל.

און זייערע ליפּען האָבען זיך בעגעגענט.

ער האָט אַרויסגענומען דעם שירם פון איהר האַנד און מיט אַ שנעלער, זיכערער בעוועגונג איהר דעם מאַנטעל אויסגעטהאָן. עס איז קענטיג געווען, אַז ער טויג זיך צו אַזעלכע זאַכען.

ווען זיי האָבען זיך דערנאָך געזעצט אויפ'ן זאָפע, האָט ער געפרעגט מיט אינטערעס:

— וואָס מאַכט דיין מאַן?

— ער איז געזונד, ער מוז איצט אודאי האַלטען אַ רעדע אין פּאַרלאַמענט.

— אַזוי! איבער וואָס?

— ווי אימער, מסתמא איבער בוראַקעס, אָדער אַן ענליכען געגענשטאַנד.

איהר מאַן, גראַף פאַן גילעראַי, אַבגעאָרדענטער פּאַר דעם דעפּאַרטמענט אורע, איז געוועזן אַ ספּעציאַליסט אין אַלע לאַנדווירטשאַפטליכע פראַגען.

אָבער פּלוצים האָט זי אין אַ ווינקעל בעמערקט אַ בילד, וואָס זי האָט נאָך ביז אַהער ניט געזעהן. זי האָט דורכגעשפּרייזט דעם אַטעליער און געפרעגט:

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— אַ פּאַסטעל. איך האָב ניט לאַנג אָנגעפאַנגען צו מאָהלען אַ פּאָרטרעט פון דער פּרינצעסין דע פּאָנטעווע.

— הער אויס — האָט זי געזאָגט ערנסט — דו ווייסט דאָך, אַז ווען דו וועסט זיך ווידער נעהמען מאָהלען דאַמען, וועל איך איינפאַך צושליסען דיין אַטעליער. איך ווייס צו גוט, וואוהין דאָס פיהרט.

— זיי רוהיג! — האָט ער געזאָגט — אַ פּאָרטרעט מאָהלט מען נור איין מאָל.

— איך האָף אַזוי.

זי האָט בעטראַכט די אָנגעפאַנגענע צייכנונג, ווי אַ קענערין, איז אָבגעטראָטען אַ פּאָר טריט צוריק, ווידער צוגעקומען נעהנ־טער, צוגעטראָגען די הענד צו די אויגען ווי אַ שירם און עס גאַנץ גענוי בעטראַכט. צום סוף האָט זי אַרויסגעזאָגט אַ בעפרידיגטען אורטהייל:

— דאָס בילד איז גוט. די פּאַסטעלען גליקען דיר אימער.

ער האָט געפרעגט געשמייכעלט:

— דו מיינסט עס ווירקליך?

— יאָ, דאָס איז אַ פיינע קונסט, דערצו איז נויטיג אַ סך פיינער טאַלענט. פאַר די גראָבע שמירער פּאַסט עס ניט.

שוין זייט צוועלף יאָהר, ווי זי מאַכט שטאַרקער זיין נייגונג צו גלענצענדער מאָהלעריי. זי בעקעמפּפט אין איהם יעדען פער־לאַנג זיך צוריקצוקעהרען צו דער איינפאַכער וואַרהייט, צום פּשוט'ען לעבען. און אַזוי בעאיינפלוסט פון איהר אַריסטאָקראַטי־שען בעגריף פון שעהנקייט, איז ער גאַנץ זאַכט אַריבער צו אַ גע־מאַכטען, צוגעפּוצטען, זיסליכען סטיל.

זי האָט געפרעגט:

— ווי זעהט זי איינענטליך אויס, די דאָזיגע פּרינצעסין?

ער האָט איהר געמוזט דערצעהלען טויזענד קליינינקייטען, אַלע יענע איינצעלהייטען, וואָס אינטערעסירען אַזוי שטאַרק די

קליינליכע, אייפערזיכטיגע פרויען, און פון דער טואלעט פראגע איז זי אריבער אויף גייסטיגע פראגען.

פלוצים האט זי געפרעגט:

— קאקעטירט זי מיט דיר?

ער האט געלאכט און געשווארען, אז ניין.

זי האט ארויפגעלייגט ביידע הענד דעם מאהלער אויף די שולטערן און איהם אריינגעקוקט שארף אין די אויגען אריין.

נאך אמאל האט זי ארויסגעפליסטערט:

— איז עס אמת, אז זי קאקעטירט ניט מיט דיר?

— יא, עס איז אמת.

זי האט צוגעלעגט:

— איבעריגענס בין איך גאנץ רוהיג, דען איצט ליעבסטו נור מיך אליין! מיט די אנדערע איז איצט אלעס אויס. צו שפעט, מיין ארימער פריינד!

א לייכטער שוידער איז איבער זיין לייב אריבער, יענער שוי־דער, וואס פארקוועטשט דעם עלטערן מענשען ביים הארצען, ווען מען דערמאנט איהם אן זיין עלטער, און ער האט שטיל ארויסגע־רעדט:

— היינט, מארגען, פונקט אזוי ווי נעכטען, האט אין מיין לע־בען עקזיסטירט און וועט אימער עקזיסטירען נור דו, אננא...

דאן האט זי איהם אנגענומען פאר'ן ארעם, צוגעפיהרט צו דער זאפע און אוועקגעזעצט נעבען איהר זייט.

— וועגען וואס האסטו געטראכט?

— איך האב געזוכט שטאף פאר א בילד.

— וואס פאר א בילד?

— דאס וויים איך נאך אליין ניט. איך זוך עס ערשט.

— וואס האסטו די לעצטע פאר טעג געטהאן?

ער האט איהר געמוזט דערצעהלען וועגען אלע געסט, וועלכע זיינען צו איהם געקומען, אלע דינערס און געזעלשאפטען, וואס ער האט בעזוכט, אלע געשפרעכען און פלוידערייען, וואס ער האט

געהערט. זיי זיינעןביידע געווען פאראינטערעסירט אין די אַלע קליינינקייטען פון דעם עלעגאנטען, געזעלשאפטליכען לעבען. די קליינע אייפערזיכטיגקייטען, די פערהעלטניסע פון די אָדער יענע פּאַרלאַך, די פערטיגע מיינונגען, וואָס זיינען אויסגעשפּראָכען און ווידערהאָלט געוואָרען א מאָל טויזענד פון די זעלביגע מענשען, די זעלבע פאַסירונגען, דיזעלבע אנזיכטען האָבען ארויסגערופען זייער אויפמערקזאמקייט, זייער אינטערעס. און אזוי ווי זיי ביידע זיי־נען געווען בעקאנט אין די פערשיעדענסטע קרייזען פון פּאריז, ער אַלס קינסטלער, פאר וועמען אַלע טירען זיינען געווען אָפען, זי אַלס די פרוי פון א קאָנסערוואטיווען אָבגעאָרדענטען, זיינען זיי געווען גוט בעקאנט מיט דעם פּוסטען, אוניצליכען אָבער שעה־נעם און גייסטרייכען ספּאָרט פון דער פראנצויזישער אונטערהאַל־טונג.

— ווען קומסטו צו דינער? — האָט זי פּלוצים געפרעגט.

— ווען דו ווילסט. ווען פּאַסט דיר אַם בעסטען?

— פרייטאָג; דאַן קומט די הערצאָגין דע מארטעמאין, דאַן קארבעלל און מוסאדיע, מיר וועלען פייערן דאָס צוריקקומען פון מיין טאָכטערל, וועלכע קומט היינט ביינאכט אהיים. אָבער ד'ער־צעהל עס קיינעם ניט, דאָס איז א געהיימניס.

— גוט, איך קום, און עס פרעהט מיך אננעלען ווידער צו זעהן. איך האָב זי שוין א יאָהר דריי ניט געזעהן.

— יא, ווירקליך, דריי יאָהר.

אננעלע, וועלכע איז אפריהער ערצויגען געוואָרען ביי איהרע עלטערן אין דערהיים, איז געוואָרען די לעצטע ליידענשאפטליכע ליעבע פון איהר באָבען, פרוי פּאראדין; יענע איז אויף דער על־טער כמעט אין גאנצען בלינד געוואָרען און האָט א גאנץ יאָהר גע־לעבט אין איינעם פון איהר איידים'ס שלעסער, אין דעם דעפּארט־מענט אורע. ביסלעכוויז האָט די אַלטע פרוי פארהאַלטען דאָס קינד אַלין מעהר און מעהר ביי זיך. און אזוי ווי די עלטערן האָ־בען כמעט א העלפט פון זייער לעבען פערבראַכט אויף זייער גוט,

וואוהין זיי זיינען געטריבען געוואָרען צוליעב פערשיעדענע אינטערעסען, אַמאָל צוליעב דער לאַנדווירטשאַפט און אַמאָל צוליעב די וואהלען, האָט מען דאָס יונגע מיידעל גאַנץ זעלטען מיטגענומען קיין פּאַריז.

אַננעלע האָט אויך ליעבער געהאַט דאָס פרייע, בעוועגליכע לעבען אין דאָרף, ווי דאָס פאַרשלאָסענע, פאַרשטיקטע לעבען אין שטאָדט.

פאַר די לעצטע דריי יאָהר איז זי גאָר אין גאַנצען ניט געקומען קיין פּאַריז. די גרעפין האָט זי געוואָלט האַלטען ווייט פון שטאָדט, אום ניט צו ערוועקען אין איהר פאַר דער צייט אַ פערלאַנג דאָרט צו בלייבען. זי האָט איהר מיטגענומען צוויי אויסגעצייכענטע ערציהערינען און אַליין איז זי אָפט געקומען בעזוכען איהר מוטער און טאָכטער. אויסערדעם איז אַננעלע'ס אַנוועזענהייט אין שלאָס געוואָרען אַ נויטווענדיגקייט, ווייל די אַלטע פרוי האָט דאָרט אָהן איהר ניט געקענט לעבען.

פריהער פלעגט אָליוויער בערטין יעדען יאָהר פאַרברענגען פון זעקס ביז אַכט וואָכען אין שלאָס, אָבער זייט דריי יאָהר איז ער צוליעב זיין רעוומאַטיזם געצוואונגען געוועזען צו פאָהרען אין ווייטע בעדער און דאָרט איז זיין ליעבע צו פּאַריז אַזוי שטאַרק ערוועקט געוואָרען, דאָס ווען ער איז שוין יאָ אַמאָל צוריקגעקומען פון'ם באַדע אָרט, האָט ער די הויפּטשטאָדט שוין מעהר ניט געוואָלט פאַרלאָזען.

אייגענטליך האָט דאָס יונגע מיידעל געזאָלט קומען ערשט אין הערבסט, אָבער דער פאָטער האָט פלוצים געמאַכט אַ פּראָיעקט, אַננעלען צו פערהייראַטהען, און ער האָט זי געלאָזט רופען, אום זי זאָל זיך באַקענען מיט דעם מאַרקיז פאַראַנדאַל, וועלכען ער האָט איהר פאַר אַ חתן אויסגעקליעבען. דער פּלאַן איז געהאַלטען געוואָרען גאַנץ אין געהיים, און אָליוויער בערטין איז געוועזען דער איינציגער, וועמען די גרעפין האָט דערפון דערצעהלט.

ער האָט געפרעגט:

— דאָס איז שוין אַלזאָ אַן אָבגעמאַכטע זאַך?

— יאָ, איך גלויב זאָגאַר, אַז דאָס איז זעהר אַ גוטע איי־דעע.

דאַן האָבען זיי גענומען ריידען פון אַנדערע זאַכען.

זי איז צוריקגעקומען צו דער פראַגע וועגען קונסט און איהם געוואָלט איינרעדען, ער זאָל מאָהלען אַ בילד פון קריסטוס. ער האָט זיך ענטזאגט, ווייל ער האָט געדענקט, אַז עס זיינען דאָ גע־נוג אַזעלכע בילדער, אָבער זי איז געבליבען ביי דאָס איהריגע און איז געוואָרען אונגעדולדיג:

— אַך! ווען איך זאָל קענען צייכענען, וואָלט איך דיר שוין געוויזען, וואָס איך וויל. עטוואס גאַנץ נייעס, געוואַגטעס: מען נעהמט קריסטוס'ן פון קרייץ אַרונטער און ביי דעם מאַן, וועל־כער האָט איהם פון די שטריק לויז געמאַכט, פאַלט דער קערפּער פון די הענד אַרוים. ער פאַלט און זינקט אויף דער מאַסע אַרונ־טער, וועלכע האָט אויסגעשפּרייט איהרע אָרעמס איהם אויפצו־נעהמען. פאַרשטעהסטו, וואָס איך מיין?

יאָ, ער האָט זי פערשטאַנען און איהר אידעע איז איהם זאָ־גאַר געפעלען געוואָרען, אָבער ער האָט זיך איצט געפונען אין אַ גאַנץ מאָדערנער שטימונג און, קוקענדיג אויף זיין פריינדין, וועל־כע איז געלעגען אויף דער זאָפע מיט איין פוס אין אַ קליין שיכעל אַרונטערגעהאַנגען, וואו דורך דעם דינעם, דורכזיכטיגען זאָק האָט דורכגעשיינט דאָס פלייש, האָט ער אויסגערופען:

— אָט דאָס, דאָס דאַרף מען מאָלען, דאָס הייסט לעבען, אַ פרויען־פיסעלע, וועלכער קוקט פון אונטער'ן קלייד אַרוים. דאָ קען מען אַלעס אַריינלעגען, ווירקליכקייט, פערלאַנגען, פּאָעזיע, עס איז ניטאָ קיין רייצענדערע, שעהנערע זאַך, ווי אַ פרויען־פוס.

ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזען אויף די קניע, גענומען איהר פוס און איהר אויסגעטהאָן דעם שוך. און דער פוס, פון זיין לע־דערנעם פאַנצער בעפרייט, האָט זיך בעוועגט ווי אַ קליינע, צאַפּעל־

דיגע חיה׳לע, וועלכע איז שטארק איבערראשט פון איהר פּלוצים׳־דיגער פרייהיים.

בערטין האָט געזאָגט:

— קיין זאַך איז ניט אזוי דעליקאַט, אַזוי ליעב און דערביי פול, נאָך פולער ווי די האַנד; צייג מיר אָקאָרשט דיין האַנד, אננאַ...

זי האָט געטראָגען לאַנגע האַנדשוה, וואָס האָבען געגרייכט ביז צום עלענבויגען. זי האָט אָנגענומען איינע פון זיי ביים ראַנד און אַ ציה געטהאָן אַרונטער, ווי מען ציהם אַראָב די הויט פון אַ שלאַנג. עס האָט זיך בעוויזען דער אָרעם, אַ ווייסער, אַ דיקער, אַ רונדער.

דאַן האָט זי איהם אויסגעשטרעקט די האַנד און ער האָט זי אָנגענומען ביים עלענבויגען; אויף איהרע ווייסע פינגער האָבען געבליסטשעט רינגען און די נעגעל זיינען געווען שאַרף און ראָזעווע.

בערטין האָט בעטראַכט איהר האַנד, ער האָט באַוועגט איה־רע פינגער אהער און אהין, אזוי ווי זיי וואָלטען געווען אַ שפּיעל־צייג פון פלייש געמאַכט, און דערביי געזאָגט:

— וואָס פאַר אַ מערקווירדיגע זאַך דאָס איז, דער דאָזיגער רייצענדער קליינער גליעד: קלוג און פעהיג, טויג זיך צו אַלעם אין דער וועלט: ביכער, שפּיצען, הייזער, פּיראַמידען, לאָקאָמאָטיווען, טאָרטען און לאַסקעס — צו דאָס לעצטע טויג ער זיך אייגענטליך בעסער ווי צו אַלעם אַנדערע.

ער האָט איהר אויסגעטהאָן איין רינג נאָך דעם אַנדערען און ווען דער קדושין־רינג איז אויך אַראָבגעפאַלען, האָט ער מיט אַ שמייכעל אַרויסגעשעפּטשעט:

— אכטונג פאַר דעם געזעץ!

— נאַרישקייטען! — האָט זי געזאָגט עטוואָס אין כעס.

ער איז אימער געניינגט געווען צו שפּאָטען און ווי אַן עכטער פראַנצויז האָט ער פון די ערנסטעסטע געפיהלען גערעדט מיט איראָניע. דאָס האָט זי אָפט געקרענקט. מעהר פון אַלץ אָבער

האָט איהר פערדראָסען יעדעס מאָל, ווען ער האָט פערשפּאָטעט זייערע ביידענס בעציהונגען, וועלכע האָבען אָנגעהאַלטען אַזוי לאַנג, דאָס זיי האָבען געקענט זיין אַ גוטערביישפּיעל פון טרייער ליעבע אין דעם נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט. נאָך אַ קליינער פּויזע האָט זי געזאָגט:

— ווּעסטו מיך און אַננעלען בעגלייטען צו דער עפענונג פון דער בילדער־אויסשטעלונג?

— געוויס!

דאַן האָט זי איהם געפרעגט, וועלכע בילדער עס וועלען זיין די בעסטע אויף דער קומענדער אויסשטעלונג.

אָבער פּלוצים, ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט אָן עפּעס וואָס זי האָט פארגעסען צו בעזאָרגען, האָט זי געזאָגט:

— שנעל, שנעל, גיב מיר מיין שוך.

ער האָט פאַר'חלומ'ט זיך געשפּיעלט מיט דעם לייכטען שי־כעל, צוטראָגען איהם געדרעהט אין זיין האַנד.

ער האָט זיך איינגעבויגען און אַ קוש געטהאָן דעם פוס, וועל־כער האָט געשיינט צו שוועבען צווישען קלייד און קאָוויאָר.

דאַן האָט ער איהר אָנגעטהאָן דעם שוך. די גרעפין האָט זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאַנגען צום טיש, אויף וועלכען עס זיי־נען געלעגען אַלערליי פּאַפּירען, אָפענע בריעף, אַלטע און נייע נע־בען טינטער אין וועלכען די טינט האָט אויסגעטריקענט. זי האָט אַלעם נײַגעריג בעטראַכט און אויפגעהויבען די צייטונגען, אום אונטער זיי אַ קוק צו טהאָן.

ער איז צוגעגאַנגען צו איהר:

— דו ווּעסט די אונאָרדנונג נאָך מעהר אין אונאָרדנונג ברייני־גען.

אנשטאַט אָן ענטפער האָט זי געפרעגט:

— ווער איז דער הערר, וואָס וויל ביי דיר קויפען „די וואָס באָדען זיך"?

— אַן אַמעריקאַנער, איך קען איהם נישט.

— האָסטו די „גאַסען זינגערין" פערקויפט ?
— יאָ. פאַר צוואַנציג טויזענד.
— דאָס איז זעהר קלוג, זי איז געווען גאַנץ נעט, אָבער אין אַלגעמיין גאָרנישט בעזונדערס. אדיע, מיין ליעבער !
זי האָט צו איהם אויסגעשטעלט איהר באַק, וועלכע ער האָט רוהיג אַ קוש געטהאָן, דאַן איז זי פערשוואונדען הינטער די פּאָר־טיערען, זאָגענדיג שטיל :
— פרייטאָג, אום אַכט. דו זאָלסט מיך ניט בעגלייטען צו דער טיר. דו ווייסט, איך קען עס ניט ליידען.
ווען זי איז אוועק, האָט ער צוערשט פאַררויכערט אַ סיגאַרעט און דאַן גענומען געהן איבער'ן אַטעליער לאַנגזאַם מיט גרויסע טריט און די גאַנצע געשיכטע פון זייער ליעבע האָט אַ שוועב גע־טהאָן פאַר זיינע אויגען. אַלערליי איינצעלהייטען, וועלכע ער האָט שוין לאַנג פערגעסען, זיינען איהם פּלוצים ווידער איינגעפאַלען און ער האָט זיי אין זיין זכרון אויפגעזוכט און זיי צוזאַמענגעשטעלט איינע נעבען דער אַנדערער. אין זיין איינזאַמקייט האָט ער זיך אונטערהאַלטען מיט די עראינערונגען.
עס האָט פּאַסירט דאַן, ווען ער איז ווי אַ נייע זון איבער דעם קונסט־הימעל פון פּאַריז אויפגעשטיגען, דאַן, ווען די מאַהלער האָ־בען די גאַנצע סימפּאַטיע פונ'ם פּובליקום געוואונען און זיי האָ־בען זיך אַריינגעקליבען אין אַ שעהנעם געגענד און פּראַכטפולע הייזער, וועלכע זיי האָבען זיך מיט אַ פּאָר פּענזעל־שטריכען פער־דיענט.
בערטין האָט נאָך זיין צוריקקומען פון רוים, אינ'ם יאָהר 1864, צוערשט אַ פּאָר יאָהר נאָכאַנאַנד, ניט געהאַט ניט קיין ער־פאָלג און ניט קיין נאָמען ; און אין 1866, ווען ער האָט אויסגע־שטעלט זיין „קלעאָפּאַטרא", איז ער פּלוצים פון דער קריטיק און פון פּובליקום ביז צום הימעל אויפגעהויבען געוואָרען.
אין 1872, נאָך דעם קריעג און נאָך דעם טויט פון הענרי רעגנאול, וועלכער האָט אַלע זיינע קאָלעגען בעריהמט געמאַכט,

איז בערטין דורך א עטוואָס געוואגטע בילד פון „יאָקאַסטע" צו־געדעכענט געוואָרען צווישען די מאָדערנע קינסטלער, הגם זיין קלוג בערעכענטע טעכניק האָט איהם פון די אַקאַדעמיקער אויך ניט פארשטויסען.

אין 1873 האָט ער פאר זיין „אַלזשירישע יודין" בעקומען די גרויסע גאָלדענע מעדאַל, דאָס איז געווען א בילד, וועלכעס ער האָט געמאָהלען נאָכדעם ווי ער האָט זיך צוריקגעקעהרט פון זיין רייזע נאָך אפריקא. און זייט דעם פּאָרטרעט פון דער פּרינ־צעסין סאַליא אין 1874, האָט ער אין דער גרויסער וועלט געגאָל־טען פאר דעם גרעסטען פּאָרטרעט־מאָהלער פון זיין צייט. פון דעם דאָזיגען טאָג אָן איז ער געוואָרען דער ליעבלינגס־מאָהלער פון אַלע פּאַריזערינען, דער געשיקטעסטער און געניאַלסטער שילדערער פון זייער גראַציע, זייערע פיגורען און זייער גאַנצען וועזען. אין א פּאָר מאָנאַטען ארום האָבען די גרעסטע דאַמען פון פּאַריז זיך ביי איהם געבעטען, ער זאָל זיי טהאָן א טובה און זייערע בילדער מאָהלען. אָבער ער האָט זיך געלאָזט שטארק בעטען און פערלאַנגט אונגעהויער הויכע פּרייזען.

ווען ער איז אריין שטארק אין דער מאָדע און גענומען, ווי אַלע אַנדערע הערען, בעזוכען די געזעלשאַפט, האָט ער איינמאָל געטראָפען ביי דער הערצאָגין דע מארטעמאין א יונגע פרוי אין טיעפען טרויער, וועלכע איז אוועק אין דער מינוט, ווען ער איז אין הויז אריין. די בעגעגענונג מיט איהר אין דער טיר האָט אויף איהם געמאכט א שטאַרקען איינדרוק פון גראַציע און עלעגאַנץ.

ער האָט געפרעגט איהר נאָמען און ערפאהרען, אז דאָס איז די גרעפין גיללעראי, די פרוי פון א נאָרמאַנדישען לאַנדווירט און אָבגעאָרדענטען, אז זי טראָגט טרויער נאָך איהר שווער, אז זי איז אינטעליגענט, פון אַלעמען בעוואונדערט און זעהר בעליעבט.

נאָך גאַנץ היגעריסען פון איהר ערשיינונג, וועלכע האָט זיין קינסטלער אויג ענטציקט, האָט ער אויסגערופען:

— אָט זי וואָלט איך גערן געמאָהלען.

אויפ'ן צווייטען טאָג האָט מען דאָס איבערגעגעבען דער יונ־גער פרוי און נאָך דעם זעלבען אָבענד האָט ער ערהאַלטען אַ קליין בלוי בריוועלע, פון וועלכען עס האָט זיך געטראָגען אַן אונבע־שטימטער דופט און וואו עס איז מיט אַ פיינער, רעגעלמעסיגער האַנדשריפט געשריעבען געווען די פאָלגענדע ווערטער:

„געעהרטער הערר בערטין!

די הערצאָגין דע מאַרטעמאַין, וועלכע איז נור וואָס ביי מיר געווען, האָט מיך פאַרזיכערט, אַז איהר זייט געניגט מיט דער הילפע פון מיינע אָרימע געזיכטס־שטריכען איינס פון אייערע מייסטערווערק צו שאַפען. איך וואָלט אייך זיי גערן אַנ־פערטרויט, ווען איך זאָל בעשטימט וויסען, אַז דאָס איז פון אייער זייט ניט געווען בלויז אַ ליעבענסווירדיגקייט, זאָנדערן, אַז איהר זעהט ווירקליך אין מיר אַ מאָדעל, וואָס איז ווערט אייער גרויסע קונסט.

אייער ערגעבענע

אַננאַ גרעפין מיללעראי."

ער האָט געענטפערט און געפרעגט ווען ער קען די גרעפין בעזוכען. אָהן ווייטערע פאָרמאַליטעטען איז ער איינגעלאַדען גע־וואָרען דעם פאָלגענדען פרייטאָג צום פריהשטיק.

די וואָהנונג האָט זיך געפונען אויף דעם בולוואר מאַלעס־הערבעס אין אַ פראַכטפולען, מאָדערנעם הויז.

ער איז דורכגעגאַנגען אַ גרויסען, מיט בלויען זייד בעשלאָגע־נעם זאַאַל, וואו דאָס האָלץ איז געווען ווייס, מיט גאָלד בעצירט, און איז פון דאָרטען אַריין אין בודואר מיט העלע, קאָקעטישע טאַ־פעטען פון דעם פאַריגען יאָהרהונדערט. די דאָזיגע טאַפעטען זיי־נען געווען פול מיט שעהנע בילדער און צאַרטע פאַרבען געמאָהלען, עפּעס אַזוי ווי די, וואָס האָבען זיי געצייכענט, האָבען דערביי פון ליעבע געטרוימט.

ער האָט זיך געהאַט נור וואָס געזעצט, ווען די גרעפין איז אַריין. זי האָט געטראָטען אַזוי לייכט, אַז ער האָט ניט געהערט,

ווי זי איז פון אַ צווייטען צימער אריין און איז געוואָרען גאַנץ ערשטוינט, ווען ער האָט זי דערזעהן נעבען זיך.

זי האָט איהם פריי דערלאַנגט די האַנד און געפרעגט:

— איהר ווילט מיך אַלזאָ ווירקליך מאָהלען?

— עס וועט מיר פערשאַפען גרויס פערגניגען, גרעפין.

איהר שוואַרצע, נעטע קלייד האָט זי געמאַכט זעהר שלאַנק, אַזוי, דאָס זי האָט אויסגעזעהן גאַנץ יונג, הגם זי האָט זיך בע־מיהט צו מאַכען אַן ערנסטע מינע, וועלכע האָט גאָר נישט גע־פּאַסט צו איהר שמייכלענדיגען פּנים און דעם קאָפּ העלע בלאָנדע האָר.

דער גראַף איז אריין, פיהרענדיג אַ קליין מיידעלע פון אַ יאָהר זעקס ביי דער האַנד.

די גרעפין האָט פאָרגעשטעלט:

— מיין מאַן.

ער איז געווען נידעריג, גלאַט־ראַזירט, מיט איינגעפאַלענע באַקען, וועלכע האָבען געשלאָגען אין אַ בלויקייט פון דאָס שטענ־דיגע ראַזירען. מיט די האָר אויף הינטען געקאַמט, האָט ער אין זיך געהאַט עטוואָס פון אַ גייסטליכען אָדער אַן אַקטיאָר. ער איז געווען זעהר פריינדליך. צוויי טיעפע פאַלדען האָבען זיך איהם איינגעגראָבען ארום די מויל ווינקלען און זיך געצויגען ביז צו דער מאָרדע ארונטער, עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דאָס האָט ער געקריגען פון דעם ריידען אויף עפענטליכע פערזאַמלונגען.

מיט אַן אויסגוס, וועלכער האָט אויך אין איהם אַרויסגעווי־זען דעם רעדנער, האָט ער געדאַנקט דעם מאַהלער. שוין אַ צייט לאַנג, ווי ער האָט געוואָלט לאָזען מאָהלען זיין פרוי און ער וואָלט שוין לאַנג זיך געווענדעט צו אָליוויער בערטין, ווען ער וואָלט ניט מורא געהאַט, אַז יענער וועט זיך ענטזאַגען, דען ער האָט גוט געוואוסט, אַז דער מאַהלער איז פערוואַרפען מיט בעשטעלונגען.

נאָך אַ סך קאָמפּלימענטען זיינען זיי געקומען צום אָפּמאַך, אַז פון מאָרגען אָן זאָל ער זיין פרוי ברייננען צום מאַהלער אין

אטעליער. אָבער ער האָט געפרעגט, אויב עס וואָלט ניט געווען גלייכער אָבצוּוואַרטען, ווייל זי טראָגט יעצט טיעפען טרויער; אויף דעם האָט דער מאָהלער ערקלערט, אַז גראָד דערפאַר ווילט זיך איהם זי איצט מאָהלען, ווייל ער וויל איינהאַלטען דעם ערנסטען איינדרוק, וועלכער איז אַזאַ שטאַרקער קאָנטראַסט צו איהר לעבּהאַפטען, פיינעם, שיינענדיגען קאָפּ מיט די גאָלדענע האָר.

און אַזוי איז זי אויפ'ן צווייטען טאָג געקומען מיט איהר מאַן און שפּעטער מיט איהר קליין טאָכטער'ל, וועלכע מען האָט אוועקגעזעצט ביי אַ טיש מיט אַ הויפען בילדער זיך צו שפּיעלען.

אָליוויער בערטין איז, ווי געוועהנליך, געווען זעהר צוריקגעהאַלטען. מיט די דאַמען פון דער געזעלשאַפט האָט ער זיך געפיהלט ניט גאָר פריי: ער האָט זיי נאָך צו ווייניג געקענט. ער האָט זיי געהאַלטען פאַר כיטרע און איינפאַך, היפּאָקריטיש און געפעהרליך, אונבעדייטענד און אונבעקוועם אין דערזעלבער צייט. דערפאַר האָט ער ביי די ווייניגער אַריסטאָקראַטישע דאַמען גרויס ערפאָלג געהאַט. אַ דאַנק זיין בערי‌המטקייט, זיין קענען אונטערהאַלטען, זיין קרעפטיגער, עלעגאַנטער געשטאַלט און זיין ענערגישען, מענליכען פּנים האָט ער ביי זיי לייכטע זיגען געהאַט.

און ער האָט זיי דערפאַר פאַרגעצויגען; ער האָט געליעבט זייערע פרייע מאַניערען, זייער אונגעצוואונגענעם באַנעהמען זיך און זייערע געשפּרעכען, וועלכע זיינען געווען גאַנץ עהנליך צו דעם טאָן פון די אַטעליערס און דער טהעאַטער וועלט, וואו ער איז געווען אַ היימישער מענש. אין דער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט איז ער געגאַנגען צוליעב זיין נאָמען ווענען, קיין פערגניגען האָט ער דאָרט ניט געהאַט; אַהין איז ער געגאַנגען נור אויס אייטעלקייט. מען האָט איהם דאָרט געשמייכעלט, ער האָט געקריגען בעשטעלונגען און האָט זיך דאָרט געקענט אַרויסווייזען פאַר די שעהנע דאַמען, וועלכע האָבען איהם פערשאָטען מיט קאָמפּלימענטען, אָבער קיינע פון זיי האָט ער ניט געזוכט צו געווינען. און אַזוי ווי ער האָט זיך מיט זיי קיינמאָל ניט ערלויבט קיין אַנשפּיעלונגען

אָדער צווייַדייטיגקייטען, האָט ער זיי געהאַלטען פאַר נאַריש און זיי איהם פאַר אַ מאַן מיט זעהר גוטע מאַניערען. יעדעס מאָל, וואָס איינע פון זיי האָט זיך געלאָזען פון איהם מאָהלען, האָט ער אימער געהאַט דאָס געפיהל, אַז ער, דער קינסטלער, און זי, די וועלט דאַמע, זיינען צוויי גאַנץ פרעמדע מענשען, הגם יענע איז געווען זעהר ליעבענסווירדיג און האָט אָנגעווענדעט אַלע מיטלען איהם צו געפעלען. הינטער דעם שמייכעל און דער בעוואונדע־רונג, וועלכע זיינען ביי די דאַמען אימער עטוואָס געמאַכט, האָט ער געפיהלט עפּעס אַ מין אונבעשטימטע צוריקהאַלטונג, ווי ביי אַ מענשען, וועלכער האַלט זיך פאַר גרעסער פון דעם צווייטען. דאָס האָט ביי איהם אַרויסגערופען אַ מין שטאָלץ, דעם שטאָלץ פון אַ מאַן, וועלכער פערדאַנקט זיין שטעלונג נור זיך אַליין, זיין קענען, זיין טאַלענט, ווערענד די אַנד׳ערע, די אַריסטאָקראַטישע דאַמען און הערען האָבען עס ערוואָרבען דורך זייער געבורט. מען האָט וועגען איהם געזאָגט כמעט מיט ערשטוינען: „ער האָט גרויסאַרטיגע מאַניערען.״ און דאָס האָט איהם אי געשמייכעלט אי בעליידיגט, דען עס האָט אָנגעוויזען אויף דער וואַנד, וואָס שייַ־דעט איהם אָב פון די געבאָרענע אַריסטאָקראַטען.

די פאָרמאַלע און געמאַכטע ערנסטקייט פון דעם מאַהלער האָט דער גרעפין עטוואָס געשטערט, זי האָט ניט געוואוסט פון וואָס צו רעדען מיט דעם דאָזיגען צוריקגעהאַלטענעם מאַן, וועלכער האָט אין דער וועלט געגאָלטען אַלס קלוג און גייסטרייך.

נאָכדעם ווי זי האָט איהר קליינע טאָכטער בעזאָרגט, האָט זי זיך געזעצט אויף אַ שטול נעבען דער אָנגעפאַנגענער צייכנונג און זיך בעמיהט, נאָך דעם וואונש פון דעם מאַהלער, איהרע שטרי־כען אַן אויסדרוק צו געבען.

ווען זי איז צום פיערטען מאָל פאַר איהם געזעסען, האָט ער פּלוצים אויפגעהערט צו מאָהלען און געפרעגט:

— וואָס פערשאַפט אייך אַם מייסטען פערגניגען?

זי איז געוואָרען צומישט:

— יאָ, איך ווייס אַליין ניט, וואָרום פרעגט איהר דאָס?

— איך דאַרף האָבען אַ גליקליכען אויסדרוק אין אייערע אויגען, און ביז איצט האָב איך נאָך ביי אייך אַזעלכען ניט געזעהן.

— אויב אַזוי, דאַן מאַכט מיך צו ריידען, איך פּלוידער גערן.

— זייט איהר אַ פרעהליכע?

— זעהר אַ פרעהליכע.

— גוט, דאַן לאָמיר זיך אונטערהאַלטען, גרעפין.

ער האָט עס געזאָגט אין אַ גאַנץ ערנסטען טאָן, דאַן האָט ער זיך ווידער גענומען צו דער אַרבייט, האָט אָנגעריהרט אייניגע טהעמאַס און געזוכט עטוואס אַזוינס וואָס זאָל זיין אינטערעסאַנט פאַר זיי ביידען. זיי האָבען גענומען ריידען פון געמיינזאַמע בעקאַנטע, דאַן פון זיך אַליין, וואָס איז אימער די אַנגענעהמסטע און אינטערעסאַנטסטע טהעמאַ.

אויפ'ן צווייטען טאָג האָבען זיי זיך געפיהלט פרייער, און אַזוי ווי בערטין האָט בעמערקט, אַז ער געפעלט דער גרעפין, האָט ער איהר גענומען דערצעהלען געשיכטען פון זיין קינסטלער לעבען, האָט אויפגעוועקט אַלטע עראינערונגען, און דאָס אַלעס אין יענער פאַנטאַסטישער ווייזע, וועלכע ער האָט אַזוי געליעבט.

געוועהנט צו דער אויסגעפּוצטער שפּראַך פון די סאַלאָן־שריפט־שטעלער, איז זי געוואָרען ערשטוינט פון זיין אַביסעל משוגענעם אופן, איבער אַלעס אָפען צו ריידען און אַלעס צו בעלייכטען מיט אַ מין איראָניע.

זי האָט איהם גלייך געענטפערט אין דעם זעלבען טאָן, דרייסט און אונערשראָקען.

אין אַכט טעג אַרום האָט זי איהם אין גאַנצען געוואונען און פאַר'כישופ'ט מיט איהר פרעהליכקייט, איהר אָפענהערציגקייט און איינפאַכהייט. אַ דאַנק איהר האָט ער אין גאַנצען פערגעסען זיין פאַראורטהייל געגען די דאַמען פון דער געזעלשאַפט און איז איצט געווען בערייט צו בעהויפּטען, אַז נור זיי זיינען ריי־

צענד און גייסטרייך. און מאַהלענדיג אויפ'ן לייווענד, פון וועל־בען ער איז אַלע ווײלע אַפּגעטראַטען און זיך דאַן צוריק אַ וואָרף געטהאָן, האָט ער פריי און אונגעצוואונגען געפּלוידערט מיט דער שעהנער בלאָנדער פרוי, וועלכע איז פּאַר איהם געשטאַנען אין שווארצען — האַלב־זון, האַלב־טרויער, ווי ער וואָלט זי געקענט שוין לאַנג, לאַנג. און זי האָט איהם אויסגעהערט לאַכענדיג און געענטפערט אַזוי פרעהלאַך, אַזוי מונטער, דאָס זי האָט אַלע ווײלע איהר פּאָזע פערלאָרען. פון צייט צו צייט איז ער פון איהר אָב־געטראָטען, האָט פאַרזשמורעט די אויגען, זיך אָנגעבויגען, אום זיין מאָדעל גוט צו בעטראַכטען. אַן אַנדער מאָל ווידער איז ער צוגעקומען גאַנץ נאָהנט, אום די קלענסטע שטריכען פעסטצוהאַל־טען און אַלעם אויף דעם לייוועבד איבערצוגעבען.

איין מאָל אַ נאָכמיטאַג האָט זיך דאָס קליין מיידעלע אויפ־געשטעלט, און צוגעקומען צום לייוועגד, האָט זי מיט איהר גאַנצען קינדערשען ערנסט געזאָגט:

— דאָס איז דאָך מיין מאַמאַ.

ער האָט זי גענומען אויף די הענד און זי אַ קוש געטהאָן, ווייל די דאָזיגע נאַאיווע בעשטעטיגונג, אַז זיין ווערק איז עהנ־ליך, האָט איהם געשמייכעלט.

אויפ'ן צווייטען טאָג איז זי געזעסען זעהר שטיל. אָבער פּלוצים האָט זי מיט אַ שטיל קול טרויעריג ערקלעהרט:

— מאַמאַ, מיר איז זעהר לאַנגווייליג!

די דאָזיגע ערשטע קלאָגע פונ'ם קינד האָט דעם מאַהלער אַזוי געריהרט, דאָס ער האָט אויף מאָרגען געלאָזט ברייגגען אַ גאַנצע קראָם מיט שפּיעלצייג צו זיך אין אַטעליער אריין.

די קליינע אַננעלע איז געווען זעהר ערשטוינט און צופריעדען, און באַרעכענענט ווי זי איז אימער געווען, האָט זי זיך דאָס שפּיעל־צייג איינגעאָרדענט אַזוי, דאָס זי זאָל זיך קענען שפּיעלען מיט יע־דער זאַך בעזונדער נאָך איהר אייגענעם וואונש. פון יענעם טאָג אָן האָט זי געליעבט דעם קינסטלער אויף איהר קינדערשען שטיי־

גער, מיט יענער טיערישער, שמייכלענדיגער צערטליכקייט, וועל־
כע שטעהט די קינדער אַזוי גוט און געווינט זיי אַלע הערצער.

דער גרעפין זיינען אויך די זיצונגען געפעלען געוואָרען, צו־
ליעב דעם טרויער איז זי דיעזען ווינטער אין ערגעץ ניט געגאַנ־
גען, עס האָבען איהר געפעהלט געזעלשאַפטען און בעלער און בים־
לעכוייז איז דעם קינסטלער'ס אַטעליער געווארען איהר גאַנצע
אונטערהאַלטונג.

אַלס די טאָכטער פון א זעהר רייכען און גאַסטפריינען קויפ־
מאַן, וועלכער איז מיט א פאָר יאָהר צוריק געשטאָרבען, און א
שטענדיג קראַנקער מוטער, וועלכע איז זעקס מאָנאַט אין יאָהר
געלעגען צו בעט, איז זי שוין גאַנץ פריה געווארען אַן אויסגעצייי־
כענטע ווירטין. זי האָט פערשטאַנען ווי אויפצונעהמען געסט,
צו שמייכלען, צו פּלוידערן, די לייטע צו אונטערהאַלטען, זי האָט
געוואוסט, וואס מען דאַרף זאָגען יעדען בעזונדער, און האָט זיך
קלוג און געשיקט צום לעבען צוגעפּאַסט. ווען מען האָט איהר
פאָרגעשטעלט גראַף גיללעראַי אַלס חתן, האָט זי גלייך בעגריפען
וואס פאַר א נוצען זי קען האָבען פון דער דאָזיגער הייראַט און
זי איז גלייך מרוצה געווארען. אַלס קלוגע מיידעל האָט זי גוט
געוואוסט, אַז מען קען ניט האָבען אַלעס און אַז אין יעדער לאַגע
זיינען דאָ אי גוטע, אי שלעכטע זייטען.

ווען זי איז אריינגעטראָטען אין דער געזעלשאַפט, האָט מען
זי זעהר גוט אויפגענומען, ווייל זי איז געווען שעהן און גייסטרייך.
פיעלע מענער זיינען נאָך איהר נאָכגעלאָפען, אָבער זי האָט קיין
מאָל ניט פערלאָרען איהר האַרץ, וועלכע איז געבליבען פונקט אַזוי
קיהל ווי איהר קאָפּ.

זי איז געווען קאָקעטיש, אָבער איהר קאָקעטעריי, הגם אַן
ארויספאָדערנדיגע, איז אימער געווען אויסגערעכענט און פארזיכ־
טיג און איז קיין מאָל ניט געגאַנגען צו ווייט. די קאָמפּלימענטען,
וואס מען האָט איהר געמאַכט, האָבען איהר געמאַכט שפּאַס, די
פערלאַנגען, וועלכע זי האָט ערוועקט, האָבען איהר געשמייכעלט,

אזוי לאַנג ווי זי האָט זיי געקענט איגנאָרירען, און נאָכדעם ווי זי איז אַ גאַנצען אבענד געשמייכעלט און געצערטעלט געווארען אין דער געזעלשאַפט, איז זי דערנאָך איינגעשלאָפען רוהיג ווי אַ פרוי, וועלכע האָט ערפילט איהר צוועק אויף דער ערד.

אָבער דאָס דאָזיגע לעבען, וואס האָט שוין אזוי אָנגעהאלטען זיעבען יאָהר, הגם ער האָט זי ניט געלאַנגווייל'ט און ניט מיעד געמאכט, דען זי האָט געליעבט דעם הו־הא פון דער געזעלשאַפט, האָט זי דאָך מאַנכעס מאָל ניט גאָר בעפרידיגט.

די העררן פון איהר קרייז, פּאָליטיקער, אדוואָקאטען, פינאַנ־סיסטען אָדער קלוב מיטגליעדער אָהן שום בעשעפטיגונג, האָבען איהר פערשאַפט שפּאַס ווי שוישפּיעלער. זי האָט זיי ניט גענומען ערנסט, הגם זי האָט געשעצט זייער שטעלונג, זייער אַמט און די טיטולען.

צוערשט איז איהר דער מאהלער געפעלען געווארען מיט דער נייקייט פון זיינע געדאַנקען. זי האָט זיך אויסגעצייכענט אונטער־האַלטען אין זיין אַטעליער, געלאַכט פון גאַנצען הארצען, זיך בע־טראַכט אַלס גייסטרייך און איז איהם דאַנקבאר געווען פאַר דאָס פערגעניגען, וואס די זיצונגען פערשאַפען איהר. ער איז איהר אויך געפעלען געווען, ווייל ער איז געווען שעהן, שטאַרק און בע־ריהמט. וואס די פרויען זאָלען ניט זאָגען, קיינע פון זיי קען ניט איינשטעהן אַנטקעגען קערפּערליכע שעהנהייט און בעריהמטקייט. עס האָט איהר געשמייכעלט, וואס דער דאָזיגער בעריהמטער קינסט־לער האָט זי בעמערקט און זי איז געווען געניינגט צו דענקען, אַז אויך ער איז נאָך איהר געשמאַק נאָך. זי האָט ביי איהם געפו־נען אַ פרייען, לעבעדיגען גייסט, צארט געפיהל, פאַנטאַזיע און אַ שפּראַך פול בילדער, וועלכע האָט קלאָר געמאכט אַלעס, וואס ער האָט געוואָלט זאָגען.

זיי זיינען צווישען זיך שנעל געווארען אינטים און אין דעם האנד־דרוק יעדעס מאָל, ווען זי איז אין אַטעליער אריין, איז וואס אמאָל אַלץ מעהר הארציגקייט געלעגען.

אָהן אויסרעכענונג אָדער וועלכע עס איז אבזיכט האָט זי אין זיך געפיהלט דעם וואונש איהם צו געפעלען און זי האָט זיך נאָכגעגעבען. זי האָט ניט געהאַט קיין בעשטימטען פּלאַן און געהאַנדעלט אונבעוואוסט. זי איז נור געווען קאָקעטיש און זעהר פריינדליך מיט איהם, ווי מיט א מאַן, וועלכער געפעלט מעהר ווי אַלע אַנדערע. אין איהר גאַנצען בענעהמען זיך מיט איהם, אין איהרע בליקען, אין איהר שמייכעל האָט זי אריינגעלייגט יענע פערפיהרערישקייט, וועלכע עס ענטוויקעלט זיך אין יעדער פרוי, ווען זי זוכט געליעבט צו ווערען.

זי האָט איהם געמאַכט קאָמפּלימענטען, האָט כמעט אָפען ערקלעהרט, אז ער געפעלט איהר, און איהם געלאָזט לאַנג, לאַנג רעדען, אום מיט איהר אויפמערקזאמען אויסהערען איהם צו בעווייזען, ווי שטארק ער אינטערעסירט זי. אָפט האָט ער אויפגעהערט צו מאָהלען, זיך נעבען איהר געזעצט און אין יענער אויפגעהויבענער שטימונג, וואָס קומט פון דעם וואונש געפעלען צו ווערען, האָט ער צו איהר גערעדט פול מיט פּאָעזיע, מיט הומאָר, אָדער פילאָזאָפיע. עס האָט זיך געווענדט אָן דעם, ווי ער האָט זיך אין יענעם טאָג געפיהלט.

עס האָט איהר פערשאַפט שפּאַס, ווען ער איז געווען לעבעדיג; און האָט ער ערנסטע געדאַנקען אויסגעשפּראָכען, האָט זי זיך בעמיהט זיין געדאַנקען־גאַנג צו פאָלגען, אָבער דאָס האָט זיך איהר ניט אימער איינגעגעבען; דאַן האָט זי געטראַכט וועגען אַנדערע זאכען, אָבער אָן אָנשטעל האָט זי געמאַכט, אז זי הערט און פערשטעהט איהם אויסגעצייכענט.

ער איז געווען גליקליך און גאַנץ געריהרט, וואָס ער האָט געפונען אזא צארטע, מיטפיהלענדע זעעלע, וואָס דורשט אזוי נאָך וויסען, אין וועלכע זיינע געדאַנקען פאַלען ווי זוימען אויף פרוכטבארער ערד.

דאָס בילד האָט געמאַכט גרויסע פאָרטשריט. עס האָט געשיינט, אז עס וועט ארויסקומען זעהר גוט, דען דער מאָהלער איז

געוועזן אין דער גויטיגער אויפגערעגטער שטימונג, ארויסצוברענגען אַלע שטריכען פון זיין מאָדעל און מיט יענער פייערדיגער איבערצייגונג אין וועלכער עס זעהט זיך דער אמת׳ער קינסטלער, זיי דאַן אויפ׳ן לייוונד איבערגעבען.

ער האָט זיך צוגעבויגען צו איהר און זיך איינגעגעסען מיט זיינע אויגען אין יעדען בייטענדיגען צוג פון איהר פּנים, יעדען פּארבען־טאָן פון איהר פליישׁ, דעם שאָטען אויף איהר הויט, דעם אויסדרוק, די דורכזיכטיגקייט פון די אויגען, אַלע געהיימניסע פון איהר ערשיינונג און אַזוי האָט ער זי איינגעזויגען אין זיך, ווי אַ שוואָם זויגט איין וואסער. און וועהרענד ער האָט דעם גאַנצען משוגע־מאַכענדיגען רייץ, וועלכען זיינע בליקען האָבען איינגעזויגען, אויף דעם לייוונד אַריבערגעטראַגען, איז ער געווען ווי בערוישט, ווי ער וואָלט זיך מיט פרויען חן אָנגעטרונקען.

זי האָט געפּיהלט, ווי ער ווערט פערליעבט, דאָס שפּיעלען זיך מיט איהם, איהר זיעג וואס איז וואס ווייטער אַלץ זיכערער געווארען, האָט איהר פערשאַפט אַזוי פיעל שפּאַס, אז זי האָט זיך אַליין אויך אָנגעצונדען.

עטוואס נייעס האָט אין איהר ערוואכט, איהר לעבען אַ נייעם חן צוגעגעבען און זי פרעהלאך און לוסטיג געמאכט. ווען מען האָט פון איהם גערעדט, האָט איהר הארץ שטארקער געקלאַפּט, און זי האָט געהאַט דעם וואונש — אַ וואונש וועלכען זי האָט קיין מאָל ניט אויסגעשפּראָכען — הויך אויפ׳ן קול אויסצורופען: „ער ליעבט מיך!” זי איז געווען גליקליך, ווען מען האָט בעוואונדערט זיין טאַלענט און פיליייכט נאָך גליקליכער, ווען מען האָט געזאָגט, אז ער איז שעהן. ווען זי האָט פון איהם געטראַכט גאַנץ אַליין, אין איהר שטיל קעמערל, האָט זי געדענקט, אז זי האָט אין איהם געוואונען אַן אמת׳ן גוטען פריינד, וועלכער וועט זיך אימער בענוגענען מיט אַ פריינדליכען האַנד־דרוק.

ער אָבער האָט גאַנץ אָפט אין מיטען דער ארבייט אוועקגע־

ליגנט דעם פענזעל אויף א קליין טישעלע, האט געכאפט די קליי־נע אנגעלע אין זיינע אַרימס, געקושט איהר די אויגען, די האָר און דערביי געקוקט אויף דער מוטער, ווי ער וואָלט וועלען זאָגען: „דיך קוש איך, דיך, ניט דאָס קינד!״

פון צייט צו צייט איז די גרעפין געקומען אליין אָהן איהר טאָכטער. אין אזעלכע טעג האָט די ארבייט זיך ניט געריהרט, אָבער דערפאר האָבען זיי א סך געפּלוידערט.

איין מאָל א נאָכמיטאג איז זי געקומען צו שפּעט. עס איז געוועזן א קאלטער טאָג, ארום סוף פעברואר. אָליווייער איז פריה אהיים געקומען, ווי יעדעס מאָל, ווען זי האָט געדארפט פאר איהם זיצען, דען ער האָט אימער געהאָפט, אז זי וועט קומען פריהער. ער האָט אויף איהר געווארט און געשפּרייזט, רויבערענדיג, הין און צוריק איבער׳ן צימער. ער האָט זיך געפרעגט — און איז דערביי געוועזן ערשטוינט, וואס זייט די לעצטע אכט טעג געהט איהם די דאָזיגע פראגע פון זינען ניט ארויס: „ליעב איך זי?״ ער האָט עס אליין ניט געוואוסט, דען ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געליעבט ערנסט. עס איז אמת, ער האָט געהאט פערהעלטניסע, זאָגאר שטארקע, וואס האָבען אָנגעהאלטען א לענגערע צייט, אָבער ער האָט דאָס קיינמאָל ניט בעטראכט פאר ליעבע. הײנט האָט ער זיך געוואונדערט איבער דאָס וואָס ער פיהלט.

ליעבט ער זי? יעדענפאלס האָט ער זי קוים באגעהרט, ווייל ער האָט נאָך קיין מאָל ניט געטראכט פון דער מעגליכקייט זי צו בעזיצען. ביז אהער האָט איהם יעדעס מאָל, ווען א פרוי איז איהם געפעלען, די ליידענשאַפט אונטערגעזאָגט, ער זאָל אויס־ציהען נאָך איהר די האנד ווי נאָך א פרוכט וואָס מען רייסט פון בוים ארונטער. אָבער זיין נשמה איז דערביי געבליבען קאלט און רוהיג און האָט קיינמאָל ניט פערלאָרען איהר גלייכגעוויכט.

דער וואונש זי צו בעזיצען, איז איהם קוים אויפ׳ן זינען ארויף, און געשיינט זיך הינטער אן אנדער, שטאַרקערען, דונ־קעלער׳ן, קוים ערוואכטען געפיהל צו בעהאַלטען.

אַליוויער האָט געדענקט, אַז די ליעבע מוז זיך אָנפאַנגען מיט טרוימען און פּאָעטישער בעגייסטערונג, אָבער דאָס וואָס ער האָט געפיהלט איז געווען מעהר קערפּערליך ווי גייסטיג. ער איז געווען נערוועז, פיעבעריש, אונרוהיג ווי פאַר אַ קראַנקהייט און הגם דאָס פיבער אין זיין בלוט האָט געווירקט אנשטעקענד אויך אויף זיינע געדאַנקען, דאָך האָט עס איהם ניט פערשאַפט קיין שום שמערצען. ער האָט גוט געוואוסט, אַז די דאָזיגע אויפרעגונג איז פעראורזאכט פון דער גרעפין גיללעראַי, דורך דאָס דענקען וועגען איהר, דאָס וואַרטען אויף איהר קומען.

ער האָט זיך ניט געפיהלט הינגעריסען צו איהר מיט אַלע זיינע נערווען, אָבער ווען זי איז נעבען איהם געווען, האָט זיך איהם אויסגעוויזען, ווי זי וואָלט קיין מאָל פון איהם ניט אַוועק. און איז זי אַוועקגעגאַנגען, האָט זי איהם אימער עטוואס פון זיך איבערגעלאָזען, עטוואס צאַרטעס, אונאויסשפּרעכליכעס. ווי? איז דאָס ליעבע? ער האָט זיך אין זיין אייגען האַרץ געגריבעלט, צו זעהן, צו בעגרייפען, וואס דאָ איז. אין זיינע אויגען איז זי געווען רייצענד, אָבער ניט עהנליך צו דעם אידעאַל פון אַ פרוי, וועגען וועלכער ער האָט געטרוימט. יעדער, וואָס דורשט נאָך ליעבע, מאָהלט זיך אויס די גייסטיגע מעלות און דעם קערפּערליכען חן פון דער פרוי, וועלכע זאָל איהם בעהערשען, און הגם די גרעפין גיללעראַי איז איהם זעהר שטאַרק געפעלען געווען, איז זי דאָך ווייט ניט געווען דאָס געטרוימטע פרויען־בילד פון זיין פאַנטאַזיע.

אָבער וואָרום בעשעפטיגט ער זיך מיט איהר מעהר ווי מיט אַלע אַנדערע פרויען, וואָרום טראַכט ער וועגען איהר אַנדערש, וואָרום געהט זי איהם פון זינען ניט אַרויס?

איז ער אַריינגעפאַלען אין דער פּאַסטקע פון איהר קאָקעטעריי, וועלכע ער האָט שוין לאַנג געפיהלט? אָדער איז ער געוועזען בערוישט פון זיין אייגענעם וואונש איהר צו געפעלען?

ער איז אומגעגאַנגען הין און צוריק, האָט זיך געזעצט, איז

אויפגעשטאַנען, פאַררויכערט אַ סיגאַרעט, עס באַלד ווידער אוועק־געוואָרפען און אַלע ווײַלע געקוקט אויף דעם ווייזער פון'ם וואַנד־זייגער, וועלכער האָט זיך לאַנגזאַם, כמעט אומבעוועגליך גערוקט צו דער בעשטימטער שטונדע.

אַ פּאָר מאָל האָט זיך איהם געוואָלט צוגעהן צום זייגער, עפענען די גלעזערנע טירעל און מיט'ן שפּיץ פינגער אַ רוק טהאָן דעם גרויסען גאָלדענעם ווייזער צו דער שטונדע, צו וועלכער ער האָט זיך אַזוי לאַנגזאַם און פויל גענעהנטערט.

עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז דאָס וועט זיין גענוג אַז די ערוואַרטעטע, פון זיין קלוגען איינפאַל אָפּגענאַרט, זאָל גלייך אין צימער אריין. אָבער באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, ווי נאַריש דאָס איז און אַליין פון זיך געלאַכט.

צום סוף האָט ער אַליין ביי זיך געפרעגט: „טאָמער וואָלט איך געקענט ווערען איהר געליעבטער?"

דער דאָזיגער געדאַנק איז איהם פאָרגעקומען זאָנדערבאַר, קוים מעגליך, אונאויספיהרבאַר, צוליעב די שוועריגקייטען, וואָס דאָס וואָלט אין זיין לעבען אריינגעבראַכט.

און דאָך איז איהם די פּרוי זעהר געפעלען געוועזען. דאַן האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין: „איך מוז איצט זיך געפינען אין אַ מערקווירדיגען צושטאַנד."

דער זייגער האָט געשלאָגען און ביי דעם גערויש האָט ער זיך אַ צאַפּעל געטהאָן, ער האָט מעהר אָנגעריהרט זיינע נערווען, ווי זיין נשמה. ער האָט זי ערוואַרטעט מיט יענער אונגעדולד, וועל־כע דורך דער פערשפּעטיגונג שטייגט פון מינוט צו מינוט. זי איז אימער געוועזען פּינקטליך. און אין צעהן מינוטען אַרום וועט זי אַלזאָ זיין דאָ. ווען דיזע צייט איז פאַריבער, האָט ער זיך דערפיהלט אין אַ צושטאַנד, ווי פאַר אַ גרויסען אונגליק. דאַן איז ער געוואָרען שטאַרק אויפגערעגט פאַרוואָס זי לאָזט איהם וואַרטען, און ער האָט דערפיהלט, אַז ער וועט משוגע ווערען, אויב זי קומט ניט גלייך אריין. וואָס זאָל ער טהאָן? ער מוז אויף איהר וואַר־

טען, ניין, ער וועט בעסער אוועקגעהן, אום, ווען זי וועט זיך זעהר פארשפעטיגען, זאָל זי קיינעם ניט טרעפען אין אַטעליער.

ער האָט בעשלאָסען אוועקצוגעהן, אבער ווען? וויפיעל צייט זאָל ער איהר נאָך געבען? און אפשר איז גאָר גלייכער צו בלייבען דאָ? אום מיט אַ פּאָר קאלטע, העפליכע ווערטער איהר געבען צו פערשטעהן, אז איהם לאָזט מען ניט ווארטען.

און טאָמער קומט זי גאָר נישט?

דאַן וועט ער וואהרשיינליך בעקומען אַ טעלעגראמע, אַ קאַרטעל, דורך אַ דיענער אָדער אַ דיענסט וועט זי איהם דאָס לאָזען וויסען.

וואָס הייבט ער אָן צו טהאָן אין פאַל, אז זי קומט ניט? עס איז געווען אַ פערלאָרענער טאָג, ארבייטען האָט ער שוין מעהר ניט געקענט, און דאַן?... וואָלט ער מוזען געהן צו איהר, דען ער האָט זי געמוזט זעהן.

יא, ער האָט זי געמוזט זעהן, דען ער האָט געפיהלט אַ טיעפע, קוועלענדע בענקעניש נאָך איהר. וואָס זאָל דאָס בעדייטען? ליעבע? אָבער ער האָט ניט געפיהלט קיין שום בעגייסטערונג, קיין שטורם פון ליידענשאפט, קיין איבערצייגונג, אז ווען זי זאָל היינט ניט קומען וועט ער שטארק ליידען דערפון.

דער גלאָק פון דער הויז־טיר האָט אַ קלונג געטהאָן, און אָליוויער בערטין איז מיט אמאָל געווארען אַזוי אויפגערעגט, אַזוי גליקליך, דאָס ער האָט אַ שפּרונג געטהאָן אין דער לופטען און אַ וואָרף געטהאָן דעם סיגאַרעטעל.

זי איז אריין, זי איז געווען אַליין.

איהם איז גלייך איינגעפאלען אַ געוואגטער געדאנק:

— ווייסט איהר, וואס איך האָב נור וואס, ווען איך האָב אויף אייך געווארט, ביי זיך געפרעגט?

— ניין, איך וויים ניט.

— איך האָב זיך געפרעגט, צי בין איך ניט פערליעבט אין אייך?

— פערליעבט אין מיר? זייט איהר פערריקט?

אָבער זי האָט דערביי געשמייכעלט און איהר שמייכעל האָט געשיינט צו זאָגען: „דאָס איז פיין, דאָס געפעלט מיר.”

דאַן האָט זי בעמערקט:

— איהר מיינט עס דאָך ניט ערנסט; ווארום מאַכט איהר אזעלכע שפּאַסען?

ער האָט געענטפערט:

— פערקעהרט, איך מיין עס זעהר ערנסט, איך זאָג אייך ניט, אז איך ליעב אייך, אָבער איך פרעג זיך אליין, צי בין איך ניט אויפ'ן וועג דערצו?

— ווי קומט איהר דערצו? ווי פאַלט עס אייך גאָר איין?

— ווייל איך בין אונרוהיג ווען איהר זיינט נישטאָ און גליק־לאך, ווען איהר קומט.

זי האָט זיך געזעצט:

— אַך, בעאונרוהיגט זיך ניט צוליעב אזא קלייניגקייט. אזוי לאַנג ווי דער שלאָף און אפּעטיט זיינען נאָרמאַל, איז נישטאָ קיין שום געפאהר.

ער האָט זיך צולאַכט:

— און ווען איך זאָל דעם שלאָף און אפּעטיט פערליערען?

— דאַן זאָגט עס מיר.

— און דאַן?

— דאַן וועל איך אייך אויף א ווייל‌ע לאָזען צורוה, אום איהר זאָלט זיך אויסרוהען.

— א שעהנעם דאַנק!

און איבער דער טהעמא פון דער דאָזיגער ליעבע האָבען זיי זיך אַרומגעריסען דעם גאַנצען נאָכמיטאג. דעם צווייטען טאָג ווי־דער אזוי.

דאַן יעדעס מאָל ווען זי איז צו איהם געקומען גוט אויפגע־

ליינט, האָט זי ביי איהם נעפרעגט, קוקענדיג אויף דער זאַך ווי אויף אַ גייסטרייכען, ניט ערנסטען שפּאַס:

— נו, ווי האַלט עס היינט מיט אייער ליעבע?

און ער האָט איהר גאַנץ ערנסט, אָבער אין אַ לייכטען טאָן, ערקלעהרט, וועלכע פאָרטשריטע זיינע ליידען האָבען געמאַכט, אַלעס וואס האָט אינעווייניג אין איהם שטענדיג געארבייט, זיין גאַנצע ליעבע, ווי זי איז געקומען און געוואַקסען. גאַנץ גענוי, מיט אַלע קלענסטע איינצעלהייטען, ווי אַ פּראָפעסאָר, וואס האַלט וועגען דעם אַ לעקציע, האָט ער איהר איבערגעגעבען, וואָס ער האָט געפיהלט יעדע שטונדע נאָך דעם ווי זי האָט איהם נעכטען פערלאָזען. זי האָט איהם אויסגעהערט מיט אינטערעס, עטוואס בעוועגט און אביסעלע צוטומעלט פון דער געשיכטע, וואס האָט גע־קלונגען ווי אַ ראָמאַן, וואו זי איז געווען די העלדין.

מאַנכעס מאָל, ווען ער האָט אויף אַ העפליכער און לייכטער אַרט פאַר איהר זיינע ליידען, זיין קומער אויסגעדריקט, האָט זיין קול ניט ווילענדיג געציטערט.

און זי האָט איהם ניט אויפגעהערט אויסצופרעגען, ציטע־רענדיג פאַר נייגירדע. מיט די בליקען איינגעגעסען אין איהם, האָט זי מיט אַ פערהאַלטענעם אָטהעם זיך צוגעהערט צו די אַלע זאַכען, וועלכע זיינען אַזוי פיינליך און דאָך אַזוי זיס צו הערען.

פון צייט צו צייט, ווען ער איז צוגעקומען צו איהר נעהנ־טער, אום איהר האַלטונג צו פערבעסערען, האָט ער אָנגעריהרט איהר האַנד און זי פּרובירט אַ קוש צו טהאָן.

מיט אַ האַסטיגער בעוועגונג האָט זי דאַן די פינגער פון זיינע ליפּען ארויסגעצויגען, אַ קנייטש געטהאָן מיט די ברעמען, און אויסגערופען:

— צו דער אַרבייט, צו דער אַרבייט!

ער האָט זיך ווידער גענומען צו דער אַרבייט, אָבער עס זיי־נען ניט אוועק קיין פינף מינוט און זי האָט איהם ווידער גע־שטעלט עפּעס אַ פראַגע, וועלכע האָט איהר פאַרזיכטיג צו דער

איינציגער טהעמא צוריקגעפיהרט, וואס האָט זי אליין שטאַרק געאינטערעסירט.

איהר הארץ איז איצט פול געוואָרען מיט אַלערליי שרעקען. זי האָט געוואָלט זיין געליעבט אָבער מיט אַ מאָס, ניט צו פיעל. אין זיך האָט זי זיך געפיהלט זיכער, פאר איהם אָבער האָט זי מורא געהאַט. זי האָט מורא געהאַט איהם צו פערליערען, ווען ער וועט נעהמען ברענגען צו שטאַרק, ווייל דאַן וועט זי איהם מוזען אָבשטויסען פון זיך, הגם פריהער האָט זי אליין איהם צו זיך צוגעצויגען. און דאָך, ווען זי זאָל געצוואונגען זיין אויפצוגעבען די דאָזיגע צערטליכע פריינדשאַפט, די דאָזיגע שטילע געשפּרעכען פול הארציגקייט און ליעבע, וועלכע זיינען געפלאָסען ווי אַ קלאָהר טייכעלע, וועמעס גרונד איז פול מיט גאָלדענע קערנדלאָך, וואָלט עס איהר פערשאַפט אַזויפיעל ליידען, אַזאַ טיעפען וועהטאָג, דאס עס וואָלט איהר הארץ צוריסען.

ווען זי האָט איהר הויז פערלאָזען, אום צום מאָהלער אין אַטעליער צו געהן, איז איהר הארץ איבערגעפילט געוואָרען מיט גרויס פרייד און זי האָט זיך געפיהלט לייכט און גליקלאָך. ווען זי האָט אָנגעקלונגען אין אָליוויער׳ס הויז, האָט איהר הארץ גע־קלאַפּט פאר אונגעדולד און זי איז געלאָפען איבער די טרעפּ ווי איבער ווייכען סאַמעט.

אָבער בערטין איז די לעצטע צייט געווען ערנסט, עטוואס נערוועז, און מאַנכעס מאָל צורייצט. ער איז געוואָרען אונגעדול־דיג, האָט זיך אפילו גלייך ווידער בעהערשט, אָבער ניט אויף לאַנג. און איין טאָג, ווען זי איז אין צימער אריין, האָט ער אנשטאַט צו מאָהלען, זיך נעבען איהר געזעצט און אָנגעהויבען:

— גרעפין, איהר מוזט יעצט וויסען, אז צווישען אונז איז ניט מעהר קיין שפּאַס. איך ליעב אייך משוגע.

די דאָזיגע פּאַררעדע האָט זי אביסעל צומישט, זי האָט דער־זעהן, אז דער אויגענבליק, פאר וועלכען זי האָט אזוי שטאַרק גע־ציטערט, דערנעהנטערט זיך אצינד און זי האָט פּרובירט איהם

צו אונטערברעכען, אָבער ער האָט זי מעהר נישט געהערט; זי איז געוואָרען שטאַרק אויפגערעגט, און ציטערענדיג, בלייך, פול אַנגסט, האָט זי געמוזט איהם אויסהערען. ער האָט גערעדט לאַנג, נים פאָדערענדיג קיין זאַך, גערעדט צערטליך, טרויעריג, מיט פערצווייפעלטער צוריקגעהאַלטענקייט. זי האָט געדולדעט, ווען ער האָט איהרע הענד אין זיינע אריינגענומען און זיי ניט אָבגעלאָזען. און דאָ, פלוצים האָט ער זיך אויף די קניע ארונטערגעלאָזען און מיט א בלאַנדזשענדען בליק זיך געגומען בעטען ביי איהר, זי זאָל איהם נישט וועהטהאָן. וואס פאַר א וועהטהאָן? זי האָט עס נים בעגריפען און נים בעמיהט זיך עס צו בעגרייפען. זי איז נור געווען געריהרט צו זעהן זיינע ליידען, עס האָט איהר פערשאפט שמערצען און דאָך זיינען איהר די דאָזיגע שמערצען פאַרגעקומען ווי עפּעס א מאָדנער גליק. פלוצים האָט זי דערזעהן טרעהרען אין זיינע אויגען און זי איז דערפון געוואָרען אזוי בעוועגט, דאָס זי האָט ארויסגעלאָזען א קרעכץ און שיער ניט אריינגעכאַפּט איהם אין איהרע אָרעמס, ווי א וויינענדיג קינד, וועלכעס מען וויל טרייסטען. ער האָט געזאָגט מיט א ווייכער שטימע:

— אַך, ווי איך לייד, ווי איך לייד, ווען איהר זאָלט עס ווייסען!

און פלוצים איז זי געוואָרען גאַנץ ווייך, זיינע ליידען און זיינע טרעהרען האָבען אויף איהר געווירקט. זי האָט זיך נערוועז צושלוכצט און איהרע אָרעמס האָבען געציטערט, בערייט זיך פאַר איהם צו עפענען.

דאַן האָט זי דערפיהלט, ווי ער האָט זי ארומגעכאַפּט און קושט איהר ליידענשאַפטליך דעם מויל. זי האָט געוואָלט שרייען, זיך וועהרען, איהם צוריקשטויסען, אָבער זי האָט געפיהלט, אז זי איז סיי ווי סיי פערלאָרען, דען אין איהר ווידערשטאַנד האָט זי זיך צו איהם געריסען, אין איהר וועהרען זיך האָט זי איהם צוגעצויגען צו זיך און צודריקענדיג זיך צו איהם שטאַרק, שטאַרק האָט זי נאָך אַלץ געשריען: „ניין, ניין, איך וויל נים."

דאַן איז זי געוואָרען אויסער זיך און בעהאַלטען דאָס פּנים איןביידע הענד. פּלוצים איז זי אויפגעשפּרונגען, געכאַפּט איהר הוט, וועלכער איז אַרונטערגעפאַלען אויפ'ן קאַווייאַר, אַנגעטהאָן און אַנטלאָפען ניט קוקענדיג אויף אַליוויער'ן, וועלכער האָט זי נאָך אַלץ געהאַלטען פאַר'ן קלייד און זיך ביי איהר געבעטען, זי זאָל בלייבען.

ווען זי איז אַרויס אויף דער גאַס, האָט זי ניט געקענט שטעהן אויף איהרע פיס, די קניע האָבען זיך איהר אונטערגעבויגען און זי האָט זיך געפיהלט אין גאַנצען ווי צושלאָגען. אַן עקיפּאַזש איז פאַרביינעפאָהרען, זי האָט איהם אָפּגעשטעלט און געזאָגט צום קוטשער:

— פאָהרט לאַנגזאַם שפּאַציערען, איהר קענט פאָהרען וואו־הין איהר ווילט.

זי האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף דעם ווייכען זיץ פון דעם עקיפּאַזש, צוגעמאַכט די טיר, אַריינגעדריקט דעם קאָפּ אין ווינ־קעל הינטער די פערמאַכטע פענסטער, און דערפיהלט, אַז זי איז אַליין, אַליין מיט איהרע געדאַנקען, האָט זי געגומען טראַכטען. אַ פּאָר מינוטען נאָכאַנאַנד האָט זי נור געהערט דעם גערויש פון די רעדער און געפיהלט דאָס שטויסען פונ'ם וואָגען. זי האָט גע־קוקט אַרום זיך און גאַרנישט געזעהן, געקוקט אויף די הייזער, אויף די מענשען, אויף די גאַסען, אין די עקיפּאַזשען און ניט גע־קענט פון קיין זאַך טראַכטען, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט מוזען גע־ווינען צייט, אום זיך דאַן צו קענען אַנגעהמען מיט מוט און וואַ־גען אַ טראַכט צו טהאָן וועגען דעם וואָס איז געשעהן.

אָבער אַזוי ווי זי איז אימער געווען אונערשראָקען און מו־טיג, האָט זי געזאָגט צו זיך אַליין: „יאָ, איצט בין איך פערלאָ־רען.‟ און נאָך אַ פּאָר מינוטען לאַנג איז זי געווען ווי געלעהמט פון דעם געדאַנק, אַז מען קען עס שוין צוריק ניט גוט מאַכען. שטאַר פּאַר שרעק איז זי געזעסען אין איהר ווינקעל, ווי איינער, וואָס איז פון אַ דאַך אַרונטערגעפאַלען און וואַגט זיך ניט אַ ריהר צו טהאָן,

אוים מורא, אַז ער האָט זיך זיינע גליעדער צובראָכען און דערביי שרעקט ער זיך אין דעם צו איבערצייגען.

דאָך, אנשטאט צוזאמענצוברעכען אונטער דעם שמערץ, פאר וואס זי האָט זיך אזוי געשראקען, איז איהר האַרץ געבליבען רוהיג און געפאסט. עס האָט געשלאָגען שטיל און לאַנגזאַם, אזוי ווי דער אונגליק וואָלט עס גאָרניט אָנגעריהרט.

זי האָט עטליכע מאָל אַרויסגערעדט הויך אויפ'ן קול, אזוי ווי זי וואָלט אליין וועלען הערען און זיך אין דעם איבערצייגען: „יא, איצט בין איך פערלאָרען." קיין קערפערליכער וועהטאָג האָט זיך ניט אָבגערופען אלס ענטפער אויף דער דאָזיגער קלאַגע פון איהר געוויסען.

א צייט לאַנג האָט זי זיך געלאָזען ארומפיהרען פון דעם עקיפאַזש און אלץ אָבגעלייגט די איבערלעגונג פון איהר לאַגע אויף שפעטער. אָבער זי האָט ניט געליטען, זי האָט נור מורא געהאַט נאָכצוטראַכטען, מורא געהאַט צו וויסען, צו בעגרייפען; פון דער אַנדער זייט האָט זי געפיהלט, ווי עפּעס א מאָדנע רוהיגקייט נעהמט אַרום איהר גאַנצען וועזען נאָך דעם קאַמפף, וואס זי האָט די לעצטע צייט געהאַט מיט זיך אַליין און מיט איהרע געפיהלען.

אין א האַלבע שעה אַרום האָט זי איינגעזעהן, אַז די פערצווייפלונג, וואס זי האָט ערוואַרט, איז נישטאָ און וועט ניט זיין און זי האָט אראָבגעטרייסעלט פון זיך די פארשטיינערטע שטימונג און געזאָגט צו זיך אַליין: „מערקווירדיג, איך האָב גאָר קיין חרטה ניט!"

דאָ ערשט האָט זי זיך גענומען מאַכען פאָרווירפע, א כעס אויף זיך אַליין האָט זיך ביי איהר ערוועקט, אויף איהר שוואַכקייט, איהר בלינדקייט. ווי האָט זי דאָס פריהער ניט פערשטאַנען, ניט איינגעזעהן, אַז אזוי וועט זיך דאָס מוזען ענדיגען, אַז ער איז איהר צופיעל געפעלען, אום צו קענעןביישטעהן דעם

נסיון און אז אין די ריינסטע הערצער ערוואכען אמאָל אזעלכע פערלאנגען, פאר וועלכע דער שטארקסטער ווילען איז צו שוואך.

אָבער נאָכדעם ווי זי האָט זיך געמאכט די אַלע פּאָרווירפע און אין די געדאנקען זיך גוט אויסגעזידעלט, האָט זי מיט פול שרעק זיך געפרעגט, וואס זאָל איצט זיין?

איהר ערשטער געדאנק איז געווען זיך צו שיידען מיט'ן מאהלער און איהם מעהר קיין מאָל ניט צו זעהן.

אָבער אזוי גיך ווי זי האָט געפאסט דעם דאָזיגען בעשלוס, האָט זי גלייך געהאט טויזענד אָנווענדונגען דאגעגען.

מיט וואָס זאָל זי ערקלעהרען דאָס פונאנדערגעהן זיך מיט'ן קינסטלער, וואס וועט זי זאָגען איהר מאן? וועט מען זיך דען ניט אָנשטויסען אויף דער וואהרהייט, וועט מען דערפון ניט פלויד דערן און זי אויף אלעמענס צונג ארומטראָגען?

איז דען ניט בעסער צו שפּיעלען קאָמעדיע פאר דער גאנצער וועלט און זאָגאר פאר אַליוויער בערטין אליין זיך צייגען גלייכ־גילטיג און איהם געבען צו פערשטעהן, אז זי האָט יענע אונ־גליקליכע מינוט פון איהר זכרון און פון איהר לעבען אויסגע־מעקט.

אָבער ווי וועט זי דאָס קענען, ווי וועט זי וואגען מאכען דעם אָנשטעל, אז זי האָט אלעס פערגעסען? ווי זאָל זי זיך אזוי שפּיעלען מיט דעם מאַן, וועמעס אויסברוך פון ליידענשאפט זי האָט געטיילט?

זי האָט לאנג איבערלייגט, אָבער אזוי ווי זי האָט קיין אנדער אויסוועג פאר זיך ניט געזעהן, האָט זי זיך דערצו ענטשלאָסען. מאָרגען וועט זי מוטיג קומען צו איהם און וועט איהם געבען צו פערשטעהן, וואס זי ווינשט, וואס זי פערלאנגט פון איהם. קיינ־מאָל זאָל ער מיט א אָנצוהערעניש, א ווארט אָדער א בליק ניט דערמאָנען איהר אָן דעם מאָמענט פון איהר שאנדע.

געוויס וועט עס איהם אָנקומען שווער, ער וועט דערפון ליי־דען, אבער אלס דזשענטעלמען, אלס מאַן מיט א גוטער ערציהונג

וועט ער געוויס פאַרשטעהן, אַז אַזוי מוז עס זיין און וועט זיך מור־זען בערוהיגען, און דאַן וועט ער זיך מיט איהר האַלטען פּונקט אַזוי ווי פריהער.

אַזוי שנעל ווי זי האָט געפּאַסט דעם נייעם בעשלוס, האָט זי געגעבען דעם קוטשער איהר אַדרעס און זיך אומגעקעהרט אַהיים א צובראָכענע מיט דעם וואונש, זיך אַריינצוואַרפען אין בעט, קיין מענשען ניט אָנצוקוקען, שלאָפען און אַלעס פערגעסען.

זי האָט זיך איינגעשלאָסען אין איהר צימער און ביז צום עסען איז זי געבליבען ליעגען אויף דער זאָפע האַלב דרעמלענדיג. זי האָט ניט געוואָלט מעהר טראַכטען פון די אַלע געפעהרליכע זאַכען.

צום טיש איז זי געקומען פּינקטליך, אַליין פערוואונדערט פון איהר רוהיגקייט און האָט ערוואַרטעט איהר מאַן מיט דעם זעל־בען פּנים ווי אימער.

דאַן איז ער אריין מיט זייער קליין טאָכטער'ל אין די אָרעמס, זי האָט איהם געגעבען די האַנד און אַ קוש געטהאַן דאָס קינד אָהן שום אויפרעגונג. גראַף גיללעראַי האָט געפרעגט, וואָס זי האָט געטהאָן. זי האָט געענטפערט גאַנץ רוהיג, אַז זי האָט ווי אַלע טאָג געהאַט אַ זיצונג.

— וועט דאָס בילד אַרויסקומען גוט? — האָט ער גע־פרעגט.

— יאָ, זעהר גוט.

דאַן האָט ער גענומען ריידען פון זיינע זאַכען, פון וועלכע ער האָט גערן דערצעהלט ביים טיש: פון דער זיצונג אין קאַבינעט און פון דער דעבאַטע איבער אַ נייעם געזעץ געגען דער פעל־שונג פון שפּייזען. די דאָזיגע איבערגעקייטע רייד, וועלכע זי האָט געוועהנליך רוהיג אויסגעהערט, האָבען איהר היינט גענער־גערט און איהר איז קלאָהר געוואָרען, וואָס פאַר אַ אונבעדייטענ־דער פּלוידערזאַק אַ מענש מוז זיין, אום איהם זאָלען אינטערע־סירען אַזעלכע זאַכען. דאָך האָט זי איהם אויסגעהערט מיט אַ

שמייכעל, העפליכער, זאגאר אויפמערקזאמער ווי געוועהנליך. זי האָט אויף איהם געקוקט און געטראַכט: „איך האָב איהם בעטראַ־גען, ער איז מיין מאַן און איך האָב איהם בעטראָגען. איז דאָס ניט מערקווירדיג? קיין זאַך אין דער וועלט קען עס שוין מעהר ניט ענדערען, ניט מעהר אויסמעקען דעם דאָזיגען פלעק. איך האָב די אויגען צוגעדריקט אויף אַ פּאָר סעקונדען, נור אַ פּאָר סעקונ־דען האָב איך צו אַן אַנדער מאַן געהערט און איך בין געוואָרען אויס אַנשטענדיגע פרוי. אַ פּאָר מאָמענטען פון מיין לעבען, אַ פּאָר מאָמענטען, וועלכע מען קען ניט מעהר אָבווישען, האָבען אויף מיר געבראַכט יענעם אונגליק, וועלכער איז דער גרעסטער, דער ערגסטער פערברעכען פאר א פרוי... און דאָך פיהל איך ניט קיין פערצווייפלונג! ווען עמיצער וואָלט עס מיר נאָך נעכטען געזאָגט, וואָלט איך עס בשום אופן ניט געגלויבט. איך וואָלט גלייך געטראַכט פון די מורא'דיגסטע געוויסענסביסע, וואָס וואָל־טען מיר היינט מיין האַרץ צוריסען. און היינט, ווען עס איז גע־שעהן, לייד איך ניט און מיין געוויסען איז כמעט גאָר רוהיג."

גראַף גיללעראַי איז באַלד נאָכ'ן עסען אוועקגעגאַנגען, ווי כמעט יעדען טאָג.

דאַן האָט זי גענומען איהר קליין מיידעלע צו זיך אויפ'ן שויס און זי געקושט מיט טרעהרען אין די אויגען.

יענע נאַכט האָט זי ניט געקענט שלאָפען.

אין דער דונקעלהייט פון איהר צימער איז די געבאַהר גע־וואַקסען און דעם מאַהלער'ס האַלטונג אַנטקעגען איהר האָט איהר געשראָקען. זי האָט גענומען ציטערען פאַר דער באַגעגעניש מיט איהם אויפ'ן צווייטען טאָג און איבערהויפּט פאַר דעם, וואָס זי וועט איהם געצוואונגען זיין צו זאָגען אויג אויף אויג.

זי איז אויפגעשטאַנען פריה און דעם גאַנצען פריהמאָרגען גע־בליבען זיצען אויפ'ן זאָפע. זי האָט זיך בעמיהט ארומצוטראַכ־טען, וואָס איהר שטעהט פאָר, וואָס זי האָט צו ענטפערן, פריהער זיך אליין אַלעס קלאָר מאַכען אום צו זיין אויף אַלעס געפאַסט.

זי איז פריה אַוועק פון דער היים, אום נאָך אויפ'ן וועג גוט נאָכצודענקען.

ער האָט זי ניט ערוואַרט און פון נעכטען אָן האָט ער זיך געשטעלט די פראַגע, וואָס ער זאָל טהאָן, ווען ער זאָל זי ערגעץ וואו באַגעגענען.

נאָכדעם ווי זי איז פון איהם אַנטלאָפען, איז ער געבליבען אַליין און הגם זי איז שוין לאַנג געווען אַוועק, האָט איהם נאָך אַלץ געקלונגען אין די אויערען דער קלאַנג פון איהרע טריט, דאָס רוישען פון איהר קלייד, דער קלאַפּ פון דער טיר, וועלכע אַ פערצווייפעלטע האַנד האָט אַ שליידער געטהאָן הינטער זיך.

ער' איז געבליבען שטעהן, פול פרייד, פול גליק, פול בעפריעדיגונג. ער האָט זי באַזעסען. זי איז געווען זיינע. איז דאָס מעגליך? נאָך דער איבערראַשונג פונ'ם זיעג האָט ער ערשט יעצט גענומען פאַרשטעהן און הנאה האָבען פון זיין טריאומף און ער האָט זיך כמעט אויסגעצויגען אויף דער זאָפע, אויף דעם פּלאַץ, וואו ער האָט זי באַהערשט.

אַ לאַנגע צייט איז ער אַזוי געבליבען אויף איין אָרט, נאָך אַלץ פערנומען מיט דעם געדאַנק, אַז זי איז געווען זיין געליעבטע, אַז צווישען איהם און דיעזער פרוי, וועלכע ער האָט אַזוי שטאַרק באַגעהרט האָט זיך אין אַ פּאָר מינוטען פערקניפּט יענער זעלטענער בונד, וואָס פעראייניגט צוויי מענשען.

אין זיינע נאָך ציטערענדע נערוועז האָט אָבגעהילכט דער געפיהל פון יענעם קורצען אויגענבליק, ווען זייערע ליפּען האָבען זיך באַגעגענט, יענעם אויגענבליק, ווען זייערע קערפּער און זייערע נשמות האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען און זיי האָבעןביידע אויפגעשווידערט פון מעכטיגע ליידענשאַפט...

אין יענעם אָבענד איז ער ניט אַרויס פון הויז און נאָך גאַנץ פול מיט זיין גליק, האָט ער זיך פריה געלייגט שלאָפען.

אַזוי שנעל ווי ער איז אויף מאָרגען אויפגעשטאַנען, האָט ער זיך געפרעגט, וואָס ער זאָל טהאָן. אַ קאָקעטקע אָדער אַן אַקטרי-

סע וואָלט ער נאָך אַזאַ פּאַסירונג געשיקט בלומען אָדער גאָר עפּעס אַ שטיק ציערונג, איהר אָבער האָט ער ניט געוואוסט ווי צו בעהאַנדלען, און דאָס האָט איהם געמאַטערט. ער מוז צו איהר שרייבען. אָבער וואָס שרייבט מען? ער האָט אָנגעוואָרפען עט־ליכע שורות, זיי אויסגעבעסערט, דערנאָך צוריסען, אָנגעהויבען איבעראַניים אַמאָל צוואַנציג, אָבער אַלע בריעף האָבען איהם אויס־געקוקט בעליידיגענד, אונמעגליך, קאָמיש.

אין צאַרטע, איבערצייגענדע ווערטער, האָט ער געוואָלט אויס־דריקען די טיעפע דאַנקבאַרקייט פון זיין נשמה, זיין וואַהנזיניגע ליעבע, זיין איבערגעבענהייט ביז צום טויט. אָבער אַנשטאַט די פלאַמענדיגע ווערטער פון ליידענשאַפט, האָט ער נור געפונען פּראַ־זען, אויסגעדראָשענע, נאַרישע, פּוסטע רייד. ער האָט אויפגע־געבען דעם געדאַנק איהר צו שרייבען און זיך בעשלאָסען איהר צו בעזוכען, אַזוי שנעל ווי די שטונדע פון דער זיצונג וועט אַרי־בער, דען ער איז געווען זיכער, אַז זי וועט ניט קומען.

ער האָט זיך איינגעשלאָסען אין אַטעליער, גע'חלומ'ט מיט אָפענע אויגען פאַר דעם בילד און עס האָט זיך איהם שטאַרק געוואָלט צודריקען זיינע ליפּען צום לייוונט, אויף וועלכער אַ טהייל פון דער געליעבטער פרוי איז געבליעבען. פון צייט צו צייט האָט ער דורך דאָס אָפענע פענסטער אויף דער גאַס אַרויס־געקוקט. יעדעס קלייד, וואָס ער האָט פון וויטען דערזעהן, האָט זיין הארץ געמאַכט קלאַפּען. אַמאָל צוואַנציג האָט זיך איהם גע־דאַכט, אַז ער דערקענט זי, און ווען די פרוי איז דאַן פאַרבייגע־גאַנגען און ער האָט זיין טעות איינגעזעהן, איז ער געבליבען זיצען מיעד און צובראָכען, ווי נאָך אַ גרויסער ענטטוישונג.

פּלוצים האָט ער זי דערזעהן. דעם מאָל האָט ער זיך אַליין ניט געגלויבט. ער האָט גענומען זיין אָפּערן גלאָז און זיך איינ־געגעסען אין איהר מיט די אויגען. דאָס איז געווען זי, ער האָט זי דערקענט. שטאַרק בעוועגט, האָט ער זיך אַרונטערגעלאָזען אויף אַ שטול און גענומען אויף איהר וואַרטען.

אַזוי שנעל ווי זי איז אין צימער אַריין, האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף די קניע און געוואָלט אָננעהמען איהר האַנד. זי האָט זי שנעל אַ ציה געטהאָן צוריק און אַזוי ווי ער איז געבליבען ליגען צו איהרע פיס, פול אַנגסט, מיט זיינע בליקען אויף איהר גערינכטעט, האָט זי געזאָגט שטאָלץ.

— וואָס טהוט איהר? איך פאַרשטעה ניט. וואס זאָל דאָס בעדייטען?

ער האָט געשטאַמעלט:

— גרעפין, איך בעט אייך!

זי האָט איהם האַרט איבערגעשלאָגען די רייד:

— שטעהט אויף, איהר מאַכט זיך לעכערליך!

אַ צושראָקענער האָט ער זיך אויפגעהויבען און געמור־מעלט:

— וואס טהוט איהר מיט מיר? בעהאַנדעלט מיך ניט אַזוי האַרט, איך ליעב אייך דאָך.

דאַן האָט זי איהם מיט אַ פּאָר קורצע, טרוקענע ווערטער צו פערשטעהן געגעבען, ווי זי פערלאַנגט ער זאָל זיך מיט איהר האַל־טען אין דער צוקונפט:

— איך ווייס ניט, וואס איהר ווילט אייגענטליך. רעדט צו מיר קיין מאָל ניט מעהר פון אייער ליעבע, אַז ניט פערלאָז איך דעם אַטעליער און קום קיין מאָל נישט צוריק. דאָס איז די איינ־ציגע בעדינגונג אונטער וועלכער איך בלייב דאָ, און טאָמער וועט איהר די דאָזיגע בעדינגונג כאָטש נור איין מאָל ניט האַלטען, דאַן זעהט איהר מיך מעהר קיינמאָל אין אייערע אויגען ניט אָן.

צושראָקען פון דער האַרטקייט מיט וועלכער זי האָט מיט איהם גערעדט און אויף וועלכער ער האָט זיך גאָר ניט גערינכטעט, האָט ער זי אָנגעקוקט צומישט. דאַן האָט ער אַלעס פערשטאַנען און אויסגעפליסטערט:

— איך וועל ערפילען אייער פערלאַנג, גרעפין.

זי האָט געענטפערט:

— גוט, איך האָב עס פון אייך ערוואַרטעט. און יעצט צו דער ארבייט. איהר מאַהלט שוין אביסעל צו לאַנג מיין בילד.

ער האָט גענומען זיין פענזעל און אָנגעהויבען מאַהלען, אָבער זיין האַנד האָט געציטערט און זיין אונרוהיגער בליק האָט גאָרנישט געזעהן. ער האָט געפיהלט אז אָט־אָט צואווינגט ער זיך, אַזוי אונגליקליך האָט ער זיך געפיהלט.

ער האָט פּרובירט מיט איהר צו ריידען. זי אבער האָט גע־ענטפערט איין וואָרט אויף צעהן. ווען ער האָט איהר געוואָלט מאַכען א קאָמפּלימענט איבער איהר פרישער געזיכטס פאַרב, האָט זי איהם אַזוי שאַרף אונטערבראָכען, אז אויף איהם איז אָנגעפאַלען יענער כעס פון פאַרליעבטע, וואס פערוואַנדעלט די ליעבע אין א טיעפען האַס. א נערוועזער צוקען איז איהם איבער דער נשמה און איבער׳ן גאַנצען לייב אַריבער און איהם האָט זיך פּלוצים גע־דאַכט, אז ער האָט זי גענומען האַסען. יאָ, זי איז אן עכטע פרוי! ניט א האָר אַנדערש ווי אַלע איבעריגע. זי איז פאַלש, אונבע־שטענדיג, שוואַך, פּונקט ווי זיי אַלע. יאָ, יא, זי אויך. פריהער האָט זי איהם צו זיך געצויגען, מיט די קונסט־שטיק פון א שטראָ־סען פרוי איהם זיין בלוט אָנגעצונדען, געזוכט איהם משוגע צו מאַכען, נור מיט דעם צוועק זיך מיט איהם צו רייצען, איהם צו ענטזאַגען, אויף זיין ברענענדיגען בעגעהר ניין צו ענטפערען. אַלע מיטלען פון קאָקעטעריי האָט זי אַנטקעגען איהם אָנגעווענדעט, האָט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָבגעשטעלט, ביז זי האָט דעם מאַן ווילד געמאַכט, ווילד פאַר הייסען באַגעהר, פאַר משוגענער ליי־דענשאַפט.

אָבער מיט אַלע איהרע שמד׳שטיק איז זי פאָרט אַריינגע־פאַלען, ער האָט זי בעזעסען. זי האָט געקענט וואַשען איהר לייב אַזויפיעל ווי זי האָט געוואָלט, האָט געמעגט איהם ענטפערען פרעך און אונפערשעהמט, אָבער וואס צווישען זיי איז געשעהן, האָט זי ניט געקענט מעהר אָבוואַשען און ער וועט עס קיין מאָל ניט פער־געסען. עס וואָלט געוועזען צו נאַריש זיך צו קימערען וועגען א

געליעבטע, וועלכע וואָלט צושטערט זיין קינסטלער־לעבען מיט די קליינע צייהנדלאַך פון אַ קאַפּריזנער וועלט דאַמע.

עס האָט זיך איהם געוואָלט נעהמען פייפען, ווי אין דער געגענוואַרט פון זיינע מאָדעל־מיידלאַך, אָבער ער האָט געפיהלט ווי זיין נערוועזיטעט וואַקסט און וואַקסט און מורא האָבענדיג ער זאָל ניט באַגעהן עפּעס אַ נאַרישקייט, האָט ער פאַרקירצט די זיצונג אונטער אַן אויסרייד, אַז ער האָט זיך מיט אימעצען צו טרעפען. ווען זיי האָבען זיך ביים אַוועקגעהן געזעגענט, האָבען זיי ביידע געפיהלט, אַז זיי שטעהען ווייטער איינער פון צווייטען, ווי אין יענעם טאָג, ווען זיי האָבען זיך צום ערשטען מאָל ביי דער הערצאָגין דע מאַרטעמאַין געטראָפען.

אַזוי שנעל ווי זי איז אַוועק האָט ער גענומען דעם הוט און דעם ראָק און איז אַוועק שפּאַצירען. די זון האָט קאַלט אַראָב־געקוקט פון בלויען, נעבעלדיגען הימעל און געוואָרפען אויף דער שטאָדט איהר בלייכען, פאַלשען, טרוימערישען שיין.

נאָכדעם ווי ער איז אַ צייט לאַנג אַזוי אַרומגעגאַנגען מיט האַסטיגע, נערוועזע טריט, שטויסענדיג און שטורכענדיג די פאַר־בייגעהער, וועלכע האָבען איהם דעם וועג ניט אָבגעטראָטען, האָט זיך זיין כעס צו איהר איינגעשטילט און איז פערביטען געוואָרען אין אַ געפיהל פון פערצווייפלונג און בעדויערען. קוקענדיג אויף די פרויען, וועלכע זיינען פאַר איהם פאַרבייגעגאַנגען, האָט ער זיך דערמאָנט ווי שעהן, ווי פערפיהרעריש יענע איז. ווי פיעלע אַנ־דערע, וואָס ווילען זיך אין דעם ניט מודה זיין, האָט ער אימער גע־וואַרט אויף יענער זעלטענער באַגעגעניש, אויף יענער אמת'ער, אידעאַלער ליידענשאַפטליכער ליעבע, נאָך וועלכער מיר אַלע בייג־קען, אויף וועלכער מיר אַלע האָפען אין דער טיעפעניש פון אונ־זער הערצען. האָט ער די דאָזיגע היים־געווינשטע ליעבע געהאַט געפונען? האָט זי איהם ניט פערשאַפט יענעם כמעט אונמעגלי־כען גליק? ווארום ווערט ניט אַלעס פערווירקליכט, וואָרום ער־רייכען מיר נישט דאָס, נאָך וואָס מיר יאָגען זיך נאָך? וואָרום

קריגנען מיר אימער נור שטיקלאַך און ברעקלאַך פון דעם, נאָך וואָס מיר שטרעבען, פאַר וואָס מיר קעמפּפען?

איצט איז ער שוין ניט געווען מעהר אין כעס אויף דער יונגער פרוי נור אויף דעם לעבען אליין. ווען ער האָט אלעם גוט ארומגעטראַכט, איז ער געקומען צום שלום, אז ער האָט אויף איהר ניט פאַר וואָס אין כעס צו זיין. אז ער האָט איהר גאָר נישט וואָס אויפצוּוואַרפען. פאַרקעהרט, זי איז געווען צו איהם גוט, ליעב און האַרציג — ווערענד ער איז זיך מיט איהר בעגאַנ־גען ווי אַ פּרעכער יונג.

זעהר טרויעריג האָט ער זיך אַהיים אומגעקעהרט. ער האָט געוואָלט איהר בעטען אום פערצייהונג, זיך פאַר איהר אָפּפערן, אלעס אין דער וועלט פאַר איהר טהאָן, אבי זי זאָל פערגעסען. און ער האָט געטראַכט וואָס אַזוינס ער קען טהאָן, אום איהר צו געבען צו פערשטעהן, אז טראָץ אלעס איז ער בערייט צו בלייבען איהר שקלאַף ביז צום טויט.

אויפ׳ן צווייטען טאָג איז זי געקומען מיט איהר טאָכטער. זי איז געווען אַזוי אומעדיג, מיט אַזאַ טרויעריגען שמייכעל אויף די ליפּען, אז דעם מאַהלער האָט זיך געדאַכט, דאָס ער לעזט אין איהרע אָרימע בלויע אויגען, וועלכע האָבען פריהער אַזוי פרעה־לאַך געלאַכט, איהר גרויסען וועהטאָג, אלע געוויסענסביסע, די גאַנצע פערצווייפלונג פון אַ געפּייניגטער פּרויען האַרץ. ער איז געווען בעוועגט פון מיטלייד צו איהר און אום זי זאָל פערגעסען האָט ער זיך געהאַלטען מיט איהר איינפאַך, רוהיג און צוריקגע־צויגען. זי, פאַרקעהרט, איז געווען ווייך, גוט, מיעד און גע־בראָכען, ווי אַ פרוי וואָס ליידעט.

און ווען ער האָט געקוקט אויף איהר מיט אַ משוגענער בייג־קעניש אין האַרצען, מיט אַ ביינקעניש נאָך איהר ליעבע, נאָך איהרע קושען, האָט ער זיך געשטעלט די פראַגע: ווי קומט עס, וואָס זי איז ניט מעהר בייז אויף איהם, ווי איז דאָס מעגליך, אז זי זאָל ווידער קומען צו איהם, זאָל איהם אויסהערען, איהם ענט־

פערן, נאָך יענעם מאָמענט פון וועלכען די עראינערונג שטעהט צווישען זייביידע.

ווען זי קען איהם ווידער זעהן, זיין שטימע הערען, זיין געגענוואַרט פאַרטראָגען, דאַן מוז דער געדאַנק אָן יענעם מאָמענט זי ניט אזוי שטאַרק פּלאָגען. ווען די פרוי האָסט דעם מאַן דורך וועלכען זי איז געפאַלען, קען זי איהם מעהר ניט אָנקוקען אָהן דעם, אַז דער האַס זאָל אין איהר ווידער ערוואַכען. גלייכגילטיג קען זי בשום אופן ניט בלייבען צו יענעם מאַן. זי מוז איהם האַסען אָדער פערצייהען, און ווען זי פערצייהט איז די ליעבע שוין ניט ווייט.

וועהרענד ער האָט לאַנגזאַם דאָס בילד געמאָלט, האָט ער אַלעס ארומגעטראַכט און דאָס איז איהם אַלעס קלאָהר געוואָרען. איצט האָט ער ווידער געהאַט דעם קאָפּ אויף זיינע פּלייצעס, דען ער איז געווען דער שטאַרקערער. ער האָט נור געמוזט זיין פאָרזיכטיג, געדולדיג, איבערגעבען צו איהר און פריהער אָדער שפּעטער וועט זי ווידער זיין זיינע.

ער האָט זיך בעשלאָסען צו וואַרטען. אום זי צו בערוהיגען און זי ווידער צו געווינען, האָט ער פון זיין זייט אויך גענומען מיט איהר שפּיעלען, האָט איהר אַרויסגעוויזען זיין צערטליכקייט אונטער געמאַכטע געוויסענסביסע, איז געווען צו איהר אויפמערקזאַם אונטער געמאַכטער גלייכגילטיגקייט. ער איז געווען רוהיג, זיכער אַז ער וועט זיעגען. וואָס מאַכט עס אויס, וואָס דער זיעג וועט קומען אַביסעל פריהער אָדער אַביסעל שפּעטער. די ערוואַרטונג האָט איהם זאָגאַר פערשאַפט געוויסע פרייד און יעדעס מאָל, ווען ער האָט זי געזעהן קומענדיג אין דער בעגלייטונג פון איהר קינד, האָט ער שטאָלץ אַ טראַכט געטהאָן: „זי האָט מורא!״

ער האָט געפיהלט ווי ביסלעכווייז דערנעהטערען זיי זיך ווידער איינער צום צווייטען, ווי אין די אויגען פון דער גרעפין לייגט זיך אַוועק עפּעס אַ מין שמערצליכער און זיסער אויסדרוק, יענער רוף פון אַ קעמפּפענדער נשמה, פון אַ שוואַך ווערענדיגען

ווילען, וועלכער שיינט ווי צו זאָגען: „איך קען מעהר נישט קעמפּ־פען, דו האָסט מיך בעזיעגט!"

אין אַ געוויסער צייט אַרום איז זי ווידער געקומען אַליין, בע־רוהיגט דורך זיין צוריקהאַלטונג. דאַן האָט ער זי בעהאַנדעלט ווי אַ פריינדין, ווי אַ חבר'טע, איהר דערצעהלט פון זיין לעבען, זיינע צוקונפטס פּלענער, זיין קונסט, ווי ער וואָלט גערעדט צו אַ ברודער.

געריהרט פון זיין איבערגעבענהייט, האָט זי מיט פערגניגען איבערגענומען די ראָלע פון אַ ראַטגעבער, געשמייכעלט, וואָס ער האָט זי אויסגעקליבען צווישען אַלע פרויען און איבערצייגט, אַז זיין טאַלענט וועט געווינען פון זייער גייסטיגער פריינדשאַפט.

אָבער ביי די דאָזיגע גייסטיגע אונטערהאַלטונגען איז זי פון אַ ראַטגעבערין שנעל אויסגעוואַקסען אין אַ געטין, וועלכע האָט איהם נייע אידעען אַריינגעגעבען. איהר איינפלוס אויף דעם בעריהמטען מאַהלער האָט איהר פערשאַפט גרויס פערגעניגען און מיט דער צייט האָט זי זיך צוגעוואָהנט צום געדאַנק, אַז ער ליעבט זי אַלס קינסטלער, ווען זי בעגייסטערט צו שאַפען גרויסע ווערק.

איין מאָל אין אבענד, נאָך אַ לאַנגען געשפּרעך איבער די געליעבטע פון בעריהמטע מאַהלער, איז זי געפאַלען אין זיינע אָרימס. דיעזעס מאָל איז זי שוין מעהר נישט אַנטלאָפען, זי איז דאָרט געבליבען רוהען און איהם אַלע זיינע קושען געגעבען צו־ריק.

דאָס מאָל האָט זי שוין גאָר קיין געוויסענסביסע ניט געהאַט, נור עפּעס אַן אונבעשטימטען געפיהל פון איהר נידערלאַגע און אום זיך אין גאַנצען צו בערוהיגען, האָט זי גענומען גלויבען, אַז זיי זיינען אַ באַשערטע פּאָר.

צוגעצויגען צו איהם דורך איהר הארץ, וואס איז געווען ניט בעריהרט, דורך איהר נשמה, וואס איז געווען לעער, האָט זי זיך

ביסלעכווייז צוגעבונדען צו איהם מיט ליב און זעעל, ווי עס טהוען מאנכע שוואכע פרויען, וואס ליעבען צום ערשטען מאָל.

פאַר איהם אָבער איז דאָס געווען א ווילדער, ליידענשאפט־ליכער און פאָעטישער ליעבעסרויש.

ער האָט איהר בילד געענדיגט, דאָס בעסטע בילד, וואס ער האָט ווען עס איז געמאָהלען, דען עס האָט זיך איהם איינגעגעבען יענעם אונאויסדרוקבארע, יענעם אָבגלאַנץ פונ'ם מענשען'ס איך, דעם שפּיעגעל בילד פון דער נשמה, וואס ליעגט אויף א מענשלי־כען פּנים, צו זעהן און פעסט צו האַלטען.

דאַן זיינען אוועק מאָנאַטען און יאָהרען, אָבער די פערהעלט־ניסע צווישען דער גרעפין גיללעראי און דעם מאהלער אָליוויער בערטין זיינען געבליבען ווי געווען.

דער ליעבעסרויש פון דער ערשטער צייט איז אפילו ביי איהם אוועק, אָבער ער האָט זי נאָך אַלץ געליעבט מיט א רוהיגען, טיע־פען געפיהל, מיט א מין פריינדשאפטליכער ליעבע, וועלכע איז ביי איהם געוואָרען די צווייטע נאַטור.

ביי איהר, פאַרקעהרט, איז אימער געוואַקסען די ליידענ־שאפט, די הייסע ליעבע פון א פרוי, וואָס גיט זיך אין גאַנצען און אויף אימער איבער צו א מאַן. זי איז געווען איינע פון יענע פרויען, וועלכע קיין זאַך אין דער וועלט קען ניט אָוועקרייסען פון זייער ליעבע, זיי בלייבען אנשטענדיג, טריי און איבערגעבען צו זייער געליעבטען, פונקט ווי זיי וואָלטען מיט איהם געווען פער־הייראַט. ניט נור ליעבען זיי דעם געליעבטען נור זיי ווילען איהם ליעבען. זיי זעהען נור איהם אַליין און זייער הארץ האָט פּלאַץ נור פאַר איהם אַליין, אזוי אַז קיין פרעמדער קען אהין ניט צו־קומען. זיי האָבען מיט זייער אייגענעם ווילען אויף זיך קייטען אָנגעטהאָן, ווי איינער וואָס קען גוט שווימען, בינדט זיך צו די הענד, ווען ער וואַרפט זיך פון בריק אין וואסער ארונטער אום צו שטאַרבען.

אָבער פון דעם מאָמענט אָן, וואס די גרעפין האָט זיך אזוי

צו איהם איבערגעגעבען, איז אויף איהר אַנגעפאַלען אַ מורא פאַר אַליוויער בערטינ'ס בעשטענדיגקייט און אייביגע צווייפעל האָ־בען איהר דאָס האַרץ געגריזשעט. קיין זאַך האָט איהם נישט צוגעבונדען צו איהר אויסער זיין ווילען, זיין ליבע, זיין פאַר־ביינגעהענדיגער געפיהל פאַר אַ פרוי, וועלכע ער האָט אמאָל גע־ליעבט, ווי ער האָט שוין פיעלע אַנדערע געליעבט פאַר איהר. זי האָט געפיהלט, אַז ער איז פריי, לייכט צו פערפיהרען. ער האָט נים קיין פליכטען, קיין בעשטימטע געוואָהנהייי־טען, קיין צווייפעל און קיין געוויסענסביסע — ווי אַלע מענער. ער איז געווען אַ שעהנער מאַן, בעריהמט, אַ געווינשטער גאַסט אין די בעסטע הייזער פון פאַריז. זיין שנעל־ערוואַכטען וואונש זיינען בערייט געווען צו ערפילען אַלע אריסטאָקראַטישע דאַמען, וועמעס טוגענד איז אַזוי לייכט צו ברעכען, און די געוועהנליכע־רע פרויען און די אַקטריסען זיינען נאָך שמאָלץ געווען אויף זיי־ערע בעציהונגען מיט אַזאַ מאַן, ווי ער. אין איין שעהנעם אויף דער נאַכט, נאָך אַ סאָפּער, קען איינע פון זיי מיט איהם מיטגעהן, איהם געפעלען, איהם געווינען און איהם צונעהמען.

און אַזוי האָט זי געלעבט אין שטענדיגער מורא איהם צו פערלירען, זי האָט נאָכגעשפּיאָנירט זיין האַלטונג, זיינע בעווע־גונגען. ביי דעם קלענסטען וואָרט איז זי געוואָרען אַ פאַרציטער־טע, האָט זיך געטרייסעלט, ווען ער האָט אַן אַנדער פרוי בעוואונ־דערט, ווען ער האָט אויסגעדריקט אַ מיינונג, אַז אַ געוויסער פּנים איז שען אדער אַ פיגור גראַציעז.

אַלעם וואָס זי האָט פון זיין לעבען ניט געוואוסט, האָט זי געמאַכט ציטערען און וואָס זי האָט יאָ געוואוסט האָט אויף איהר אַ שרעק אַרויפגעוואָרפען.

יעדעס מאָל, וואָס זי האָט איהם געזעהן, האָט זי מיט גרויס פאַרזיכט, אַזוי אַז ער זאָל דאָס ניט בעמערקען, איהם אויסגע־פאָרשט, אַרויסגעקריגען ביי איהם זיין מיינונג איבער די מענשען און די הייזער, וואו ער איז געווען, מיט וועמען ער האָט פער־

בראַכט, די קלענסטע איינדריקע, וואס ער האָט געהאַט. און טאָ־מער האָט זי ענטדעקט, אז עמיצער האָט אויף איהם אַן איינ־פלוס געקריגען, האָט זי עס בעקעמפּפט מיט וואונדערבארער געשיקטקייט און מיטלען אָהן צאָהל.

אָפט האָט זי זיך אָנגעשטויסען אויף זיינע קורצע אינטרי־געס, וועלכע האָבען ניט אָנגעהאַלטען מעהר ווי א וואָך אָדער פיער־צעהן טעג, יענע קורצע ליעבעס פּאַסירונגען, וועלכע טרעפען זיך אַזוי אָפט מיט בעריהמטע קינסטלער.

זי האָט געהאַט עפּעס א מין פאָרגעפיהל פאר דער געפאהר, און האָט געוואוסט פון איהר נאָך א סך פריהער איידער אָליוויער מיט זיינע, פון א נייעם געפיהל בליסטשענדיגע, אויגען און אויפ־געדענטע שטריכען, האָט איהר אויף דעם אויפמערקזאַם געמאַכט.

דאַן האָט זי אָנגעהויבען צו ליידען. זי האָט פערלאָרען דעם שלאָף און די קוואלען פון צווייפעל האָבען איהר אפילו אין איהרע טרוימען פערפאָלגט. אום איהם צו איבערראַשען, פלעגט זי פּלוצ־צים אריינפאַלען צו איהם, נעהמען איהם שטעלען כלומר׳שט גלייכ־גילטיגע פראַגען, פאָרשען וואס ער טראַכט און אונטערזוכען זיין הארץ, ווי מען פרעגט אויס און טאַפּט ארום א קראַנקען אום זיינע פערבאָרגענע ליידען אויסצוגעפינען.

און ווען זי איז געוועזען אַליין, האָט זי געוויינט, דען זי איז געוועזען זיכער, אז דאָס מאָל וועט מען איהם ביי איהר אוועקרוי־בען, מען וועט צו גנב׳ענען די ליעבע, אין וועלכער זי איז גע־האנגען מיט איהר גאַנצען ווילען, מיט דער גאַנצער קראַפט פון איהר ליידענשאַפט, מיט אַלע איהרע האָפנונגען און חלומות.

און ווען ער האָט נאָך די דאָזיגע קורצע, לינקע ראָמאַנען זיך צו איהר צוריקגעקעהרט און זי האָט איהם ווידער אונטער איה־רע פליעגעל גענומען, האָט זי געפיהלט, ווי עטוואס פערלאָרענעס וואָלט זיך צו איהר ווידער אומגעקעהרט און איהר שטומער, טיע־פער גליק איז געוועזען אַזוי גרויס, אז ווען זי איז פאַר א קירכע פער־

בייגעגאַנגען, האָט עס איהר אינעווייניג אריינגעטריבען אום דער־פאר גאָט אויף די קניע צו דאַנקען.

דער געדאַנק איהם אימער צו געפעלען, מעהר ווי אַלע אַנדע־רע, האָט איהר געפיהרט דערצו, אז איהר לעבען איז געוואָרען אַ שטענדיגער קאַמפּף פון קאָקעטעריי. זי האָט פאר איהם אָהן אויפהער געקעמפּפט מיט איהר שלאַנקער פיגור, איהר שעהנהייט, איהר עלעגאַנץ. זי האָט געוואָלט, אז איבעראַל וואו ער וועט נור הערען פון איהר רעדען, זאָל מען ריהמען איהר געשמאַק, איהר חן, איהר גייסט, איהרע טואַלעטען. צוליעב איהם האָט זי געוואָלט אַנדערע מענער געפעלען, זיי אין זיך פערליעבען, אום איהם שטאָלץ און אייפערזיכטיג אויף זיך צו מאַכען. און יעדעס מאָל, ווען זי האָט געפיהלט, אז זי האָט זיין אייפערזוכט ערוועקט, האָט זי איהם געלאָזט זיך אביסעל מאַטערן, און דאַן איהם כלומר'שט ווי־דער געלאָזט זיך בעזיעגען. אויף אַזא אופן איז זיין ליעבע אי־מער בעגייט און אָבגעפרישט געוואָרען און זיין אייגענליעבע גע־שמייכעלט און בעפרידיגט.

דאַן האָט זי זיך געבאָפּט, אז א מאַן קען אימער טרעפען אַ פרוי אין דער געזעלשאַפט, וועמעס פיזישע שעהנקייט זאָל איהם בעצויבערען מיט דער נייקייט. און זי האָט זיך געלאָזט אויף אַנדערע מיטעל. זי האָט איהם געשמייכעלט און פערצערטעלט.

זי האָט איהם איינגעהילט אין אַ נעבעל פון לויבגעזאַנג, פאַרוויגט איהם מיט איהר פערעהרונג, געזאָגט איהם טויזענד אנגענעהמע קלייניגקייטען אום אז די פריינדשאַפט און צערט־ליכקייט פון אַנדערע פרויען זאלען איהם אויסווייזען קאַלט און בלאס אַנטקעגען איהרער. און ווען אפילו אַנדערע וועלען איהם לויבען זאָל ער דאָך מוזען איינזעהן, אז קיינע פון זיי פאַרשטעהט איהם ניט אַזוי גוט ווי זי.

פון איהר הויז, פון איהרע ביידע סאַלאָנען, האָט זי געמאַכט אַן אָרט, וואו זיין קינסטלער שטאָלץ און זיין מענליכע האַרץ זאָל אַם בעסטען בעפרידיגט ווערען. דער איינציגער אָרט אין גאַנץ

פאריז, וואו ער איז אם ליעבסטען געקומען, ווייל דארט האט מען אלע זיינע שוואכקייטען נאכגעגעבען און געצערטעלט.

ניט נור איז איהר געלונגען אין יעדער קלייניגקייט זיין גע־שמאק אויסצוגעפינען, אום ער זאל זיך ביי איהר פיהלען בעסער ווי אומעדום, נור זי האט ביי איהם אימער געוועקט און ענטוויקעלט נייע פערלאנגען, וואס נור זי האט געקענט ערפילען. ביי זיך אין הויז האט זי פאר איהם געשאפען אלערליי פערגניגענס אי פאר'ן קערפער אי פאר'ן גייסט און אזוי האט זי איהם צוגעוואהנט צו זיך מיט איהרע צערטליכקייטען, מיט די אויפמערקזאמקייטען און שמייכלעריין. זי האט זיך בעמיהט זיין אויג דורך עלעגאנץ צו פאנגען, זיין גערוך־זין מיט פארפיום, זיין אויער מיט קאמפלי־מענטען און פערעהרונג, זיין מויל מיט גוטע שפייזען.

אבער ערשט נאכדעם, ווי זי האט אין זיין נשמה און אין זיין פערצערטעלטען, עגאאיסטישען קערפער אזוי פיעל קליינע טיראַ־נישע פערלאנגען פארזייט און זי איז ביי זיך זיכער געווארען, אז קיין אנדער געליעבטע וועט זיך מיט איהם ניט אזוי פיעל אבגע־בען, איז אויף איהר פלוצים אנגעפאלען א מורא'דיגע אנגסט, וואַ־רים זי האט באמערקט, אז זיין אייגען הויז איז איהם געווארען ענג און ער האט זיך ניט אויפגעהערט צו בעקלאגען אויף זיין איינ־זאמקייט. אזוי ווי ער האט געמוזט זיין פארזיכטיג און ניט גע־קענט אימער צו איהר קומען, האט ער גענומען אפט געהן אין קלוב און אין פערשיעדענע אנדערע פלעצער אום דארט זיין איינ־זאמקייט צו פערגעסען, דאס האט אויף איהר ארויפגעיאגט א מורא, אז איהם זאל ניט איינפאלען צו הייראטהען.

מאנכעס מאל האט זי אזוי שטארק געליטען פון דעם דאזי־גען געדאנק, אז זי האט פשוט געבייגקט נאך דער עלטער, אום עס זאל נעהמען א סוף צו איהר אנגסט און זי זאל אין א קיהר־לערער, שטילער צוגעבונדענקייט רוה געפינען.

אבער די יאהרען זיינען אוועק און זיי האבען זיך ניט גע־שיידט. די קייט. וואס זי האט אויסגעשמידט, איז געווען פעסט,

און ווען אפילו איינציגע רינגלאַך האָבען זיך אויסגענוצט, האָט זי געמאַכט נייע. אָבער אימער איז זי געווען אויפמערקזאם און בעוואכט זיין הארץ, ווי מען גיט אכטונג אויף א קינד, וואס געהט אין א גאס פול מיט וואָגענס און פערד.

דער גראף האָט ניט געהאט קיין שום פערדאכט און ניט קיין אייפערזוכט. די פריינדשאפט פון זיין פרוי מיט דעם בע־ריהמטען מאהלער ווען מען האָט אומעדום אויפגענומען מיט גרויס אויפמערקזאמקייט, איז איהם פאָרגעקומען זעהר נאטירליך. און ביידע מענער האָבען זיך מיט דער צייט אזוי צוגעוואָהנט איי־נער צום אנדערען, אז זיי האָבען זיך כמעט ליעב געקראָגען.

II

ווען בערטין איז פרייטאָג ביינאַכט געקומען צו זיין פריינדין, וואו ער איז איינגעלאַדען געווען צו פייערען אַנגעלע׳ס קומען אהיים, האָט ער אין קליינעם סאַלאָן אין דעם סטיל פון לודוויג דעם פופצעהנטען געפונען נור איין גאַסט: הערר דע מוסאַדיע.

ער איז געווען אַ קלוגער, אַלטער מאַן און וואָלט אפשר געקענט ווערען אַ בעדייטענדער מענש, אָבער ער איז עס נישט געווארען און ביז׳ן היינטיגען טאָג האָט ער זיך צוליעב דעם ניט געקענט טרייסטען.

פריהער איז ער געווען קאָמיסיאָנער פון די קייזערליכע מוזעען און עס איז איהם געלונגען צו דערגרייכען די אינספעקטאָרשטעלע איבער די שעהנע קינסטע אונטער דער רעפובליק. דאָס האָט איהם אָבער ניט געשטערט צו זיין דער פריינד פון אַלע פרינצען און פרינצעסינס, פון הערצאָגען און הערצאָגינען, פון די אייראָפעאישע פירשטליכע הייזער, און דער געשוואָרענער בעשיצער פון אַלע סאָרטען קינסטלער. ער האָט געהאַט אַ לעבעדיגען גייסט, וועלכער האָט אַלעם לייכט פערשטאַנען און אַ גרויסען רעדנער טאַלענט, וואס האָט איהם מעגליך געמאַכט די געוועהנליכסטע זאַכען אנגענעהם און אינטערעסאַנט צו דערצעהלען. דערצו האָט ער זיך געקענט אַזוי גוט איבעראַל צופאַסען, אַז ער האָט זיך אין אַלע קרייזען געפיהלט, ווי ביי זיך אין דער היים. ער האָט אויך געהאַט עפּעס אַ בעזונדער דיפּלאָמאַטישען נאָז מיט וועלכען ער האָט

אויפ'ן ערשטען בליק גלייך דערשמעקט און אָבגעמאָסטען אַ מענ־שען. טאָג איין, טאָג אויס, אבענד איין, אבענד אויס האָט ער געוואנדערט פון איין סאלאָן אין אַ צווייטען און איבעראַל אריינ־געבראַכט לעבען מיט זיין קלוגער, נוצלאָזער און שעהנער פּלוי־דעריי.

ער האָט געשיינט צו זיין זעהר פעהיג, האָט גערעדט איבער אַלעס אזוי קלאָהר, אז אַלע האָבען איהם געקענט פערשטעהן און די פרויען פון דער אריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט האָבען איהם זעהר געשעצט, ווייל ער איז פאר זיי געווען אַ מין סאָרט לעבע־דיגער לעהר־בוך, וואָס האָט זיי אָפט פיעל נוצען פערשאַפט. און אין דער אמת'ן האָט ער טאַקע אַ סך געוואוסט, הגם ער האָט אין זיין יוגענד גאַנץ ווייניג געלערנט. ער איז אָבער געווען גוט פריינד מיט אַלע אַקאַדעמיקער, מיט אַלע געלעהרטע, אַלע שריפט־שטעלער און ספּעציאַליסטען און אָפט מיט זיי פערבראַכט. זייערע רייד איבער פערשיעדענע צווייגען פון קונסט און וויסענשאַפט האָט ער גאַנץ אויפמערקזאם אויסגעהערט, די טעכנישע איינ־צעלהייטען, וועלכע האָבען פאר איהם קיין ווערט ניט געהאַט, האָט ער גלייך פערגעסען, אָבער דעם קערן האָט ער זיך גאַנץ גוט אין קאָפּ אריינגענומען און עס דאָרט בעהאַלטען.

די מאהלער מיט וועלכע ער איז אימער געקומען אין בער־יהרונג, האָבען איהם געזידעלט און אין דערזעלבער צייט פאר איהם מורא געהאַט; אגב האָט ער זיי אָפט טובות געטהאָן, זיי געהאָלפען זייערע בילדער פערקויפען און זיי מיט דער אריסטאָ־קראַטישער געזעלשאַפט בעקאַנט געמאַכט. ער האָט ליעב געהאַט זיי פּאָרצושטעלען, זיי מקרב צו זיין, זיי צו געבען דעם ערשטען שטויס און אין אַלגעמיין איז ער געווען פאר זיי עפּעס אַ מין בריק, איבער וועלכען זיי זיינען צו דער הויכער געזעלשאַפט צו־געקומען. ער איז געווען שטאָלץ מיט דער פריינדשאַפט אי פון די און אי פון יענע און עס האָט איהם פערשאַפט אַ בעזונדערען פערגעניגען צו עסען פריהשטיק מיט דעם פרינץ אָף וויילס, ווען

יענער איז אין פּאַריז געווען, און נאָך אין דעם זעלבען אבענד פאַרברייננגען מיט פּאָול אדעלמאַנס, אַליווער בערטין און אמורי מאַלדאַנט.

בערטין, וועלכער האָט איהם גאַנץ ליעב געהאַט און איהם געהאַלטען פאַר אַ זעהר קאָמישען מענשען, האָט וועגען איהם געזאָגט: „ער איז אַ מין סאָרט ענציקלאָפּעדיע פון זשול ווערן געבונדען אין עזעלשער הויט.״

ביידע מענער האָבען איינער דעם אַנדערען די האַנד געדריקט און גענומען ריידען איבער פּאָליטיק, איבער די קלאַנגען וועגען מלחמה. מוסאַדיע האָט געגלויבט אין דער מעגליכקייט פון אַ מלחמה און ער האָט אָנגעגעבען זיינע גרינדע: פאַר דייטשלאַנד איז זעהר וויכטיג צו פערניכטען פראַנקרייך און ביסמאַרק האָט אכטצעהן יאָהר נאָכאַנאַנד געוואַרט אויף דעם גינסטיגען מאָמענט, און איצט וועט ער מעהר נישט וואַרטען. אָבער בערטין האָט אַנ־דערש געדענקט און ער האָט בעוויזען פּונקט פאַרקעהרט: דייטש־לאַנד וועט ניט זיין אַזוי פעררוקט איינצושטעלען איהר זיעג אין אַ צווייפעלהאַפטער מלחמה און דער אַלטער קאַנצלער וועט ניט האַנדלען אַזוי אונפאָרזיכטיג און שטעלען אין קאָן זיין רוהם און זיין רוה.

אָבער הערר דע מוסאַדיע האָט געשיינט צו וויסען זאַכען פון וועלכע ער האָט ניט געוואָלט ריידען: ער האָט אין פערלויף פון׳ם טאָג גערעדט מיט אַ מיניסטער און האָט זיך אויך גע־טראָפען מיט דעם גרויספירסט וולאַדימיר, וועלכער האָט זיך ערשט מיט אַ טאָג צוריק פון קאַננערס אומגעקעהרט.

דער מאַהלער האָט אָבער ניט געוואָלט נאָכגעבען און גערעדט מיט איראָניע וועגען די מענשען, וואָס וויסען אימער אַלעס פון דער ערשטער קוועלע. הינטער דעם גאַנצען ליאַרם שטעהען וואַה־שיינליך בערזע ספּעקולאַנטען; נור איין ביסמאַרק וויים פּי־לייכט עטוואָס בעשטימטעס.

גראַף גיללעראַי איז אַריין, ער האָט ביידע מענער די האַנד

געדריקט און זיך העפליך ענטשולדיגט, וואס ער אונטערברעכט זייער געשפרעך.

— און איהר, ליעבער הערר אַבגעאָרדענטער, וואס דענקט איהר וועגען דעם ליאַרעם איבער מלחמה? — האָט געפרעגט דער מאַלער.

אויף דעם האָט גראַף גיללעראַי געהאַלטען אַ גרויסע רעדע. אַלס מיטגליעד פון קאַבינעט האָט ער געוואוסט מעהר ווי אַלע אַנדערע, דאָך איז ער ניט געווען מיט דערזעלבער מיינונג ווי די מייסטע פון זיינע קאָלעגען. ניין, ער גלויבט ניט אין דער וואהר־שיינליכקייט פון אַ קריעג, סיידען ער וועט אַרויסגערופען ווערען פון דעם אויפגערעגטען, היים בלוטיגען פראַנצויזישען פאָלק אַליין, אָדער עס וועט אויפגעבלאָזען ווערען פון דער זאַגענאַנטער פאַט־ריאָטען ליעג.

דער דיענער האָט געמעלדעט:

— איהר דורכלויכט, די הערצאָגין דע מאַרטעמאַין!

צווישען די ביידע אָפענע טיר פליגלען האָט זיך בעוויזען אַ הויכע, דיקע פרוי, וועלכע איז שטאָלץ אין צימער אריין. גיל־לעראַי איז איהר געגאַנגען אַנטקעגען, אַ קוש געטהאָן איהר האַנד און געפרעגט:

— ווי געהט עס אייך, הערצאָגין?

ביידע אַנדערע מענער האָבען זי בעגריסט מיט אַ פאָרנעה־מער פאַמיליאַריטעט.

אַלס די אַלמנה פון גענעראַל, הערצאָג דע מאַרטעמאַין, די מוטער פון אַ איין איינציגער טאָכטער, וועלכע איז פערהייראַט געוועזען מיט דעם פרינץ דע סאַליא, אַלס טאָכטער פון דעם בעריהמ־טען און שטיינרייכען מאַרקיז דע פאַראַנדאַל האָט זי אין איהר פאַ־לאַץ אין דער רוע דע וואַרעננע אויפגענומען געסט, די בעריהמ־טעסטע אין דער גאַנצער וועלט.

קיין געקרוינטער קאָפּ איז ניט דורכגעפאָהרען פאַריז, אז ער זאָל ביי איהר צום טיש ניט זיין. אזוי שנעל ווי עמיצער האָט

געמאַכט פון זיך רעדען, האָט זי געהאַט אַ בעדערפעניש מיט איהם בעקאַנט צו ווערען. זי האָט יענעם געמוזט זעהן, מיט איהם רע־דען, און איהר אורטהייל איבער איהם אָבגעבען. דאָס האָט זי שטאַרק אַמוזירט און אַריינגעבראַכט אינטערעס אין איהר לעבען. אַזוי שנעל ווי זי האָט זיך געזעצט, האָט דערזעלבער דיענער ווידער געמעלדעט:

— באַראָן און באַראָנעסע קאַרבעלל!

זיי זיינעןביידע געווען יונג, דער באַראָן דיק און מיט אַ פליך אויפ'ן קאָפּ, די באַראָנעסע שלאַנק, עלעגאַנט מיט אַ דונ־קעלער געזיכטספּאַרב. דאָס דאָזיגע פּאָר פּאָלק האָט פערנומען אַ גאַנץ בעזונדער'ן פּלאַץ אין דער פראַנצויזישער אַריסטאָקראַטיע. זיי אַליין האָבען געשטאַמט פון אַ קליינעם אונבעדייטענדען אַדעלשטאַנד, אָהן גייסט, אָבער אין אַלעם וואָס זיי האָבען גע־טהאָן האָבען זיי אַרויסגעוויזען אַזוי פיעל ליעבע פאַר די אַריס־טאָקראַטען, פאַר די מיוחסים, האָבען בעזוכט נור די גרעסטע היי־זער, אויסגעדריקט זעהר ראַליאַליסטישע אַנשויאונגען, געצייגט אַכטונג צו די וועמען מען מוז אַכטען, פעראַכטעט אַלעס, וואָס מען מוז פעראַכטען, אימער געהיט די עטיקעט, קיין מאָל קיינעם ניט אַנגעריהרט און אַזוי ביסלעכווייז האָבען זיי זיך אַליין אַרויסגע־שטופּט און גענומען שפּיעלען די ראָלע פון גרויסע אַריסטאָקראַ־טען.

די קאַרבעללס און גראַף גיללעראַי זיינען געווען קרובים.

— נו, — האָט געפרעגט די הערצאָגין פערוואונדערט — וואו איז עפּעס אייער פרוי?

— איין מאָמענט, נור איין מאָמענט — האָט געענטפערט דער גראַף — זי וועט גלייך אַריינקומען. עס וועט זיין אַן איבער־ראַשונג.

ווען די גרעפין גיללעראַי איז אין פיער וואָכען נאָך איהר חתונה צום ערשטען מאָל אין דער געזעלשאַפט געקומען, האָט מען זי פאָרגעשטעלט פאַר דער הערצאָגין דע מאַרטעמאַין, וועלכע האָט

איהר גלייך ליעב געקראָגען און זי אונטער איהרע פליגעל גענו־מען. זייט צוואנציג יאָהר האָט זיך אין זייער פריינדשאפט גאָר נישט געענדערט און די הערצאָגין האָט נאָך אלץ מיט דער זעל־בער ריהרונג פון „איהר קליינער" גערעדט ווי פון אן אייגען, גע־ליעבט קינד. ביי איהר האָבען זיך דער מאהלער און די גרעפין גע־טראָפען צום ערשטען מאָל.

מוסאדיע איז צוגעקומען נעהנטער און געפרעגט:

— הערצאָגין, האָט איהר שוין געזעהן די אויסשטעלונג פון די נייע קינסטלער?

— ניין, וואָס איז דאָס אזוינס?

— אַ נייע קינסטלער פעראייניגונג פון אימפּרעסיאָניסטען, וועלכע זיינען פשוט משוגע. צוויי פון זיי זיינען אָבער גאנץ בע־דייטענדע קינסטלער.

די הערצאָגין האָט געענטפערט מיט פעראכטונג אין קול:

— מיר געפעלען ניט די שפּאסען פון די דאָזיגע לייט.

זי האָט שטארק געהאלטען פון זיך און קיין אנדער מיינונג אויסער איהר אייגענע האָט ביי איהר ניט געגאָלטען. אליין די גרויסע יחסן׳טע האָט זי גאנץ אונבעוואוסט בעהאנדעלט קינסטלער און געלעהרענטע ווי אינטעליגענטע ארבייטער, וועלכע זיינען פון גאָט בעשאפען געוואָרען נור דערצו, אום די גוטע געזעלשאפט צו אונטערהאלטען און איהר ניצליך צו זיין.

קונסט, ליטעראטור און וויסענשאפט האָט זי געמאָסטען מיט איין מאסשטאב, זיי אלע זיינען ווערטה געווען נור אזוי פיעל ווי פיעל פערגניגען אָדער פערוואונדערונג זיי האָבען איהר פערשאפט.

זי איז געווען הויך, דיק, שווער, רויט, האָט גערעדט הויך און געהאט אַ נאָמען פון אַ פערזאָן, וואָס שטעלט זיך פאר קיין זאך נישט אָב. קיין זאך האָט זי ניט ארויסגעבראכט פון זיך, זי האָט געוואגט אלעס ארויסצוזאגען און האָט פּאטראָניזירט די גאנ־צע וועלט. צו דער עהרע פון געפאלענע פירסטען האָט זי גרוי־סע בעלער געמאכט און אפילו גאָט אליין האָט זי אויך ווען ניט ווען

אַ גלעט געטהאָן דערמיט, וואָס זי איז געוועזן זעהר פריינדליך צו די גייסטליכע און געגעבען גרויסע נדבות פאַר דער קירכע.

מוסאַדיע האָט ווייטער גערעדט:

— ווייסט איהר, הערצאָגין, אַז מען האָט געכאַפּט דעם מערדער פון מאַריע לאַמבאורג?

זי האָט זיך גלייך פעראינטערעסירט:

— אָך, דאָס מוזט איהר מיר דערצעהלען!

און ער האָט איהר געגומען דערצעהלען אַלע איינצעלהייטען. ער איז געוועזן הויך, זעהר מאָגער, האָט געטראָגען אַ ווייסע וועסט און קליינע דימענטענע קנעפּ אין העמד. ער האָט גערעדט זעהר שעהן, ניט מאַכענדיג מיט די הענד, אַזוי אַז ער האָט געקענט זאָגען די ערגסטע זאַכען — אויף וואָס ער איז אייגענטליך געוועזן אַ מייסטער — גאַנץ רוהיג. ער איז געוועזן זעהר קורצזיכטיג און ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס ער האָט געטראָגען ברילען, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק ווי ער זעהט קיין מאָל קיינעם ניט, און ווען ער האָט זיך געזעצט האָט עס אויסגעזעהן, ווי זיין גאַנצער קערפּער דרעהט זיך צוזאַמען און פּאַסט זיך צו צו דער פאָרמע פון שטוהל. זיין אויבערשטער קערפּער איז איינגעפאַלען, געוואָרען גאַנץ קליין און זיך אויסגעבויגען, ווי ער וואָלט געוועזן פון גומע געמאַכט.

די פּיס איינס אויף דאָס אַנדערע פאַרלייגט האָבען אויסגעזעהן ווי צוויי אויפגעוויקעלטע לענטעס און דיביידע אָרימס מיט די בלייכע הענד און דאַרע פינגער האָבען שלאַף פון די הענטלאַך פונ׳ם שטול אַראָבגעהאַנגען. זיינע האָר און זיינע וואָנצעס זיינען געוועזן געפאַרבט און גור וואו ניט וואו האָט זיך געזעהן אַ ווייסער האָר, וועלכען מען האָט דאָרט אומישנע איבערגעלאָזען. דאָס האָט אָפט אַרויסגערופען פיעל וויצען.

ווען ער האָט געהאַלטען אין ערקלעהרען דער הערצאָגין, ווי אַזוי דער מערדער האָט די ציערונג פון דער ערמאָרדעטער שטראַסען פרוי אוועקגעגעבען צו אַן אַנדער פרוי פון איהר סאָרט, האָט

זיך די טיר פון גרויסען סאַלאָן ווידער גאַנץ ברייט געעפענט און צוויי בלאָנדע פרויען אין ווייסע שפּיצען־קליידער, עהנליך איינע צו דער צווייטער, ווי צוויי שוועסטער פון פערשיעדענעם עלטער, איינע אַביסעלע צו רייף, די אַנדערע אַביסעלע צו יונג, איינע אַביסעלע צו פול, די אַנדערע אַביסעלע צו מאַגער, לאַכענדיג און געאַרמט, זיינען אין צימער אַריינגעטראָטען.

עס איז געוואָרען אַ געשריי, אַ קלאַפּעריי בראַוואָ. קיינער אויסער אָליוויען בערטין, האָט ניט געוואוסט, ביז דאָס יונגע מיידעל איז אין צימער אַריין, אַז אַננעלע גיללעראַי האָט זיך אומגעקעהרט צו איהרע עלטערן אין הויז. נעבען דער יונגער מיידעל האָט די גרעפין פון וויטען אויסגעזעהן כמעט אַזוי פריש און אפשר נאָך שעהנער ווי זי, דען ווי אַ בלום אין איהר פולער בליהונג האָט זי געלויכטען אין איהר פולען גלאַנץ, ווערענד דאָס קינד ווי אַ ערשט געעפענטע קנאָספע, האָט נאָך ערשט געדאַרפט אויפבליהען.

די הערצאָגין האָט בעגייסטערט געקלאַפּט מיט די הענד און אויסגערופען:

— אַך, ווי שעהן, ווי רייצענד זיי זיינען איינע נעבען דער אַנדערער, קוקט זיי נאָר אָן, הערר מוסאַדיע, ווי עהנליך זיי זעהען אויס.

מען האָט זיי פערגליכען און גלייך האָבען זיך געבילדעט צוויי מיינונגען. מוסאַדיע, די קאָרבעללס און גראַף גיללעראַי האָבען זיך אויסגעשפּראָכען, אַז די גרעפין און איהר טאָכטער האָבען נור די זעלבע געזיכטספאַרב, די זעלבע האָר און איבערהויפּט די זעלבע אויגען מיט די זעלבע שוואַרצאַפּלען, וועלכע זעהען אויס ווי צוויי קליינע טינט פלעקען אויף דער בלויער אירים. זיי האָבען אָבער געדענקט, אַז ווען דאָס יונגע מיידעל וועט זיך ענטוויקלען אין אַ פרוי, וועט די עהנליכקייט פערשווינדען.

אָבער די הערצאָגין און אָליוויער בערטין האָבען בעהויפּטעט, אַז זיי זעהען אויס איינע פונקט ווי די אַנדערע, דער אונטער־

שיער ליגנט נור אין זייער עלטער. דער מאהלער האט גע־זאגט:

— האט זי זיך אבער פאר די לעצטע דריי יאהר פארענ־דערט, איך וואלט זי בשום אופן ניט דערקענט, איך וואג שוין איצט ניט איהר „דו״ צו זאגען.

די גרעפין האט זיך צולאכט:

— איך וואלט טאקע וועלען הערען, ווי איהר זאגט צו אנ־נעלען „איהר.״

דאס יונגע מיידעל האט האלב פערשעהמט געענטפערט:

— איך וועל אודאי זיך מעהר ניט ערלויבען צו זאגען צו הערר בערטין „דו.״

די מוטער האט א שמייכעל געטהאן:

— די שלעכטע געוואהנהייט מעגסטו איינהאלטען, איך ער־לויב עס דיר, איהר וועט אין גיכען ווידער ווערען גוטע פריינד.

אבער אננעלע האט געשאקעלט מיט'ן קאפ:

— ניין, ניין, דאס זשענירט מיך.

די הערצאגין האט זי ארומגענומען, געקושט און איצט האט זי זי בעטראכט פון אלע זייטען.

— קום, קינד, קוק מיך אקארשט גוט אן, יא, דו האסט דיין מאמע'ס אויגען. אין א קורצער צייט, ווען דו וועסט זיך אביסעל ענטוויקלען, וועסטו ווערען זעהר שעהן. דו מוזט דיקער ווערען, ניט פיעל, א קליין ביסעלע נור, אזוי זעהסטו אויס, ווי אן אמת'ער סקעלעט.

די גרעפין האט אויסגערופען:

— אך, זאגט עס איהר נישט!

— פאר וואס ניט?

— אך, עס איז אזוי שעהן, צו זיין שלאנק, איך וועל נאך מיר מוזען אביציהען אביסעל פעטס.

דאס האט די הערצאגין ארויסגעבראכט פון זיך און אין איהר

כעם האָט זי פאַרגעסען אויף דער געגענוואַרט פון דער יונגער מיידעל:

— אַך, געהט שוין געהט, איך געפעלען אימער נור הוילע ביינער, ווייל זיי איז לייכטער צו בעקליידען ווי פלייש. אין מיין צייט האָט מען די דיקע פרויען געהאַלטען פאַר שעהן. היינט איז אַ צייט פאַר מאַגערע פרויען, דאָס דערמאַנט מיך אָן די זיע־בען פעטע און זיעבען מאַגערע קיה. איך קען ניט פערשטעהן די מענער, וואָס מאַכען אַן אַנשטעל, אַז זיי בעוואונדערען אייערע הינערשע ריפּען, אין מיין צייט האָבען זיי געוואָלט האָבען מעהר.

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגען; אַלע האָבען געשמייכעלט און דאַן האָט זי ווייטער גערעדט:

— הער אויס, קליינע, קוק אָן דיין מאַמען, זי איז שעהן, פונקט ווי אַ פרוי דאַרף זיין, דו מוזט אויך אַזוי ווערען.

זיי זיינען אוועק צום טיש און ווען אַלע האָבען זיך אויס־געזעצט האָט מוסאַדיע פאַרטוגעזעצט דעם געשפּרעך:

— איך מיין, — האָט ער געזאָגט — אַז די מענער מוזען זיין מאַגער, ווייל זיי דאַרפען מאַכען אַ סך גימנאַסטיק און דערצו מוז מען זיין בעוועגליך און פלינק; מיט אַ גראָבען בויך קען מען זיך ניט אַ קעהר טהאָן. ביי די פרויען איז דאָס שוין גאָר אַן אַנדער זאַך. דענקט איהר ניט אַזוי, קאָרבעלל?

קאָרבעלל איז געוואָרען צומישט. די הערצאָגין איז געוועזען דיק און זיין אייגענע פרוי זעהר מאַגער. אָבער די באַראָנעסע איז געקומען איהר מאַן צו הילף און האָט זיך אָפען אויסגעשפּראָ־כען פאַר די מאַגערע: פאַר אַ יאָהרען האָט זי דערציהלט, אַז זי ווערט פעט און זי האָט געמוזט אָנפיהרען אַ שווערען קאַמפּף דאַגעגען, אָבער צום גליק האָט זי איהר פעטס שנעל בעזיעגט.

גרעפין גיללעראַי האָט געפרעגט:

— וואָס האָט איהר געטהאָן?

די באַראָנעסע האָט ערקלעהרט די מעטהאָדע, וועלכע אַלע אַריסטאָקראַטישע דאַמען האָבען יעצט בענוצט. מען האָט בעת

דעם עסען גאַרנישט געטאָרט טרינקען. ערשט אין א שעה אַרום האָט מען זיך ערלויבט אויסצוטרינקען א טאַס בלאַסען, קאָכעדיגען טהעע. דאָס האָט אויף אַלע געווירקט. זי האָט אָנגעוויזען מערק־ווירדיגע ביישפּיעלען פון דיקע פרויען, וועלכע זיינען אין איין פיערטעל יאָהר געוואָרען דין ווי א מעסער קלינגעל.

די הערצאָגין האָט אויסגערופען אויסער זיך:

— מיין גאָט, ווי נאַריש דאָס איז זיך אַזוי צו פּלאָגען. און איהר האָט טאקע גאָר נישט געטרונקען, לחלוטין גאָר נישט, ניט אפילו קיין שאַמפּאַניער? זאָגט מיר אָקאָרשט, בערטין, וואָס דענקט איהר, אַלס קינסטלער, וועגען דעם?

— מיר, אַלס מאָהלער, איז אַלץ איינס, איך פאַרשטעל מיי־נע מאָדעלען מיט שטאָפען. זעהט איהר, ווען איך זאָל זיין א סקולפּטאָר, דאַן וואָלט איך געהאַט גרונד זיך צו בעקלאָגען.

— איהר זייט דאָך אָבער א מאַן אויך, וואָס געפעלט אייך בעסער?

— מיר? עטוואָס בעלייבטע שעהנקייט, עפּעס אַזוינס וואָס מיין קעכין רופט אָן א צאַרטע הינדעלע. ניט פעט אָבער פול און פיין.

אַלע האָבען געלאַכט איבער זיין פערגלייך, אָבער די גרעד־פין האָט עס ניט געוואָלט גלויבען, זי האָט אָנגעקוקט איהר טאָכ־טער און געמורמעלט:

— ניין, עס איז בעסער צו זיין מאָגער. מאָגערע פרויען ווע־רען ניט אַלט.

וועגען דעם האָט מען נאָך פיעל דיסקוטירט און די דאָזיגע פראַגע האָט צוטהיילט די געזעלשאַפט אין צוויי לאַגערן. נור איין איין זאַך זיינען אַלע געווען איינשטימיג, אז ווען עמעצער איז צו פעט, טאָר ער נישט צו שנעל מאגער ווערען.

דערנאָך האָט מען גענומען רעדען פון די בעוואוסטע אַריס־טאָקראַטישע דאַמען, פון זייער חן, זייער שיק, זייער שעהנ־הייט.

מוסאַדיע האָט בעהויפּטעט, אַז די בלאָנדע מאַרקיזע לאָק־ריסט איז שעהן אָהן א ברעג, בעת בערטין האָט געדענקט, אַז מאַ־דאַם מאַנדעליער מיט איהר דונקעלער געזיכטספאַרב, איהר נידע־ריגען שטערן, איהרע שוואַרצע אויגען און איהר עטוואָס גרויסען מויל, אין וועלכען עס בליטשען די ווייסע צייהן, האָט נים קיין גלייכען.

ער איז געזעסען נעבען דער יונגער מיידעל און האָט זיך פלוצים צו איהר א קעהר געטהאָן:

— הער אויס, אַננעלע, אַלעס וואָס מיר רעדען דאָ, וועסטו נאָך הערען וויניגסטענס איין מאָל א וואָך ביז דו וועסט אַלט ווערען. אין אַכט טאָג אַרום וועסטו וויסען אויסענווייניג אַלעס, וואָס מען רעדט אין דער געזעלשאַפט איבער פּאָליטיק, פּרויען, טהעאַטער שטיקער און אַזוי ווייטער. דו דאַרפסט נור פון צייט צו צייט אומבייטען די נעמען פון די לייטע אָדער די ווערק. ווען דו וועסט האָבען אויסגעהערט אונזער אַלעמענס מיינונגען און אַנזיכטען וועט דיר דאַן קלאָהר ווערען, וואָס פאַר א מיי־נונג דו מוזט האָבען. דאַן דאַרפסטו מעהר נישט דענקען וועגען קיין זאַך, און קענסט זיך דאַן אויסרוהען.

די קליינע האָט איהם אָנגעקוקט, אָהן א ענטפער, מיט פער־דרוס, און פון איהרע אויגען האָט אַרויסגעקוקט א יונגער, לעבעדי־גער נאָך ניט געצאַהמטער גייסט און א פערלאַנג צו געהן מיט אַן אייגענעם וועג.

אָבער די הערצאָגין און מוסאַדיע, וועלכע האָבען זיך גע־שפּיעלט מיט אידעען ווי מיט א פּילקע, ניט בעמערקענדיג, אַז זייערע אידעען זיינען אימער דיזעלבע, האָבען פּראָטעסטירט אין נאָמען פון'ם מענשליכען גערדאַנק און מענשליכע טהאַטען.

דאַן האָט בערטין זיך גענומען בעווייזען ווי ווערטהלאָז און אונבעדייטענד עס איז די גייסטיגע ארבייט פון די געזעלשאַפטלי־כע אַריסטאָקראַטען. זייער גלויבען איז שוואַך, זייער וויסען אויב־בערפלעכליך, זייער אינטערעס פאַר גייסטיגע זאַכען איז קליין,

אָפּט גלייכגילטיג און זייער געשמאַק, אויף וועלכע מען קען זיך ניט אָפּט פערלאָזען, האַלט זיך אין איין בייטען.

היגעריסען, אין אַן אַנפאַל פון כעס, האַלב ערנסט און האַלב געמאַכט, האָט ער זיי געוויזען, ווי מענשען, וועמענס איינציגע בעשעפטיגונג אין לעבען בעשטעהט אין מאַכען וויזיטען און עסען דינערס מוזען מיט דער צייט ווערען פוסט און אויבערפלעכליך.

— זיי לעבען — האָט ער געזאָגט — אין אַ וועלט, וועלכע זיי פערשטעהען ניט, נעבען דער וויסענשאַפט, וועלכע בלייבט זיי פרעמד, נעבען דער נאַטור, וועלכע זיי בעאָבאַכטען ניט, נעבען דעם גליק, וועלכען זיי זיינען אונפעהיג צו געניסען, נעבען דער שעהנהייט פון קונסט, פון וועלכער זיי ריידען נור, אָבער פיהלען זי ניט און גלויבען ניט אין איהר. זיי איז פרעמד די הינריי־סונג, די הייליגע בעגייסטערונג, וואס דאָס לעבען און די קונסט רופט אַרויס. זיי זיינען ניט פעהיג זיך אָבצוגעבען צו איין זאַך אין גאַנצען מיט ליב און לעבען, זיך אין עטוואס אַזוי לאַנג צו פערטיעפען, ביז זיי זאָלען האָבען דאָס גליק, אַז די זאַך זאָל זיי קלאָר ווערען.

באַראָן קאַרבעלל האָט געהאַלטען פאַר זיין פליכט צו פער־טהיידיגען די געזעלשאַפט.

ער האָט עס געטהאָן מיט פוסטע, אויסגעדראָשענע אַרגומענ־טען, מיט אַרגומענטען, וועלכע זיינען פאַר דעם לעבעדיגען שכל צושמאָלצען געוואָרען, ווי שנעע פאַר פייער. צום שלום האָט ער פערגליכען די געזעלשאַפטליכע אַריסטאָקראַטען מיט רייס־פערד, וועלכע ברייגען טאַקע קיין נוצען ניט, אָבער דאָך בילדען זיי דעם שטאָלץ פון זייער ראַסע.

בערטין האָט זיך פון דעם דאָזיגען געגנער געפיהלט אונאַנ־גענעהם און ער איז אַנשוויגען געוואָרען העפליך אָבער פול מיט פעראַכטונג; אָבער פלוצים האָט איהם דעם באַראָן'ס דומהייט אַרויסגעבראַכט פון זיך. ער איז איהם קלוג אַריינגעפאַלען אין די רייד און גענומען שילדערן מיט אַלע איינצעלהייטען דאָס לעבען

פון אַן אַריסטאָקראַט פון אין דער פריה, ווען ער שטעהט אויף, ביז ער געהט שלאָפען.

פון די דאָזיגע אַלע איינצעלהייטען איז גלייך אויסגעוואַקסען אַ מערקווירדיגע קאָמישע פיגור. מען האָט געזעהן פאַר זיך אַ בילד, ווי דער אַריסטאָקראַט לאָזט זיך אָנטהאָן פון זיין דיענער, ווי ער רעדט עטליכע אַלגעמיינע פראַזען מיט דעם באַרבער, וועלכער איז געקומען איהם ראַזירען, דאַן ווי ער פרעגט זיך נאָך ביי זיינע שטאַל קנעכט אויף זיינע פערד איידער ער מאַכט זיין מאָרגען שפּאַציר, ווי ער פאָהרט נאָכדעם דורך די אַלעען פון די באָים דע באולאָין שטאַרק פאַרטהאָן מיט דעם גריסען די אַרומיגע שפּאַציער פאָהרער און ענטפערן אויף זייערע גרוסען; ווי ער פריהשטיקט דאַן מיט זיין פרוי און פאָהרט מיט איהר אַרוים אין אַ קאַרעטע, וואו ער דערצעהלט איהר וועמען ער האָט פריהער גע־טראָפען, דאַן ווי ער לויפט אַרום ביז אין אַבענד פון איין סאַלאָן אין אַ צווייטען און שיירט זיין מוח זיך אונטערהאַלטענדיג מיט מענשען פון זיין גלייכען; ווי ער עסט דאַן ביי עפּעס אַ פירסט, וואו מען רעדט איבער אייראָפּאַ'ס פּאָליטישע לאַגע און שליסליך, ווי ער ענדיגט זיין שווערען טאָג הינטער די קוליסען פון דער אָפּערא, אָדער פון טעאַטער...

דאָס בילד, וואָס ער האָט אָנגעוואָרפען, הגם עס האָט קיינעם פון די געסט ניט בעליידיגט, איז געווען אַזוי ריכטיג, אַז אַלע ביים טיש האָבען זיך צולאַכט.

נור די הערצאָגין האָט זיך געוואָלט איינהאַלטען, אָבער צום סוף האָט זי געזאָגט:

— ניין, דאָס איז טאַקע צו קאָמיש, איך שטאַרב פאַר געלעכ־טער.

בערטין, וועלכער איז געווען זעהר אויפגערעגט, האָט גע־ענטפערט:

— אַך, הערצאָגין, אין דער געזעלשאַפט שטאַרבט מען ניט פון לאַכען, מען לאַכט דאָרט כמעט גאָר נישט. מען מאַכט נור אַזאַ

אַנשטעל, אַז מען אַמוזירט זיך כלומר'שט און מען לאַכט. ווען איהר ווילט זעהן, ווי מען לאַכט אויף אַן אמת, דאַן געהט אין אַ פּאָלקס טהעאַטער, זעהט ווי דער איינפאַכער מענש אונטערהאַלט זיך און לאַכט; געהט אין אַ קאַזאַרמע, זעהט, ווי די לייטע דאָרט קאַטשען זיך אויף זייערע בעטלאַך, האַלטען זיך ביי די זייטען און גיסען מיט טרערען פאַר געלעכטער פון די שפּאַסען פון עפּעס אַ וויצלינג. אָבער אין אונזערע סאַלאָנען לאַכט מען ניט, דאָ איז אַלעס בלויז אַן אָנשטעל.

מוסאַדיע האָט איהם אונטערבראָכען:

— הערט אָקאָרשט אויס, איהר ווערט שוין אָביסעל צו שטרענג. איהר מאַכט פון דער געזעלשאַפט אַזאַ תל און דאַך האָט איהר אַליין אויך ניט פיינט אַהין צו קומען.

בערטין האָט געשמייכעלט:

— יאַ, אמת, איך האָב ליעב אַהין צו געהן.

— נו, אַלזאָ?

— דערפאַר פעראַכט איך זיך טאַקע אביסעלע!

— דאָס איז אַלעס נור פּוסטע קאָמעדיע — האָט געזאָגט די הערצאָגין.

און ווען ער האָט זיך געוואָלט פערטהיידיגען געגען איהר פאָרוואורף, האָט זי געשלאָסען די דעבאַטע מיט דער ערקלעהרונג, אַז אַלע קינסטלער שפּיעלען גערן אַביסעל קאָמעדיע פאַר דער אַריסטאָקראַטיע.

דאַן איז די אונטערהאַלטונג געוואָרען מעהר אַלגעמיין, האָט בעריהרט אַלע מעגליכע פראַגען, איז געוואָרען באַנאַל, מילד, פריינדליך, אינטים, און אַזוי ווי דער דינער האָט זיך געענדיגט, האָט די גרעפין פלוצים אויסגערופען, אַנווייזענדיג אויף איהרע אָנגעפילטע גלעזער:

— איהר זעהט, איך האָב גאָר נישט געטרונקען, גאָר נישט, ניט אַמאָל אַ טראָפּען. איצט לאָמיר זעהן, צי איך וועל ווערען מאָגער.

די הערצאָגין איז געוואָרען שטאַרק אויפגעבראַכט און זי געוואָלט צווינגען אַ זוּפּ צו טהאָן אַביסעל מינעראַל וואַסער. אָבער איהר מיה איז געווען אומזיסט און זי האָט געזאָגט:

— ניין, דאָס איז אַ גרויסע נאַרישקייט, יעצט וועט איהר נאָך אייער אייגענע טאָכטער אויך דעם קאָפּ פערדרעהען. איך בעט אייך, הערר גילעראַי, דערלאָזט ניט אייער פרוי צו בעגעהן אַזעלכע דומהייטען.

דער גראַף, וועלכער האָט אין דיעזער צייט ערקלעהרט מוסאַ־דיע'ן די סיסטעמע פון אַ ניי ערפונדענער דרעש מאַשין אין אַמע־ריקאַ, האָט זי ניט געהערט.

— וואָס פאַר אַ דומהייטען, הערצאָגין? — האָט ער גע־פרעגט.

— אָט, מאַגער צו ווערען.

ער האָט געוואָרפען אויף זיין פרוי אַ גוטמוטיגען און גלייכ־גילטיגען בליק.

— איך ערגער זי ניט גערן.

די גרעפין איז אויפגעשטאַנען און גענומען איהר שכן אונ־טער'ן אָרעם, דער גראַף האָט דערלאַנגט זיין האַנד דער הער־צאָגין און אַלע זיינען אַוועק אין גרויסען זאַאַל, ווייל דער בודואַר איז געהאַלטען געוואָרען נור פיר די בייטאָגעדיגע אונטערהאַל־טונגען.

דער זאַאַל איז געווען זעהר אַ גרויסער, זעהר אַ ליכטיגער צי־מער. אויף די פיער ווענט זיינען געווען גרויסע שעהנע גאָבע־לינס פון מאַט בלויען זייד אין ווייסע און גאָלדענע ראַהמען פאַר־צויגען. ביים שיין פון די לאָמפּען און דעם גרויסען היינגלייכטער, האָבען זיי אויסגעזעהן ווי מיט דעם צאַרטען ליכט פון דער לבנה בעגאָסען. אין מיטען פון דער הויפּט וואַנד איז געהאַנגען אָלי־וויער בערטין'ס בילד, וואָס ער האָט געמאָהלען פון דער גרעפין. עס האָט ווי בעהערשט און באַלעבט דאָס גאַנצע צימער. עס האָט זיך אַזוי געפּאַסט אַהער, דאָס דאָזיגע שמייכלענדיגע, יונגע פרויען

געזיכט מיט דעם ליעבליכען בליק און די ליכטיגע בלאָנדע האָר. עס איז כמעט ביי אַלעמען דאָ אין הויז געווארען אַ געוואָהנהייט, אַזאַ מין העפליכער מנהג — אַ שטייגער ווי, ווען מען קומט אַריין אין אַ קירכע, צלמ'ט מען זיך — ביים אַנבליק פון דאָס בילד דעם מאַהלער אַ קאָמפּלימענט צו מאַכען.

מוסאַדיע האָט עס קיין מאָל ניט פאַרפעהלט צו טהאָן. אַזוי ווי זיין מיינונג האָט געהאַט אַ גרויסען, אָפיציעלען ווערטה, האָט ער עס געהאַלטען פאַר זיין פליכט וואָס עפטער דאָס ווערטה פון דעם בילד צו בעשטעטיגען. און מיט אַ איבערצייגטען טאָן האָט ער בעמערקט:

— דאָס איז ווירקליך דאָס שעהנסטע מאָדערנע בילד, וואָס איז מיר בעקאַנט, עס איז וואונדערבאַר לעבעדיג.

גראַף גיללעראַי, הערענדיג דאָס שטענדיגע לויב געזאַנג, האָט זיך אויפ'ן סוף אַליין איינגערעדט אַז ער בעזיצט אַ גרויסע מייס־טערווערק, ער איז צוגעגאַנגען נעהנטער און אויף אַ פּאָר מינוטען איז אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט קאָנצענטרירט געווארען אויף דעם פּאָרטרעט און אויף דעם מאַהלער.

אַלע האָבען געקוקט אויף דאָס בילד און אַלע האָבען געשיינט צו זיין בעגייסטערט. אָליוויער בערטין, וועלכער איז געוואָהנט געוואָען צו דער דאָזיגער פערעהרונג און האָט איהר ניט געשענקט מעהר קיין אויפמערקזאַמקייט, ווי ווען מען וואָלט אין גאַס איהם אָבגעשטעלט און געפרעגט וואָס ער מאַכט, האָט פון דעסטוועגען אָנגעשטעלט דעם רעפלעקטאָר אויף דעם פּאָרטרעט, אום איהם ריכטיג צו בעלייכטען, ווייל דער דינער אין זיין נאַכלעסיגקייט האָט איהם אָנגעשטעלט קרום.

דאַן האָבען זיך אַלע געזעצט. דער גראַף איז צוגעקומען צו דער הערצאָגין און זי האָט צו איהם געזאָגט:

— איך דענק אַז מיין פּלימעניק וועט מיך קומען אָבנעהמען, דאַן וועט ער ביי אייך טרינקען טהעע.

זיי ביידע האָבען אין דער לעצטער צייט געהאַט דיזעלבע

ווינשע, הגם זיי האָבען זיך ניט צוזאַמענגערעדט און אפילו קיין אָנצוהערעניש וועגען דעם ניט געגעבען איינער דעם צווייטען.

דער ברודער פון דער הערצאָגין דע מארטעמאין, מארקיז פאראנדאל איז, נאָכדעם ווי ער האָט כמעט זיין גאַנצען פערמעגען אין קאָרטען פערשפּיעלט, איין מאָל רייטענדיג פון פערד ארונטערגעפאלען און איז דערפון געשטאָרבען צוזאַמען מיט זיין פערד. ער האָט איבערגעלאָזען אן אלמנה און א זוהן. דער יונגער מאַן, א יאָהר אכט און צוואנציג אלט, איז געווען איינער פון די בעסטע טענצער אין איירעפּא, פון צייט צו צייט האָט מען איהם זאָגאר ארויסגערופען קיין לאָנדאָן אדער וויען אום דאָרט אויף די פירסטליכע בעלער צו פיהרען די טענץ. ער איז געווען כמעט אָהן שום פערמעגען, אָבער צוליעב זיין פאמיליע, זיין נאָמען, זיין כמעט קעניגליכע פערוואנדשאפט, איז ער געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע און עלעגאַנטסטע יונגע לייט אין פאריז.

די דאָזיגע בעריהמטקייט, וועלכע ער האָט זיך דורך ספּארט און טענץ ערווארבען, האָט געמוזט בעפעסטיגט ווערען דורך א רייכע הייראַט, אָבער טאקע זעהר א רייכע, דאַן וועלען נאָך די געזעלשאפטליכע ערפאָלגען קומען אויך פּאָליטישע. זאָל ער נור ווערען אָבגעאָרדענטער, וועט שוין דער מארקיז, טאקי ווידער אמאָל צוליעב זיין שעהן טאנצען, ווערען איינער פון די הויפּט זיילען פונ׳ם טראָן, איינער פון דעם קעניג׳ס ראַטגעבער, איינער פון די פיהרער פון דער ראָיאליסטישער פארטיי.

די הערצאָגין האָט גוט געוואוסט, וואס פאר אונגעהייערע אוצרות דער גראַף גיללעראי פערמאָגט. דער דאָזיגער שפּארזאַמער מיליאָנער, וועלכער האָט פארנומען א גאַנץ איינפאכע וואָהנונג, האָט געקענט וואָהנען אין איינעם פון די שעהנסטע פּאַלאַצען אין פאריז. זי האָט געוואוסט, אז ער האָט א גאַנץ בעזונדערע נאָז צו דערשמעקען, וואו נור מען קען מאכען געלד. איהר זיינען בעקאנט געווען אלע זיינע גליקליכע ספּעקולאציעס, אלע פערשידענע געשעפטען, וואו ער האָט א טהייל געהאַט און וועל-

כע האָבען איהם פאַר די לעצטע צעהן יאָהר אריינגעבראכט אוצרות מיט געלד און איהר איז איינגעפאלען א גערדאנק חתונה צו מאַכען איהר פלימעניק מיט דער טאָכטער פון דעם גאָרמאַנישען אָבגעאָרדענטען. דער לעצטער וואָלט צוליעב דער דאָזיגער חתונה געקראָגען א גרויסען איינפלוס אין דער אריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט און ער וועט זיכער זיין פאַר דעם שידוך. גיללעראי, וועלכער האָט אליין געטהאָן א רייכען שידוך און זיין אייגענעם פערמעגען מיט דער צייט פיעלפאַך פערמעהרט, האָט איצט ארויסגעקוקט ניט אויף געלד נור אויף גאַנץ אַנדערע זאַכען.

ער האָט געגלויבט, אז פראַנקרייך וועט ווידער רעגירט ווערען פון א קעניג און ווען דאָס זאָל פּאַסירען, האָט ער געוואָלט ציהען דערפון די גרעסטע נוצען.

אַלס איינפאַכער אָבגעאָרדענטער איז ער געווען גאַנץ אונבעדייטענד, אָבער אלס שווער פון דעם מאַרקיז פּאַראַנדאַל, וועמעס אורעלטערען זיינען געווען די בעסטע פריינד און טייערסטע דינער פון די קעניגליכע הייזער אין פראַנקרייך, האָט ער זיך געקענט ארויסרוקען אין סאַמע פראָנט.

די פריינדשאַפט פון דער הערצאָגין צו דער גרעפין גיללעראי האָט צוגעגעבען דער זאַך א ווערטפאָלען אינטימען כאַראַקטער און מורא האָבענדיג, אז אן אַנדער מיידעל זאָל דערוויילע ניט געפעלען ווערען דעם מאַרקיז, האָט ער גערופען זיין טאָכטער צוריק אהיים, אום דער שידוך זאָל וואָס גיכער געשלאָסען ווערען.

די הערצאָגין דע מאַרטעמאַין האָט זיך אָנגעשטויסען אויף זיינע אבזיכטען. זי איז געווען דאַפיר, און הגם זי האָט ניט געוואוסט פון דער מיידעל'ס צוריקקומען אהיים, האָט זי איהר פּלימעניק געהייסען היינט קומען צו די גיללעראיס, אום איהם בײַלעבווייז צו זייער הויז צו געוואָהנען.

צום ערשטען מאָל האָבען די הערצאָגין און דער גראַף וועגען זייערע פּלענער גערעדט און, ווען זיי זיינען זיך צוגאַנגען, איז דער שידוך געווען אן אָבגעמאכטע זאַך.

אויף דער צווייטער זייט פון סאַלאָן האָט זיך דערהערט אַ געלעכטער, הערר דע מוסאַדיע האָט נור וואָס דערצעהלט דער באַראָנעסע קאַרבעלל, ווי אַ קאָמיטע פון נעגערס איז פאַרגעשטעלט געוואָרען פאר דעם פּרעזידענט; אין דיזער צייט האָט אַ דיענער געמלדעט דעם מאַרקיז פאַראַנדאַל.

ער האָט זיך בעוויזען אין טיר אוי איז געבליבען שטעהן. מיט אַ שנעלער בעוועגונג האָט ער צוגעטראָגען זיין מאָנאָקל צו דער רעכטער אויג און איז אַזוי געבליבען שטעהן, ווי ער וואָלט וועלען זעהן ווער עס געפינט זיך אין סאַלאָן, הויפּטזעכליך אָבער, ווייל ער האָט די לייטע דאָרט געוואָלט געבען צייט איהם צו דערזעהן און אויף זיין קומען אויפמערקזאַם צו מאַכען. דאַן האָט ער פּלוצלים אַרויסגעלאָזט דאָס רונד גלעזעל, וואָס איז געהאַנגען אויף אַ זיידענעם שנירעל, פון האַנד, איז שנעל צוגעגאַנגען צו דער גרעפין גילעראַי, וועמעס אויסגעשטרעקטע האַנד ער האָט מיט אַ טיעפער פערביינונג אַ קוש געטהאָן. דאָס זעלבע האָט ער געטהאָן ביי זיין טאַנטע, דאַן האָט ער בעגריסט די איבעריגע אַנוועזענדע, האָט אַלעמען געדריקט די האַנד און איז מיט עלעגאַנטער זיכערהייט געגאַנגען פון איינעם צום צווייטען.

ער איז געוועזען אַ הויכער יונג מיט רויטע וואָנצעס, שוין אַביסעלע פּליכעוואַטע, מיט דעם אויסזעהן פון אַן אָפיציר און מאַניערען פון אַן ענגלישען ספּאָרט. ווי מען האָט נור אויף איהם אַ קוק געטהאָן האָט מען גלייך געזעהן, אַז ער איז איינער פון יענע מענער, וואָס מאַכען איבונגען מיט אַלע זייערע גליעדער מעהר ווי מיט'ן קאָפּ און וואָס ליעבען נור די זאַכען, וואָס האָבען צו טהאָן מיט פיזישע קרעפטען און מיט קערפּערליכער בעוועגליכקייט. דאָך איז ער ניט געוועזען אונגעבילדעט, דען ער האָט אַביסעל געלערענט און לערענט נאָך ביז היינטיגען טאָג אַלעס, וואָס וועט איהם שפּעטער אַמאָל קענען צוניץ קומען: געשיכטע און די עלעמענטאַרע בעגריפען פון נאַציאָנאַלע עקאָנאָמיע און פּאָליטיק, וועלכע זיינען נויטיג פאר אַן אָבגעאָרדענטען, מיט איין וואָרט

דעם אלף בית פון דער סאָציאַלער וויסענשאַפט פאַר דעם געברויך פון די הערשענדע קלאַסען.

מוסאָדיע האָט איהם כאַראַקטעריזירט מיט די פאָלגענדע ווערטער:

— ער וועט אַמאָל זיין זעהר א בעדייטענדער מאַן!

בערטין האָט אין איהם געשעצט זיין געשיקטליכקייט און קראַפט, זיי האָבען ביידע בעזוכט דעם זעלבען פעכט פּלאַץ, זיי־נען אָפט געגאַנגען צוזאַמען אויף געיעג און זיך אָפט געטראָפען פאָהרענדיג רייטענדיג אויף די ספּעציעלע רייטוועגען פון באָים דע בולאָן. און אַזוי איז ביי זיי אויסגעוואַקסען א געוויסע סימ־פּאַטיע פון איינעם צום צווייטען, א מין סאָרט פערטרויליכקייט, וואָס ווערט צווישען צוויי מענער, ווען זיי פערברענגען צוזאַמען און געפינען אין געוויסע זאַכען דעם זעלבען געשמאַק.

ווען דער מאַרקיז איז פאָרגעשטעלט געוואָרען פאַר אַננעלע גיללעראַי, האָט ער פּלוצים געקריגען א פאַרדאַכט, אַז זיין טאַנטע האָט עפּעס פּלענער, און נאָכדעם ווי ער האָט זיך פערנייגט, האָט ער דאָס יונגע מיידעל בעטראַכט מיט א שנעלען קענער בליק און זי איז איהם געפעלען, איבערהויפּט האָט זי פיעל פערשפּראָ־כען פאַר דער צוקונפט. ער האָט אָנגעפיהרט אַזוי פיעל קאָטיל־לאָנס, אַז ער האָט זיך אויף יונגע מיידלאך פערשטאַנען און האָט כמעט מיט זיכערהייט געקענט פאָראויסזאָגען וועגען דער ענטוויק־לונג פון זייער שפּעטערדיגער שעהנהייט, ווי דער קענער אויף נאָך צו יונגען וויין.

ער האָט מיט איהר אויסגערעדט נור עטליכע אונבעדייטענדע ווערטער, דאַן האָט ער זיך געזעצט נעבען דער גרעפין גיללעראַי און גענומען שפּאַסען מיט איהר האַלב אין דער שטיל.

פריה זיינען אַלע זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען און ווען אַלע זיינען אַוועק, די קליינע האָט זיך שלאָפען געלייגט, די לאָמפּען האָט מען אויסגעלאָשען און די דינער זיינען אין זייערע צימערען געווען, איז דער גראַף גיללעראַי ארומגעגאַנגען איבער'ן סאַלאָן, וועלכער איז

בעלויכטען געוועזן בלויז פון צוויי ליכט און גערעדט צו זיין פרוי איבער זיינע האָפנונגען. א מיעדע, האָט די גרעפין האַלב געדרי־מעלט איז אַ פאַטעל, בעת איהר מאַן האָט איהר ערקלעהרט, ווי פאָרזיכטיג מען מוז איצט האַנדלען, ווי מען דאַרף ווענען און מעס־טען יעדעס וואָרט אום אַן אונפאָרגעזעהענער צופאַל זאָל זייערע פּלענער ניט צושטערען.

עס איז שוין געוועזן גאַנץ שפּעט. ווען דער גראַף איז צו זיך אין צימער אַוועק, ער איז געוועזן זעהר צופריעדען מיט דעם היינ־טיגען אָוועגד און האָט געמורמעלט פאַר זיך:

— איך דענק, עס איז אַן אָבגעמאַכטע זאַך.

III

„ווען קומסטו ענדליך ווידער צו מיר, מיין פריינד, זייט דריי טעג, ווי איך האָב דיך שוין ניט געזעהן און דאָס איז אַ לאַנגע צייט. מיין טאָכטער נויטיגט זיך איצט זעהר אין מיר, אָבער דו ווייסט, אַז אָהן דיר קען איך מעהר ניט לעבען.״

דער מאהלער, וועלכער האָט אָנגעוואָרפען אַ פּאָר סקיצען נאָך אַלץ זוכענדיג עפּעס אַ נייע אידעע, האָט איבערגעלעזען דער גרעפין׳ס בריוועלע, דאַן געעפענט אַ שופלאָד פון זיין שרייבטיש און עס אַוועקגעלייגט אין אַ גאַנצען הויפען אַנדערע בריעף, וואָס האָבען זיך דאָרט אָנגעקליבען, זייט דעם ווי זיי האָבען זיך געקענט. זיי האָבען זיך איינגעוואָהנט צו טרעפען כמעט יעדען טאָג. פון צייט צו צייט איז זי געקומען צו איהם, ער האָט זיך ווייטער געארבייט, און זי האָט זיך געזעצט אויף אַ שטונדע אָדער צוויי אין דעם שטול, וואו זי איז אַמאָל אַלס מאָדעל געזעסען. אָבער אַזוי ווי זי האָט מורא געהאַט פאר די רייד פון די דינער, האָט זי איהם בעסער געוואָלט זעהן ביי זיך אדער אין וועלכען ניט איז סאַלאָן ביי אַלגעמיינע בעקאַנטע.

אַם וויינינגסטענס צוויי מאָל אַ וואָך האָט דער מאהלער מיט אַ פּאָר פריינד געגעסען ביי דער גרעפין. מאָנטאַג האָט ער זי אימער בעגריסט אין איהר לאָזשע אין דער אָפּערא, דאַן האָבען זיי זיך אָבגערעדט צו טרעפען ביי דעם אָדער יענעם בעקאַנטען, וואו זיי זיינען דאַן צופעליג אין דער זעלבער צייט געקומען. ער האָט געוואוסט די אבענדען ווען זי איז אין ערגעץ ניט געגאַנגען,

דאַן האָט ער ביי איהר געטרונקען אַ טאַס טהעע און זיך געפיהלט גאַנץ ווי אין דער היים אין איהר נאָהענטקייט, געצערטעלט און געלאַסטשעט פון איהר און אַלעם ארום. ער האָט זיך אַזוי צוגע־וואָהנט צו דער דאָזיגער פעסטער און זיכערער פריינדשאַפט, האָט זיך אַזוי צוגעוואָהנט זי וואו עס איז צו טרעפען, פערברענגען מיט איהר אַ פּאָר מינוט, דורכרעדען זיך וועגען דעם אָדער יע־נעם געגענשטאַנד, טהיילען זיך מיט איהר מיט זיינע געדאַנקען און איינדרוקע, אז הגם דער הייסער פלאַם פון זיין פריהערדיגער ליעבע איז שוין לאַנג אָבגעקיהלט געווארען, האָט ער פון דעסט־וועגען שטענדיג געפיהלט אַ בעדירפעניש זי צו זעהן, שטענדיג נאָך איהר געבענקט.

דער וואונש נאָך פאַמיליען לעבען, נאָך אַ לעבעדיגען, פרעה־ליכען הויז, נאָך געמיינזאַמע מאָהלצייטען, נאָך אבענדען, וואו מען פערברענגט געמיטליך מיט מענשען. וועלכע מען קען שוין פון לאַנג אָן, דער וואונש נאָך נאָהענטקייט, נאָך אינטימען צוזאַמען לעבען, וועלכער דרימעלט אין יעדער מענשליכער הארץ און וועלכער טרייבט דעם אַלטען בחור פון טיר צו טיר, אָט דער דאָזיגער וואונש האָט זיין צונייגונג צו דער גרעפין נאָך שטאַרקער גע־מאַכט. אין איהר הויז, וואו ער איז געליעבט און געצערטעלט געווארען, וואו ער האָט געפונען אַלעס, וואס האָט איהם גליקליך געמאכט, האָט ער זיך געקענט פון זיין איינזאַמקייט בעפרייען און אויסרוהען.

זייט דריי טעג האָט ער זיינע פריינד, וועלכע זיינען הפּנים געוועזען שטאַרק פערנומען צוליעב זייער טאָכטער'ס צוריקקומען אהיים, ניט געזעהן און ער האָט זיך שוין געלאַנגווייליגט, און איז זאָגאר געוועזען אביסעל אין כעס, וואָס זי האָט איהם נאָך ניט גע־רופען; אָבער ער האָט געוואָלט זיין טאַקטפול און איז צו זיי אַליין ניט געגאַנגען.

דער גרעפין'ס בריעף האָט איהם אַ הייב געטהאָן אין דער לופטען, ווי מען וואָלט איהם מיט אַ בייטש אַ שמיץ געטהאָן.

עס איז געווען דריי אוהר נאָכמיטאג; ער האָט זיך בעשלאָ־סען גלייך צו איהר צו געהן אום זי נאָך צו טרעפען איידער זי געהט אוועק.

ער האָט אָנגעקלונגען און דער דינער איז אריין.

— ווי איז היינט דער וועטער, יאָזעף?

— אין דרויסען איז זעהר שעהן, גנעדיגער העדר!

— דאַן גיב מיר אַ ווייסע וועסט, אַ בלויען זשאקעט און אַ גרויע הוט!

ער איז אימער געגאַנגען זעהר עלעגאַנט געקליידעט, אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס ער האָט זיך זיינע זאכען געלאָזט מאַכען ביי דעם בעסטען שניידער, האָט מען פונדעסטוועגען נאָך דער ארט און וויזע ווי ער האָט זיינע אנציגע געטראָגען, נאָך זיין ענג פארשפילעטען זשילעט, נאָך דעם הויכען גרויען הוט, עטוואס אויף הינטען אראָבגערוקט, גלייך געזעהן, אז ער איז אַ קינסטלער און אַן אַלטער בחור.

ווען ער איז צו דער גרעפין געקומען, האָט מען איהם גע־זאָגט, אז זי מאַכט זיך גרייט צו אַ שפּאַציר רייט אין די באָיס דע בולאָן. ער איז געווארען אין כעס און געוואַרט. לויט זיין געוואָהנהייט האָט ער גענומען ארומגעהן אין סאַלאָן הין און צו־ריק, פון איין שטוהל צום אנדערען, פון די פענסטער ביז צו דער אַנטקעגענדיגער וואנד פון דעם גרויסען, פון די שווערע פּאָר־האַנגען פערדונקעלטען צימער. אויף קליינע טישלאַך מיט בעגול־טע פיס זיינען געשטאַנען די פערשיעדענסטע קלייניגקייטען, אין געמאַכטער אונאָרדנונג זיינען זיי דאָרט געווען אויסגעשטעלט, די נוצלאָזע, שעהנע און טהייערע זאַכען. עס האָבען זיך דאָרט גע־פונען אַלטע קעסטעלאַך אין גאָלד געשניצט, קליינינקע טאַבאַ־קערקעס, פיגורלאַך פון עלפאַנט ביין, דאַן מאָדערנע זאַכען פון מאַטען זילבער, שטייף און קאָמיש נאָך דעם ענגלישען געשמאַק נאָך; אַ קלייניגקער קיך אויווען און אויף דעם אַ קאַץ, וואָס טרינקט פון אַ שיסעל, אַ סיגארעט קעסטעל אין דער פאָרמע פון

אַ גרויסען ברויט, אַ קאַפּע קאַן ווי אַ קעסטעל פון שוועבעלעך, אין אַ צירונג קעסטעל אַ גאַנצער אוצר מיט צירונג פּאַר אַ ליאַל־קע, אַ האַלזבאַנד, בראַסליעטען, ריגנען, אויערריגנלאַך מיט בריל־ליאַנטען, סאַפּירען, רובינען, סמאַראַגדען. דאָס לעצטע האָט גע־מאַכט דעם איינדרוק פון אַ פאַנטאַסטישען שפּאַס, וואָס קען איינ־פאַלען נור די ליליפּוטען.

פון צייט צו צייט האָט ער גענומען איינעם פון די זאַכען אין האַנד, עטוואָס וואָס ער האָט איהר ווען עס איז צו אַ געבורטס־טאָג געשענקט, עס ארומגעדרעהט אהער און אהין, בעטראַכט עס מיט פאַר'חלום'טער פערטראַכטקייט און דאַן צוריק אויף אָן אָרט אוועקגעשטעלט.

אָנ אַ זייט אויף אַ טישעל מיט איין פוס, וואָס איז געשטאַנען הינטער אַ רונדער קאַנאַפּע, זיינען געלעגען אַ פּאָר ביכער אין טהייערע איינבונדען, וועלכע זיינען קענטיג זעלטען געעפענט גע־וואָרען. דאָרט איז אויך געלעגען דער „רעוויו דע דעי מאָנד", עטוואָס צוריסען, עטוואָס אָבגענוצט, ווי מען וואָלט איהם אָפּט געבלעטערט, דאַן אַ פּאָר אַנדערע צייטשריפטען, גאָר ניט אויפגעשניטענע, די „מאָדערנע קונסט," וועלכע מען האָט געמוזט האַלטען צוליעב איהר הויכען פּרייז, דען דאָס אבאָנעמענט האָט גע־קאָסט פיער הונדערט פראַנק אַ יאָהר, „דאָס פרייע בלאַט" און אַ קליין, בלוי, געבונדען בלעטעל, וואו די נייעסטע דיכטער האָבען זיך צוגאָסען מיט זייערע געפיהלאכצען אונטער דעם נאָמען „אָהן נערוועין."

צווישען די פענסטער איז געשטאַנען דער באַראָנעסע'ס שרייבטיש, אַ שעהן שטיק מעבעל אוים דעם פאָריגען יאָהר־הונ־דערט, וואו זי האָט איהרע בריוולאַך געשריבען. דאָרט זיינען געלעגען די בעקאַנטע ליעבלינגס ביכער פון אַלע פרויען: „מוסעט", „מאַנאָן לעסקאָו," „ווערטהער," און אום צו צייגען, אז מען איז אויך ניט פרעמד מיט דער פילאָזאָפישער וויסענשאַפט, האָבען

זיך דאָ געפונען עטליכע ביכער איבער פּסיכאָלאָגיע און אַלגעמיינע וויסענשאַפטען.

נעבען די דאָזיגע בענדער איז געלעגען אַ רייצענדער האַנד־שפּיגעל, אַ מייסטערווערק פון דער גאָלדשמיעד קונסט. דאָס שפּיעגעל גלאָז איז געווען איינגעראַהמט אין אַ פּיערעקיג שטיק געשטיקטען סאַמעט און אויפ'ן צווייטען זייט איז געווען אַ וואונדערשעהנער מוסטער פון גאָלד און זילבער אויסגעאַרבייט.

בערטין האָט איהם גענומען און זיך בעטראַכט. זייט די לעצטע פּאָר יאָהר האָט ער זיך שטאַרק פאַרעלטערט, און הגם ער האָט געדענקט, אַז זיין פּנים איז איצט אָריגינעלער ווי פריהער, דאָך האָט ער זיך שטאַרק געשראָקען פאַר זיינע איינגעפאַלענע באַקען און די קנייטשען אויף דער הויט.

אַ טיר האָט זיך געעפענט הינטער איהם.

— גוט מאָרגען, הערר בערטין — האָט געזאָגט אַננעלע.

— גוט מאָרגען, קליינע, געהט דיר גוט?

— זעהר גוט. און אייך?

— וואָס, דו דוצט מיך ניט מעהר?

— ניין, עס איז מיר אונאַנגענעהם.

— אַך, נאַרישקייטען.

— יאָ, עס איז מיר אונאַנגענעהם.

— אָבער פאַר וואָס?

— ווייל איהר זייט שוין ניט מעהר אַזוי יונג און דאָך נאָך ניט אַלט גענוג.

דער מאָהלער האָט גענומען לאַכען:

— נאָך אַזאַ ערקלעהרונג בעשטעה איך ניט מעהר אויף דעם.

זי איז פּלוצים רויט געוואָרען ביז איבער די אויערען און געזאָגט פערלעגען:

— די מאַמע האָט מיר געבעטען אייך צו זאָגען, אַז זי קומט

גלייך אַרונטער און וועט אייך בעטען צו פאָהרען מיט אונז אין באָים דע בולאָון.

— מיט דעם גרעסטען פערגעניגען! איהר פאָהרט אַליין?

— ניין, מיט דער הערצאָגין דע מאַרטעמאין!

— אויך גוט, איך בין מיט אייך.

— דאַן, קען איך אַלזאָ אָנטהאָן מיין הוט?

— יאַ, מיין קינד.

ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען, איז אַריין די גרעפין אין אַ הוט און שלייער, בערייט צום פאָהרען. זי האָט צו איהם אויסגעשטרעקט ביידע הענט:

— מען זעהט אייך מעהר גאָר נישט אָן. וואס מאַכט איהר?

— איך האָב אייך ניט געוואָלט פאַלען צו לאַסט אין אַזאַ צייט.

זי האָט אויסגערופען נור איין וואָרט „אָליוויער" און אין דעם זיינען געלעגען אַלע איהרע פאָרווירפע, איהר גאַנצע ליעבע.

— איהר זייט די בעסטע פרוי אויף דער וועלט — האָט ער געזאָגט שטאַרק געריהרט פון דעם טאָן מיט וועלכען זי האָט זיין נאָמען אויסגערעדט.

נאָך דער דאָזיגער קליינער סצענקע צווישען זיי, האָט זי ווייטער גערעדט אין דעם געוועהנליכען טאָן פון אַ געזעלשאַפטליכער דאַמע:

— מיר וועלען נעהמען די הערצאָגין און דאַן זיך צוזאַמען אביסעל דורכפאָהרען אין באָים. מיר מוזען דאָך אַנגעלען אַביסעל אַרויסנעהמען און איהר עפּעס צייגען.

אונטען האָט געוואַרט די קאַרעטע. בערטין האָט זיך גענעזעצט אַנטקעגען די ביידע פרויען און די קאַרעטע האָט זיך אַ לאָז געטהאָן.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צום גרויסען בולוואַר נאָך דער מאַדעליינע, זיינען זיי געוואָרען אַזוי פרעהלאַך, אַזוי לעבעדיג, ווי זיי וואָלטען איינגעזויגען אין זיך די לוסטיגקייט פון דעם יונ-

גען פריהלינג. די וואַרימע לופט און די זונען שטראַהלען האָבען די מענער צוגעגעבען אַ יום טוב'דיגען אויסזעהן, און די פרויען עטוואס פאַרליעבטעס; די גאַסען אינגלאַך זיינען אַרומגעלאָפען פערסמייעטע, די הינט האָבען זיך ערגעץ געאיילט, די קאַנאַריק־לאַך אין די פּאַרטיערס הייזלאַך האָבען זיך הויך צוזונגען, נור די אַלטע שקאַפּעס אין די דראָשקעס האָבען זיך געשלעפּט מיט זייער מיעדען גאַנג, ווי אָט קראַפּירען זיי.

די גרעפין האָט געמורמעלט:

— אַך, איז היינט שעהן! און גוט איז צו לעבען אויף דער וועלט!

דער מאַהלער האָט אָנגעקוקט די מוטער און טאָכטער איי־נע נאָך דער אַנדערער,ביידע בעגאָסען מיט ליכטיגע שטראַהלען. געוויס זיינען זיי געווען פערשיעדען און דאָך אַזוי עהנליך, אַז איינע האָט אויסגעזעהן ווי די פאָרטזעצונג פון דער אַנדערער, פון זעלבען בלוט, פון זעלבען פלייש, בעזעעלט פון זעלבען לעבען. ווען זיי האָבען רעדענדיג אויסגעשטעלט אויף איהם זייערע אויגען, די דאָזיגע בלויע אויגען מיט די שוואַרץ־אַפּלען, ביי דער טאָכטער אַזוי שטראַהלענדיג בלוי, ביי דער מוטער עטוואס מאַטער און געקוקט אויף איהם מיט דעם זעלבען בליק, איז ער געווען כמעט זיכער אַז זיי וועלען ענטפערען ביידע איינס און דאָס זעל־בע. און ווען ער האָט זיי צום לאַכען און פּלוידערן געבראַכט, איז ער געווען ערשטוינט צו בעמערקען, אַז פאַר איהם זיצען צוויי גאַנץ פערשיעדענע ווזענס, איינע, וועלכע האָט שוין פון לע־בען פיעל גענאָסען און אַ צווייטע וואס טרעט ערשט אין לעבען אריין. ער האָט ניט געקענט וויסען וואס פון דעם דאָזיגען קינד וועט אַרויסקומען, ווען זיין יונגער גייסט וועט אַמאָל ערוואַכען, ווען די נייגונגען און אינסטינקטען, וועלכע האָבען נאָך דערווייל געדרעמעלט אין איהם, וועלען זיך אויפכאַפּען. זי איז געווען אַ קליין, שעהן, ניי מענשעלע, וועמען קיינער האָט נאָך ניט געקענט, און ווער עס האָט פון קיין זאַך נאָך ניט געוואוסט. מען האָט זי

געקענט צוגלייכען צו אַ שיף וואס איז נאָר וואס פון האפען ארויס, בעת איהר מוטער האָט זיך צוריקגעקעהרט אהיים פון אַ לאַנגער רייזע וואו זי האָט געלעבט און געליעבט.

ער איז געוואָרען ווייך ביי דעם געדאַנקען, אַז זי האָט גע־ראדע איהם אויסגעקליבען, און אַז די דאָזיגע נאָך אימער שעהנע פרוי, וואס וויגט זיך אין דער קאַרעטע פון דעם שמעקעדיגען פריהלינגס ווינטעל געגלעט, האָט איהם נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג ליעבער ווי אַלעס און אַלעמען אין דער וועלט.

ווען ער האָט איהר מיט אַ בליק זיין דאַנקבאַרקייט אויס־געדריקט האָט זי איהם גלייך פערשטאַנען און עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער פיהלט דורך די בעריהרונג פון איהר קלייד אַ דאַנק.

איצט האָט ער אויך אויסגערופען:

— יא, עס איז אַ שעהנער טאָג היינט!

נאָכדעם ווי זיי האָבען אָבגענומען די הערצאָגין אין דער רוע דע וואַרעננע, זיינען זיי געפאָהרען פאַרביי דעם אינוואַלי־דען דאָם איבער דער סיינע און זיך פערקירעוועט אין דער עוועניו דעם טשאַמפּס עליסעע, פון דאָרט האָבען זיי צוזאַמען מיט אַ גאַנצען שטראָם קאַרעטען זיך אַ לאָז געטהאָן צו דעם טריאומף פּלאַץ.

דאָס יונגע מיידעל איז געזעסען נעבען אָליווער אויף דעם הינטערשטען זיץ און בעטראַכט די עקיפּאַזשען מיט נאַאיווע און גייגעריגע בליקען. פון צייט צו צייט ווען די הערצאָגין אָדער די גרעפין האָט מיט אַ קורצער בעוועגונג מיט'ן קאָפּ אויף אַ גרוס געענטפערט, האָט זי געפרעגט:

— ווער איז דאָס געוועזען?

דאַן האָט ער געענטפערט:

„פאַנטאַיגלין," „פּאָואיסעלסי," אָדער „די גרעפין לאַקריסט," אָדער „די שעהנע פרוי מאַנדעלאַיר."

איצט זיינען זיי אונטער דעם ליאַרעם און גערויש פון די רעדער געפאהרען איבער דער עווענױ דע באָיס דע בולאָין.

דאָ איז ניט געווען אַזאַ געדרענג פון קאַרעטען ווי פריהער, אָבער אין אונענדליכע רייהען האָבען זיי זיך דאָ געצויגען אין אַלע זייטען. פאַר די אויגען האָבען זיך געטראָגען דראָשקעס, שווערע קאַרעטען און לייכטע וועגלאַך און פּלוצים האָט שנעל ווי אַ בליץ זיך דורכגעטראָגען אַ וויקטאָריא פון אַ פייערדיגען פערד געטריע־בען. מיט אַ משוגענער שנעלקייט האָט ער זיך געיאָגט צווישען דעם געדיכטען עולם פון אַלע קלאַסען, אַלע קרייזען, אַלע קאַס־טען, וועלכער האָט זיך בעוועגט אַהין און צוריק. אַ יונגע פרוי איז דאָרט געזעסען אין אַ העלער, עטוואס אויפפאַלענדער קלייד און אויף די קאַרעטען, וועלכע זיינען נאָהענט פאַר איהר פאַר־בייגעפאָהרען, האָט אַ וועהע געטהאָן מיט עפּעס אַ מאָדנעם אונ־בעקאַנטען בלומען פּאַרפיום.

— ווער איז די פרוי? — האָט געפרעגט אַננעלע.

— איך ווייס ניט — האָט געענטפערט בערטין בעת די הער־צאָגין האָט שווייגענדיג אַ קוק געטהאָן אויף דער גרעפין אוןביידע האָבען אַ שמייכעל געטהאָן.

אַלעס אַרום האָט געשפּראָצט און אין דער יונגער גרינקייט פון פּאַריזער פּאַרק האָבען זיך נאַכטיגאַלען מיט זייערע זיסע טרעלען צוגאָסען. ווען זיי זיינען נאָהענט נעבען דער סיינע גע־פאָהרען גאַנץ לאַנגזאַם, האָט מען זיי כמעט פון יעדער קאַרעטע בעגריסט; מען האָט געשמייכעלט איינע צו די אַנדערע, גע־זאָגט זיך אַ פולע פריינדליכע ווערטער און די רעדער פון די אַהין און צוריקפאָהרענדיגע קאַרעטעס האָבען זיך כמעט אָנגעריהרט.

די הערצאָגין, וועלכע האָט אַלע ווייל אַ נייג געטהאָן מיט'ן קאָפּ אַלס ענטפער אויף די טיפע פערנייגונגען פון די פאַרביי־פאָהרער, האָט שטיל אין זיך געלאַכט, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט אָן עטוואס קאָמישעס, וואס זי האָט געוואוסט וועגען די דאָזיגע אַלע מענשען. פּלוצים האָט זי זיך אָנגערופען:

— אַט קליינע, טהו אַקאַרשט אַ קוק, דאָ איז ווידער די שעהנע פרוי דע מאַנדעלאַיר, די שעהנהייט פון דער רעפּובליק.

אין אַ לייכטען, קאָקעטישען וואָגען האָט זיך די דאָזיגע שעהנ־הייט געלאָזט בעוואונדערן, כלומר'שט גאַנץ גלייכגילטיג צו איהר אונבעשטרייטבאַרען רוהם. די גרויסע, דונקעלע אויגען האָבען געקוקט פון אויבען אראָב איבער די מאַסען, דער ניעדריגער שטערן איז געווען געקרוינט מיט אַ מאַסע שוואַרצע האָר, ווי מיט אַ טורעם, דער לוינישער מויל איז געווען אביסעלע צו גרויס.

— זי איז ווירקליך זעהר שעהן.

דער גרעפין איז ניט געפעלען, ווען ער האָט די שעהנהייט פון אַנדערע פרויען געלויבט. זי האָט לייכט אַ ציה געטהאָן מיט די אַקסלען און געשוויגען, אָבער דאָס יונגע מיידעל אין וועלכער עס האָט זיך פּלוצים ערוועקט די אייפערזוכט, האָט געוואַגט צו זאָגען:

— איך זעה דאָס ניט איין!

דער מאַהלער האָט זיך צו איהר אַ קעהר געטהאָן:

— וואָס, זי געפעלט דיר ניט?

— ניין, זי זעהט אויס, ווי זי וואָלט אין אַ טינטער געלעגען!

דאָס איז דער הערצאָגין געפעלען געוואָרען און זי האָט געזאָגט:

— בראַוואָ, קליינע, זייט זעקס יאָהר, ווי אַ העלפט פון אַלע מענער פון פּאַריז פויזען אַרום אויף די קניע פאַר דער דאָזיגער נעגערקע. איך גלויב, אַז זיי לאַכען זיך אויס פון אונז. אָט, קוק בעסער אָן די גרעפין לאָקריסט.

די גרעפין איז געזעסען מיט אַ ווייסען פּודעל הונד אַליין אין דער קאַרעטע. זי איז געווען ליעב ווי אַ ליאַלקעלע, בלאָנד, מיט ברוינע אויגען. זי האָט אויך פאַר די לעצטע פינף זעקס יאָהר געהאַט אַ גאַנצע מאַסע בעגייסטערטע פערעהרער. זי האָט

גענריסט איהרע בעקאנטע מיט א שטענדיגען שמייכעל אויף די ליפען.

אָבער אננעלע איז פון איהר נאָך ווייניגער בעגייסטערט גע־ווארען:

— עט, וואס איז דאָ דאָ צו זעהן, זי איז שוין ווייט ניט קיין יונגעטשקע!

בערטין, וועלכער איז געוועהנליך ניט געשטאנען אויף דער זייט פון דער גרעפין, ווען עס איז צו רייד געקומען פון דיביידע שעהנהייטען, איז איצט בייז געווארען, פאר וואס אזא יונגער שנעק ערלויבט זיך אזוי צו ריידען.

— צום טייפעל — האָט ער געזאָגט — אויב זי געפעלט אייך נעם מעהר, א צווייטען ווייניגער, רייצענד איז זי יעדענפאלס, און איך ווינש דיר, דו זאָלסט ווערען כאָטש אזוי שעהן ווי זי.

— ווייסט איהר וואָס איך וועל אייך זאָגען — האָט געזאָגט די הערצאָגין — איהר ווערט ערשט אויפמערקזאם אויף א פרוי ווען זי איז אריבער דרייסיג. דאָס קינד איז גאנץ גערעכט, אייך געפעלט נור אזא וואָס האָט איהר פרישקייט שוין לאנג פערלאָ־רען.

ער האָט אויסגערופען:

— ניין, דאָס ניט, אָבער א פרוי איז ווירקליך שעהן נור עטוואס שפעטער, ווען איהר גאנצער כאראקטער האָט זיך גע־שטעלט.

ער האָט זיך גענומען ענטוויקלען דעם געדאנק, אז די ערש־טע פרישקייט איז נור אַן אויבערפלעכליכער גלאנץ, וואס קען זיך ניט פערגלייכען מיט דער רייפערער שעהנהייט און ער האָט בעוויזען, אז די אריסטאָקראטישע מענער מאכען ניט קיין טעות, ווען זיי שענקען ניט קיין אויפמערקזאמקייט די גאָר יונגע פרויען, און אז זיי זיינען גאנץ גערעכט, ווען זיי געפינען זיי פאר שעהן נור אין דער לעצטער צייט פון זייער בליהונג.

די גרעפין האָט זיך געפונען געשמייכעלט און האָט אויסגע־מורמעלט:

— ער איז גאַנץ גערעכט, ער אורטהיילט ווי אַ קינסטלער. אַ יונג פּנים'על איז טאַקע זעהר שעהן, אָבער עס איז אימער עפּעס צו טרוקען, צו געוועהנליך.

און דער מאהלער האָט נאָך ווייטער גערעדט און ערקלעהרט, ווי אַ פּנים ווערט ערשט דאַן שעהן, ווען ער פערליערט ביסלעכ־ווייז דעם אונבעשטימטען חן פון יוגענד און עס נעהמט אָן זיין אמת'ע פאָרמע, זיין כאַראַקטער, זיין פיזיאָנאָמיע.

און ביי יעדען וואָרט זיינעם האָט די גרעפין איבערצייגט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און ער האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר צוהיצט, ווי ער וואָלט פערטהיידיגט אַ זאַך אין וועלכער ער אליין וואָלט ניט שטאַרק געגלויבט. עס האָט אויסגעזעהן ווי זיי ביידע וואָלטען זיך געשיצט געגען עפּעס אַ געפאַהר, ווי זיי וואָלטען זיך פערטהיידיגט געגען אַ שלעכטער, אַ פאַלשער מיינונג.

אַננעטע האָט ניט געהערט וואָס זיי רעדען, זי האָט געהאַט צופיעל אויף וואָס צו קוקען. איהרע פריהער שמייכלענדיגע ציגע זיינען איצט ערנסט געוואָרען און זי האָט מעהר גאָרנישט געזאָגט, שטום פאַר גליק, פאַר ענטציקונג אין דעם דאָזיגען פרעהליכען ארום. די זון, דער ים גרינע בלעטער, די קאַרעטען, דאָס עלע־גאַנטע, לוסטיגע לעבען ארום און ארום — דאָס האָט פאַר איהר געהאַט מעהר אינטערעס!

אהער וועט זי איצט קאָנען קומען יעדען טאָג, בעקאַנט, בעגריסט און בענײדעט ווערען. און אפשר וועלען די הערין, וועל־כע וועלען וועגען איהר רעדען אויך זאָגען, אַז זי איז שעהן. זי האָט נאָכגעקוקט די מענער און פרויען, וועלכע האָבען איהר אויסגעזעהן אַם בעסטען און זיך אויף זייערע נעמען נאָכגעפרעגט. און דאַן האָט זי זיך אימער שטאַרק געוואונדערט, ווען מען האָט איהר אָנ־גערופען אַ נאָמען, וועלכען זי האָט געלעזען אין די צייטונגען, אָדער געוואוסט פון דער געשיכטע. עס איז איהר שווער געוועזן

זיך צוגעוועהנען צו דער מאַסע בעריהמטהייטען און זי האָט זיך ניט געוואָלט גלויבען, אז זי זעהט זיי אין דער ווירקליכקייט. עס האָט זיך איהר געדאַכט, ווי זי זעהט דאָס אַלעס אין א טהעאַטער. די איינפּאַכע דראָשקעס האָבען אַרויסגערופען אין איהר א געפיהל פון עקעל, פון פעראַכטונג, זיי האָבען איהר געשטערט, זי גע־ערגערט און פּלוצים האָט זי אויסגערופען:

— דאָ האָט מען געדאַרפט צולאָזען בלויז עקיפּאַזשען!

בערטין האָט געענטפערט:

— ניין, מיין גנעדיגעס פרייליין! וואס וואָלט דאַן געוואָרען פון דער פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט?

זי האָט זיך א קרים געטהאָן און איהר פּנים האָט אויסגע־דריקט: „אַך, דאָס געהט מיך נישט אָן.” דאַן האָט זי גע־זאָגט:

— מען האָט דאָך געקענט מאַכען פאַר די דראָשקעס אַן עקסטרען פּאַרק, צום ביישפּיעל, דעם פּאַרק אין ווינסענעס!

— דו ביזט גאָר נישט פּאָרטגעשריטען, קליינע, דו ווייסט ניט, אז מיר לעבען אין א צייט פון דעמאָקראַטיע. וועט דו ווילסט דורכאויס זעהן דיעזען פּלאַץ אַן אויסגעפּוצטען, דאַן קום אהער אין דער פריה, דאַן וועסטו דאָ טרעפען בלויז די סמעטענע פון אונזער געזעלשאַפט.

און ער האָט איהר אָנגעוואָרפען א בילד פון דעם באָים אין די פריהמאָרגען שטונדען מיט זיינע רייטער און רייטערינען פון דעם קרייז פון די אויסערוועהלטע, וואו אַלע האָבען געקענט איינער דעם צווייטען, האָבען געוואוסט דעם צווייטען'ס טיטול, זיינע גוטע מעלות און זיין לאַסטער, אַקוראַט ווי זיי וואָלטען אין איין געוויסער נאַכבאַרשאַפט אָדער אין א קליין נעסט אַלע צוזאַמען גע־לעבט.

— קומט איהר אָפט אהער?

— זעהר אָפט. עס איז נישטאָ קיין שעהנערער פּלאַץ אין גאַנץ פּאַריז.

— רייט איהר אויך אין דער פריה?
— געווים!
— און נאָכמיטאג מאכט איהר וויזיטען?
— יא!
— און ווען ארבייט איהר?
— אָט, מאנכעס מאָל און אַלע מאָל. אזוי ווי איך בין דער מאָהלער פון דעם שעהנעם געשלעכט, מוז איך דאָך די פרויען בעטראַכטען, זיי בעאָבאַכטען און זיי אומעדום אביסעל נאָכ־געהן.

זי האָט געפרעגט נאָך אַלץ ניט לאַכענדיג:
— צופוס אָדער רייטענדיג?

ער האָט אויף איהר געוואָרפען א צופריעדענעם בליק, וועל־כער האָט געשיינט צו זאָגען:

„קוק זי אָן, זי האָט שוין אויך שכל; זי וועט נאָך אמאָל זיין א מיידעל א ברען!"

א קיהלער ווינד האָט זיך פון וויטען א טראָג געטהאָן און אַלע בוימער פון דיעזען שעהנעם פארק האָבען א ציטער געטהאָן.

א פאָר סעקונדען נאָכאנאנד האָבען די דינע בלעטלאך אויף די בוימער זיך געטרייסעלט און די שטאפען אויף די שולטערן פון די שפּאַציער־פאָהרער האָבען זיך בעוועגט: אַלע פרויען האָבען כמעט מיט דערזעלבער בעוועגונג ארויפגעצויגען זייערע מאנטיל־קעס, וועלכע זיינען איבער די פּלייצעס אראָבגעפאַלען, און די פערד האָבען זיך א לאָז געטהאָן איבער די אַלעען מיט שנעלע טריט, ווי דער שאַרפער ווינד וואָלט זיי אַלעמען א טרייב געטהאָן.

צוריק זיינען זיי געפאָהרען שנעל, אונטער דאָס העלע קלינ־גען פון די קייטלאָך אויף די פערדישע לייצעס און די אונטערגע־הענדיגע זון האָט אַלעם בעלויכטען מיט איהרע פורפור־רויטע שטראַהלען.

— ווילט איהר פאָהרען אהיים? — האָט געפרעגט די גרעפין ביים מאָהלער, וועמעס געוואָהנהייטען זי האָט גענוי געקענט.

— ניין, איך וויל זיין אין קלוב !

— דאַן ווע̇לען מיר, פאַרבייפאַהרענדיג, אייך אַרונטערלאָזען.

— דאָס וואָלט מיר געווען זעהר אַנגענעהם ; איך דאַנק אייך דערפאַר פיעל מאָל.

— און ווען לאַדעט איהר אונז מיט דער הערצאָגין איין צום פריהשטיק ?

— וועלכער טאָג פּאַסט אייך אַם בעסטען ?

דער דאָזיגער ליעבלינג פון די פּאַריזערינען, וועמען די פּערעהרער האָבען גערופען „דער רעאַליסטישער וואַטטאָ” און די געגנער „דער קליידער און מאַנטעל פּאָטאָגראַף”, האָט אָפט ביי זיך צוגענומען צום פריהשטיק אָדער צום דינער די שעהנהייטען, וועמעס בילדער ער האָט געמאָלען. צו די דאָזיגע דינערס זיינען געקומען נאָך אַנדערע מענשען, אַלעס וואָס איז געווען בעקאַנט און בעריהמט ; און אַלע פרויען האָבען זיך אימער שטאַרק אַמוזירט ביי דיעזע קליינע אונטערהאַלטונגען אין דער וואָהנונג פון דעם אַלטען בחור.

— איבערמאָרגען — האָט געזאָגט די גרעפין און זיך ווענדענדיג צו דער הערצאָגין, האָט זי געפרעגט : — זייט איהר פריי איבערמאָרגען, גנעהרטע הערצאָגין ?

— יאָ, געוויס ! דאָס וועט זיין אויסגעצייכענט. הערר בערטין דערמאָנט זיך קיינמאָל ניט אָן מיר צו די דאָזיגע אונטערהאַלטונגען, מען קען מערקען אַז איך בין שוין ניט מעהר יונג.

די גרעפין, וועלכע איז געוואָהנט געווען דעם קינסטלער'ס הויז צו בעטראַכטען כמעט אַזוי ווי איהר אייגענע, האָט זיך אָבגערופען :

— נור מיר זאַלבע פיערט ! די הערצאָגין, אַננעלע, איך און איהר, ניט אמת, גרויסער מייסטער ?

— יאָ, נור מיר פיער — האָט ער געענטפערט אויסשטייגענדיג פון דער קאַרעטע — און איכ'ל הייסען אָנגרייטען קרעבס, ווי זיי ווערען געמאַכט אין עלזאַס.

— אַך, איהר וועט מיר די קליינע גאָר פאַרצערטלען!

ער האָט זיך פאַרנייגט, און איז מיט לעבהאַפטע טריט אריין אין פירהויז פון קלוב, האָט אַ וואָרף געטהאָן זיין אויבעררראָק און שטאָק צו דער באַנדע דיענער, וועלכע האָבען זיך צו איהם אַ לאָז געטהאָן, ווי סאָלדאַטען צו אַן אָפיציער. דאַן איז ער ארויף אויף די ברייטע טרעפ, דאָרט האָט ער ווידער געטראָפען אַ מאַסע דיענער אין קורצע הויזען ביז די קניע, ער איז פאַר זיי פאַרבייגעגאַנגען און געעפענט אַ טיר. אריין אין פעכט זאַאל, האָט ער זיך פּלוצים דערפיהלט פריש און פלינק און לעבעדיגער ווי אַ יונגערמאַן. ארום האָט זיך געטראָגען אַ טומעל, אַ ליאַרעם פון די פעכטער און קרעפטיגע שטימען האָבען אַלע ווייַלע אויסגערופען:

— געטראָפען... יעצט איך... פאַרפעהלט... איך... געטראָפען... איצט איהר!

די פעכטער, אָנגעטהאָן אין גרויע לייוועטענע אנצוגען, אין וועסטען און הויזען שמאָלע ארום די קנעכעל, מיט אזא מין פאַר־טוך פון פאָרענט, איין האַנד אויפגעהויבען אין דער לופטען, און די אַנדערע, וועלכע האָט צוליעב דעם האַנדשוה אויסגעזעהן זעהר גרויס, האָט געהאַלטען אַ פיינעם ביינזאַמען פלאָרעט.

אַנדערע זיינען געשטאַנען אָן אַ זייט, האָבען זיך אָבגערוהט, געפּלוידערט צווישען זיך נאָך גאַנץ אויסער אָטעם, מיט רויטע פּנים׳ער און געווישט זיך מיט אַ טאַשען־טוך דעם שטערן, די האַלז; נאָך אַנדערע זיינען געזעסען אויף דעם דיוואַן, וואָס האָט זיך געצויגען אין דער גאַנצער לייגנג פון דעם זאַאל און צוגעקוקט, ווי מען פעכט: ליווערדי האָט געפאָכטען מיט לאַנדאַ, און דער פּאָרזיצענדער פון קלוב, טאַללאַרדע געגען דעם הויכען ראָקדיאַנע.

בערטין האָט זיך דאָ געפיהלט ווי אין דערהיים און שמייכ־לענדיג אַלעמען די הענד געדריקט.

— איך פעכט מיט אייך! — האָט אויסגערופען דער באַ־ראָן באַוועריע.

— איך שטעה צו אייער דיענסט, מיין ליעבער!

און ער איז אוועק אין טואַלעט צימער זיך איבערצוטהאָן.
ער האָט זיך שוין פון אַ צייט לאַנג ניט געפיהלט אַזוי פלינק, אַזוי בויגעדיג, אַזוי קרעפטיג; און אַזוי ווי ער האָט גע־וואוסט, אַז ער וועט היינט אויסגעצייכענט פעכטען, האָט ער זיך געאיילט, אונגעדולדיג ווי אַ שילער, וואָס יאָגט זיך צום שפּיעלען.
אַזוי שנעל ווי זיין געגנער איז געשטאַנען געגען איהם, האָט ער איהם אָנגעגריפען מיט גרויס ענערגיע און אין צעהן מינוטען ארום, איז דער באַראָן, וועלכער איז פאַר דער קורצער צייט עלף מאָל געטראָפען געוואָרען, געוועזען אַזוי מיעד, אַז ער האָט גע־בעטען אויפצוהערען. דאַן האָט בערטין געפאָכטען מיט פונסי־מאָנט און מיט זיין קאָלעגע אמאורי מאַלדאַנט.
דער קאַלטער דוש נאָכדעם, וועלכער איז איהם ווי אייז איבער'ן וואַרימען קערפּער געלאָפען, האָט איהם דערמאָנט אויף די בעדער, ווען ער איז צוואַנציג יאָהר אַלט געוועזען, און פלעגט דאַן שפּרינגען איבער'ן קאָפּ פון עפּעס אַ הויכען בריק אין דער סיינע אריין.
— וועסטו היינט דאָ עסען? — האָט איהם געפרעגט מאַל־דאַנט.
— יאָ!
—מיר האָבען אַ טיש מיט ליווערדי, ראַקדיאַנע און לאַנדראַ. אייל זיך אַביסעל צו, עס איז שוין אַ פיערטעל אויף אַכט.
דער עס־צימער איז געוועזען פול מיט מענער און דעם הו־האַ פון זייערע שטימען.
דאָ זיינען געוועזען פאַרקליעבען אַלע נאַכטוואַנדלער פון פּאַ־ריז; מענער, וועלכע האָבען ניט קיין שום פּראָפעסיאָן, און אַזעלכע, וואָס זיינען יאָ בעשעפטיגט, אַלעם מענשען, וואָס פון זיעבען אַזייגער אין אָבענד הויבען זיי ניט אָן צו וויסען וואָס מיט זיך צו טהאָן. זיי געהען אין קלוב עסען, אום צו טרעפען זיך מיט מענשען, מיט בעקאַנטע און צוזאַמען מיט וועמען עס איז געהען זיי דאַן זוכען עפּעס אַ צופאַל...
ווען די פינף פריינד האָבען זיך געזעצט צום טיש, האָט דער

באַנקיער ליוועררי, אַ קרעפטיגער, בעלייבטער מאַן פון אַ יאָהר פיערציג, זיך אָבגערופען:

— איהר האָט דאָך עפּעס היינט געפּאַכטען ווי אַ טייפעל!

דער מאַהלער האָט געענטפערט:

— יאָ, היינט וואָלט איך געקאָנט אויפטהאָן אַלעס אין דער וועלט!

אַלע האָבען געשמייכעלט, און דער לאַנדשאַפטס־מאַהלער, אמאורי מאַלדאנט, אַ קליינער, מאַגערער, ווייסקעפּיגער מאַן מיט אַ גרויער באָרד, האָט געזאָגט כיטרע:

— מיר געהט עס אויך אַזוי! אין אַפּריל דערפיהל איך אימער עפּעס אַ מין בענייאונג, עס דאַכט זיך מיר, אַז איך ווער אָבגעפרישט, ווער ווידער יונג. אָבער לאַנג האַלט עס ניט אָן.

דער מאַרקיז ראַקדיאַננע און גראַף לאַנדאַ האָבען איהם בע־דויערט. זיי ביידע זיינען געווען עלטער פון איהם, אָבער זייערע יאָהרען האָט מען בשום אופן ניט געקאָנט טרעפען. זיי זיינען געווען קלוב־מענשען, רייטער און פעכטער, און די אַלע קערפּער־ליבע איבונגען האָבען זייערע קערפּער ווי פון אייזען געמאַכט און זיי האָבען זיך שטענדיג בעריהמט, אַז זיי זיינען אין יעדער בעציהונג אינגער און שטאַרקער פון די נערוועזע יונגע מענשען פון היינטיגען דור.

ראַקדיאַננע האָט געשטאַמט פון אַ גוטער פאַמיליע און מען האָט איהם געקאָנט טרעפען אין אַלע פיינע סאַלאָנען, אָבער ער איז געשטאַנען אונטער אַ פאַרדאַכט, אַז ער מאַכט פאַרשיעדענע קונ־קעל־מונקעל געשעפטען. דאָס איז, נאָך בערטינ׳ס מיינונג נאָך, קיין וואונדער ניט געווען, ווייל ער האָט זיך אַ צו לאַנגע צייט ארומגעטריבען אין ניעדעריגע פלעצער. ער איז געווען פערהייראַט מיט אַ פרוי, פון וועלכער ער האָט זיך שפּעטער געשיערען. די פרוי האָט איהם געמוזט צאָהלען אַ געוויסע סומע געלד אַ יאָהר. ער איז געווען אַ דירעקטאָר פון אַ בעלגישער און פּאָרטוגעזישער

באַנק. זיין עטוואָס באַפלעקטע עהרע האָט ער פון צייט צו צייט אָבגעוואַשען מיט בלוט אין אַ דועל.

גראַף לאַנדראַ איז געווען אַ גוטמוטיגער גיגאַנט. ער איז געווען שטאָלץ אויף זיין פיגור, אויף זיין קראַפט און הגם ער איז געווען פערהייראַט און האָט געהאַט צוויי קינדער, איז איהם דאָך געווען זעהר שווער צו בלייבען דריי מאָל אַ וואָך אין דערהיים צום עסען. די איבעריגע טעג האָט ער פערבראַכט מיט זיינע פריינד אין קלוב.

דער קלוב איז איין גרויסע פאַמיליע, פלעגט ער זאָגען; צו איהר בעלאַנגען די, וועלכע האָבען ניט קיין אייגענע פאַמיליע; יענע, וועלכע וועלען קיין מאָל קיין פאַמיליע ניט האָבען און אזעלכע, וועלכע האָבען זי יאָ אָבער זיי לאַנגווייליגען זיך אין איהר.

זיי האָבען גערעדט וועגען פרויען, דאַן זיינען זיי אריבער צו אַנעקדאָטען, האָבען אָבגעפרישט געוויסע עראינערונגען און דערצעהלט זעהר אינטימע זאַכען.

דער מאַרקיז ראַקריאַננע האָט געגעבען גאַנץ קלאָהרע אָנצוהערעגישען אויף זיינע פערהעלטניסע מיט פרויען פון דער געזעלשאַפט, וועמעס נעמען ער האָט ניט דערמאַנט, אום מען זאָל זיך גיכער אויף זיי אָנשטויסען. דער באַנקיער ליוועדי האָט אַלע זיינע געליעבטע אָנגערופען מיט'ן ערשטען נאָמען. ער האָט דערצעהלט: — איך האָב דעמאָלט געהאַט בעציהונגען מיט דער פרוי פון אַ דיפּלאָמאַט, און איין מאָל אין אַ אבענד רוף איך זיך אָב צו איהר: „וויסטו וואָס, גרעטעל"... אַלע ארום האָבען געשמייכעלט — ער האָט זיך אונטערבראָכען און דאַן ווייטער גערעדט: — נו, יאָ, דאָס האָט זיך ביי מיר ארויסגעריסען. אייגענטליך האָט מען געדאַרפט, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַלע פרויען רופען סאַפיע.

אליוויער בערטין איז אימער געווען צוריקגעהאַלטען. און ווען מען האָט ביי איהם געפרעגט וועגען זיינע ערפאַהרונגען, האָט ער געענטפערט:

— איך בענוגען זיך מיט מיינע מאָדעל מיידלאַך.

מען האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי מען גלויבט איהם; און לאַנדראַ, וועלכער איז נאָכגעלאָפען נאָך איינפאַכע גאַסען־מיידלאַך, איז געווען גאַנץ אויפגערעגט ביי דעם געדאַנק וועגען אַלע יענע שעהנע מיידלאַך, וועלכע האָבען זיך אויסגעטהאָן פאַר דעם מאַה־לער, פאַר צעהן פראַנק אַ שטונדע.

וואָס ליידיגער עס זיינען געוואָרען די פלאַשען, אַלץ צור־היצטער, אַלץ לעבהאַפטער זיינען געוואָרען די מענער ארום טיש. נאָך דעם קאַפע האָט ראַקדיאַנע זיך אַזוי צוואַוואַרימט, אַז ער האָט פאַרגעסען די וועלט־דאַמען און גענומען לויבען די פרעהליכע פרויען פון אַ געוויסען סאָרט.

— פאַריז — האָט ער געזאָגט מיט אַ גלאָז קימעל אין האַנד — איז די איינציגע שטאָדט, וואו אַ מאַן ווערט ניט אַלט; די איינציגע שטאָדט, וואו ער קאָן צו פופציג יאָהר, ווען ער האָט זיך נור איינגעהאַלטען און איז נאָך קרעפטיג, געפינען אַ יונג אַכטצעהן יעהריג מיידעל, שעהן ווי אַ מלאך, וואָס זאָל איהם ליעבען.

לאַנדראַ, אַביסעל אָנגעסנאַסקעט, האָט געהאַלטען מיט ראַק־דיאַנע'ן, ער האָט בעגייסטערט צוגעשטימט צו זיינע רייד און גענומען אויסצעהלען אַלע זיינע יונגע מיידלאַך, וועלכע ליעבען און פאַרעהרען איהם יעדען טאָג.

אָבער ליוועררי, וועלכער איז געווען פיעל סקעפּטישער און האָט בעהויפּטעט, אַז ער קען די פרויען גוט און ווייס וואָס זיי זיינען ווערטה, האָט זיך אָבגערופען:

— אַך, דאָס דערצעהלען זיי אייך אַזעלכע מעשות, זיי פאַר־עהרען אייך, דאָס זאָגען זיי אייך נור!

לאַנדראַ האָט געענטפערט:

— ניין, ניין, מיין ליעבער, זיי בעווייזען עס מיר!

— יאָ, די בעוויזע, אַ סך זיינען זיי ווערטה!

— זי' זיינען ווערטה געגוג פאַר מיר!

ראָקדיאַנגע האָט אויסגעשריען:

— אָבער צום טייפעל, גלויבט איהר דען ווירקליך, אַז אַזאַ קליינע, יונגע ציג פון אַ יאָהר צוואַנציג, וועלכע טרייבט זיך אַרום אין פאַריז פינף־זעקס יאָהר און האָט זיך אויסגעלערנט קושען אַלע אונזערע וואַנצעס, אַז אַזאַ מין ציג קאָן נאָך אונטערשיידען אַ מאַן פון דרייסיג ביז אַ מאַן פון זעכציג? וואָס פאַלט אייך איין, זי האָט צופיעל געלעבט, צופיעל דורכגעמאַכט. הערט אויס, איך קאָן אייך וועטען, אַז אין גרונד פון איהר האַרצען האָט זי אַן אַלטען באַנקיער ליעבער ווי עפּעס אַ יונגען חברה־מאַן. זי ווייס דען פון עפּעס, זי טראַכט דען נאָך, האָבען דאָרט די מענער איבערהויפּט אַן עלטער? אָך, מיין ליעבער, מיר ווערען אַלע אינגער, ווען מיר קריעגען גרויע האָר; און וואָס ווייסער אונזערע קעפּ ווערען, אַלץ מעהר זאָגט מען אונז, אַז מען האָט אונז ליעב, אַלץ מעהר ווייזט מען עס אונז אַרויס און אַלץ מעהר גלויבען מיר אין דעם.

זיי זיינען אויפגעשטאַנען פון טיש, אויפגערעגט פון אַל־קאָהאָל, בערייט גלייך צו געהן זוכען עפּעס אַ פּיקאַנטען צופאַל, און זיי האָבען זיך גענומען בעראַטען, וואו זיי זאָלען דעם אָבענד פאַרברענגען. בערטין האָט פאָרגעשלאָגען צו געה, אין צירק, ראַקדיאַנע אין היפּאָדראָם, מאַלראַנט דאָס עדען טהעאַטער און לאַנדאַ די פאָליעסבערזשער. פלוצים האָט זיך פון וויטען דערהערט אַ לייכטער טאָן פון פידלען, וועלכע מען שטעלט אָן.

— היינט איז דאָבט זיך מוזיק אין קלוב? — האָט געפרעגט ראַקדיאַננע.

— יאָ — האָט געזאָגט בערטין — לאָמיר אַראָבגעהן אַהין אויף צעהן מינוטען, איידער מיר געהען אַוועק.

— לאָמיר געהן!

זיי זיינען דורכגעגאַנגען אַ סאַלאָן, דעם ביליאַרד צימער און דאַן זיינען זיי צוגעקומען צו אַזאַ מין לאָזשע איבער דער

גאַלערעע, וואו עס האָבען זיך געפונען די מוזיקאַנטען. פיער מענער זיינען דאָרט אין פּאָטעלען געזעסען און געוואַרט. אונטען, אין מיטען פון א רייהע לעדיגע שטוהלען זיינען געשטאַנען, אָדער געזעסען, נאָך א טוץ אַנדערע מענשען און געפלוידערט צווישען זיך.

דער קאַפּעלמייסטער האָט א קלאַפּ געטהאָן מיט זיין שטעקעלע, די מוזיקאַנטען האָבען גענומען שפּיעלען.

אָליוויער בערטין האָט געליעבט די מוזיק, ווי מען ליעבט אָפּיום. זי האָט ביי איהם אַרויסגערופען שעהנע חלומות.

אַזוי שנעל ווי זיין אויער האָט דערהערט די ערשטע טענער, איז אויף איהם אָנגעפאַלען עפּעס א מין נערוועזע שיכרות, אַזוי אַז, אַז דער קערפּער, אַז דער גייסט זיינען געוואָרען ווי עלעקטריזירט. אויפגעהויבען דורך די מעלאָדיען, האָט זיין פאַנטאַזיע זיך אַוועגטראָגען העט ווייט, ווייט. אין זיסע טרוימען, מיט צוגעמאַכטע אויגען, די פיס איינס איבער'ן אַנדערען פאַרלעגט, די הענד אַראָבהענגענדיג, האָט ער זיך צוגעהערט צו די טענער און געזעהן בילדער פאַר זיינע גייסטיגע אויגען דורכשוועבען.

דער אָרקעסטער האָט געשפּיעלט א סימפאָניע פון האַודן, און, ווען דער מאַהלער האָט זיינע אויגען צוגעמאַכט, האָט ער אין זיין פאַנטאַזיע ווידער דערזעהן דאַס באַאים דע בולאָון, די מאַסע עקיפּאַזשען אַרום איהם און אַנטקעגען איהם אין קאַרעטע די גרעפין און איהר טאָכטער ער האָט געהערט זייערע שטימען, זייערע ווערטער, געפיהלט ווי די קאַרעטע בעוועגט זיך און איינגעאָטהעמט די מיט פרישע בלעטער שמעקענדיגע לופט.

דריי מאָל נאָכאַנאַנד, ווען זיין שכן האָט איהם עפּעס געזאָגט, איז די דאָזיגע פאָרשטעלונג פערשוואונדען און דאַן גלייך ווידער אַרויפגעשוואומען. דאַן האָט זיך זיין טרוים ווידער געוועבט, און באַלד האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער מאַכט א לאַנגע רייזע מיט די ביידע פרויען, וועלכע זיינען אַלץ געזעסען אַנטקעגען איהם, סיי אין אייזענבאַהן, סיי ביים טיש אין א פרעמדען האָטעל.

און אזוי האָבען זיי איהם בעגלייט די גאנצע צייט, וואָס די מוזיק האָט געשפּיעלט, עפּעס אזוי ווי דאָס בילד פון זייערע ביידענס פּנים'ער וואָלט זיך היינט, בעת'ן פאָהרען מיט זיי אונטער דעם העלען זונשיין, טיעף אין זיין זכרון איינגעגראָבען.

א שטילשווייגען, דאָן א געריויש פון שטימען און אָבגערוקטע שטוהלען האָבען איהם פון זיינע טרוימען אויפגעוועקט, ער האָט דערזעהן זיינע פריינד זיצענדיג אין די פאָטעלען אין א פּאָזע, ווי זיי הערען זיך אויפמערקזאַם צו — זיי זיינען געשלאָפען.

ער האָט זיי אויפגעוועקט און געפרעגט:

— נו, וואָס טהוען מיר איצט?

— איך — האָט זיך אָבגערופען ראַקדיאַננע אָפען — וואָלט נאָך וועלען דאָ שלאָפען א ווײַלע.

— איך אויך — האָט געזאָגט לאַנדראַ.

בערטין האָט זיך אויפגעהויבען:

— גוט, איך געה אהיים, איך פּיהל זיך עטוואָס מיעד.

אין דער אמת'ן האָט ער זיך געפיהלט אין א זעהר געהויבענער שטימונג, אָבער ער האָט געוואָלט אוועקגעהן, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם שלום פונ'ם היינטיגען אבענד ביים באַקקאַראַ-טיש פון קלוב.

ער איז אוועק אהיים, און ווען ער איז אויף מאָרגען אויפגעשטאַנען, נאָך א נערוועזער נאַכט, האָט ער זיך געפיהלט אין א צושטאַנד פון גייסטיגער פיעבערהאַפטיגקייט, וואָס מען רופט ביי די קינסטלער אינספּיראַציאָן. ער האָט זיך ענטשלאָסען צו בלייבען א גאַנצען טאָג אין דערהיים און ארבייטען.

דער טאָג איז געווען זעהר א פּרוכטבאַרער, איינער פון יענע טעג, ווען עס שאַפט זיך אזוי לייכט, ווען דער געדאַנק שיינט צו ליגען ביים קינסטלער אין האַנד און דריקט זיך פון זיך אליין אויף דעם לייוואַנד אויס.

הינטער פערשלאָסענע טירען, אָבגעריסען פון דער גאַנצער וועלט, אין דער שטילקייט פון דעם הויז, וואָס איז פערמאַכט גע־

ווען פאַר יעדען מענשען, אין דעם רוהיגען פריעדען פון דעם אַטעליער, האָט ער מיט לייכטענדיגע אויגען, פיעבערהאַפט אויפגערעגט גענאָסען פון יענעם טיעפען גליק, וואָס איז בעקאַנט נור דעם קינסטלער, ווען ער ברענגט אַ נייעם ווערק אויף דער וועלט.

בעת די דאָזיגע שטונדען פון שאַפען, האָט פאַר איהם קיינער און קיין זאַך אויף דער וועלט ניט עקזיסטירט אויסער דער לייוואַנד, אויף וועלכער עס איז אונטער דער לאַסטשענדיגער בעריהרונג פון פּענזעל אַ בילד אויסגעוואַקסען. אין אָבענד איז ער געווען טוידט מיעד, ווי נאָך אַ געזונטער און שווערער אַרבייט און ער האָט זיך געלעגט שלאָפען מיט דעם אַנגענעהמען געדאַנק וועגען מאָרגענדיגען פריהשטיק.

דער טיש איז געווען בעפּוצט מיט בלומען און אַן אויסגעצייכענטער מעניו פאַר דער גרעפין פאַרבערייט, דען זי האָט ליעב געהאַט גוט אַריינצועסען. נאָך אַ פערצווייפעלטען אָבער קורצען ווידערשטאַנד, האָט דער מאַהלער געצוואונגען זיינע געסט, צו טרינקען שאַמפּאַניער.

— די קליינע וועט ווערען שיכור — האָט געזאָגט די גרעפין.

די הערצאָגין האָט געענטפערט:

— מיין גאָט, מען מוז עס דאָך זיין צום ערשטען מאָל!

ווען זיי זיינען פון עס־צימער צוריק אין אַטעליער אַריין, זיינען זיי אַלע געווען זעהר גוט אויפגעלעגט, זיי האָבען זיך געפיהלט פרעהלאַך און לוסטיג און לייכט, ווי אויף די פיס וואָלטען זיי פליגעל אויסגעוואַקסען.

די הערצאָגין און די גרעפין, וועלכע האָבען געהאַט אַ קאָמיטעע זיצונג פון דעם פראַנצויזישען פרויען־פעראיין, האָבען געמוזט, איידער זיי געהען אהין, אָבפיהרען דאָס יונגע מיידעל אהיים. אָבער בערטין האָט זיך אָנגעשלאָגען צו געהן מיט אַנגעלען צופוס. ער וועט זי בעגלייטען אהיים איבער דעם בולוואַר מאַלעס הערבעס. און זיי זיינען צוזאַמען אוועק.

— לאָמיר געהן מיט דעם לענגסטען וועג! — האָט זי גע־בעטען.

— ווילסטו זיך אביסעל דורכגעהן אין פארק? עס איז דאָרט זעהר שעהן, מיר וועלען א ווײלע אָנקוקען די קלײנע קינדער מיט זײערע אמען.

— גוט, מיר געהען!

דורך דער עווענױ פעלאַקוועץ זײנען זײ צוגעקומען צו די בעגולטע שטאכעטען, וועלכע האָבען דעם דאָזיגען שעהנעם פארק געדיענט אי אלס בעציערונג, אי אלס אריינגאנג. אין רעכטען מיטען פון פאריז, ארומגערינגעלט פון רײכע פאלאצען, האָט דער עלעגאנטער פארק אויסגעזעהן, ווי א וואונדערשעהנער, גרינער אינזעל.

אין דער גאנצער לענג פון די ברײטע הויפט וועגען, וועלכע האָבען זיך געצווײגען צווישען בושעס און בלומען־בעעטען, זײנען געזעסען א מאסע מענער און פרויען אויף אײזערנע שטוהלען און בעטראַכט די פערבײגעהער, בעת אויף די קלײנע שאָטענדיגע וועגען, וועלכע האָבען זיך ווי טײכלאך געשלענגעלט, איז א מאסע קינדער ארומגעלאָפען און זיך אין זאמד געשפּיעלט. זײ זײנען געלאָפען, געשפּרונגען, געליארעמט פאר די אויגען פון די אמען אָדער פון די נאָך בעזאָרגטערע בליקען פון די מאמעס בעוואכט.

די ברײטע וועגען זײנען געווען ארומגערינגעלט מיט מעכטיגע בוימער ווי מיט גרינע מאָנומענטען; מיט ריעזיג גרויסע קאַס־טאניען־בוימער, וועמעס דונקעלע צווײגען זײנען פול געווען מיט רויטע און ווײסע בליהאכצען, מיט שטאָלצע סיקאָמאָרען און אויס־געפוצטע פלאטאנען.

עס איז געווען ווארעם, די טײבעלאך האָבען געקוויטשעט און די בלעטער זײנען ארומגעפליגען פון אײן בוים צום אנדערען. די ווײסע סטאטוען אויף זײערע פּיעדעסטאלען האָבען אויסגע־זעהן גליקליך אין דער ארומיגער גרינקײט. א מארמאָרנער אינגעל ציהט ארויס א דאָרן בײ זיך פון פוס, אקוראט ווי ער וואָלט זיך

נור וואָס פאַרשטאַכען, לויפענדיג נאָך דיאַנאַ'ן, וועלכע האָט זיך דאָרט היגטער די בושעס בעהאַלטען.

אנדערע סטאַטועןן האַלטען זיך אַרומגענומען, צערטליך און קאַלט צוגלייך, אָדער חלום'ען, די הענד איבער די קניע פערלעגט. אַ וואַסערפאַל הוזשעט איבער שעהנע פעלזען אַרונטער.

דאָ איז דער שעהן אויסגעפוצטער פּלאַץ, וואו די שטאָדט־מענשען קומען בעטראַכטען און בעוואונדערען די בלומען, וועל־כע זיינען אונטער גלאָז אויסגעוואקסען, אַט אַ שטייגער, ווי מען קומט אין טהעאַטער זעהן אַ בילד פון לעבען.

אליוויער בערטין איז זייט יאָהרען כמעט יעדען טאָג גע־קומען אויף דיעזען פּלאַץ, וועלכען ער האָט בעזונדערס ליעב גע־האַט, ווייל דאָ האָט ער געקאָנט זעהן די פּאַריזערקעס אין זייערע ריכטיגע ראַהמען.

דער פּאַרק איז ווי געמאַכט פאַר שעהנע קליידער, פּלעגט ער זאָגען; ניט שעהן אָנגעטהאָנענע מענשען וואָלטען זיך דאָ גע־וואָרפען אין די אויגען און אַרויסגערופען אַ שרעק.

שטונדען לאַנג האָט ער דאָ אַרומגעשפּאַציערט. ער האָט געקאָנט יעדער פּלאַנצונג און אַלע רעגעלמעסיגע בעזוכער.

ער איז געגאַנגען נעבען אַננעלען אויף די ברייטע וועגען און זיך מיט אינטערעס צוגעקוקט צו דעם לעבעדיגען הו־הא פון די מענשען אין פּאַרק.

— אַך, וואָס פאַר אַ מלאך'ל! — האָט זיך פּלוצים אָנגע־רופען אַננעלע.

זי האָט בעטראַכט אַ קליין, בלאָנד אינגעלע מיט לאַנגע לאָקען, וועלכער האָט זי מיט זיינע בלויע אויגען אָנגעקוקט ער־שטוינט און גליקזעליג. דאַן האָט זי בעטראַכט די איבעריגע קינדער איינעם נאָכ'ן אַנדערען און ווייל עס האָט איהר פערשאַפט פערגעניגען צו קוקען אויף די דאָזיגע פאַרצערטעלטע, לעבעדיגע ליאַלקעלאַך, איז זי געוואָרען רעדעוודיג און פרעהלאַך.

זי איז געגאַנגען מיט קליינע טריט און געטהיילט זיך מיט

בערטינ׳ען מיט איהרע איינדריקע, איהרע בעאָבאַכטונגען איבער די קינדער, איבער די אַמען און איבער די מוטערס. די פולע, רונדע קינדערלאַך האָט זי בעגריסט מיט אַ פריינדליכען אויסגעשריי, די בלייכע האָבען אויף איהר אַ טרויעריגען איינדרוק געמאַכט.

ער האָט זיך צוגעהערט צו איהרע רייד, און זי האָט איהם געמאַכט מעהר שפּאַס ווי די קינדער. פערנומען אין די געדאַנקען מיט זיין מאַהלעריי, האָט ער געמורמעלט: „גאַנץ רייצענד!" און דערביי געטראַכט, וואָס פאַר אַ שעהנעם בילד עס וואָלט געקאָנט אַרויסקומען, ווען מען זאָל איבערגעבען אַזאַ שטיקעל פּאַרק מיט אַ הויפען אַמען, מוטערס און קינדער. ווי איז עס איהם פריהער ניט איינגעפאַלען?

— האָסטו ליעב די קליינע ווערימלאַך? — האָט ער געפרעגט.

— אָה, זעהר.

ווען ער האָט געזעהן ווי אַנגעלע בעטראַכט די קינדער, האָט ער געפיהלט, אַז זי האָט לוסט זיי אויף די הענד צו נעהמען, זיך מיט זיי צו שפּיעלען, זיי צו קושען. און ער האָט זיך געוואונדערט איבער דעם אינסטינקט פון דער צוקונפטיגער מוטער אין דיזער יונגער, נאָך ניט אין גאַנצען ענטוויקעלטער מיידעל.

אַזוי ווי זי איז געווען אויפגעלעגט צו ריידען, האָט ער זי אויסגעפרעגט וועגען איהרע האָפנונגען. מיט קינדערשער נאַאיוויטעט, האָט זי זיך פאַר איהם אָפען מודה געווען, אַז זי האָפט צו האָבען ערפאָלג אין דער געזעלשאַפט; זי האָט געזאָגט, אַז זי וואָלט גערן וועלען האָבען שעהנע פערד, אַז זי פערשטעהט זיך אויף זיי, ווייל אין ראַנסיערעס, וואו זי איז ערצויגען געוואָרען, איז די פערד צוכט געווען איינע פון די וויכטיגסטע זאַכען, און וועגען אַ חתן האָט זי זיך געזאָרגט אַזוי פיעל, ווי מען זאָרגט זיך וועגען אַ וואָהנונג, אין אַ געגענד וואו אַ סך וואָהנונגען שטעהען ליידיג און עס איז זעהר לייכט איינע צו קריגען.

זיי זיינען צוגעקומען צו אַ טייכעל, וואו צוויי שוואַנען־פויגלאַך און זעקס ענטלאַך זיינען שטיל געשוואומען, אונבעוועג־ליך, ווייס, ווי פויגעל פון פּאָרצעלײַ געמאַכט. דאָן זיינען זיי פאַרבייגעגאַנגען פאַר אַ יונגער פרוי, וועלכע איז געזעסען מיט אַן אָפּענעם בוך אויף די קניע, האָט געקוקט פערטראַכט אין דער ווייטער ווייטקייט אַריין אין טיעפע חלומות פערזונקען.

בערטין איז געבליבען שטעהן ערשטוינט.

— עס איז שעהן אַזוי צו טרוימען — האָט ער געזאָגט.

זיי זיינען איהר פערבייגעגאַנגען, האָבען זיך אומגעקעהרט און נאָך אַמאָל פאַרביי איהר פאַרבייגעגאַנגען, אָבער זי האָט עס ניט בעמערקט, אַזוי פערטהאָן אין די געדאַנקען איז זי געוועזען.

דער מאַהלער האָט זיך געווענדעט צו אַננעלען:

— זאָג אָקאָרשט, קליינע, וואָלט דיר געוועזען זעהר אונאַנגענעהם, צו שטעהן פאַר מיר איין מאָל אָדער צוויי מאָל אַלס מאָדעל?

— ניין, אין געגענטהייל.

— זעה, טהו אַ קוק אויף דער פרוי, ווי זי זיצט דאָ אַ פאַר'חלום'טע.

— אָט די אויף דער שטוהל?

— יאָ. זעהסטו, פונקט אַזוי מוזטו אויך זיך זעצען אויף אַ שטוהל, דאַן נעהמסטו אַן אָפּענעם בוך אויפ'ן שויס און מוזט זעהן זיך צו האַלטען אַזוי ווי זי. האָסטו שוין אַמאָל געטרוימט מיט אָפענע אויגען?

— אָה, געוויס.

— פון וואָס דען?

און ער האָט ביי איהר געפּרובט אַרויסקריגען פון וואָס זי האָט געטרוימט. אָבער זי האָט ניט געוואָלט ענטפערן, האָט אויס־געמיעדען זיינע פראַגען און זיך צוגעקוקט, ווי די ענטלאַך זיינען געשוואומען נאָך די ברעקלאַך ברויט, וואָס אַ פרוי האָט זיי צו־

געוואָרפען. זי האָט געשיינט זיך צו פיהלען אונבעקוועם, ווי ער וואָלט ביי איהר אָנגעריהרט עפּעס אַן עמפּפינדליכע סטרונע.

דאַן אום אומצובייטען דאָס געשפּרעך, האָט זי דערצעהלט פון איהר לעבען אין ראַנסיערעס, האָט גערעדט פון איהר באָבען, וועלכער זי האָט טאָג־טעגליך שטונדען לאַנג געמוזט פאָרלעזען, און וועלכע איז נעבאַך איצט פערבליעבען איינע אליין, איינזאַם און טרויעריג.

דער מאַהלער האָט זי אויסגעהערט און זיך דערביי געפיהלט פריש ווי אַ פויגעל, פרעהלאַך און לעבעדיג, ווי ער איז נאָך קיין מאָל ניט געוועזן. אַלעס וואָס זי האָט איהם דאָ דערצעהלט, אַלע יענע גלייכגילטיגע, אונוויכטיגע קלייניגקייטען פון אַן איינפאַכען מיידעלשען לעבען, האָבען איהם אינטערעסירט און פערגעניגען פערשאַפט.

— לאָמיר זיך אויף אַ ווײַלע זעצען — האָט ער געזאָגט.

זיי האָבען זיך געזעצט נאָהענט צום וואַסער אוןביידע שוואַ־נען־פויגלאַך זיינען צוגעשוואומען צו זיי, אין דער האָפנונג צו קריגען עפּעס עסען.

אין בערטין'ען האָבען ערוואַכט אַלערליי עראינערונגען, ער־אינערונגען אָן זאַכען, וועלכע מען האָט שוין לאַנג פערגעסען און וועלכע טויכען פּלוצים ווידער אויף, מען ווייס אַליין ניט ווי אַזוי. די דאָזיגע עראינערונגען זיינען איהם געקומען אַזוי פּלוצים און אַזוי פיעל אויף איין מאָל, דאָס איהם האָט זיך גע־דאַכט, ווי עפּעס אַ האַנד וואָלט זיין פאַרגאַנגענהייט אָנגע־ריהרט.

ער האָט געזוכט די אורזאַכע, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט די דאָזיגע אַלע לאַנג פערגעסענע איינצעלהייטען פון דער פערגאַנ־גענהייט, און ניט געקאָנט געפינען. עס האָט אָפט פּאַסירט, אַז ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם אָדער יענעם פאַקט פון זיין לעבען, אָבער קיין מאָל איז זיין גאַנצע פערגאַנגענהייט ניט אַרויפגע־שוואומען אַזוי קלאָהר אַזוי דייטליך, ווי היינט. און דאַן איז

אימער געווען עפּעס אַ גרונד, אַן אורזאַכע דערצו, אַמאָל איז דאָס געווען אַ געוויסער גערוך אָדער אַ פּאַרפיום. דער גערוך פון אַלטע פּאַרפיום פלעשלאַך האָבען אָפט איהם דערמאָנט אָן גאַנצע יאָהרען פון זיין לעבען און אַלע דופטע און גערוכען פון דער גאַס, די פעלדער, די הייזער, די מעבעל, צי גוט צו שלעכט; די וואַרימע לופט פון די זומער אבענדען, די שיינענדע קעלט פון אַ ווינטערדיגע נאַכט, אַלעס האָט גערעגט און געוועקט אין איהם ווייטע עראַי־נערונגען.

איז דאָס געווען דאָס נאַסע גראָז אָדער דער גערוך פון די קאַסטאַנען־בוימער, וועלכע האָבען איהם די פערגאַנגענהייט ווי־דער אויף די גדאַנקען ארויפגעבראַכט? ניין. טאָ וואָס דען? זיינען אין דעם שולדיג זיינע אויגען, וואָס האָט ער געזעהן? גאָר נישט... אפשר האָט אימיצער פון די, וועמען ער האָט היינט גע־טראָפען איהם דערמאָנט אָן אַ פּנים פון אַמאָל, און אַליין ניט וויסענדיג ווי אַזוי, האָבען אין זיין נשמה גענומען קלינגען גלאָקען פון אַמאָליגער יוגענד.

איז עס פיליייכט געווען עפּעס אַ טאָן? מאַנכעס מאָל האָט דער קלאַנג פון אַ פּיאַנאָ, וועלכען ער האָט צופעליג געהערט, אַ אונבאַקאַנטע שטימע, זאָגאַר אַן אָרגעל, וועלכער האָט ערגעץ אויף דער גאַס אַן אַלט ליעד געשפּיעלט, איהם אויף צוואַנציג יאָהר אינגער געמאַכט און אָנגעפילט זיין האַרץ מיט פרעהליכע, גליק־ליכע עראינערונגען.

— עס איז קיהל — האָט ער געזאָגט — לאָמיר ווייטער געהן.

זיי זיינען אויפגעשטאַנען און ווידער אוועק שפּאַציערען. אויף די אַרומיגע ביינק האָט ער געזעהן זיצענדיג די אָרימע לייט, וועלכע קאָנען זיך ניט ערלויבען צו דינגען אַ שטוהל, ווייל דאָס איז פאַר זיי אַ צו גרויסע אויסגאַבע.

באַלד האָט זיי אַנגעלע אויך באַמערקט, האָט זיך נאָכגע־פרעגט אויף זייער לעבען, זייער בעשעפטיגונג און זיך געוואונ־

דערט, וואָס אזעלכע קבצנים קאָנען קומען אהער, אין דעם דאָזיגען שעהנעם שטאָדט־פּארק צו פוילענצען.

און שטארקער נאָך ווי פריהער זיינען אליוויער בערטינ׳ען אויף די געדאנקען ארויפגעשוואומען פערזונקענע יאָהרען. עס האָט זיך איהם געדאכט, ווי א פליג וואָלט נאָכגעיאָגט איהם אין אויער געזשומט און אונבעשטימטע עראינערונגען פון פערגאנגענע טעג איהם אין זכרון געבראכט.

דאָס יונג מיידעל האָט בעמערקט ווי ער זיצט א פארטומעלטער און זי האָט געפרעגט:

— וואָס איז דער מעהר מיט אייך, איהר שיינט צו זיין טרויעריג?

ער האָט זיך א טרייסעל געטהאָן און זיין הארץ האָט גענומען טיאָכען. ווער האָט דאָס געפרעגט, זי אָדער איהר מוטער? ניין, איהר מוטער, ניט מיט דער שטימע וואָס זי האָט איצט גערעדט, נאָר ווי זי האָט אמאָל גערעדט. מיט דער שטימע, וועלכע האָט זיך אזוי פערענדערט, אז ער האָט זי ערשט יעצט ווידער דערקענט.

ער האָט געענטפערט מיט א שמייכעל:

— מיט מיר איז גאָר נישט, דו אמוזירסט מיך זעהר. דו ביזט זעהר ליעב, דו דערמאָנסט מיך אויף דיין מוטער.

ווי איז דאָס מעגליך, וואָס ער האָט ניט גלייך דערהערט דעם ווידער־קול פון יענער ליעבער, אנגענעהמער שטימע, וועלכע איז איצט פון אנ׳אנדער מויל געקומען.

— דערצעהל מיר נאָך עטוואָס — האָט ער געזאָגט.

— וואָס?

— וואָס האָסטו ביי דיינע גובערנאנטקעס געלערנט, האָסטו זיי ליעב געהאַט?

זי האָט ווידער גענומען פּלוידערן און ער האָט זיך צוגעהערט מיט א וואקסענדער אויפרעגונג. ער האָט געוואַרט און געלויערט צווישען די ווערטער פון דער יונגער מיידעל, וועלכע איז זיין

הארצען כמעט גאנץ פרעמד געווען, אויף א טאן, א ווארט, א שמייכעל, וועלכע זיינען פון דער מוטער'ס יוגענד ביי איהר אין האלז פארבליעבען. ביי מאנכע בעטאנונגען האט ער זיך א טרייסעל געטהאן. געוויס איז די ארט און וויזע צו רעדען געווען ביי זיי פערשיעדען, אז ער האט די עהנליכקייט נים געקענט גלייך בעמערקען, אבער פונקט אזוי גוט האט ער מאנכעס מאל נים געקענט אונטערשיידען איינע פון דער צווייטער. אבער די דאזיגע פארשידענהייטען האבען די פלוצלימדיגע עראינערונג אן דער מוטער'ס שפראך געמאכט נאך לעבעדיגער. ביז אהער האט ער מיט פריינדליכע נייגעריגע אויגען די עהנליכקייט אין זייערע געזיכטס־שטריכען בעטראכט. אבער איצט האט איהם דער וואונדער פון דער ווידער־ערוואכטער שטימע אזוי דעם קאפ צומישט, אז ווען ער האט זיינע אויגען פון דער מיידעל אפגעקעהרט, האט ער זיך אליין געפרעגט צו רעדט עס דאס נים אזוי צו איהם די גרעפין, ווי זי פלעגט רעדען פאר צוועלף יאהרען.

און ווען ער האט זיך גאנץ ערשיטערט פון דער דאזיגער פראגע זיך צו איהר ווידער אומגעקעהרט, האט ער אין איהר בליק געפונען עטוואס פון יענעם צויבער מיט וועלכען איהר מוטער האט אין דער ערשטער צייט איהם בעצויבערט.

דריי מאל נאכאנאנד זיינען זיי שוין ארומגעגאנגען ארום און ארום פארק, אלץ פארביי די זעלבע מענשען, די זעלבע אממען, די זעלבע קינדער.

יעצט האט אננעלע בעטראכט די הייזער, וואס זיינען געשטאנען ארום פארק און געפרעגט, ווער עס וואהנט דארט.

זי האט געוואלט אלעם וויסען וועגען די דאזיגע מענשען און האט זיך אויף אלץ נאכגעפרעגט מיט גרויס נייגעריגקייט. מיט די אויגען האט זי פונקט אזוי געשלונגען יעדעס ווארט ווי מיט די אויערען.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צום פאוויליאן, וועלכער טיילט

אַבביידע טירען, וואָס פיהרען צום בולוואַר, האָט בערטין בעמערקט, אַז עס איז שוין באַלד פיער אַ זייגער.

— אַך — האָט ער געזאָגט — מיר מוזען באַלד געהן אַהיים.

און זיי זיינען לאַנגזאַם אַוועק צום בולוואַר מאַלעסהערבעס.

אָבגעפיהרט דאָס מיידעל אַהיים, איז דער מאַהלער אַוועק צום פּלאַץ דע לאַ קאָנקאָרד, אום אויפ'ן צווייטען זייט פון דער סיינע, אַ בעזוך צו מאַכען.

ער האָט געברומט שטיל פאַר זיך עפּעס אַ מעלאָדיע און זיך געפיהלט אַזוי פריש, אַזוי יונג, אַזוי פרעהלאַך, אַז איהם האָט זיך געוואָלט שפּרינגען און טאַנצען איבער די ביינק. פּאַריז איז איהם געפעהלען בעסער און שעהנער ווי ווען עס איז און ער האָט געטראַכט: „עס איז פּאַרט אמת, דער פריהלינג מאַכט אַלעמען ווידער יונג."

ער איז געווען אין איינע פון יענע שטימונגען, ווען דער אויפגערעגטער גייסט נעהמט אַלעס לייכט אויף, ווען דאָס אויג זעהט שאַרפער און קלאָהרער, ווען מען קוקט אַרום זיך מיט גרעסערער פרייד און אַלעס מאַכט דעם איינדרוק, ווי אַן אַלמעכטיגע האַנד וואָלט אַלע פאַרבען פון דער ערד אָבגעפרישט, אַלע בעוועגונגען פון די מענשליכע וועזענס לעבעדיג געמאַכט און אַלע פעהיגקייטען און קרעפטען אין אונז ווידער בענייט, ווי אַן אָנגעצויגענער זייגער, וועלכער האָט שוין געהאַלטען ביים אויסגעהן.

ער האָט געקוקט אַרום זיך, געזעהן אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכען צו מאָהלען און געטראַכט: „מערקווירדיג, איצט גלויבט זיך מיר גאָר נישט, אַז עס זיינען דאָ מאָמענטען, ווען איך ווייס ניט, וואָס איך זאָל מאָהלען".

ער האָט זיך געפיהלט אַזוי פריי, מיט אַזאַ קלאָהרען בליק, אַז זיין גאַנצע ביזאַהעריגע קונסט האָט איהם אויסגעוויזען אונבעדייטענד, און עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער האָט איצט געפונען אַ נייע, אמת'ע, גאַנץ אָריגינעלע פאָרמע, ווי אַזוי דאָס לעבען איבערצוגעבען, און פּלוצים האָט ער געקראָגען אַ פערלאַנג

אהיים צו געהן, צו ארבייטען, און ער האט זיך אומגעקעהרט צוריק אום זיך אין זיין אטעליער איינצושליסען.

אבער אזוי שנעל ווי ער איז געבליבען שטעהן איינער אליין פאר דער אנגעפאנגענער לייוועגד, האט זיין בלוט, וועלכעס האט נאר וואס געשטורעמט, זיך אבגעקיהלט און ער האט זיך דערפיהלט מיעד. ער האט זיך געלעגט אויפ'ן דיוואן און גענומען טרוימען.

די גליקליכע גלייכגילטיגקייט אין וועלכע ער האט געלעבט, יענע זארגלאזיגקייט פון א מאן, וועמעס בעדערפענישען עס ווערען כמעט אלע בעפריעדיגט, איז לאנגזאם פון זיין הארצען פערשוואונדען, ווי עפעס וואלט איהם געפעהלט. זיין הויז איז איהם געווארען פוסט, זיין אטעליער — וויסט און ווען ער האט זיך ארומגעקוקט ארום זיך, האט זיך איהם אויסגעוויזען, ווי עס וואלט זיך בעוויזען דער שאטען פון א פרוי, וועמעס געגענווארט עס איז איהם אנגענעהם געוועזן. ער האט שוין פון לאנג פארגעסען די אונגעדולד פון א געליעבטען, וועלכערווארט אויף דאס צוריקקומען פון זיין געליעבטער און איצט פלוצים האט ער דערפיהלט, אז זי איז ווייט פון איהם און זי געוואונשען צו האבען נעבען זיך מיט דעם פייער פון יוגענד.

ער איז געווארען ווייך, טראכטענדיג, ווי ליעב זיי האבען זיך געהאט, און אין דיעזען גרויסען צימער, אין וועלכען זי איז אזוי אפט געקומען, האט ער זיך דערמאנט אן טויזענד קלייניגקייטען וועגען איהר, אן איהרע בעוועגונגען, איהרע ווערטער, איהרע קושען. ער האט זיך ווידער דערמאנט אן געוויסע טעג, אן איינצעלנע שטונדען, בעזונדערע אויגענבליקען און דער הויך פון די פריהערדיגע צערטליכקייטען האט ווידער אויף איהם א וועהע געטהאן.

ער האט זיך אויפגעהויבען. ער האט ניט געקענט מעהר איינזיצען, גענומען געהן הין און צוריק איבער'ן צימער און געטראכט וועגען דעם, אז ניט קוקענדיג אויף דער דאזיגער ליעבע, וואס האט אויסגעפילט זיין גאנץ לעבען, איז ער דאך געבליבען אליין, עלענד און איינזאם. ווען ער האט נאך לאנגע שטונדען ארבייט

זיך ארומגעקוקט ארום זיך, ווי איינער, וואָס האָט זיך נאָר וואָס פון שלאָף אויפגעכאַפּט, האָט ער געזעהן און געפיהלט ארום זיך נור קאַלטע ווענד.... אזוי ווי ער האָט אין דער היים ניט געהאַט קיין פרוי, און האָט געקענט געהן נור הינטען־ארום, ווי א גנב, צו דער פרוי וועלכע ער האָט געליעבט, האָט געמוזט פאַרברענגען זיינע פרייע שטונדען אין אַלע מעגליכע עפענטליכע הייזער, וואו מען קען ווי עס איז די צייט פאַרטרייבען. איז געווען געוועהנט צו געהן אין קלוב, אין צירק, אין היפּאָדראָם, אין געזעלשאַפטען, אין דער אָפּער־ראַ, איבעראַל אבי ניט צו בלייבען אין דער היים, וואו ער וואָלט אזוי גערן פאַרבליעבען, ווען ער וואָלט געקענט מיט איהר צוזאַמענ־לעבען.

פריהער, אין די מינוטען פון ביינקעניש, האָט ער שטאַרק גע־ליטען דערפון, וואָס ער קען זי ניט אימער זעהן, וואָס ער קען זי ניט האָבען ביי זיין זייט און זי דאָרט אויף אימער איינהאַלטען. שפּעטער, ווען זיין ליידענשאַפט איז שוואַכער געוואָרען, האָט ער זיך צו דער דאָזיגער צושיידונג צוגעוואָהנט און איז צופרידען גע־ווען מיט זיין פרייהייט. איצט איז אויף איהם איבעראַנייס אָנ־געפאַלען אזא ביינקעניש, ווי ער וואָלט זיך אויף דאָס נייע אין איהר פערליבט.

די דאָזיגע צערטליכקייט איז איהם געקומען אזוי פּלוצים, כמעט גאָר אָהן א גרונד, אפשר ווייל די זון האָט אזוי העל געלויכ־טען און אפשר דערפאַר, ווייל ער האָט פריהער געהערט די אמאָ־ליגע שטימע פון דיזער פרוי. ווי ווייניג איז נויטיג אום צו ריהרען א מאַנ׳ס הארץ, א מאַן, וועלכער פיהלט, אז ער ווערט אַלט און ביי וועמען די עראינערונגען רופען ארוים ביינקעניש און בעדויערען.

ווי פריהער האָט ער דערפיהלט א בעדערפעניש זי ווידער צו זעהן, און די דאָזיגע בעדירפעניש איז אריבער אין זיין מאַרך און בלוט ווי א פיבער. ער האָט גענומען ווענען איהר טראַכטען ווי א יונגער געליעבטער, פאַרגעטערענדיג זי אין הארצען אום נאָך

שטאַרקער צו מאַכען דעם פערלאַנג נאָך איהר. דאַן האָט ער זיך ענטשלאָסען, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס ער האָט זי אין דער פריה געזעהן, צו געהן צו איהר אין אָבענד אויף טהעע.

די שטונדען האָבען זיך לאַנגזאַם געשלעפּט, און ווען ער איז פון הויז ארויס און זיך גענומען געהן איבער'ן בולוואַר מאַלעס־הערבעס, איז אויף איהם פּלוצים אָנגעפאַלען א מורא, זי ניט צו טרעפען אין דער היים און צו זיין געצוואונגען היינטיגען אבענד פאַרברייינגען איינער אליין אין זיין קאַלטען, וויסטען אַטעליער.

אויף דער פראַגע: „איז די גרעפין אין דערהיים?" האָט א דיענער געענטפערט: „יא, מיין הערר!" און א שטראָם פרייד האָט זיין האַרץ אָנגעפילט. ער איז צוגעגאַנגען צום שוועל פון סאַלאָן און דערזעהן ביידע פרויען ארבייטענדיג פאַר דעם שיין פון א הויכען, דאָפּעלטען זילבערנעם לאָמפּ, האָט ער שטראַהלענדיג אויסגערופען:

— אָט בין איך ווידער!

די גרעפין האָט געענטפערט:

— דאָס איז זעהר שעהן פון אייך.

— יא, איך האָב זיך געפיהלט אזוי איינזאַם, אז איך האָב בעשלאָסען צו קומען צו אייך נאָך אַמאָל.

— דאָס איז ווירקליך זעהר שעהן.

— ערוואַרטעט איהר אימעצען?

— ניין... פיללייכט... איך קען עס קיין מאָל ניט וויסען.

ער האָט זיך געזעצט און מיט א פערעכטליכען בליק בעטראַכט די ארבייט פון דיקען וואָל, וועלכע זיי האָבען געשטריקט מיט לאַנגע הילצערנע נאָדלען.

ער האָט געפרעגט:

— וואָר שטריקט איהר?

— דעקען.

— פאַר די אָרימע לייט?

— יא, געוויס.

— דאָס איז זעהר העסליך.

— אָבער זעהר ווארעם.

— דאָס איז שוין מעגליך, אָבער העסליך איז עס פּאָרט. איבערהויפּט נאָך, ווען מען ארבייט אַזעלכע מיאוס'ע זאַכען אין אַ צימער אין דעם סטיל פון לודוויג דעם פופצעהנטען, וואו אַלעס איז אַזוי שעהן און פרעהט דאָס אויג. אויב ניט צוליעב די אָרימע לייט דאַן זאָלט איהר צוליעב אייערע פריינד אייערע האַנדארביטען עטוואס שעהנער מאַכען.

— אַך, די מענער — האָט זי געזאָגט און אַ דריק געטהאָן מיט די אַקסלען — אָבער אַזעלכע דעקען זיינען דאָך יעצט אומעדום אין מאָדע.

— איך וויים, איך וויים עס נור צו גוט. מען קען יעצט אין ערגעץ ניט קומען אָהן דעם, אז מען זאָל אויף די עלעגאַנטסטע טואַלעטען, אויף די שעהנסטע מעבעל ניט טרעפען ליגען די דאָזיגע העסליכע, גרויע וואָל-געשיכטע. היינטיגען פריהלינג איז די וואָהלטהעטיגקייט גאָר אָהן אַ געשמאַק...

די גרעפין האָט געוואָלט זעהן, אויב ער איז גערעכט, און זי האָט אויסגעשפּרייט איהר ארבייט אויף אַ מיט זייד בעצויגענעם שטוהל נעבען זיך. דאַן האָט זי געזאָגט גלייכגילטיג.

— יא, עס איז ווירקליך מיאוס.

און זי האָט זיך ווידער גענומען ארבייטען. אויף דיביידע קעפּ, וועלכע האָבען זיך אונטער ביידע לאָמפּען איבער זייער אַרבייט אריבערגעבויגען איז געפאַלען אַ ראָזעווער שיין און בעלויכטען זייערע האָר, זייערע פּנים'ער, די קליידער און די זיך בעוועגענדע הענד. און זיי האָבען געטהאָן זייער ארבייט מיט יענער לייכטקייט פון פרויען, וועלכע זיינען געוואָהנט זייערע הענד צו בעשעפּטיגען, בעת די געדאַנקען זיינען פערנומען מיט אַנדערע זאַכען.

אין די פיער ווינקלען פון צימער זיינען געשטאַנען נאָך פיער אַנדערע לאָמפּען פון כינעזישען פּאָרצעליי אויף אַלטע בעגולטע

הילצערנע זיילען און האָבען געוואָרפען אויף די ווענד אַ גלייב־מעסיגע, מילדע ליכט.

בערטין האָט צוגערוקט אַ קליינעם, ניעדעריגען פּאַטעל, וועל־כער איז געווען אַביסעלע צו קליין פאַר איהם, אויף וועלכען ער האָט אָבער אימער ליעב געהאַט צו זיצען, ווען ער האָט מיט דער גרעפין געפּלוידערט, ווייל אַזוי איז ער געזעסען כמעט צו איהרע פיס.

זי האָט געזאָגט צו איהם:

— איהר האָט מיט אַננעלען פריהער געמאַכט אַ לאַנגען שפּאַ־ציר אין פּאַרק?

— יאַ, מיר האָבען געפּלוידערט, ווי אַלטע פריינד. איך האָב אייער טאָכטערל זעהר ליעב, זי איז אַזוי עהנליך צו אייך. ווען זי רעדט אַרויס געוויסע ווערטער, קען מען מיינען, אַז איהר האָט אייער שטימע אין איהר האַלז איבערגעלאָזען.

— דאָס האָט מיר מיין מאַן שוין אויך פיעל מאָל גע־זאָגט.

ער האָט זיך צוגעקוקט ווי זי אַרבייטעט, בעגאָסען מיט דעם קלאָהרען ליכט פון די לאָמפּען און דער געדאַנק, וואָס האָט איהם אַזוי אָפט געמאַטערט, וועלכער האָט איהם נאָך היינט געפּייניגט, דער געדאַנק וועגען זיין טויטער, וויסטער, איינזאַמער, קאַלטער הויז, וואָס איז אין אַלע וועטערן גלייך אונהיימליך, מעג דער פייער אין קאַמין ברענען ווי שטאַרק, דער דאָזיגער געדאַנק האָט איהם אַזוי וועה געטהאָן, ווי ער וואָלט היינט צום ערשטען מאָהל דערפיהלט זיין איינזאַמקייט.

ווי גערן וואָלט ער געווען דער מאַן פון דיזער פרוי, אַנשטאָדט איהר געליעבטער. פריהער האָט ער אַמאָל געוואָלט מיט איהר אַנטלויפען, צונעהמען זי פון דעם מאַן, זי איינפאַך צו׳גנב׳ענען. היינט איז ער מקנא געווען דעם בעטראָגענעם מאַן, וועלכער האָט ביז צום סוף פון זיין לעבען פערבראַכט נעבען איהר זייט, אין אַן אַנגענעהמע, וואַרימע, געמיטליכע היים און, ווען ער האָט זי אַזוי

אָנגעקוקט, האָט ער דערפיהלט טויזענד עראינערונגען פון פריהער אין זיין הארצען אויפוואכען, איבער וועלכע ער וואָלט אזוי גערן מיט איהר גערעדט. ער האָט זי נאָך אמת געליעבט, היינט זאָגאר מעהר, פיעל מעהר ווי זייט אַ לאַנגער צייט. און דאָס בעדערפע־ניש איהר פון זיין בענייטער ליעבע צו דערצעהלען, וואס עס וועט איהר אזוי פרעהען, האָט אין איהם ארויסגערופען אַ וואונש, אז זי זאָל וואָס גיכער אָבשיקען דאָס יונגע מיידעל שלאָפען.

געמאַטערט פון בייַנקעניש מיט איהר אליין צו זיין, זיך צו איהר צו דערנעהנטערען, זיין קאָפּ אויף איהר שויס צו לייגען, איהרע הענד אין זיינע ארייַנצונעהמען, בעת די דעקען, די גראָבע וואָל און די שטריקנאָדעל וועלען זיך אונטער אַ שטוהל פּארקייק־לען, איז ער געזעסען, געקוקט יעדע ווייַלע אויפ'ן זייגער, קוים ארויסגעבראַכט אַ וואָרט און געטראַכט, אז עס איז אַ גרויסע עולה אייַנצוגעוועהנען אזעלכע יונגע שנעקעס צו פערברענגען די אָבענדען מיט די ערוואַקסענע.

אין דער שטילקייט פון דעם צווייטען סאלאָן האָבען זיך דערהערט טריט, און אַ דיענער האָט געמעלדעט:

— הערר דע מוסאַדיע!

אָליוויער איז געוואָרען אויסער זיך און ווען ער האָט דעם אינספּעקטאָר פון דער שעהנער קונסט די האנד געדריקט, האָט זיך איהם געוואָלט אָנכאַפּען יענעם פאר'ן קראַגען און איהם ארויס־שליידערן.

מוסאדיע האָט געבראַכט אַ מאַסע נייעס. דאָס מיניסטעריום איז געוועזן אויפגעבראַכט, און מען האָט גערעדט וועגען אַ סקאַנ־דאַל אין וועלכען דער מאַרקיז ראַקדיאַננע איז פּאַרמישט גע־וועזן. מיט אַ בליק אויף דאָס יונגע מיידעל האָט ער געזאָגט:

— איך וועל עס אייך שפּעטער דערצעהלען.

די גרעפין האָט אַ קוק געטהאָן אויף דעם קאַמין זייגער און דערזעהן, אז עס שלאָגט גלייך צעהן.

— עס איז דיר צייט צו גײן שלאָפֿן, מיין קינד — האָט זי געזאָגט צו דער טאָכטער.

אַננעלע, ניט ענטפֿערנדיג אַ וואָרט, האָט צוזאַמענגעלייגט איהר אַרבייט, אויפֿגעוויקעלט די וואָל, אַ קוש געטהאָן איהר מוטער אין ביידע באַקען, געגעבען ביידע מענער די האַנד און איז שנעל אַוועק, ווי זי וואָלט אַוועקגעשוועבט ניט אָנריהרענדיג די לופֿט.

ווען זי איז אַוועק האָט די גרעפֿין געפֿרעגט:

— נו, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ סקאַנדאַל?

מען האָט גערעדט, אַז דער מאַרקיז ראַקדיאַננע, וועלכער איז געשיעדען פֿון זיין פֿרוי, ניט קענענדיג אויסקומען מיט דעם געהאַלט, וואָס זי צאָהלט איהם, איז געפֿאַלען אויף אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו פֿערדאָפּלען זיינע איינקינפֿטע. ער האָט אָנגעשטעלט שפּיאָנען, וועלכע האָבען געכאַפּט די מאַרקיזע צוזאַמען מיט איהר געליעבטען און אום אויסצומיידען אַן עפֿענטליכען פּראָצעס, איז זי געצוואונגען געווען איהם העכערען זיין איינקונפֿט.

די גרעפֿין האָט נייגעריג צוגעהערט, האַלטענדיג איהרע הענד מיט דער אַרבייט אונבעוועגליך אויפֿ'ן שויס.

זייט דאָס מיידעל איז אַוועק, איז בערטין געווען אויפֿגערעגט; מוסאַדיע'ס אָנוועזענהייט האָט איהם ווילד געמאַכט און ער האָט אויסגעלאָזען זיין כעס צו איהם דערמיט, וואָס ער האָט ערקלערט, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ ליגען, אַ מיאוס'ע רכילות און, אַז אַן אָנשטענדיגער מענש דאַרף אַזעלכע זאַכען ניט איבערריידען. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן קאַמין און גערעדט מיט היץ, מיט נערוועזע בעוועגונגען, ווי איינער וואָס פֿערטהיידיגט זיין אייגענע זאַך.

ראַקדיאַננע איז געווען זיין פֿריינד, און ווען מען האָט איהם אַפּילו אַ מאָל געקענט אויפֿוואַרפֿען עטוואָס לייכטזיניגעס, אָבער אַן עהרען־מאַן איז ער יעדענפֿאַלס געווען.

מוסאַדיע איז געוואָרען ערשטוינט, צומישט, האָט זיך פֿאַר־טהיידיגט, צוריקגעצויגען זיין בעמערקונג און זיך ענטשולדיגט.

— אָבער ערלויבט דאָך, איך האָב די מעשה נור וואס געהערט ביי דער הערצאָגין דע מאַרטאַמאַין.

בערטין האָט געפרעגט:

— ווער האָט עס אייך דערצעהלט? אוודאי אַ פֿרוי.

— דעם מאָל האָט איהר גראָד ניט געטראָפען, דער מאַר־קיז פֿאַראַנדאַל.

און דער מאַלער האָט געענטפֿערט:

— נו, פֿון דעם וואונדערט מיך שוין ניט.

אַ ווײַלע האָבען אַלע געשוויגען. די גרעפֿין האָט ווידער גע־נומען אַרבייטען. דאַן האָט זיך בערטין אָבגערופען אין אַ רוהיגען טאָן:

— איך ווייס בעשטימט, אַז די געשיכטע איז אַ ליגען.

אין דער אמת'ן האָט ער גאָר נישט געוואוסט, דען ער האָט איצט וועגען דער געשיכטע צום ערשטען מאָל געהערט.

מוסאַדיע האָט געזוכט צו פֿאַרגלעטען דעם איינדרוק. ער האָט זיך געפֿיהלט אונאַנגענעהם און גענומען רעדען וועגען אַוועק־געהן, וועגען דעם, אַז ער דאַרף נאָך היינט בעזוכען די קאַרבעללס, ווען עס איז אַריין דער גראַף, וועלכער האָט געהאַט געגעסען אין שטאָדט.

בערטין האָט זיך אוועקגעזעצט אין גאַנצען אַ דער'הרג'עטער, פֿון איהר געזעצליכען מאַן האָט ער שוין קיין האָפֿנונג ניט גע־האַט פּטור צו ווערען.

— האָט איהר שוין געהערט פֿון דעם סקאַנדאַל? — האָט געפֿרעגט דער גראַף.

און אַזוי ווי קיינער האָט ניט געענטפֿערט, האָט ער ווייטער גערעדט:

— ווי עס שיינט האָט ראַקדיאַננע געכאַפּט זיין פֿרוי אין

זעהר אַ אינטערעסאַנטע לאַגע, דען זי מוז נעביך טהייער בעצאָה־לען דערפאַר.

דאָ האָט בערטין מיט אַ פערצוויפעלטער מינע אַרויפגעלעגט זיין האַנד אויפ׳ן גראַף׳ס קניע און מיט פריינדליכע, מילדע ווער־טער האָט ער ווידערהאָלט דאָס, וואָס ער האָט פריהער מיט רוגזה מוסאַדיע׳ן אין פּנים געוואָרפען.

און דער גראַף, וועלכער האָט זיך געלאָזט האַלב איבערצייגען און זיך געערגערט פאַר וואָס ער האָט אַזוי לייכטזיניג איבערדער־צעהלט אַ אונבעשטימטע און פּיליכטע קאָמפּראָמעטירענדע זאַך, האָט ערקלעהרט, אַז ער ווייס קיין זאַך ניט און איז גאַנץ אונ־שולדיג. עס טראָגען זיך אַרום גענוג פאַלשע און בייזע זאַכען, קיין בייזע צינגער פעהלען ניט, און אַמאָל קען דער עהרליכסטער מענש, ניט ווילענדיג, נאָכזאָגען עטוואַס וואָס איז ניט געשטויגען און ניט געפלויגען.

פּלוצים זיינען אַלע מיט אַמאָל געוואָרען איינשטימיג, אַז עס איז ניט רעכט, וואָס מען פערדעכטיגט, בעשמוצט און פערלוימ־דעט אַזוי לייכט אַ מענשען. און פינף מינוט נאָכאַנאַנד האָבען זיי געשיינט צו זיין איבערצייגט, אַז אַלעס, וואָס ווערט געפּליסטערט, איז אַ ליגען, אַז אין דער אמת׳ן האָבען די פרויען קיין מאָל קיין ליעבהאָבער ניט, אַז די מענער בעגעהען קיין מאָל ניט די געמיינ־הייטען, אין וועלכע מען בעשולדיגט זיי און אַז פון אויבען אויף זעהט דאָס לעבען אויס פיעל שלעכטער, ווי עס איז אין דער ווירק־ליכקייט.

בערטין, וועלכער האָט נעגען מוסאַדיע׳ן מעהר גאָר נישט גע־האָט זייט גיללעראַי איז אַהיים געקומען, האָט איהם איצט גע־מאַכט קאָמפּלימענטען, גערעדט פון זאַכען, וועלכע יענער האָט גערן געהערט, און דער גראַף האָט געשיינט צו זיין גאַנץ צופריעדען, ווי איינער, וואָס פאַרשפּרייט אַרום זיך איינהייט און פריעדען.

צוויי דיענער זיינען שטיל אין צימער אריין און געבראַכט

דעם טהעע־טיש, אויף וועלכען אַ שעהנער, בליסטשענדער קעסעל האָט אויף אַ ספּיריטוס־לעמפּעל געקאָכט.

די גרעפין איז אויפגעשטאַנען, האָט צורעכט געמאַכט דאָס הייסע געטראַנק און געבראַכט מוסאַדיע׳ן און דאַן בערטין׳ען אַ טאַס טהעע. דאַן איז זי ווידער געקומען מיט אַ פּאַר טעלער, וואו עס זיינען געלעגען סענדוויטשעס פון געגזענע לעבער און פּער־שיעדענע עסטרייכישע און ענגלישע געבעקס.

דער גראַף איז צוגעגאַנגען צו אַ טיש, וואו עס זיינען גע־שטאַנען פּרוכט זאַפטען, ליקערס און גלעזער, האָט זיך דאָרט צו־געריכט אַ גראָג, האָט זיך שטיל אַרויסגערוקט אין צווייטען צי־מער און איז פערשוואונדען.

איצט איז בערטין ווידער געבליבען אַליין מיט מוסאַדיע און דער גרעפין, און ווידער איז איהם פּלוצים געקומען דער וואונש פון דעם איבעריגען מענשען פּטור צו ווערען. מוסאַדיע אָבער האָט פון קיין זאַך ניט געוואוסט, ער האָט זיך געוויצעלט, דער־צעהלט אַנעקדאָטען און גאָר אין זינען ניט געהאַט אוועקצוגעהן. דער מאַהלער האָט ניט אויפגעהערט צו קוקען אויף דעם קאַמין זיי־גער, ווערמעס לאַנגער ווייזער האָט זיך אַלץ נעהענטער און נעהענ־טער צו האַלבער נאַכט גערוקט. די גרעפין האָט געזעהן זיין בליק, בעמערקט, אַז ער וויל מיט איהר ריידען און מיט יענער געשיק־ליכקייט פון דער וועלט דאַמע, וועלכע קען מיט אַ בליק, מיט אַ קוק, מיט אַ מינע מאַכען צו פיהלען, אַז זי לאַנגווייַלט זיך, האָט זי פּלוצים נור דורך איהר האַלטונג, דורך דעם טאָן פון איהר שטי־מע פאַרשפּרייט אַרום זיך אַזאַ קעלט, ווי זי וואָלט אַ פענסטער געעפענט.

מוסאַדיע האָט דערפיהלט די אייזיגע לופט און זיינע אידעען זיינען איהם אין קאָפּ פאַרגליווערט געוואָרען, אַליין ניט וויסענדיג פאַרוואָס, האָט ער פּלוצים דערפיהלט אַ לוסט פון דאַנען אוועק־צוגעהן און ער האָט זיך אויפגעהויבען.

בערטין האָט אוים טאַקט געפיהל געטהאָן דאָסזעלבע. ביידע

מענער זיינען צוזאַמען דורכגעגאַנגען ביידע סאַלאָנען, בעגלייט פון דער גרעפין, וועלכע האָט גערעדט מיט דעם מאהלער. אויפ'ן שוועל פון פּאַרזאַל האָט זי איהם אונטער עפּעס א תירוץ צוריק־געהאַלטען, בעת דער דיענער האָט געהאָלפען מוסאדיע'ן אָנטהאָן דעם אויבעררָאָק. אזוי ווי די גרעפין האָט נאָך אַלץ גערעדט מיט בערטין'ען, האָט דער אינספּעקטאָר פון דער שעהנער קונסט, נאָכ־דעם ווי ער האָט נאָך א ווײַלע געוואַרט אין דער אָפענער טיר, וואו א צווייטער דיענער איז געשטאַנען, זיך בעשלאָסען אוועקצוגעהן, אום ניט צו שטעהן נעבען דעם בעדיענטען.

די טיר האָט זיך שטיל הינטער איהם צוגעמאַכט און די גרעפין האָט זיך אָבגערופען צום קינסטלער:

— הערט אויס, ווארום איילט איהר זיך אזוי, עס איז נאָך פאַר צוועלף? בלייבט נאָך א ווײַלע.

און זיי האָבען זיך צוזאַמען אומגעקעהרט אין דעם קליינעם סאַלאָן.

אזוי שנעל ווי זיי האָבען זיך געזעצט, האָט ער אויסגערו־פען:

— מיין גאָט, איז דער יונג געווען היינט לאַנגווײַליג!

— ווארום דען?

— ער האָט ביי מיר אוועקגערויבט א טהייל פון אייך.

— אָך, ניט פיעל.

— דאָס קען זיין, אָבער ער האָט מיר געשטערט.

— איהר זייט אייפערזיכטיג?

— מען מוז ניט זיין אייפערזיכטיג, ווען אימיצער פאַלט אונז צו לאַסט.

ער האָט זיך ווידער געזעצט אויף דעם קליינעם שטול, איצט גאַנץ נאָהנט צו איהר, און אריינגענומען דעם שטאָף פון איהר קלייד צווישען זיינע פינגער. ער האָט איהר דערצעהלט, וואס פאַר ווארימע געפיהלען עס האָבען היינט אָנגעפילט זיין הארץ צו איהר.

זי האָט איהם אויסגעהערט ערשטוינט און גליקליך, דאַן האָט

זי אַרויפגעלעגט איהר האַנד אויף זיינע ווייסע האָר, זיי צערט־ליך געגלעט, ווי זי וואָלט איהם דערמיט געוואָלט דאַנקען.

— איך וואָלט אַזוי וועלען לעבען מיט אייך צוזאַמען — האָט ער אַרויסגעקרעכצט.

ער האָט ניט אויפגעהערט צו טראַכטען פון איהר מאַן, וועל־כער איז וואַהרשיינליך דאָרטען ערגעץ אין אַ צווייטען צימער גע־שלאָפען, און ער האָט געזאָגט:

— ווען צוויי מענשען האָבען זיך ווירקליך ליעב און ווילעי זיין צוזאַמען איז דער איינציגער וועג פאַר זיי צו הייראַטהען.

זי האָט געמורמעלט: — אָרימער פריינד! — און איהר האַרץ איז פול געוואָרען מיט מיטלייד צו איהם און צו זיך אַליין.

ער האָט אָנגעשפאַרט זיין באַק אויף דער גרעפינס קניע, האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ צערטליכען בליק, עטוואס מעלאַנכאָליש, עט־וואס שמערצליך אָבער ווייניגער הייס ווי פריהער, ווען ער איז געווען אָבגעריסען פון איהר דורך איהר טאָכטער, איהר מאַן און מוסאַריע.

זי האָט געזאָגט שמייכלענדיג, בעת איהרע פינגער האָבען נאָך אַלץ אַליווערם קאָפּ געצערטעלט:

— גאָט אין הימעל, זייט איהר ווייס געוואָרען. די לעצטע שוואַרצע האָר זיינען פערשוואונדען.

— יאָ, ליידער, איך ווייס עס. עס געהט שנעל.

זי האָט מורא געהאַט, אַז זי האָט איהם אומעטיגער געמאַכט.

— איהר זייט זעהר פריה גרוי געוואָרען. איך האָב אייך קיין מאָל אַנדערש ניט געקענט, ווי פעפער און זאַלץ.

— יאָ, דאָס איז אמת.

אום אין גאַנצען אָבצוואַווישען דעם איינדרוק פון דעם וואָס זי האָט געזאָגט, האָט זי זיך צו איהם אַראָבגעבויגען, אויפגעהויבען זיין קאָפּ מיטביידע הענד און גענומען איהם קושען אין שטערן, לאַנגזאַם און צערטליך, מיט יענע לאַנגע קושען, וועלכע האָבען דאַכט זיך קיין סוף ניט. דאַן האָבען זיי זיך אָנגעקוקט,

זוכענדיג אין דער טיעפעניש פון די אויגען דעם אָבשיין פון זייער ליעבע.

ער האָט געזאָגט:

— איך וואָלט אזוי וועלען כאָטש נור איין מאָל זיין מיט אייך אַ גאַנצען טאָג צוזאַמען.

פריהער האָט ער געדיינקט, אַז עס וועט גענוג זיין, אַז די איבעריגע מענשען זאָלען אוועקגעהן אום ער זאָל זיך בערוהיגען, און איצט, ווען ער איז געווען מיט דער געליעבטער אַליין, ווען ער האָט אויף זיין שטערן איהר ווארימע האנד געפיהלט, אויף זיין באַק דורך איהר קלייד אַרום די ווארימקייט פון איהר ליעב, האָט ער דאָך געפיהלט אין זיך דיזעלבע אונרוהיגקייט, דיזעלבע אונבעקאַנטע בייגקעניש.

און עס האָט זיך איהם איצט געדאַכט, אַז ווען זיי וואָלטען געווען ערגעץ ווייט אוועק פון הויז, גאַנץ אַליין אין טיעפען וואַלד, וואו קיינער וואָלט זיי ניט געשטערט, וואָלט דאַן די אונרוהיגקייט אין זיין נשמה זיך אפשר געקענט בערוהיגען.

זי האָט געענטפערט:

— איהר זייט אַ גרויסער קינד. מיר זעהען זיך דאָך כמעט יעדען טאָג.

ער האָט זיך ביי איהר געבעטען, זי זאָל איינריכטען אזוי, אַז זי זאָל קענען געהן מיט איהם פריהשטיקען ערגעץ וואו אין דער אומגעגענד פון פאַריז, ווי זיי האָבען עס אין די פריהערדיגע יאָהרען געטהאָן עטליכע מאָל.

זי האָט זיך געוואונדערט איבער זיין מאָדנעם קאַפּריז, וועל־כען עס איז אזוי שווער אויסצופיהרען איצט, ווען איהר טאָכטער איז ווידער אין דער היים. יעדענפאַלס האָט זי איהם צוגעזאָגט עס צו פערזוכען, אָבער ניט פריהער, ווי איהר מאַן וועט אוועק נאָך ראַנסיערעס און דאָס קען געשעהן ערשט נאָך דער קונסט־אויסשטעלונג, וועלכע דאַרף זיין דעם קומענדען שבת.

— און ווען וועל איך אייך זעהן ביז דאַן ? — האָט ער געפרעגט.

— מאָרגען ביינאַכט ביי די קאַרבעללס. און דאַן קומט איהר דאָך דאָנערשטאָג אום דריי אוהר אהער, ווען איהר האָט צייט און דאַן גלויב איך, זיינען מיר געלאַדען צו דער הערצאָגין פּרייטאָג צום עסען.

— גוט, זעהר שעהן.

ער איז אויפגעשטאַנען.

— אַדיע.

— אַדיע, מיין פריינד.

ער איז געבליבען שטעהן, האָט ניט געקענט ביי זיך פּועל'ן אוועקצוגעהן, דען ער האָט ניט געפונען קיין איינעם פון די אַלע ווערטער, וועלכע ער האָט איהר געוואָלט זאָגען. און טויזענד ניט אויסגעשפּראָכענע פערלאַנגען האָבען נאָך געשטורעמט אין איהם, ער האָט געזאָגט נאָך אַמאָל : „אַדיע" און גענומען איהר האַנד.

— אַדיע, מיין פריינד.

— איך ליעב אייך.

זי האָט אַ שמייכעל געטהאָן צו איהם מיט יענעם בליק, מיט וועלכען אַ פרוי גיט אין איין סעקונדע צו פערשטעהן דעם מאַן אַלעס וואס זי איז פאַר איהם, וואס זי וויל און קען פאַר איהם זיין.

מיט אַ ציטערנדען הארצען האָט ער געזאָגט צום דריטען מאָל : „אַדיע."

און איז אוועק.

IV

עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע קאַרעטעס פון פּאַריז זיינען אין יענעם טאָג געפּאָהרען אין איין ריכטונג, צום אינדוסטריע פּאַלאַץ. פון ניין אַ זייגער אין דער פריה האָבען זיי זיך גענומען ציהען פון אַלע גאַסען, דורך די עוועניוס און איבער די בריקען צו דעם קונסט זאַל, וואוהין אַלע וואָס האָבען זיך נור גערופען קינסטלער, האָבען איינגעלאַדען די פּאַריזער געזעלשאַפט צו דער אויסשטעלונג פון דריי טויזענד פיער הונדערט בילדער.

אַ גרויסער עולם מענשען האָט זיך געשטופּט אין די טירען און ניט שיינקענדיג קיין שום אויפמערקזאַמקייט צו די סקולפּ־טורען, איז ער גלייך אַרויף אין די אויבערשטע זאַלען, וואו די ביל־דער זיינען געהאַנגען. געהענדיג אויף די טרעפּ, האָט מען דער־וויילע בעטראַכט בילדער, וואָס זיינען געהאַנגען אויף די ווענט אי־בער די טרעפּ. דאָס זיינען געווען בילדער אָדער פון זעהר אַ גרויסען פאָרמאַט אָדער אַזעלכע, וואָס מען האָט ניט געוואַגט צוריקצואווייזען. אין די פיערעקיגע סאַלאָנען האָט אַ טומעלדי־גער עולם זיך בעוועגט אַהין און אַהער. די מאַלער, וועלכע האָ־בען זיך אַליין אויך געפונען אַ גאַנצען טאָג אויף דער אויסשטע־לונג, האָט מען געקאָנט דערקענען אָן זייער פאַרהאַוועטקייט, אָן דעם הויכען קלאַנג פון זייער שטימע, אָן דער זיכערקייט פון זייער האַלטונג. דאָ און דאָרט האָבען זיי עטליכע פריינד צוגעשלעפּט פאַר די אַרבעל צו בילדער, אויף וועלכע זיי האָבען געוואָלט אויפ־מערקזאַם מאַכען, דערביי האָבען זיי געמאַכט מיט די הענד, גע־

דערט הויך אויף אַ קול, זשעסטיקולירט און זיך געהיצט. די פאַרשיעדענסטע קינסטלער האָבען זיך היינט דאָ געפונען. הויכע מיט לאַנגע האָר, מיט גרויסע גרויע אָדער שוואַרצע היט פון אונ־בעשרייבליכען פאַסאָן, ברייטע און רונדע ווי די דעכער מיט מעכ־טיגע בענדער אויף זיי; אַנדערע ווידער קליין, בעוועגליך, שלאַנק אָדער פעט מיט גרויסע זיידענע שניפסען אין גאַנץ בעזונדערע קינסטלער קאָסטיומען.

עס האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען אַ גרופּע עלעגאַנטע מענער, די בולוואַר־קינסטלער, געקליידעט נאָך דער לעצטער מאָ־דע, דאָן אָן אַנדער קליקע פון אַקאַדעמיקער, זעהר ווירדיג, מיט דער באַנד פון עהרען־לעגיאָן אין קנאָפּלעכעל. צו לעצט די ביר־גערליכע מאַהלער בעגלייט פון זייער פאַמיליע, וועלכע האָט אַרומ־גערינגעלט דעם פאַטער ווי מיט אַ טריאומף קאָר.

אויף די פיער ריעזיגע מיט שטאָף בעצויגענע ווענט פון דעם עהרען זאַל האָבען אייך באַלד ביים אַריינגאַנג די בילדער אי־בערראַשט מיט דער פרישקייט פון די פאַרבען, דער נייקייט פון שטריכען און דעם בליסטשען פון די ראַהמען. דאָס אַלעס אויס־געמישט מיט דעם גרעלען ליכט פון טאָג, וועלכעס האָט אַריינגע־שיינט פון אויבען, האָט אייך כמעט ווי פערבלענדעט.

אנטקעגען טיר איז געהאַנגען דאָס בילד פון פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, בעת אויף דער אַנדערער זייט איז אַ גענעראַל אין אַ בליסטשענדער יוניפאָרם מיט גאָלדענע עפּאָלעטען, אַ פעדער אין הוט און אין רויטע הויזען געהאַנגען נעבען אַ פּאָר נאַקעטע נימפען אין וואַלד, און אַ זינקענדער שיף, וועלכע ווערט שיער ניט פערשלונגען פון די כוואַליעס. דאַן האָבען אייך בעצויבערט די בילדער פון אַ בישאָף פון דער אַלטער צייט צוזאַמען מיט אַ באַר־באַרישען קעניג, אַן אָריענטאַלישע גאַס פול מיט טאָטערן, אָפּפער פון דער פעסט און דאַנטעס שאָטען אין גיהנום. די דאָזיגע ביל־דער האָבען צוגעצויגען צו זיך אייער בליק און האָבען אייך ווי פער׳כישופ׳ט.

אין דעם גרויסען צימער האָט מען נאָך געזעהן א טרופּע קאַוואַלעריסטען, א וואַלד, קיה זיך פּאַשענדיג אויפ'ן פעלד, צוויי בעריהמטע מענער פון דעם פערגאַנגענעם יאָהרהונדערט, וועלכע האָבען זיך אויף א ראָג גאַס געשלאָגען אויף א דועל, א משוגענע זיצענדיג אויף א שטיין, א פּריסטער, וועלכער גיט א שטאַרבענדען די לעצטע אוילונג, פעלד ארבייטער, שטימונגען אויפ'ן וואַסער, א זונענאונטערגאַנג, א לבנה שיין און נאָך א סך פּראָבען פון אַלעס וואָס ווערט געמאָהלען, פון אַלעס, וואָס קינסטלער האָבען ווען עס איז געמאָהלען און וועלען מאָהלען אזוי לאַנג ווי די וועלט וועט שטעהן.

אָליוויער, אין מיטען פון א גרופּע בעריהמטע קאָלעגען, מיטגליעדער פון דער אַקאַדעמיע און פון דער פּרייז קאָמיטעע, האָט דיסקוטירט מיט זיי וועגען דער היינטיגער אויסשטעלונג. ער האָט זיך געפיהלט אונאַנגענעהם, דאָס בילד, וואָס ער האָט אויסגעשטעלט, האָט איהם פערשאַפט עפּעס א געוויסע אונרוהיגקייט און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס מען האָט איהם פון אַלע זייטען גראַטולירט און געוואונשען גליק, האָט זיך איהם דאָך געדאַכט, אז עס האָט ניט דעם ריכטיגען ערפאָלג.

די הערצאָגין דע מאַרטעמאַין האָט זיך בעוויזען אין טיר און ער איז איהר געגאַנגען אַנטקעגען.

זי האָט געפרעגט:

— איז די גרעפין שוין געקומען?

— איך וויים ניט, איך האָב זי ניט געזעהן.

— און הערר דע מוסאַדיע?

— אויך ניט.

— ער האָט מיר פערשפּראָכען צו זיין אויף די טרעפּ אום צעהן אוהר, און מיר דאַן ווייזען די אויסשטעלונג.

— קען איך עס פיללייכט טהאָן אנשטאט איהם, דורכלויכט?

— ניין, ניין, אייערע פריינד נויטיגען זיך אין אייך. מיר

זעהען זיך שפּעטער ווידער. איך דענק, מיר פריהשטיקען היינט צוזאַמען.

מוסאַדיע איז געקומען צו לויפען אָהן אַ אָטהעם. ער איז אונטען, אין סקולפּטור זאַל, פערהאַלטען געוואָרען אויף אַ פּאָר מינוט, ער האָט זיך ענטשולדיגט און געזאָגט:

— אהער, דורכלויכט, אהער, מיר וועלען אָנפאַנגען פון רעכטס.

זיי זיינען פערשוואונדען צווישען דעם עולם, ווען די גרע־פין גיללעראַי, געאָרעמט מיט איהר טאָכטער, איז אין זאַל אריין און גענומען מיט איהרע בליקען זוכען אָליוויער בערטין.

ער האָט זיי דערזעהן, איז זיי געגאַנגען אנטקעגען און בע־גריסט:

— אָבער זייט איהר היינט שעהן. אננעלע ווערט מיט יעדען טאָג שעהנער, אין אכט טעג האָט זי זיך שוין פאַרענדערט.

מיט פאַרשענדע אויגען האָט ער זי אָנגעקוקט און צוגע־לייגט:

— די שטריכען זיינען ווייכער געוואָרען, צאַרטער, אינטערע־סאַנטער, די געזיכטספאַרב פּרעכטיגער. זי איז שוין פיעל ווייני־גער באַקפיש און מעהר פאַריזערין.

אָבער פּלוצים האָט ער זיך אומגעקעהרט צו דער פראַגע פונ׳ם טאָג און געזאָגט:

— לאָמיר זיך נעהמען רעכטס און נאָכפאָלגען דער הערצאָ־גין.

די גרעפין, וועלכע האָט זיך געאינטערעסירט מיט דער אויס־שטעלונג, פונקט ווי זי אליין וואָלט געווען אַ מאַהלערין, האָט גע־פרעגט:

— נו, וואָס זאָגט דער עולם?

— אַ שעהנע אויסשטעלונג, באַנאַט איז ווירקליך אַ טאַ־לענט. דאָן זיינען דאָ אַ סך אינטערעסאַנטע, נייע און אויסגע־צייכענטע זאַכען.

— און אייער בילד? — האָט זי געפרעגט.

— מען זאָגט מיר אַלערליי ליעבענסווירדיגקייטען, אָבער צו־פריעדען בין איך ניט.

— איהר זייט קיין מאָל ניט צופריעדען.

— דאָך, מאנכעס מאָל יאָ. אָבער היינט האָב איך, דוכט זיך, ווירקליך רעכט.

— אָבער פאר וואָס?

— איך ווייס אַליין ניט.

— קומט, לאָמיר עס אָקאָרשט אָנקוקען.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דאָס בילד — צוויי קליינע בויערן־מיידלאך, וועלכע האָבען זיך אין א טייך געבאָדען — האָ־בען זיי דאָרט געטראָפען א פּאָר מענשען, וועלכע זיינען געשטאַנען און דאָס בילד בעוואונדערט. זי איז געוועזען גליקליך און געזאָגט שטיל:

— אָבער דאָס איז דאָך וואונדערבאר, אַן אַנטיק. עטוואס בעסערעס האָט איהר נאָך קיין מאָל ניט געמאָהלען!

ער האָט זיך צערטליך אויף איהר אָנגעשפּארט, דאנקבאר פאר יעדעס וואָרט, וואָס האָט זיין הארץ בערוהיגט, זיינען וואונדען לינדער געמאכט. און אַלערליי ארגומענטען זיינען איהם גלייך אויפ׳ן זינען ארויף, אום איהם צו איבערצייגען, אַז זי, מיט איה־רע קלוגע פּאַריזער אויגען, אורטיילט ריכטיג. און אום זיך צו בערוהיגען, האָט ער פערגעסען, אַז זייט צוועלף יאָהר האָט ער איהר ניט אויפגעהערט צו מאכען פאָרווירפע גראָדע דערפאר, וואס זי בעוואונדערט אונבעדייטענדע זאכען, אויסגעדראָשענע גע־פיהלען, גלייכגילטיגע מאָדע נארישקייטען אבי זיי זיינען נור עלע־גאַנט געצייכענט, און קיין מאָל נישט די קונסט, די קונסט אַליין, די וואהרע, די אמת׳ע קונסט פריי פון אַלע טענדענצען, פון אַלע געזעלשאפטליכע מיינונגען און פּאַראורטיילען.

זיי זיינען אוועק ווייטער און ער האָט זיי לאַנג געפיהרט פון זאַל צו זאַל, געצייגט זיי די בילדער, ערקלעהרט דעם הויפּט גע־דאנק, גליקליך מיט זיי און גליקליך דורך זיי.

פּלוצים האָט די גרעפין געפרעגט:

— וויפיעל איז שוין דער זייגער?

— האַלב איינס.

— אויב אַזוי, לאָמיר שנעל געהן פריהשטיקען. די הער־צאָגין ערוואַרטעט אונז ביי לעדאַהען, וואוהין מיר האָבען זיך אָב־גערעדט אַלע צו טרעפען, אין פאַל מיר וועלען זיך ניט באַגעגענען נאָך פריהער אין די זאַאַלען.

דער רעסטאָראַן, וועלכער האָט זיך געפונען אין אַ ים פון בוימער און גרינס, האָט איצט אויסגעזעהן, ווי אַן איבערפילטער, בעוועגליכער בינשטאָק. אַן אונבעשטימטער הו־האַ פון שטימען, פון קולות, פון גלעזער און טעלער קלירען האָט געקלונגען פון אַלע פענסטער און אַלע ווייט געעפענטע טירען. רייהען טישען פול בעזעצט מיט מענשען זיינען געשטאַנען ענג איינער נעבען אַנ־דערן. אין די שמאַלע דורכגאַנגען זיינען ארומגעפלויגען פער־האַוועטע קעלנער, טראָגענדיג אויף דעם אויפגעהויבענעם אָרעם שיסלען מיט פלייש, פיש אָדער פרוכטען.

אונטער דער גאַלערעע, וועלכע האָט זיך געצויגען אַרום און אַרום איבער דעם גאַנצען רעסטאָראַן האָט געשוויבעלט פון מענ־שען. אַלע האָבען געלאַכט, גערופען; מען האָט געטרונקען און געגעסען, דער עולם איז געווען לוסטיג פון וויין און פון יענער פרעהליכער לוינע, וועלכע פאַלט מאַנכעס מאָל אין געוויסע טעג צוזאַמען מיט דער זון אויף פּאַריז אַרונטער.

אַ קעלנער האָט אַריינגעפיהרט די גרעפין, אַנגעלע און בער־טין אין דעם בעשטעלטען צימער, וואו די הערצאָגין האָט זיי ער־וואַרט.

ווען דער מאַהלער איז אַריינגעקומען, האָט ער בעמערקט דעם מאַרקיז פאַראַנדאַל שטעהענדיג נעבען זיין טאַנטע, יענער האָט זיך אַ וואָרף געטהאַן צו זיי מיט אַ אימפּעט און שמייכלענדיג אויסגע־שטרעקט זיינע הענד, אום צו צונעהמען די שירעמס און מאַנט־

לען פון דער גרעפין און איהר טאָכטער. דאָס האָט אויף בערטין׳ען זעהר שלעכט געווירקט, ער האָט זיך דערפיהלט זעהר אונאַנ־גענעהם און עס האָט זיך איהם פערוואָלט מיט עפּעס אַ גראָב וואָרט בעליידיגען דעם מאַרקיז.

די הערצאָגין האָט דערצעהלט ווי אַזוי זי האָט געטראָפען איהר פלימעניק און אַז מוסאַדיע איז פאַרשלעפּט געוואָרען פון דעם מיניסטער פון דער שעהנער קונסט; בערטין איז געוואָרען נערוועז און האָט זיך געקאָכט ביי דעם געדאַנק, אַז דער דאָזיגער פּוסטער פּראַנטעל, דער מאַרקיז וואָגט צו האָבען אַבזיכטען אויף אַננעלע׳ן, אַז ער איז צוליעב איהר אַהער געקומען און בעטראַכט זי שוין אַלס זיין אָפּפער. דאָס האָט איהם אַזוי אויפגערעגט, ווי אַ פרעמדער מענש וואָלט זיך אין זיין לעבען ארייינגעמישט און זיינע רעכטע, זיינע הייליגע רעכטע אָנגעגריפען.

אַזוי שנעל ווי מען איז געזעסען ביים טיש, האָט דער מאַרקיז גענומען אַרומטאַנצען אַרום דאָס יונגע מיידעל, נעבען וועלכער מען האָט איהם אַוועקגעזעצט, מיט בעזונדערער העפליכקייט און ליעבעסווירדיגקייט.

ער האָט געקוקט נור אויף איהר מיט נייגעריגע בליקען, וועל־כע האָבען דעם מאַהלער אויסגעוויזען פרעך, און געשמייכעלט צופריעדען, צערטליך. פון אַלע זיינע מאַנערען, פון די ווערטער האָט געקלונגען עטוואָס זיכערעס, בעשטימטעס, עפּעס ווי ער וואָלט וועלען אָנזאָגען, אַז באַלד וועט ער זי בעזיצען.

די הערצאָגין און די גרעפין זיינען געוועזען צופריעדען פון דעם מאַרקיז׳עס בענעהמען זיך און האָבען זיך פריינדליך איבערגע־וואונקען.

אַזוי שנעל ווי זיי זיינען פאַרטיג געוואָרען מיט׳ן פריהשטיק, האָבען זיי זיך צוריקגעקעהרט צו דער אויסשטעלונג. אין די זאַלען איז געוועזען אַזאַ געדרענג, אַז עס איז כמעט אונמעגליך געוועזען זיך דורכצושטופּען. אַ געוויסע וואַרימקייט, אַ דעמפּער גערוך פון אַלטע רעק און קליידער האָבען געמאַכט די לופט מורא׳דיג שווער

און שטיקענד. מען האָט מעהר ניט בעטראַכט די בילדער, נור די בעזוכער, זייערע געזיכטער, זייערע טואַלעטען און מען האָט גע־זוכט בעקאַנטע.

אין פינף מינוט אַרום זיינען די גרעפין און אָליוויער געווען אָבגעריסען פון די איבעריגע. זיי האָבען געוואָלט געהן זיי זו־כען, אָבער די גרעפין, זיך אָנשפּאַרענדיג אָן זיין אָרעם, האָט גע־זאָגט:

— איז ניט בעסער, אַז מיר זאָלען אַ ווײַלע בלייבען אַליין? לאָמיר זיי לאָזען וואו זיי זיינען, מיר האָבען דאָך אָבגערעדט זיך צו טרעפען ביים בופעט אום פיער אוהר, אויב מיר וועלען זיך פער־לירען.

— דאָס איז אמת — האָט ער געזאָגט.

אָבער דער געדאַנק, אַז דער מאַרקיז בעגלייט אַננעלען און פאַרשיט זי מיט זיינע לעבערליכע קאָמפּלימענטען, האָט איהם קיין רוה ניט געגעבען.

די גרעפין האָט איהם אַ שעפּטשע געטהאָן:

— ליעבט איהר מיך נאָך אַלץ?

ער האָט געענטפערט צושטרייט און מיט אַנדערע זאַכען פער־נומען:

— יאָ, געוויס.

און ער האָט געזוכט איבער די קעפּ פון דער מאַסע דעם גרויען הוט פונ׳ם מאַרקיז פאַראַנדאַל.

זי האָט געפיהלט, אַז ער איז צושטרייט און זעהר געוואָלט זיינע געדאַנקען צוריק צו זיך ברייננען. דערפאַר האָט זי גע־זאָגט:

— איהר ווייסט גאָר נישט, ווי זעהר מיר געפעלט אייער בילד. עס איז ווירקליך אייער מייסטערווערק.

ער האָט אַ שמייכעל געטהאָן, האָט פּלוצים פערגעסען די יונגע לייט און גענומען טראַכטען נור פון זיינע צווייפעל פון היינט אין דער פריה.

— דענקסט איהר ווירקליך אזוי?
— יאָ, מיר געפעלט עס מעהר פון אַלע אַנדערע זאַכען.
— עס האָט מיר פיעל זאָרג פערשאַפט.

מיט שמייכעלדיגע ווערטער האָט זי איהם ווידער צוגעצויגען צו זיך, ווייל זי האָט שוין פון לאַנג אָן געוואוסט, אז קיין זאַך ווירקט ניט אַזוי פיעל אויף דעם קינסטלער, ווי שטענדיגע, שטאַרקע שמייכלעריי. אין גאַנצען פער'שיכור'ט און פרעהלאַך געמאַכט דורך די זיסע ווערטער, האָט ער זיך צורעדט, האָט געזעהן נור זי אַליין, געהערט נור איהר שטימע אין דעם דאָזיגען ווילדען טומעל פון אַהין און אַהער לויפענדיגע מאַסען מענשען.

אום איהר צו דאַנקען האָט ער איהר אַריינגעשושקעט אין אויער:

— איך האָב אַ משוגענעם פערלאַנג, אייך צו קושען.

אַ וואַרימער שטראָם איז איהר איבער'ן לייב אַריבער, זי האָט אויפגעהויבען איהרע שמייכלענדיגע אויגען און נאָך אַמאָל איהר פראַגע ווידערהאָלט:

— אַלזאָ, איהר האָט מיך נאָך אַלץ ליעב?

און ער האָט געענטפערט מיט דעם טאָן, וועלכען זי האָט אַזוי געוואָלט הערען, און וועלכען זי האָט פריהער ביי איהם ניט געפונען:

— יאָ, איך ליעב אייך, מיין געליעבטע אַני.

— קומט איצט עפּטער אין אבענד — האָט זי געזאָגט — איצט, ווען מיין טאָכטער איז דאָ, וועל איך ניט פיעל אויסגעהן.

זייט דעם ווי זי האָט דערפיהלט ביי איהם דאָס פּלוצימדיגע ערוואַכען פון זיין ליידענשאַפט, איז זי געווען גליקליך. איצט, ווען אַליוויער'ס האָר זיינען אין גאַנצען ווייס געוואָרען און די יאָהרען האָבען איהם ביסלעכווייז בערוהיגט, האָט זי זיך ווייניגער געשראָקען, ער זאָל זי ניט פערבייטען אויף אַן אַנדער פרוי. זי האָט אָבער שרעקליך געציטערט, אז ער זאָל אוים פערצווייפלונג, אוים איינזאַמקייט ניט הייראַטהען. די דאָזיגע מורא, וועלכע איז

איהר פריהער אָפט בעפאַלען, איז איצט געוואַקסען און געוואַקסען און זי האָט געשמיעדט אַלערליי אונמעגליכע פּלענער, אום איהם צו האָבען נעהנטער צו זיך און ער זאָל ניט זיין געצוואונגען צו פערברענגען די לאַנגע אבענדען אין דער קאַלטער איינזאַמקייט פון זיין פוסטען הויז. און אַזוי ווי זי האָט איהם ניט אימער גע־קענט איינהאַלטען נעבען זיך, האָט זי פּאַר איהם אויסגעטראַכט צערשטרייאונגען, איהם געשיקט אין טהעאַטער, אין געזעלשאַפ־טען, דען עס איז איהר אימער ליעבער געווען צו וויסען, אַז ער געפינט זיך אין אַ געזעלשאַפט פון פרויען, איידער ער זאָל זיין איינער אַליין אין זיין אומעטיגער היים.

און אויפדריקענדיג איינעם פון איהרע געהיימסטע געדאַנ־קען, האָט זי געזאָגט:

— אַך, ווען איך זאָל אייך קענען האָבען אימער נעבען זיך! איך וואָלט אייך אַזוי פאַרצערטעלט, אַזוי ליעב געהאַט; איהר מוזט מיר צוזאָגען זעהר אָפט צו קומען, וואָרים איך וועל זעהר זעלטען אויסגעהן.

— דאָס זאָג איך אייך זעהר גערן צו.

גאַנץ נאָהנט נעבען איהר אויער האָט אַ שטימע אַ שעפּטשע געטהאָן:

— מאַמאַ.

די גרעפין האָט זיך אַ צאַפּעל געטהאָן און האָט זיך אומ־געדרעהט. אַננעלע, די הערצאָגין און דער מאַרקיז זיינען צוגע־קומען צו זיי.

— עס איז פיער אוהר — האָט געזאָגט די הערצאָגין — איך בין זעהר מיעד און וואָלט וועלען אוועקגעהן.

די גרעפין האָט געענטפערט:

— איך געה אויך, איך קען מעהר ניט אַרומגעהן.

זיי זיינען אוועק צו די אינוויינינגסטע טרעפּ, וועלכע פיהרען פון דער גאַלערעע, וואו עס הייגנען די האַנדצייכנונגען און אַקוואַ־

רעלען אין דעם ריעזיג גרויסען אונטערשטען זאַל, וואו עס געפינען זיך די סקולפּטור אַרבייטען.

פון דער פּלאַטפאָרמע פון די דאָזיגע טרעפּ האָט מען געקענט זעהן דעם ריעזיגען זאַל פון איין ברעג ביז׳ן אַנדערען. דאָרט זיינען אויף פּיעדעסטאַלען געשטאַנען מאַרמאָרנע און בראָנזענע פי־גורען אין דער גאַנצער לייגג פון די דורכגאַנגען צווישען גרינע בושעס און אַ ים מענשען, וועלכער האָט אָנגעפילט אַלע וועגען. די מאַרמאָרנע סטאַטוען האָבען ארויסגעקוקט פון צווישען היט און שולטערן און האָבען געבליסטשעט מיט זייער ווייסקייט.

ווען בערטין האָט ביים ארויסגאַנג זיך געזעגענט מיט די פרויען, האָט איהם די גרעפין שטיל געפרעגט:

— אַלזאָ, קומט איהר היינט ביינאַכט?

— געוויס.

און ער האָט זיך צוריקגעקעהרט צו דער אויסשטעלונג אום מיט די קינסטלער איבער די איינדריקע פונ׳ם היינטיגען טאָג צו רעדען.

די מאַהלער און די סקולפּטאָרען זיינען גרופּענווייז געשטאַ־נען ארום די סטאַטוען פאַר דעם בופעט און אַזוי ווי יעדען יאָהר דיספּוטירט, פערטהיידיגט אָדער אָנגעגריפען דיזעלבע אידעען, אָנ־געגעבען דיזעלבע בעווייזע, די זעלבע גרינדע און געאורטיילט פונקט אַזוי ווי יעדען יאָהר. אָליוויער, וועלכער פלעגט געוועהנ־ליך ביי דעם דאָזיגען שטרייט זיך אָנצינדען און האָט געהאַט צווי־שען זיינע קאָלעגען אַ נאָמען פאַר אַ גייסטרייכען טעאָרעטיקער, אויף וואָס ער איז זעהר שטאָלץ געווען, האָט זיך דיזען מאָל אויך צוואווערעמט און מיט היץ אַנטייל גענומען אין די דעבאַטען. אָבער טיעף אין זיין הארצען האָט ער געפיהלט, אַז ניט אינטערע־סירט איהם וואָס מען רעדט ארום איהם און ניט וואָס ער אַליין ענטפערט, דען ער האָט נאָך אין פאָראויס געוואוסט אַלעס, וואָס

מען וועט דאָ זאָגען איבער די אַלטע קונסט פראַגען, וועלכע ער האָט אַזוי גרינדליך פערשטאַנען.

ער האָט געליעבט די קונסט, ביז אַהער האָט ער כמעט קיין אַנדער זאַך ניט ליעב געהאַט, אָבער היינט איז ער געוועזען צו־שטרייט.

ער האָט זאָגאַר פערגעסען זיין אונרוהיגקייט איבער זיין בילד און האָט נאָר געטראַכט וועגען דאָס בענעהמען פון דעם מאַרקיז צו אַננעלען, וועלכעס איז איהם אַזוי ניט געפעלען. אָבער וואָס אַרט עס איהם אייגענטליך? האָט ער געהאַט עפּעס אַ רעכט צו זיין בייז? ווארום זאָל ער שטערען דעם דאָזיגען פּאַסענדען און נאָך פון פריהער בעשטימטען שידוך? פאַר וואָס זאָל ער היג־דערען די פּלענער פון זיינע פריינד? אויף דיעזע אַלע פראַגען האָט ער קיין ענטפער ניט געפונען און דאָך האָט ער זיך ניט גע־קענט בעפרייען פון אַן אונאַנגענעהמען געפיהל, פון אַ טיעפער אונ־צופריעדענהייט ביי דעם געדאַנק, אַז פּאַראַנדאַל זאָל פּלוידערן און שמייכלען און קוקען מיט פערליעבטע אויגען אויף דער יונגער, שעהנער מיידעל.

ווען ער איז אין אבענד צו דער גרעפין געקומען און זי אַליין מיט דער טאָכטער געפונען, ווי זיי האָבען ביים העלען שיין פון לאָמפּ נאָך אַלץ די דעקען פאַר זייערע אָרימע לייט געשטריקט, האָט ער זיך געמוזט איינהאַלטען מיט אַלע זיינע קרעפטען, אום ניט אויסצולאַכען דעם מאַרקיז, ניט מאַכען פון איהם חוזק און עפענען דערמיט אַננעלען די אויגען אויף דיעזען פוסטען פראַנט.

שוין פון אַ לענגערער צייט אָן איז ער אין אַזעלכע אַבענדען געזעסען עטוואָס שלעפעריג, אָהן אינטערעס, ווי אַן אַלטער פריינד, וועלכער צערעמאָניעט זיך ניט פיעל. ער איז געלעגען אויף זיין שטול מיט פאַרלייגטע פיס, דעם קאָפּ אויפ'ן וועגטעל אָבגעוואָר־פען, געטרוימט, בעת ער האָט גערעדט און אין דיעזער רוהיגער שטילקייט אי דעם קערפער אי דעם גייסט אויסגערוהט. און דאָ

פּלוצים האָט ער ווידער אָבגעלעבט, איז אויף איין מאָל געוואָרען מונטער און פרעהליך, ווי אַ מאַן וואָס וויל געפעלען, וואָס גיט זיך אַלע מעגליכע מיה צו געפעלען.

איצט איז ער ניט געזעסען רוהיג און זיך צוגעהערט צום געשפּרעך, נור ער האָט דעם געשפּרעך געפיהרט און איהם באַלעבט מיט זיין וויץ, מיט זיין ענערגיע און ווען ער האָט די גרעפין און איהר טאָכטער צום לאַכען געבראַכט, אָדער ווען ער האָט געפיהלט, אַז זיי זיינען געוואָרען בעוועגט, אָדער האָבען איהם ערשטוינט אָנגעקוקט, אָדער האָבען געלאָזט פאַלען זייער אַרבייט, אום זיך צו זיינע רייד צוצוהערען, איז איהם יעדעס מאָל אַ מין אנגענעהמער שווידער איבער'ן לייב אַריבער און איהם פאַר זיין אָנשטרענגונג בעלאָהנט.

איצט איז ער אָפט צו זיי געקומען, ווען נור ער האָט געוואוסט, אַז זיי זיינען אַליין, און ער האָט פיליכט נאָך קיין מאָל ניט פערבראַכט אַזעלכע שעהנע אבענדען.

פון די דאָזיגע אָפטע וויזיטען האָט די גרעפין גיללעראַי זיך געפיהלט בערוהיגט, איהר אויביגער שרעק איהם צו פערלירען האָט אַביסעל נאָכגעלאָזען. זי האָט זיך געגעבען אַלע מעגליכע מיה איהם צו זיך צוצובינדען, צו זיך צוציהען. זי האָט זיך אָבגעזאָגט פון דינערס, בעלער, פאַרשטעלונגען, אום צו האָבען דאָס פערגעניגען דריי אַזייגער, ווען זי איז פון הויז אַרויס, איהם צו טעלעגראַפירען: „היינט ביינאַכט.” אין דער ערשטער צייט, האָט זי אויף זיין וואונש, אום צו בלייבען מיט איהם אַליין, אָבגעשיקט איהר טאָכטער צו בעט אַזוי שנעל ווי דער זייגער האָט געשלאָגען צעהן. אין איין טאָג, ווען ער האָט מיט אַ שמייכעל געבעטען זי זאָל אננעלען ניט בעהאַנדלען מעהר ווי אַ קליין, אונאַרטיג קינד, האָט זי איהר ערלויבט נאָך אַ פיערטעל שטונדע, דאַן אַ האַלבע און צום סוף אַ גאַנצע. אגב איז ער שוין לאַנג ניט פאַרבליבען נאָכדעם ווי דאָס יונגע מיידעל איז אַוועק, עפּעס ווי די העלפט

פון דעם צויבער, וועלכער האָט איהם דאָ געהאַלטען, וואָלט מיט איהר אוועקגעהן פערשוואונדען. ער פלעגט דאַן צורוקען דעם קליינעם, ניעדעריגען שטול אויף וועלכען ער איז אימער געזעסען גאַנץ נאָהענט צו דער גרעפין, פלעגט זיך צוטוליען צו איהר און מאַנכעס מאָל שמייכלענדיג זיין באַק צו איהר קניע צוגעדריקט. זי האָט איהם געגעבען איינע פון איהרע הענד, וועלכע ער האָט פעסט אין זיינע געהאַלטען, דאַן האָט זיין גייסטיגע אָנשטרענגונג פלוצים איהר קראַפט פערלאָרען, ער האָט אויפגעהערט צו ריידען און האָט זיך געשיינט אין זיסען שווייגען פון דער מיה, פון דער אָנשטרענגונג אָבצורוהען.

ביסלאַכוויז האָט זי מיט איהר ווייבליכען אינסטינקט דערשמעקט, אַז אַננעלע אינטערעסירט איהם כמעט אַזוי פיעל ווי זי אַליין. דאָס האָט זי ניט בייז געמאַכט, פאַרקעהרט, זי האָט זיך געפיהלט גליקליך, וואָס ער געפינט ביי זיי ביידען עטוואָס פון דעם פאַמיליען לעבען, וועלכען זי האָט ביי איהם געראויבט. און זי האָט איהם צוגעבונדען צו זיי ביידען, געשפּיעלט די ראָלע פון אַ מוטער, אום ער זאָל זיך איינריידען, אַז ער איז כמעט ווי אַ פאָטער צו דער יונגער מיידעל און אויף אַזאַ אַרט איז צוגעקומען נאָך אַ צערטליכקייט צו די אַלע, וואָס האָבען איהם צו איהר הויז צוגעשמידט.

איהר קאָקעטעריי, וועלכע האָט אָנגעפיהרט אָן אייביגען קאַמפּף מיט די יאָהרען איז געוואָרען די לעצטע צייט אויפּפאַלענדער, ווייל די גרעפין האָט פלוצים דערזעהן, אַז טראָץ אַלע איהרע בעמיהונגען רוקט זיך צו איהר די עלטער און פערניכטעט אַלץ מעהר און מעהר איהר יוגענד, איהר שעהנהייט. אום צו זיין פונקט אַזוי שלאַנק ווי אַננעלע האָט זי נאָך אַלץ נאַרנישט געטרונקען, און אַזוי ווי זי איז ווירקליך מאָגערער געוואָרען, האָט זי צוריקגעקראָגען איהר אַמאָליגע מיידעלשע פיגור, אַזוי אַז פון הינטען האָט מען ניט געקענט דערקענען וועלכע איז די מוטער און

וועלכע איז די טאָכטער. אָבער אויף איהר איינגעפאַלענעם פּנים
האָבען זיך פון דער דאָזיגער קוראַציע בעוויזען קנייטשען, איהר
הויט האָט געקריגען אַ געלבליכען קאָליר און האָט זיך שטאַרק
געוואָרפען אין די אויגען אין פערגלייך מיט דער וואונדער־שעה־
נער געזיכטספאַרב פון דער יונגער מיידעל. דאַן האָט זי זיך גע־
נומען שמינקען, ווי אַן אַקטריסע, און הגם זי האָט ביי טאָג אויס־
געזעהן עטוואָס פעררעכטיג, האָט זי אָבער ביי נאַכט, פאַר דעם
שיין פון די לאָמפּען, געשיינט ווי אַמאָל. זי האָט גוט געזעהן, אַז
איהר שעהנהייט פערשווינדעט און ווייל זי האָט אָנגעווענדעט
קינסטליכע מיטעל, האָט זי גענומען ענדערן אַלע איהרע געוואָהנ־
הייטען. אַזוי פיעל ווי מעגליך האָט זי אויסגעמיעדען אַ פערגלייך
ביי זונשיין און געזוכט די בעלייכטונג פון לאָמפּען, וועלכע האָט
איהר אַ סך בעסער געפּאַסט. ווען זי האָט זיך געפיהלט מיעד,
בלייך, עלטער ווי געוועהנליך, זיינען פאַר איהר קאָפּ שמערצען
געוועזן אַ גוטער תירוץ אום זיך אָבצוזאָגען פון דעם אָדער יענעם
באַל, אָדער פון אַ טעאַטער. אָבער די טעג, ווען זי האָט זיך גע־
פיהלט פריש און יונג, האָט זי געשיינט פאַר גליק און נעבען דער
טאָכטער מיט ווירדיגער בעשיידענהייט געשפּיעלט די ראָלע פון אַ
עלטערער שוועסטער. אום צו קענען טראָגען עהנליכע קליידער
ווי איהר טאָכטער, האָט זי איהר אָנגעטהאָן אין זאַכען וואָס האָ־
בען מעהר געפּאַסט פאַר אַ יונגער פרוי, הגם זיי זיינען געווען צו
אַלט און צו ערנסט פאַר דאָס יונגע מיידעל, אָבער אַנגעלע, וועל־
כע איז אימער לוסטיגער און לעבעדיגער געוואָרען, האָט געמראָ־
גען איהרע טואַלעטען מיט קוועקזילבערנער לעבהאַפטיגקייט, אַזוי
אַז זי איז דורכדעם שעהנער געוואָרען. מיט פערגעניגען האָט זי
מיטגעמאַכט אַלע קאָקעט שטיק פון איהר מוטער, האָט אינסטינק־
טיוו מיט איהר אויסגעפיהרט שעהנע סצענקעס, האָט פערשטאַנען
ביי אַ פּאַסענדער געלעגענהייט די מוטער צו אומאַרמען, דורך
עפּעס אַ בעוועגונג, אַ לאַסקע, אַ געשיקטען איינפאַל צו צייגען ווי
שעהן זיי ביידע זיינען און ווי עהנליך איינע צו דער צווייטער.

אליוויער בערטין, וועלכער האָט זיי אימער צוזאַמען געזעהן און אימער פערגליכען, האָט גאַנץ אָפט געמאַכט טעות'ן און זיי פאַרביטען איינע אויף דער צווייטער. מאַנכעס מאָל, ווען דאָס יונ־גע מיידעל האָט צו איהם גערעדט און ער האָט געקוקט אין אַן אַנ־דער זייט, האָט ער זיך געמוזט פרעגען: „וועלכע פון זיי ביידע האָט נור וואָס גערעדט?" מאַנכעס מאָל האָט ער זיך זאָגאַר אונ־טערהאַלטען דערמיט, ווען זיי זיינען אַלע דריי געזעסען אין דעם סאַלאָן אין סטיל פון לודוויג דעם פופצעהנטען. ער האָט דאַן צוגעמאַכט די אויגען און זיי געבעטען איינע נאָך דער אַנדערער איהם צו שטעלען דיזעלבע פראַגע, אום ער זאָל זיי דאַן קענען נאָך דער שטימע דערקענען. און זיי האָבען מיט אַזאַ געשיקט־קייט גערעדט מיט דעם זעלבען טאָן, דיזעלבע זאַצען מיט דער זעל־בער בעטאָנונג אַרויסגערעדט, אַז ער האָט אָפט ניט געקענט זיך אָנשטויסען און טרעפען ווער איז ווער. אפילו די דיענער האָבען אָפט אַ טעות געהאַט און דער מיידעל: „יאַ, פרוי גרעפין!" און דער מוטער: „יאַ, קאָנטעססע!" געענטפערט.

דורך דאָס דאַזיגע שטענדיגע נאָכמאַכען איינע דער אַנדערער, דורך דאָס קאָפּירען פון אַלע בעוועגונגען זיינען זיי צום סוף אַזוי עהנליך געוואָרען אין זייער בענעהמונג, אין זייער האַלטונג, אַז אפילו גראַף גיללעראַי אַליין האָט זיי אויך אָפט פערביטען איינע אויף דער אַנדערער און ווען איינע פון זיי האָט זיך אין דעם דונ־קעלען הינטערגרונד פון סאַלאָן בעוועגט האָט ער אימער געפרעגט: „ביזטו עס, אננעלע, אָדער די מאַמאַ?"

דורך דער דאָזיגער טהיילווייז נאַטירליכער און טהיילווייז געמאַכטער, קינסטליכער עהנליכקייט האָט זיך אין הארץ און אין קאָפּ פונ'ם קינסטלער אַ מערקווירדיגער איינדרוק געבילדעט, אַן איינדרוק פון אַ דאָפּעלטען וועזען, אַ פריהערדיגען און אַ נייעם, איינעם, וואָס ער האָט געגוי געקענט און דאָך ניט געקענט, דער איינדרוק פון צוויי קערפּער, פון וועלכע איינער איז געבילדעט נאָך דעם מוסטער פון דעם צווייטען פונ'ם זעלבען פלייש און

בלוט, עפּעס ווי איין פרוי וואָלט געווען אַ פאָרטזעצונג פון דער אַנדערער און אין דער צווייטער, יונגער פאָרמע וואָלט זי ווידער דאָס געוואָרען, וואָס זי איז אַמאָל געווען. און ער האָט געלעבט צווישען זיי, האַלב פאַר איינער, האַלב פאַר דער צווייטער, אונ־רוהיג, צומישט, און בעת זיין ליעבע צו דער מוטער האָט ווידער ערוואַכט, האָט ער צו דער טאָכטער געפיהלט עפּעס אַ דונקעלע, אונבעשטימטע צערטליכקייט.

צווייטער טהייל

I

„פאריז, 20 יולי, 11 אוהר ביינאכט.

געליעבטער פריינד! מיין מוטער איז נור וואס אין ראנ־סיערעס געשטארבען. מיר פאהרען נאך האלבען נאכט אהין אוועק. קומט ניט צו אונז, ווארים מיר לאזען קיינעם וויסען דעם ניט ווי־סען. טרויערט־מיט מיט אונז און דענקט וועגען מיר.

אייער אני.”

21טען יולי, מיטאג צייט.

„מיין ארימע פריינדין. איך וואלט געקומען צו אייך טראץ אייער צעטעלע, ווען אייער ווילען וואלט פאר מיר ניט געווען קיין געזעץ. זייט געסטערן טראכט איך פון אייך אין טיעפסטען שמערץ. איך דענק וועגען דער דאזיגער שטומער רייזע היינט ביינאכט מיט אייער טאכטער און אייער מאן, אין דעם האלב־בעלויכטענעם וואגאן, וועלכער טראגט אייך צו אייער געליעבטער טויטער. אין מיינע געדאנקען האב איך אייך געזעהן אלע דריי פאר מיינע אויגען ביים שיין פון א אויל לאמפ, איהר האט גע־וויינט און אננעלע האט געשלוכצט. איך האב אייך דאן געזעהן אנקומענדיג אויפ'ן וואקזאל, און אייך בעגלייט אויף דער שרעק־ליכער רייזע אין דער קארעטע. איך האב געזעהן, ווי איהר זייט מיט די דיענער אין שלאס געגאנגען, ווי איהר זייט אויף די טרעפ ארויפגעלאפען צו יענער בעט, וואו זי ליעגט, איך האב געזעהן

אייער ערשטען בליק אויף דער טויטער און אייער קוש אויף דעם איינגעפאַלענעם, פאַרגליווערטען פּנים און איך האָב געהאָרכט ווע־גען דעם וואָס עס טהוט זיך אין אייער הארץ, אין אייער אָרים הארץ, אַ העלפט פון וועלכען עס געהערט מיר און, וועלכע ווערט איצט צוריסען פון וועהטאָג, וואָס איך פיהל מיט אייך מיט.

איך קוש אין טיעפסטען מיטגעפיהל אייערע פאַרוויינטע אויגען.

אָליוויער.״

„ראָנסיערעס, 24 יולי.

אייער בריעף וואָלט מיך געטרויסט, ליעבער פריינד, ווען ביי דעם גרויסען אונגליק, וואָס מיך האָט געטראָפען, וואָלט מיך אירגענד וואָס נאָך געקענט טרויסטען. נעכטען האָבען מיר זי בעערדיגט און זייט איהר אָרימער ליעבלאָזער קערפּער האָט דאָס דאָ־זיגע הויז פערלאָזען פיהל איך זיך, ווי איך וואָלט געבליעבען איי־נע אליין אויף דער וועלט... מען האָט ליעב אַ מאַמען כמעט אליין ניט ווּיסענדיג פון דעם, ניט פיהלענדיג דאָס, ווייל עס איז פּונקט אזוי נאַטירליך ווי דאָס לעבען אליין. און מען בעמערקט ערשט ווי טיעף די דאָזיגע ליעבע איז אין אונז איינגעוואָרצעלט, ביי דער לעצטער צושיידונג. קיין אַנדער ליעבע לאָזט זיך מיט דיזען גע־פיהל ניט פערגלייכען. אַלע אַנדערע געפיהלען האָבען מיר גע־קריגען ערשטע שפּעטער אין לעבען, דיעזע אָבער בעשטעהט זייט דער געבורט. אַלע אַנדערע זיינען שפּעטער דורך פערשיעדענע צו־פאַלען צו אונז געקומען, דיזע ליעבע ליעגט אונז פון דעם ערשטען טאָג אָן אין אונזער בלוט. און דאַן האָט מען ניט בלויז די מוטער פערלאָרען, אַ העלפט פון אונזער גאַנצער קינדהייט פער־זינקט צוזאַמען מיט איהר, דען אונזער קינדערשער לעבען געהערט איהר פּונקט אזוי ווי אונז, נור זי האָט געקענט אונזערע קינדער יאָהרען ווי מיר אליין. זי האָט געוואוסט אַ גאַנצע מאַסע אונבע־דייטענדע אָבער ליעבע קליינינקייטען, וועלכע זיינען שוין לאַנג פערגאַנגען, די ערשטע, צאַרטע רעגונגען פון אונזער הארצען. נור

צו איהר האָב איך געקענט זאָגען: „געדענקסטו נאָך, מאַמאַ, דעמאָלט, ווען... געדענקסטו נאָך, מאַמאַ, די פּאַרצעלייענע ליאַלקע, וואָס די באָבע האָט מיר געשענקט....״ מיר האָבען געקענט צוזאַמען אַ גאַנצען, גרויסען ראָזען קראַנץ אויסוועבען פון יענע קליינע לוסטיגע עראַינערונגען, און איצט ווייס פון זיי קיינער ניט מעהר אויף דער גאַנצער וועלט אויסער מיר. אַזוי איז אַ טהייל פון מיר געשטאָרבען, דער עלטערער, דער בעסערער טהייל. איך האָב פערלאָרען דאָס האַרץ, אין וועלכען עס האָט געלעבט אַ'ן גאַנצען דאָס קינד, וועלכעס איך בין אַמאָל געוועזן. איצט קען עס קיינער ניט מעהר, קיינער ווייס גאָר נישט פון דער קליינער אננאַ, פון איהרע קורצע קליידלאַך, איהר שמייכעל, איהר אויסזעהן.

און דער טאָג וועט קומען, פיליכט איז ער שוין גאָר ניט ווייט, ווען אויך איך וועל פון דער וועלט געהן און וועל מיין ליעבע אננעלע לאָזען אליין, ווי מיין מאַמאַ האָט היינט מיך אליין געלאָזען. דאָס אַלעס איז אַזוי טרויעריג, אַזוי האַרט און אַזוי גרויזאַם און דאָך דענקט מען קיינמאָל ניט וועגען דעם. מען זעהט ניט, ווי דער טויט רייסט יעדען אויגענבליק אימעצען פון אונזער מיטען אַרויס, ווי ער וועט אונז אַליין באַלד אויך אַרויסרייסען. ווען מען זאָל דעם טויט קוקען גלייך אין די אויגען, ווען מען זאָל וועגען איהם טראַכטען, ווען מיר זאָלען זיך ניט צוטשטרייען, זיך ניט פאַראינטערעסירען אין אַלעס אַרום אונז און בלינד דאָס לעבען געניסען, דאַן וואָלט מען ניט געקענט מעהר אויסהאַלטען, ניט געקענט לעבען, דען דער אָנבליק פון דעם ענדלאָזען פּאָגראָם אויף מענשליכע לעבענס וואָלט אונז משוגע געמאַכט.

איך בין אַזוי צובראָכען, אַזוי פערצווייפעלט, אַז איך האָב פאַר קיין זאַך קיין קרעפטען ניט. טאָג און נאַכט טראַכט איך וועגען מיין אָרימער מאַמאַ, וועלכע ליעגט איצט פאַרקלאַפּט אין טויטען קאַסטען, טיעף אונטער דער ערד, ליעגט אין דרויסען אונטער'ן רעגען און איהר אַלטער פּנים, וועלכען איך האָב מיט אַזוי

פיעל פרייד געקושט, איז איצט שוין פיליכט פערפוילט און צו־פרעסען פון עקעלהאפטע ווערים. אך, ווי שרעקליך, מיין פריינד, ווי מורא'דיג!

ווען איך האָב מיין פאפא פערלאָרען, האָב איך געהאט דאן ערשט נור וואס געהייראט און איך האָב דאס אלעס ניט געפיהלט אזוי ווי היינט. יאָ, האט מיטלייד מיט מיר, דענקט וועגען מיר, שרייבט צו מיר... איך נויטיג זיך איצט אזוי אין אייך.

אנגא."

„פאריז, 25 יולי.

מיין אָרימע פריינדין. אייער קומער שמערצט מיך טיעף. איך זעה אויך ניט דאס לעבען פון דער ראזאָווער זייט; זייט איהר זייט אוועק געפאָהרען, פיהל איך זיך אין גאנצען פערלאָרען און פערלאָזען, אָהן שום אינטערעס, אלעס פארמאטערט מיך, לאנגוויילט אדער רעגט מיך אויף. און איך דענק אָהן אויפהער וועגען אייך און וועגען אונזער אנגעלע'ן. און איהר ביידע זייט גראדע יעצט אזוי ווייט פון מיר, יעצט, ווען איך דארף אייך אזוי נויטיג נעבען זיך.

עס איז מערקווירדיג ווי איך פיהל אייער אבוועזענהייט, ווי איהר פעהלט מיר. נאָך קיינמאָל נישט, ניט אפילו אין יענע טעג, ווען איך בין יונג געווען, האט איהר פאר מיר אזוי פיעל בעדייטעט, ווי גראדע אין דיזען מאָמענט.

שוין זייט א צייט ווי איך האָב געפיהלט, אז עס קומט אויף מיר עפעס א קריזיס. וואס איך פיהל איז אזוי מערקווירדיג, אז איך מוז עס אייך דערצעהלען. שטעלט זיך פאָר, זייט איהר זייט נישטאָ אין פאריז, קען איך ניט געהן שפאציערען. פריהער און זאָגאר אין די לעצטע מאָנאטען האָב איך ליעב געהאט ארומצו־וואנדערען איינער אליין דורך די גאסען: מענשען און זאכען האָבען מיך אונטערהאלטען. איך האָב געהאט פערגעניגען פון אלצדינג וואס איך האָב געזעהן, פערגניגען דערפון וואס איך האָב זיך אין גוטער לוינע איבער די גאסען ארומגעטריבען, איך בין

געגאַנגען ניט וויסענדיג וואוהין, נור אום צו שפּאַציערען, אום די פרישע לופט איינצואָטהעמען, אום צו טרוימען. איצט קען איך דאָס ניט מעהר. אזוי שנעל ווי איך געה ארויס אין גאַס, פאַלט אָן אויף מיר א שווערער מוט, אַן אַנגסט, די אַנגסט פון א בלינ־דען, וועלכער האָט אָבגעלאָזען דעם הונד, וואָס האָט איהם גע־פיהרט. איך ווער אונרוהיג, פונקט ווי אַ מענש, וועלכער האָט זיך אין טיעפען וואַלד פערבלאָנדזשעט, און איך מוז זיך אומקעהרען אהיים. פאַריז זעהט מיר איצט אויס טרויעריג, אומעטיג. איך פרעג זיך אליין: — „וואו וויל איך געהן" און איך ענטפער: „אין ערגעץ נישט, איך געה נאָר שפּאַצירען גלאַט אין דער וועלט אריין." איצט קען איך עס ניט מעהר, איך קען ניט געהן מעהר אָהן א ציעל. דער געדאַנק אליין זיך ארומצושלעפּען איינזאַם איבער די גאַסען, מאַכט מיך מיעד און טרויעריג. דאַן טרייבט מיך די פערצווייפלונג אין קלוב אריין.

און ווייסט איהר וואָרום דאָס אַלעס איז אזוי? נור ווייל איהר זייט דאָ נישטאָ, דאָס וויים איך בעשטימט. ווען איך וויים, אַז איהר זייט אין פּאַריז, דאַן דאַרף איך ניט מעהר געהן גלאַט אין דער וועלט אריין אָהן שום ציעל, איך קען דאַן האָפען אייך צו באַגעגענען אויף דער נעקסטער גאַס. איך געה איבעראַל, ווייל איבעראַל האָב איך אַ מעגליכקייט אייך צו טרעפען. און ווען איך זעה אייך ניט קען איך וויינינגסטענס זעהן אַנגעלען, וועלכע איז אַ קאָפּיע פון אייך. דורך אייך ביידע האָב איך אַ צוועק אין די גאַסען, אַ האָפנונג אייך צו טרעפען, אייך צו זעהן, אויף אייך באַטש פון ווייטען אַ קוק צו טהאָן. און דאַן זעהט מיר די שטאָדט אויס רייצענד, און יעדע זאַך, וואָס דערמאָנט מיר אָן אייך, בע־וועגט מיין הארץ, האַלט אויף מיין ערוואַרטונג, בעשעפטיגט מיינע אויגען, וועקט אויף אין מיר אַ מין ביינקעניש, אַ פערלאַנג אייך צו זעהן.

איהר וועט מיך האַלטען פאַר אַן עגאָאיסט, ליעבע פריינ־דין, וואָס איך דערצעהל אייך פון מיין איינזאַמקייט, ווי אַן אַל־

טער קוואַקטוך, וואָס איך רייד דערפון אין אַזאַ מאָמענט, ווען איהר פערגיסט ביטערע טרערען. פערגיט מיר, איך בין אַזוי גע־וואָהנט פון אייך געצערטעלט צו ווערען, אַז איך שריי: הילפע! הילפע! ווען איך האָב אייך ניט מעהר נעבען זיך.

איך קוש דעם זוים פון אייער קלייד, אום אַז איהר זאָלט מיט מיר מיטלייד האָבען.

אַליוויער."

„ראַנסיערעס, 30 יולי.

ליעבער פריינד!

איך דאַנק אייך פאַר אייער בריעף. עס טהוט מיר גוט צו וויסען, אַז איהר האָט מיך ליעב. איך האָב איבערגעלעבט אַ מורא'דיגע צייט, איך האָב ווירקליך געדענקט, אַז דער שמערץ וועט מיר קאָסטען מיין לעבען. אַ שווערע לאַסט האָט זיך מיר אויף דער ברוסט אַרויפגעלייגט, איז דאָרט אָהן אויפהער געוואַקסען, האָט מיך געשטיקט און געוואָרגען. דער דאָקטאָר, וועלכען מען האָט גערופען אום ער זאָל בערוהיגען מיינע נערוועזע אַנפעלע, וועלכע איך האָב געקראָגען פיער־פינף מאָל אַ טאָג, האָט מיר גע־מאַכט אַ מאָרפיום איינשפריצונג און דאָס האָט מיך גאָר משוגע געמאַכט. די מורא'דיגע היץ וואָס דאָ הערשט, האָט מיין צושטאַנד נאָך פאַרשלימערט און מיר אַריינגעבראַכט אין אַן אויפרעגונג, כמעט אין אַ דעליריום. זייט פאָריגען פרייטאָג, ווען דאָ איז גע־ווען אַ גרויסער שטורעם, בין איך אַביסעל רוהיגער. איך מוז אייך מודיע זיין, זייט דער מוטער'ס בעערדיגונג, האָב איך ניט געקענט מעהר וויינען, און דאָ, פלוצים, בעת'ן שטורעם, וועמעס אָנקומען האָט מיך דערשראָקען, האָב איך דערפיהלט, ווי די טרערען האָבען זיך מיר אין די אויגען אַ לאָז געטהאָן, לאַנגזאַם, ביטער און ברע־נענדיג. אַך, ווי עס האָבען וועה געטהאָן די ערשטע טרערען. זיי האָבען מיך געריסען ווי מיט שאַרפע נעגעל, מיר צוזאַמענגעדריקט דעם האַלז, אַז איך האָב ניט געקענט דעם אָטהעם אָבציהען. דאָן האָבען זיי זיך אַ גאָס געטהאָן שנעלער, פליסענדער, וואַרימער, זיי

האָבען געשטראַמט פון מיינע אויגען, ווי אַ קוואַל און איך האָב געוויינט אזוי פיעל, אזוי פיעל, אַז מיין נאַזטיכעל איז אין גאַנצען נאַס געוואָרען און איך האָב געמוזט נעהמען אַ צווייטע. און די שווערע, שמערצליכע לאַסט, וואָס האָט מיין הארץ געדריקט איז צוריסען געוואָרען, צורונען און פון מיינע אויגען ארויסגעפלאָ־סען.

זייט יענעם מאָמענט וויין איך פון אין דער פריה ביז ביי־נאַכט, און דאָס פערלייכטערט מיר דאָס הארץ. ווען מען וואָלט ניט קענען זיך גוט אויסוויינען, וואָלט מען משוגע געוואָרען אָדער געשטאָרבען. איך בין אויך גאַנץ אַליין, איינזאַם, מיין מאַן פאָהרט אַרום אין דער נאַכבאַרשאַפט, און איך האָב געבעטען, ער זאָל אָנ־נעלען מיט זיך נעהמען, אום דאָס קינד זאָל זיך אביסעל צושטרייען, און זיך טרייסטען. אין אַ קאַרעטע אדער רייטענדיג פאָהרען זיי אוועק מאַנכעס מאָל אַכט ביז צעהן מייל ווייט פון ראַנסיערעס. דאַן קומט זי צוריק שטראַהלענדיג פון יוגענד מיט בליסטשענדיגע אויגען פול לעבען, פול פייער, פריש און רויט פון דעם שפּאַציער אויף דער פרישער לופט. ווי שעהן עס איז צו זיין אזוי יונג!... איך דענק, מיר וועלען נאָך אַ צוויי־דריי וואָכען דאָ פערבלייבען און דאַן, הגם עס איז ערשט נאָך אויגוסט, קעהרען מיר זיך אום צוריק אין פּאַריז. איהר ווייסט דעם גרונד, פאַר וואָס מיר פער־לאָזען אזוי פריה דעם זומער פּלאַץ...

איך שיק אייך אַלעס, וואָס איז אין מיין הארצען נאָך אי־בערגעבליעבען פון ליעבע.

אננא."

„פּאַריז, 4 אויגוסט.

איך קען עס מעהר ניט אויסהאַלטען, ליעבע פריינדין, איהר מוזט צוריקקומען, אַז ניט וועט מיט מיר עפּעס אַן אונגליק גע־שעהן. איך פרעג זיך אַליין, צי בין איך ניט קראַנק, אזא עקעל פיהל איך צו אַלעס, וואָס איך האָב פריהער געטהאָן מיט פערגע־ניגען. ערשטענס איז אין פּאַריז אזוי הייס, אַז יעדע נאַכט האָט

איהר דאָס געפיהל ווי איהר וואָלט זיך געפינען אין א שוויצבאָד אכט־ניין שטונדען נאָכאנאנד. איך הויב זיך אויף אַ פארמאטער־טער פון שלאָף, געה ארום אַ שטונדע אָדער צוויי פאַר אַ ווייסער לייוועגד אהין און צוריק, אימער מיט דער אבזיכט עטוואָס אויף דעם אָנצוצייכנען, אָבער מיין מאַרך ארבייט ניט מעהר, מיין אויג זעהט גאָר נישט, מיין האַנד בעוועגט זיך נישט. איך בין ניט מעהר קיין מאָלער. די דאָזיגע אוננוציגע בעמיהונג צו ארבייטען, ברענגט מיך צו פערצווייפלונג. איך הייס קומען מאָדעלען, זעץ זיי אוועק, אָבער זיי אַלע נעהמען אָן אַ שטעלונג, בעוועגען זיך, האָבען אַן אויסדרוק, וועלכען איך האָב שוין טויזענד מאָל געמאָהלען. איך הייס זיי זיך ווידער אָנטהאָן און וואַרף זיי ארויס. איך זעה מעהר גאָר נישט נייעס און לייד דערפון אזוי פיעל, ווי איך וואָלט בלינד געוואָרען. וואָס זאָל דאָס זיין, וואָס זאָל דאָס בעדייטען? איז דאָס די מיעדקייט פון דעם אויג אָדער פונ'ם מאַרך... איז מיין קינסטלערישע קראַפט שוין אויסגעשעפּט אָדער דער זעה־נערוו איז שטאַרק פערמאַטערט? ווער ווייס, מיר דאַכט זיך, אז איך בין שוין אויסגעוועפּט. איך זעה נור דאָס, וואָס די גאַנצע וועלט זעהט, איך טהו וואָס אַלע שלעכטע מאַהלער האָבען געטהאָן, איך זעה און בעאָבאַכט ווי אַן אלטער פערדאַנט. פריהער, און דאָס נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק, האָב איך געזעהן פאַר זיך אַן אונבעגרענצ־טע צאָהל פון נייע סוזשעטען, נייע פּראָבלעמען און אום זיי אויס־צודריקען האָב איך געהאַט אזוי פיעל פערשיעדענע מיטלען, אַז איך האָב ניט געוואוסט וועלכעס פריהער צו נעהמען, דאָס איז גע־ווען דער איינציגער אָבהאַלט. און איצט, פּלוצים איז די וועלט מיט געשטאַלטען און פּראָבלעמען פּוסט געוואָרען און איך בין געוואָרען מאַכטלאָז און אונפּרוכטבאַר. די מענשען, וועלכע איך זעה האָבען פאַר מיר קיין בעזונדערען אינטערעס ניט. איך געפין ניט מעהר אין יעדען וועזען זיין איינגעאַרטיגען כאַראַקטער, יענעם בעזונדערען הויך, וועלכען איך האָב אזוי געליעבט אויסצוגעפי־נען און אויפ'ן לייוועגד איבערגעבען. און דאָך גלויב איך, אז איך

וואָלט געקענט מאַכען אַ שעהנעם בילד פון אייער טאָכטער. איז עט דערפאר, ווייל זי זעהט אויס אַזוי עהנליך צו אייך און איהר בײדע האָט זיך אין מײנע געדאַנקען ווי צוזאַמענגעגאָסען? יאָ, פֿילייכט?

נאָכדעם ווי איך מוטשע זיך אָב אַ געוויסע צייט און פּרוביר מענער אָדער פרויען אויפ'ן לייווענד אַנצוצייכנען, געה איך אוועק וואו עס איז פריהשטיקען, דען איך האָב ניט דעם מוט, זיך אוועקצוזעצען איינער אַליין אין מיין עס צימער. דער בולוואַר מאַלעס־הערבעס זעהט אויס ווי אַ וואַלד אין אַן אויסגעשטאַרבענער שטאָדט. די הייזער זעהען אַלע אויס ווי ליידיגע. די גאַסען רייניגער בעשפּריצען די גאַסען מיט אַ ווייסען רעגען און אין דער לופט טראָגט זיך אַ גערוך פון דזשעגאַכץ און גערייניגטע פערד. אויף דעם גאַנצען לאַנגען וועג פון פּאַרק מאָנסעאָן ביז צו סיינט אויגוסטין זעהט מען נור פינף אָדער זעקס שוואַרצע שאָטענס, וועלכע בעוועגען זיך גלייכגילטיג, דאָס זיינען אַ פּאָר געשעפטסלייט אָדער דיענער. דער שאָטען פון די פּלאַטאַנען וואַרפט אויף דאָס ברענענדיגע טראַטואַר צו פוסען פון די בוימער מאָדנע פלעקען. די אונבעוועגליכע בלעטער אין די צווייגען וואַרפען אַ גרויען שאָטען בילד אויף דעם אַספאַלט, וועלכער שפּיעגעלט אין זיך אָב די פון זון צובראָטענע שטאָדט, וואָס שלאָפט און שוויצט ווי אַן אַרבייטער אויף אַ באַנק אונטער דער ברענענדיגער היץ. יאָ, זי שוויצט און שטינקט אונערטרעגליך און דער געשטאַנק טראָגט זיך דורך די גאַסען, טראָגט זיך פון די נידעריגע קעלערן און קיכען, פון די רינשטאָקען, דורך וועלכע דער גאַסען שמוץ לויפט דורך. דאַן דענק איך וועגען אַ פריהמאָרגען אין אייער פרוכטגאָרטען, וואו טויזענדער פעלד בליהמעלאַך בליהען, וועלכע גיבען פון זיך אַ זיסען גערוך און פילען אָן די לופט מיט די בעסטע פּאַרפיומען. דאַן געה איך אַ פערצווייפעלטער אין רעסטאָראַן, וואו פּליכעוואַטע, דיקע מענשען זיצען פויל ביי די טישען מיט צושפּיליעטע וועסטען און פאַרשוויצטע שטערנס. אַלע שפּייזען ליידען פון דער היץ:

די מעלאָנען ווערען צושמאָלצען אויפ'ן אייז, דאָס ברויט איז ווייך, דאָס פלייש קראַפּטלאָז, די גרינסען צופּיעל צוקאָכט, דער קעז שמעקט, די פרוכטען זיינען צוגעפוילט און איך געה אוועק. איך קען דאָס אַלעס ניט מעהר פערטראָגען. איך קעהר זיך אום אהיים, פּרוביר שלאָפען ביז דינער און אין אַבענד געה איך אין קלוב.

און שטענדיג טרעף איך דאָרט אדעלמאַנס, מאַלדאַנט, ראַקדיאַנע, לאַנדאַ און נאָך אַ טוץ אַנדערע מענשען, וועלכע ווערען מיר אַלע לאַנגווייליגער און מאַכען מיך מיעד ווי די קלאַנגען פון אַ קאַטערינקאַ. יעדער האָט זיינע מאַניערען, זיינע געוואָהנהייטען, וועלכע איך קען שוין זייט פופצעהן יאָהר. און זיי קומען זיך אַלע צוזאַמען יעדען אבענד און דערצעהלען זיך דיזעלבע, אַלטע, אויסגעדראָשענע, נאַרישע מעשות, וועלכע האָבען שוין פון לאַנג פאַר מיר קיין אינטערעס ניט. איך וואָלט געוואָלט זעהן אַן אַנדער דור; דער איצטיגער האָט מיינע אויגען, מיינע אויערען און מיין גייסט מיעד געמאַכט. דיזע הערען ניט אויף צו מאַכען ענדעקונגען, זיי ריהמען זיך דערמיט און גראַטולירען זיך דערצו.

נאָכדעם ווי איך האָב פון אַכט אַ זייגער ביז נאָך האַלבער נאַכט געגענעצט יעדע מינוט, קעהר איך זיך אום אהיים און מוה זיך אויס מיט דעם געדאַנק, אַז מאָרגען וועט די גאַנצע געשיכטע זיך ווידער איבער'חזר'ן.

יאַ, מיין ליעבע פריינדין, איך געפין זיך אין אַזאַ עלטער, ווען דאָס לעבען פון אַן אַלטען בחור ווערט אונערטרעגליך, ווייל עס איז נישטאָ פאַר מיר קיין נייעס אונטער דער זון. אַ בחור מוז זיין יונג, מוז האָבען הייסעס בלוט און אַ פערגאַנג אַלעס דורכצומאַכען; איז מען עס אָבער נישט מעהר, דאַן איז געפעהרליך אליין צו בלייבען. גאָט, ווי האָב איך פריהער מיין פריייהייט געליעבט, איידער איך האָב אייך נאָך ליעבער געקראָגען ווי זי. ווי שווער פאַלט אויף מיר יעצט די פריייהייט מיינע! פאַר אַן אַלטען בחור ווי איך, איז די פריייהייט אַ פּוסטקייט, אַ וויסטקייט איבעראַל, דער וועג צום טויט. און קיין זאַך אין איהם האַלט איהם נישט אָב

צו זעהן דעם סוף. אימער קלינגט די פראגע: וואס זאל איך טהאן, צו וועמען זאל איך געהן אום ניט צו זיין אליין? און אזוי וואנדער איך פון פריינד צו פריינד, פון איין האנד־דרוק צו א צווייטען און בעטעל אום אביסעל פריינדשאפט. ברעק־לאך קריג איך, וועלכע בילדען קיין מאל ניט קיין גאנצעס. איך האב אייך, געליעבטע פריינדין, אבער אויך איהר געהערט נישט צו מיר. פיליכט זייט איהר גאר שולדיג אין דעם גאנצען טרוי־עריגען צושטאנד, אונטער וועלכען איך לייד איצט אזוי פיעל, דען מיין גאנצע געדריקטע שטימונג קומט פיליכט פון דער בייגקעניש נאך אייך, פונ׳ם וואונש אייך צו זעהן, אייער געגענוואַרט צו גע־ניסען. דער וואונש צו זיין צוזאמען אונטער איין דאך, פערשלאָ־סען הינטער די זעלבע ווענט, אונזערע הערצער זאלען קלאפען פון דיזעלבע אינטערעסען, פון געמיינזאמע האפנונגען, געטהיילטען לייד, געמיינזאמער גליק זאל אונז אויפרעגען, דיזעלבע פרייד, די־זעלבע טרויער און אפילו דיזעלבע מאטעריעלע זאכען, וועלכע פער־שאפען מיר אזוי פיעל זארג. איהר געהערט מיר, דאס הייסט, פון צייט צו צייט גנב׳ע איך א קליינינקען טהייל פון אייך. אבער איך וואלט שטענדיג געוואלט אטהעמען דיזעלבע לופט ווי איהר, אלעס מיט אייך טהיילען, נור די זאכען ארום אונז האבען, וועלכע געהערען צו אונזביידען. פיהלען, אז אלעס ארום מיר געהערט אייך אזוי פיעל ווי מיר, די גלאז פון וועלכער איך טרינק, דער שטול, אויף וועלכען איך זיץ, דאס ברויט, וואס איך עס, דאס פייער, וואס ווארימט מיך.

זייט געזונד. קומט באלד צוריק, איך בין צו אונגליקליך אהן אייך.

אליוויער.״

„ראנסיערעס, 8 אויגוסט.

ליעבער פריינד! איך בין קראנק און אזוי מיעד, אז איהר וואלט מיך נישט דערקענט. איך גלויב, איך האב צופיעל געוויינט.

איך מוז זיך אביסעל אויסרוהען איידער איך קום אהיים, דען איהר דאַרפט מיך ניט זעהן אזוי ווי איך קוק איצט אויס. מיין מאַן קומט איבערמאָרגען צוריק קיין פאַריז, און ער וועט אייך פון אונז אָפּגעבען נאַכריכטען. ער וויל געהן וואו עס איז מיט אייך עסען און ער בעט אייך איהם צו ערוואַרטען ארום זיעבען א זייגער ביי אייך אין הויז.

איך אָבער וועל זיך צו אייך צוריקקעהרען, אזוי שנעל ווי איך וועל זיך פיהלען עטוואָס בעסער און וועל ניט מעהר אויסזעהן אַזוי, ווי איך קוק איידער איצט אויס. מיין געזיכט שרעקט מיך אליין, עפּעס אזוי ווי איך וואָלט שוין אין גרוב געלעגען. אויף דער גאַנצער וועלט האָב איך נור אננעלען און אייך און יעדען פון אייך ביידע וויל איך אַלעס געבען אָהן דעם, אז איך זאָל דעם צוויי־טען בערויבען. איך שטרעק אויס צו אייך מיינע אויגען, וועלכע האָבען אַזויפיעל געוויינט, אום איהר זאָלט זיי קושען.

אננאַ.״

ווען ער האָט געקראָגען דעם דאָזיגען בריעף, וועלכער האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז זי האָט איהר צוריקקומען אָבגעלייגט, איז אָליוויער׳ן בעפאַלען א שטאַרקע לוסט צו נעהמען א דראָשקע און מיט דעם נעקסטען צוג נאָך ראָנסיערעס צו פאָהרען. ער האָט אָבער געמוזט דעם וואונש אונטערדריקען, דען ער האָט זיך איבערלייגט, אַז איבערמאָרגען קומט גראַף גיללעראי און ער האָט געגומען וואַר־טען אויף זיין צוריקקומען מיט אַזאַ אונגעדולד, ווי עס וואָלט געוועזן די פרוי אַליין.

קיין מאָל האָט ער גיללעראי׳ן ניט געהאַט אזוי ליעב, ווי אין די פיער און צוואַנציג שטונדען, וואָס ער האָט אויף איהם גע־וואַרט.

ווען ער האָט איהם דערזעהן אריינקומענדיג, איז ער איהם אַנטקעגען געלאָפען מיט אויסגעשטרעקטע הענד און האָט אויסגע־רופען: — אַך, ליעבער פריינד, ווי גליקליך בין איך אייך ווידער צו זעהן.

אויך דער צווייטער האָט געשיינט צו זיין זעהר צופריעדען, פריהער פאַר אַלץ, דערמיט וואָס ער איז ווידער אין פּאַריז, דען עס איז ניט געווען גאָר פרעהליך אין גאַרמאַנדיע די לעצטע דריי וואָכען, וואָס ער האָט דאָרט פערבראַכט.

ביידע מענער האָבען זיך געזעצט אויף אַ קליינער זאָפע אין אַ ווינקעל פון אַטעליער אונטער אַ ריעזיגען באַלדאַכין פון אָריענטאַלישע שטאָפען, האָבען נאָך אַמאָל אַנגענומען איינער דעם אַנדערן פאַר די הענד און זיי ווידער אַמאָל געדריקט.

— און ווי געהט עס דער גרעפין? — האָט געפרעגט בערטין.

— אַך, ניט בעזאָנדערס. דער קלאַפּ האָט איהר אין גאַנצען צובראָכען און זי קומט צו זיך נור זעהר לאַנגזאַם. איך מוז זאָגען, אַז איך בין שטאַרק אונרוהיג וועגען איהר.

— אָבער וואָרום קומט זי ניט צוריק קיין פּאַריז?

— איך וויים ניט, איך האָב איהר ניט געקענט בעוועגען, זי זאָל מיט מיר מיטפאָהרען.

— וואָס טהוט זי אַ גאַנצען טאָג?

— מיין גאָט, זי הערט ניט אויף צו וויינען, טראַכט נאָכאַנאַנד וועגען איהר מוטער און דאָס איז פאַר איהר זעהר ניט גוט. איך וואָלט וועלען זי זאָל ענדערען די לופט, איבערהויפּט, אַז זי זאָל פון דאָרטען אוועק, וואו דאָס אונגליק איז געשעהן. איהר פאַרשטעהט דאָך.

— און אַננעלע?

— אַך, זי איז ווי אַן אויפגעבליהטע בלום.

אָליוויער האָט גליקליך אַ שמייכעל געטהאָן און געפרעגט:

— איז זי אויך זעהר פאַרטרויערט?

— יא, זעהר, זעהר. אָבער, ווייסט איהר, צו אַכטצעהן יאָהר האַלט אַ שמערץ ניט לאַנג אָן.

נאָך אַ קורצער פּויזע האָט גיללעראַי ווייטער גערעדט: —

וואו געהען מיר עסען? איך מוז זיך אביסעל אויפמונטערען, אָב־פרישען, איך מוז הערען טומעל, זעהן בעוועגונג.

— יא, איך דענק, אז אין אזא צייט איז דער קאפע פון אמ־באסאַדאָר דער בעסטער פּלאַץ.

און זיי זיינען אוועק געאָרעמט צו די טשאמפס־עליסעעס.

גיללעראַי איז געווען לעבהאפט און צוהיצט, ווי דער פּאַרי־זער, וועלכער קומט צוריק אין שטאָדט נאָך א לאַנגער אבוועזענ־הייט. אלעס האָט איהם אויסגעזעהן יונגער און ניי און ער האָט געוואלט פון מאהלער וויסען אלע איינצעלהייטען, וואס זיינען פאר דער צייט געשעהן, אלע נייאיגקייטען, וועלכע מען דערצעהלט זיך. אָבער אָליוויער האָט אויף אלע פראגען געענטפערט קאלט און גלייכגילטיג, אין יעדען טאָן האָט געקלונגען זיין לאַנגווייליג־קייט, זיין איינזאמקייט און ער האָט ווידער גענומען ריידען פון ראָנסיערעס.

דער שווערער הימעל פון א זומערדיגען אבענד איז געלעגען דריקענד אויף דער שטאָדט און אויף די גרויסע עווענױס, וואו עס האָבען זיך געטראָגען קלאנגען פון די אָרומיגע קאָנצערטען. ביי־דע מענער זיינען געזעסען אויפ'ן באלקאָן פונ'ם קאָפע פונ'ם אמ־באַסאַדאָר. זיי האָבען געזעהן אונטער זיך נאָך ליידיגע בײנק און שטולען פון דעם רונדען צושויער רוים, ביז צו דער קליינער ביהנע, וואו מען האָט ביים ווייסען ליכט פון די עלעקטרישע לאָמ־פען האלב נאָך מיט דער ליכט פון טאָג אויסגעמישט געקענט אונ־טערשיידען די גלענצענדע טואלעטען און די ראָזעווע הויט פארב פון די זינגערינס. גערוכען פון פיש, שפייזען, סאָאוסען, אלערליי ווארימע געריכטען, האָבען זיך געטראָגען אין דער לופט אויסגע־מישט מיט דעם דופט פון די קאשטאנען בוימער. און אז א דאמע איז פארבייגעגאנגען, פון איהר קאוואליער אין שווארצען פראק געפאָלגט, וועלכע האָבען זייער פארהער־בעשטעלטען טישעל גע־זוכט, האָבען זיי פארבייגעהענדיג פון זיך א וועהע געטהאָן מיט

פאַרפיום, מיט דעם פרישען דופט פון זייערע קליידער און זייערע ליבער.

גיללעראַי האָט געזאָגט שטראַהלענדיג:

— מיר איז דאָ אַ סך ליעבער, ווי ביי אונז דאָרט אויבען.

—— און מיר — האָט געענטפערט בערטין — וואָלט אַ סך ליעבער געווען צו זיין ביי אייך דאָרט אויבען.

— נאַרישקייטען.

— ווירקליך, מיר זעהט פאַריז אויס שרעקליך היינטיגען זומער.

— עס, מיין ליעבער פריינד, פאַריז בלייבט אימער פאַריז.

דער אָבגעאָרדענטער האָט היינט געשיינט צו האָבען זיין גליק־ליכען טאָג. איינעם פון יענע גליקליכע טעג, ווען אפילו ערנסטע מענשען פאַרגעסען זייער ערנסטקייט און מאַכען דומהייטען, ווי גאַנץ געוועהנליכע פרעהליכע יונגען. ער האָט בעטראַכט צוויי פרעהליכע מיידלאַך, וועלכע זיינען געזעסען ביי אַ דערבייאיגען טיש מיט דריי מאָגערע, שוין אַביסעל צופיעל אויסגעפוצטע יונגע מענער, און ער האָט אויסגעפרעגט אָליוויער'ן וועגען אַלע בעקאַנ־טע און אונבעקאַנטע מיידלאַך, וועמעס נאָמען ער האָט טאָג טעג־ליך געהערט. דאַן האָט ער ארויסגעמורמעלט מיט אַ טאָן פון טיעפ־סטען בעדויערן:

— יאַ, איהר האָט גליק, וואס איהר זייט געבליעבען אַ בחור. איהר קענט טהאָן און מאַכען וואס איהר ווילט.

אָבער דער מאַהלער האָט דערפון ניט געוואָלט הערען און ווי יעדער, וועמען אַ געדאַנק האַלט אין איין פּלאָגען, האָט ער פער־טרויט גיללעראַי'ן זיינע ליידען, זיינע טרויעריגע שטימונגען און זיין איינזאַמקייט. נאָכדעם ווי ער האָט איהם אַלעס אַרויסגעזאָגט, גאַנץ נאַאיוו פאַר איהם געעפענט זיין האַרץ, וועלכע איז געווען פול מיט ביינקעניש נאָך אַ פרוי, נאָך אַן אייגען וואַרים ווינקעל, האָט דער גראַף פון זיין זייט צוגעגעבען, אַז דאָס פאַמיליען לע־

בען האָט זיך זיינע גוטע זייטען אויך. אין איהם האָט פּלוצים ערוואַכט דער רעדנער פון פּאַרלאַמענט און ער האָט זיך מיט א היץ גענומען ריהמען די אנגענעהמליכקייטען פון זיין היימישען לעבען, געלויבט די גרעפין ביז'ן הימעל, בעת אָליוויער האָט איהם צוגעשטימט מיט אָפטען צושאָקלען מיט'ן קאָפּ.

אָליוויער איז געווען גליקליך פון איהר צו הערען, אָבער אין דערזעלבער צייט האָט די קנאה ווי א וואָרים זיין הארץ געטאָ־טשעט. ער איז מקנא געווען דעם גראַף זיין פאַמיליען גליק, וואס יענער האָט געריהמט נור אויס פליכט און ער האָט צום סוף געזאָגט מיט א טאָן פון העכסטער איבערצייגונג:

— יא, איהר האָט געהאַט גליק.

דער אָבגעאָרדענטער האָט זיך געפיהלט געשמייכעלט און עס צוגעגעבען. דאַן האָט ער ווייטער גערעדט:

— איך וואָלט זעהר וועלען, אז מיין פרוי זאָל צוריקקומען. איהר צושטאַנד בעאונרוהיגט מיך ווירקליך. ווייסט איהר וואָס, איהר לאַנגווייליגט זיך אזוי אין פּאַריז, טאָמער וואָלט איהר גאָר צוגעפאָהרען קיין ראָנסיערעס און זי אהער געבראַכט. אייך וועט זי פאָלגען, איהר זייט איהר פריינד, ווערענד דער מאַן, איהר ווייסט דאָך...

אָליוויער האָט געענטפערט שטראַהלענדיג:

— מיט דעם גרעסטען פערגעניגען. אָבער דענקט איהר ניט, אז זי וועט ווערען בייז, ווען איך וועל אזוי אונגעריכט, אזוי פּלו־צים אהין אָנקומען?

— ניין, ניין. איהר מעגט פאָהרען.

— נו, אלזאָ גוט. איך פאָהר מאָרגען אום איינס. מוז איך פריהער טעלעגראַפירען?

— ניין, דאָס וועל איך שוין בעזאָרגען. איך וועל זיי בע־נאַכריכטען, אום אז זיי זאָלען שיקען א קארעטע אייך צו ערוואַר־טען ביים באַהן.

ווען זיי זיינען מיט׳ן עסען פערטיג געוואָרען, זיינען זיי אוועק צוריק צום בולוואַר. אָבער אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט דער גראַף פּלוצים פערלאָזען דעם מאַהלער, אונטער דעם תירוץ אַז ער האָט עפּעס זעהר אַ נויטיגע זאַך צו בעזאָרגען, וועלכע ער האָט פריהער גאָר פערגעסען.

II

די גרעפין און איהר טאָכטער אין גאַנצען אין שוואַרצען קרייפּ געקליידעט, האָבען זיך נור וואָס געזעצט צום טיש אין גרויסען עס־צימער פון ראַנסיערעס אום צו פריהשטיקען. גרויסע בילדער אין אַלטע, אָבגעבליאַקירטע גאָלדענע ראַהמען זיינען געהאַנגען אויפ'ן וואַנד, פאַרשטעלענדיג די אורעלטערען פון די גיל־לעראים. איינער געפּודערט, אין יוניפאָרם פון דער פראַנצויזי־שער גוואַרדיע, דער צווייטער אַלס אָבערסט פון דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן. צוויי דיענער האָבען שטיל סערווירט דיביידע שווייגענדיגע פרויען, און די פליגען אַרום דעם קריסטאַלענעם היינגלייכטער, וועלכער איז איבער'ן טיש געהאַנגען, האָבען גע־בילדעט אַ קליין שוואַרץ וואָלקענדעל, פון זשומענדע, ווירבלענ־דע פּינטעלאַך.

— עפען אויף דאָס פענסטער, דאָ איז אביסעל צו קיהל — האָט געזאָגט די גרעפין.

ביידע פליגעל פון די דריי הויכע פענסטער, וועלכע האָבען זיך געצויגען פון פאָדלאָגע ביז צום באַלקען, זיינען גלייך געעפענט געוואָרען.

אַ הויך פון פרישע, וואַרימע לופט, וועלכער האָט דעם דופט פון פרישען גראָז פאַרטראַגען, האָט אַ שטראָם געטהאָן אין צימער און זיך אויסגעמישט מיט דער עטוואָס פערדומפּענער לופט, וועל־כע האָט זיך געפיהלט הינטער די דיקע ווענט פונ'ם שלאָס.

— אַט דאָס איז גוט — האָט געזאָגט אַננעלע — און טיעף אריינגעטאָטהעמט אין זיך די פרישע לופט.

ביידע פרויען האָבען ארויסגעקוקט אין דרויסען, וואו אונ־טער דעם בלויען פאר'חלום'טען הימעל זיינען געלעגען די ברייטע גרינע לאַנקעס פונ'ם פארק מיט זיינע געדיכטע בוימער דאָ און דאָרט, מיט דער ווייטער אויסזיכט אויף דער געלער לאנדשאפט ארויס, אויף וועלכער ווייט, ווייט ביז צום סאמע האָריזאָנט האָבען פעלדער מיט גאָלדענע זאנגען געבליסטשעט.

— נאָכ'ן פריהשטיק וועלען מיר מאכען א לאַנגען שפּאציר־גאַנג — האָט געזאָגט די גרעפין. — מיר קענען געהן מיט'ן טייך ביז צו בערוויל צופוס, אויפ'ן פרייען פעלד איז צו הייס.

— יאָ, מאַמא, און מיר וועלען מיטנעהמען יוליאָ, ער זאָל אונז אויסגעפינען רעבהינער.

— דו ווייסט דאָך, אז פאפא האָט עס פערבאָטען.

— אָבער דער פאפא איז דאָך אין פאריז. עס איז אזוי שעהן צו זעהן, ווי יוליא זוכט. טהו אָקאָרשט א קוק, ווי ער בילט אויף די בהמות. ניין, עס איז צו קאָמיש.

זי האָט אָבגערוקט איהר שטוהל, איז אויפגעשטאַנען, צוגע־לאָפען צו א פענסטער און אויסגעשריען: — זוך, יוליא, זוך, זוך!

אויף א לאָנקע זיינען געלעגען דריי שווערע קיה, פארמאַ־טערטע פון היץ און פויל געקייט גראז. א שלאַנקער, ווייסער, רויט באפלעקטער יאַגדהונד איז האַוקענדיג ארומגעשפרונגען פון איין קוה צו דער אַנדערער, האלב אויף שפאס, האלב מיט רוגזה זיי געשטויסען, געבולען און זיך געמאַטערט זיי צו צווינגען אויפצו־שטעהן, אָבער זיי האָבען זיך ניט געריהרט פון אָרט. דאָס איז גע־ווען דעם הונד'ס ליעבלינגס שפיעל, און ער האָט זיך אימער אזוי געשפיעלט, ווי נור ער האָט געזעהן קיה ליגענדיג אויף דער ערד. זיי האָבען איהם אָנגעקוקט מיט זייערע גרויסע, נאַסע אויגען ניט

צושראָקען, נור אונצופריעדען, און האָבען אומגעקעהרט די קעפּ אין זיין זייט.

אנגעלע האָט אויסגעשריען פון פענסטער:

— כאַפּ זיי, יוליא, כאַפּ זיי!

און דער יאַגדהונד איז געוואָרען לעבעדיגער, דרייסטער, האָט גענומען בילען העכער און איז צוגעשפּרונגען צו דעם הינטער חלק פון איינער פון די קיה, ווי ער וואָלט זי וועלען בייסען. יעצט זיינען זיי געוואָרען אונרוהיגער און דאָס נערוועזע צוקען פון דער הויט, אום די פליגען צו פערטרייבען, איז געוואָרען אָפטער און געדויערט לענגער.

פּלוצים האָט דער הונד זיך אַ לאָז געטהאָן מיט אימפּעט און האָט זיך שיער ניט אָנגעשטויסען אָן דער קוה. ער האָט זיך אָבער אין צייט פערכאַפּט און אריבערגעשפּרונגען איבער איהר. די גרויסע חיה האָט זיך דערשראָקען פון דער דאָזיגער בעריהרונג, האָט אויפגעהויבען אַ פריהער דעם קאָפּ, דאַן לאַנגזאַם אויפגע־שטעלט זיך אויף די פיער פיס, מוהענדיג לויט. ווען די איבעריגע צוויי האָבען דערזעהן די קוה שטעהענדיג, האָבען זיי זיך אויך אויפגעהויבען און איצט האָט יוליא גענומען שפּרינגען אַרום זיי מיט נצחון, בעת אנגעלע האָט איהם פרעהליך צוגערופען:

— בראַוואָ, יוליא, בראַוואָ!

— אָבער קום דאָך פריהשטיקען, מיין קינד — האָט געזאָגט די גרעפין.

דאָס יונגע מיידעל האָט מיט דער האַנד פערשטעלט די אויגען פון דער זון און געזאָגט:

— זעה דאָ קומט אַ טעלעגראַמע.

אויפ'ן וועג, וועלכער האָט זיך פערלאָרען צווישען די תבואה פעלדער, האָט זיך איבער די קאָרן זאַנגען בעוויזען אַ בלויע בלו־זע, און באַלד האָט מען דערזעהן אַ מאַן געהענדיג צום שלאָס.

— מיין גאָט — האָט געשעפּטשעט די גרעפין — עס זאָלען נור ניט זיין קיין שלעכטע נייעס.

יענע אנגסט וועלכע דער טויט פון א געליעבטען מענשען לאזט איבער אין אונז, האט נאך אין איהר געציטערט. איהרע פינגער האבען זיך געטרייסעלט, ווען זי האט די טעלעגראמע אויפגעריסען און זי איז געוועזען שטארק אויפגערעגט פאר ערוואַרטונג. עס האט זיך איהר אלץ געדאכט, אז פון הינטער דעם צוזאמענגעלייגטען פאפיר קוקט אויף איהר ווידער עפעס אן אונגליק ארויס, וועלכער וועט איהר אויף דאס ניי די אויגען מיט טרעהרען אנפילען. אננעלע, פערקעהרט, איז געוועזען פול יוגענדליכער נייגיערדע און האט געליעבט אלעס נייעס, וואס זי האט אין לעבען באגעגענט.

די גרעפין האט שוין מעהר ניט געגעסען. מיט שטארקע אויגען האט זי פערפאלגט דעם וועג פונ'ם מאן, וועלכער האט זיך דערנעהנטערט צו זיי און וועלכער האט זיי געבראכט עטליכע ווערטער, וואס וועלען זיי פילייכט טרעפען ווי א קויל. די אונרוהיגקייט האט איהר דעם אטהעם פארכאפט און זי האט זיך געבראכען דעם קאפ צו טרעפען, וואס אזוינס די נאכריכט קען איהר ברייגען. וועגען וואס האנדעלט זיך עס, פון וועמען קומט עס? זי האט א טראכט געטהאן וועגען אליוויער — טאמער איז ער קראנק, און אפשר גאר טויט?

די צעהן מינוט, וואס זי האט נאך געמוזט ווארטען, האבען זיך פאר איהר געצויגען לאנג אהן א סוף. און ווען זי האט דערנאך געעפענט די טעלעגראמע און דערזעהן איהר מאן'ס אונטערשריפט, האט זי איבערגעלייענט:

„אונזער פריינד בערטין פאהרט מיט דעם איינס א זייגער צוג קיין ראנסיערעס. שיק א קארעטע צום באהן הויף. גרוס.”

— נו, מאמא? — האט געפרעגט אננעלע.

— הערר בערטין קומט.

— אה, דאס איז פיין! ווען קומט ער?

— באלד.

— אום פיער?

— יאָ.

— אָך, דאָס איז אויסגעצייכענט.

אָבער די גרעפין איז בלייך געוואָרען. זייט אַ געוויסער צייט איז אין איהר געוואַקסען אַ נייער אַנגסט און דאָס פּלוצימדיגע אָנקומען פון׳ם מאַהלער האָט איהר געשיינט צו זיין איינער פון יענע אומגליקען פאַר וועלכען זי האָט שטאַרק מורא געהאַט.

— פאָהר איהם אָבנעהמען אין אַ קאַרעטע — האָט זי געזאָגט צו איהר טאָכטער.

— קומסטו דען ניט מיט, מאַמאַ?

— ניין, איך וועל אייך דאָ ערוואַרטען.

— אָבער פאַר וואָס? דאָס וועט איהם פערדריסען.

— איך פיהל זיך ניט גאָר גוט.

— דו האָסט דאָך נור וואָס געוואָלט געהן צו פוס קיין בערוויל?

— יאָ, אָבער דער פריהשטיק האָט מיר פערשאַדט.

— אָך, ביז מיר וועלען קומען אַהין, וועט דיר בעסער ווערען.

— ניין, איך וועל בעסער געהן צו מיר אין צימער און זיך אַביסעל אויסרוהען. שיק מיר זאָגען אַזוי גיך ווי איהר וועט צוריקקומען.

— גוט, מאַמאַ.

די גרעפין האָט געגעבען אַ בעפעהל צו שפּאַנען די פערד און צוצוגרייטען אַ גאַסטצימער. דאַן איז זי אַוועק אין איהר צימער און זיך דאָרט איינגעשלאָסען.

ביז אַהער האָט זי אָבגעלעבט איהר לעבען כמעט גאָר אָהן זאָרג. די ליעבע צו אָליווער איז געוועזן די איינציגע וויכטיגע פּאַסירונג דאָרט און אויך די איינציגע זאָרג די דאָזיגע ליעבע איינצוהאַלטען. עס איז איהר געלונגען און ביז אַהער איז זי אין דיעזען קאַמפּף שטענדיג די זיעגערין געבליבען.

איהר האַרץ, פון ערפאָלג און שמייכלערייען איינגעוויגט, איז

געוואָרען דאָס האַרץ פון אַ שעהנער וועלטליכער דאַמע, וועלכער עס קומט אַלדאָס גליק און אַלדי פרייד פון דער גאַנצער וועלט. זי האָט אָהן ליעבע אַ גלענצענדען שידוך געטהאָן און אום איהר לע־בען גליקליך און אינטערעסאַנט צו מאַכען, האָט זי אָן דער זייט ליעבע אָנגענומען. זי האָט אַ פערהעלטניס אָנגעקניפּט הויפּטזעכ־ליך אויס ליידענשאַפט און אַביסעלע אויך אום דאָס לעבען זאָל ניט ווערען אַזוי באַנאַל, אַזוי אַלטעגליך. זי האָט זיך איינגע־מויערט אין דעם גליק, וואָס אַ צופאַל האָט איהר אין שוים געוואָר־פען מיט דעם איינציגען וואונש עס צו בעהאַלטען און פון אַלע גע־פאהרען צו פערטהיידיגען. מיט דער גלאַסענהייט פון אַ שעה־נער פרוי האָט זי אָנגענומען אַלעס אָנגענעהמעס, וואָס איז איהר צו דער האַנד געקומען, האָט זיך ניט געיאָגט נאָך קיין נייע אונ־בעקאַנטע פערגעניגענס, נאָך קיין אונגעוועהנליכע פּאַסירונגען, זאָנדערן האָט קלוג מיט אַ טאַלק גענאָסען פון דעם גליק וואָס דאָס לעבען האָט איהר געשענקט, זיך פרעהענדיג מיט דעם היינט און ניט קימערנדיג זיך וועגען דעם מאָרגען.

דאַן האָט זיך בּיסלאַכווייז, זי האָט אַליין ניט בעמערקט ווי און ווען, אין איהר נשמה אַ מורא אריינגע׳גנב׳עט, אַ מורא פאַר דעם בעוואוסטזיין, אַז די יוגענד, די שעהנע צייט פון ליעבע געהט אוועק און די עלטער נעהנטערט זיך. דער דאָזיגער געדאַנק האָט ווי אַ וואָרים איהר נישט אויפגעהערט צו טאָטשען. אָבער אַזוי ווי זי האָט גוט געוואוסט, אַז דער דאָזיגער איבערגאַנג אין לעבען איז אונפערמיידליך און האָט דער מענש איינמאָל גע־נומען געהן אַראָב איז שוין פאַר איהם קיין אָבהאַלט נישטאָ, האָט זי צוגעמאַכט די אויגען אום ניט צו זעהן דעם אָבגרונד פאַר וועל־כען זי איז געשטאַנען.

מיט פערצווייפלונג אין האַרצען און אַ שמייכעל אויף די לי־פּען האָט זי ווייטער געלעבט מיט עפּעס אַ מין סאָרט געמאַכטען, עהרנייציגען בעשלום אַזוי לאַנג שעהן צו בלייבען ווי נור מעגליך. און ווען אַנגעלע האָט זיך מיט דער פרישקייט פון איהרע אַכט־

צעהן יאָהר נעבען איהר זייט בעוויזען, האָט זי דערפון ניט געליטען, אדרבא, זי איז געווען שטאָלץ אין דעם בעוואוסטזיין, אז איהר רייפע שעהנהייט איז מעהר בעצויבערענד און ווערט פאַרגעצויגען ווערען צו דער יונגער מיידעל, וועלכע האָט ערשט אויפגעבליהט אין דעם שטראַהלענדען גלאַנץ פון איהר פריהער שעהנהייט.

זי האָט זאָגאַר געמיינט, אז זי שטעהט ביים אָנפאַנג פון א רוהיגערע צייט, ווען דער טויט פון איהר מוטער האָט איהר שווער געטראָפען. אין די ערשטע עטליכע טעג איז זי געווען אַזוי פערצווייפעלט, אז זי האָט וועגען קיין אַנדער זאַך אויסער דעם טויט ניט געטראַכט, פון פריה ביז נאַכט האָט זי זיך ניט געקענט ארויסרייסען דערפון. זי האָט אין איהר גערעכניש ארויסגערופען טויזענד זאַכען, וועלכע האָבען געהאַט א שייכות צו דער טויטער. א פּאָר ליעבע ווערטער, איהר פּנים, ווי ער איז אַמאָל געווען, קליידער, וועלכע זי האָט אַמאָל געטראָגען, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט אין איהר גערעכניש הייליגטימער פון דער פערשוואונדענער פערגאַנגענהייט בעהאַלטען און האָט זיי איצט ארויסגענומען אום דערמיט איהר קראַנקהאַפטע פאַנטאַזיע צו ערנעהרען. דאַן, ווען איהר פערצווייפלונג איז געוואָרען אַזוי גרויס, אז זי האָט אַלע ווילדע געקראָגען היסטערישע אָנפעלע, האָבען איהרע ליידען געפונען אַן אויסוועג אין טרערען און פון דאַן אָן האָט טאָג און נאַכט פון איהרע אויגען געגאָסען.

און איין מאָל אין דער פריה, ווען דאָס קאַמער מיידעל איז צו איהר אין צימער אריין, די לאָדענס געעפענט, די פאָרהאַנגען צוריקגעצויגען און געפרעגט: „ווי פיהלט איהר זיך היינט, פרוי גרעפין?” האָט זי געענטפערט א צובראָכענע, א פארמוטשעטע פון אַזוי פיעל טרערען: „שלעכט, איך קען שוין מעהר ניט אויסהאַלטען.”

דאָס קאַמער מיידעל, וועלכע האָט געטראָגען א זילבערנע טאַץ מיט טהעע, האָט אָנגעקוקט איהר ווירטהין. זי איז געווען

געריהרט איהר צו זעהן אזא בלאַסע און זי האָט געזאָגט אין א טאָן פון טיעפסטען מיטגעפיהל:

— איהר זעהט ווירקליך אויס זעהר שלעכט, פרוי גרעפין, איהר מוזט זיך שאָנעווען.

דער טאָן מיט וועלכען זי האָט דאָס געזאָגט, האָט דער גרע־פין א שטאָך געטהאָן אין הארצען, און אזוי שנעל ווי דאָס מיידעל איז ארויס, איז זי אויפגעשטאַנען אום איהר פנים אין גרויסען שפּיגעל צו בעטראַכטען.

זי איז דערשראָקען געוואָרען פון זיך אליין, דערשראָקען פון איהרע איינגעפאַלענע באַקען, איהרע רויטע אויגען, פון דעם גאַנ־צען חורבן, וואָס די עטליכע טרויעריגע טעג האָבען אין איהר געמאַכט.

איהר פּנים, וועלכען זי האָט אזוי גענוי געקענט, וועלכען זי האָט אין אזוי פיעל שפּיעגלען בעטראַכט, פון וועלכען זי האָט יעדען אויסדרוק, יעדען שעהנעם שטריך, יעדען שמייכעל געקענט, וועמעס בלייכע פאַרב זי האָט אזוי אָפט אָבגעפרישט, וועמעס מיעדע ליניען זי האָט פאַרווישט, וועמעס לייכטע קנייטשען ארום די אויגען ווינקלען, וועלכע זיינען ביים העלען שיין קענטיג גע־ווען, זי האָט פאַרטריבען, דער דאָזיגער פּנים האָט זיך איהר פלו־צים אויסגעוויזען ווי ניט איהרער, ווי עפּעס א פרעמדער, פון א גאַנץ אַנדער פרוי. זי האָט דערזעהן פאַר זיך א נייעס פּנים, א צור־שטערט, א קראַנק פּנים, וועלכען מען האָט שוין ניט געקענט מעהר רעטען.

אום זיך בעסער צו זעהן, אום דעם אונערוואַרטעטען אונגליק בעסער פעסטצושטעלען, איז זי צוגעגאַנגען צום שפּיעגעל אזוי נאָהנט, אז איהר שטערן האָט איהם כמעט בעריהרט, און איהר אָטהעם, וועלכער האָט אויפ'ן גלאָז זיין הויך איבערגעלאָזען, האָט דאָס איינגעפאַלענע געזיכט, וועלכעס זי האָט בעטראַכט, כמעט אין גאַנצען אונזיכטבאַר געמאַכט. זי האָט געמוזט נעהמען א טיכעל און דעם שפּיעגעל אָבווישען, און טיעף בעוועגט האָט זי

לאַנג און געדולדיג די פאַרענדערונג אין איהר געזיכט בעטראַכט. מיט לייכטע פינגער האָט זי אָבגעצויגען די הויט אויף די באַקען, אויסגעגלעט דעם שטערן, פאַרשאַרט די האָר צו דער זייט און גע־עפענט די לידער אום דאָס ווייסקייט אַרום די שוואַרצאַפּלען פון די אויגען צו זעהן. דאַן האָט זי געעפענט די ליפּען, בעטראַכט איהרע צייהן, אויף וועלכע דאָ און דאָרטען האָט עטוואָס גאָלד געבליסטשעט. די ווייסקייט פון די יאַסלעס און די געלקייט אַרום די שלייפען האָט זי געשראָקען.

זי איז געוועזען אַזוי פערטיעפט אין דער בעטראַכטונג פון איהר פאַרגעהענדער שעהנהייט, אַז זי האָט ניט געהערט, ווי די טיר האָט זיך געעפענט, און זי האָט זיך אַ צאַפּעל געטהאָן, ווען איהר קאַמער מיידעל האָט הינטער איהר געזאָגט:

— פרוי גרעפין, איהר האָט נאָך אייער טהעע ניט געטרונ־קען.

די גרעפין האָט זיך אַ קעהר געטהאָן איבערראַשט און צור־מישט, און דאָס מיידעל, וועלכע האָט זיך אַנגעשטויסען, וועגען וואָס יענע האָט געטראַכט, האָט געזאָגט:

— איהר האָט צופיעל געוויינט, גרעפין. קיין זאַך איז נישט אַזוי שלעכט פאַר דער הויט ווי טרעהרען, פון זיי ווערט דאָס בלוט צו וואַסער.

און ווען די גרעפין האָט טרויעריג בעמערקט:

— די עלטער איז נאָך ערגער פון טרערען — האָט דאָס מיי־דעל אויסגערופען:

— אָבער וואָס רעדט איהר, פרוי גרעפין, איהר זייט דאָך נאָך ניט אַלט. נאָך אַ פּאָר טעג רוה זייט איהר ווידער יונג און שעהן ווי פריהער. איהר מוזט נור געהן אַ סך שפּאַצירען, פרוי גרע־פין, און ניט וויינען מעהר.

אַזוי שנעל ווי די גרעפין איז געווען אָנגעטהאָן, איז זי אַוועק אין פּאַרק. צום ערשטען מאָל, זייט איהר מוטער איז געשטאָר־בען, האָט זי געטראָטען אין דעם קליינעם פרוכטגאָרטען, וואו זי

האָט פריהער אַזוי גערן די בלומען געפּלעגט און געריסען, דאַן איז זי אַוועק צום טייך און אַרום וואַסער אַרומגעשפּאַצירט ביז צום פריהשטיק.

ווען זי האָט זיך שפּעטער געזעצט אַנטקעגען איהר מאַן ביים טיש, די טאָכטער ביי איהר זייט, האָט זי געפרעגט, אום זייער מיינונג צו הערען:

— איך פיהל זיך היינט אַ סך בעסער, איך גלויב, איך בין ניט אַזוי בלייך ווי געוועז.

דער גראַף האָט געענטפערט:

— אָך, דו זעהסט נאָך אויס גענוג שלעכט.

דאָס האַרץ האָט איהר פאַרקוועטשט, עס האָט זיך איהר ווי־דער פאַרוואָלט וויינען און טרעהרען האָבען זיך אין איהרע אויגען בעוויזען.

ביז צום אבענד און אויך אויף מאָרגען און אפילו די נעקסטע עטליכע טעג, האָט זי נאָכאַנאַנד געפיהלט, אז אָט אָט צושלוכצט זי זיך. זי האָט געפיהלט ווי די טרעהרען קומען איהר אין די אוי־גען אריין, סיי ווען זי האָט וועגען דער מוטער, סיי ווען זי האָט וועגען זיך אליין געטראַכט. אָבער אום זיי זאָלען ניט ארונטער־פליסען און איהר די באַקען נאַס מאַכען, האָט זי מיט איבערמענש־ליכער קראַפט די טרערען צוריקגעהאַלטען, מיט דער גרעסטער אַנ־שטריינגונג געזוכט צו טראַכטען פון עפּעס אַנדערעס, זיך געצוואונ־גען צו פאַרגעסען, צו צושטרייען זיך, ניט צו טראַכטען מעהר פון די טרויעריגע זאַכען, אום איהר געזיכטספאַרב זאָל ווידער שעהן ווערען.

פריהער פאַר אַלץ האָט זי ניט געוואָלט צוריקקעהרען קיין פּאַריז און אָליוויער בערטין ווידער זעהן, ביז וואַנען זי וועט איהר פריהערדיגעס אויסזעהן ניט צוריקקריעגען. זי האָט איינגעזעהן, אַז זי איז געוואָרען צו מאָגער, אַז דאָס געזיכט פון פרויען אין איהר עלטער מוז זיין פול אום גוט אויסצוזעהן און זי האָט זיך גענומען מאַכען לאַנגע שפּאַצירגאַנגען אויף די גאַסען און אין וואַלד אום

צו קריגען אַן אַפּעטיט. און הגם זי פלעגט אַהיים קומען מיעד און ניט הונגעריג, דאָך האָט זי זיך געצוואונגען צו עסען.

דער גראַף, וועלכער האָט זיך געוואָלט אַרויסרייסען פון דעם אומעדיגען פּלאַץ, האָט ניט געקענט פאַרשטעהן, פאַר וואָס זי ענטזאגט זיך מיטצופאָהרען. ווען ער האָט אָבער אייגעזעהן, אַז איהר ווילען איז שטאַרק און ער קען איהר ניט איינברעכען, האָט ער ערקלעהרט, אַז ער וועט אַליין פאָהרען קיין פּאַריז און לאָזט איבער צו איהר צו קומען ווען זי וויל.

אויף דעם צווייטען טאָג האָט זי בעקומען די טעלעגראַמע, וועלכע האָט איהר אָנגעזאָגט וועגען אָליוויער'ס קומען.

זי האָט זיך אַזוי געשראָקען פאַר דעם ערשטען מאָמענט, ווען ער וועט זי ווידער זעהן, אַז עס האָט זיך איהר געוואָלט אַנטלויפען. זי וואָלט גערן געוואַרט נאָך אַכט אָדער פיערצעהן טעג. אין פערלויף פון אַכט טאָג קען זיך דאָס אויסזעהן, ווען מען גיט אויף זיך אַכטונג, גאַנץ פערענדערן, ווייל אפילו גאַנץ יונגע און געזונטע פרויען זעהען אויך אַמאָל אויס אַנדערש פון איין טאָג אויף דעם צווייטען. אָבער דער געדאַנק, זיך צו בעווייזען פאַר אָליוויער'ן אויפ'ן פרייען פעלד, אין דעם פולען שיין פון דער העלער אויגוסט זון, נעבען דער יונגער, פרישער אַננעט, איז איהר געוועזען אַזוי אונערטרעגליך, אַז זי האָט בעשלאָסען גאָר נישט צו געהן צום באַהן און דעם מאַהלער אין דעם האַלב דונקעלען סאַלאָן צו ערוואַרטען.

זי איז אַוועק צו זיך אין צימער און גענומען טראַכטען. פון צייט צו צייט האָט אַ וואַרימער ווינטעלע דורך דאָס פענסטער אַריינגעבלאָזען און די פאָרהאַנגען בעוועגט. די גרילען האָבען נאָכאַנאַנד געגרילט. זי האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט געפיהלט אַזוי טרויעריג. עס איז ניט געוועזען מעהר יענער געוואַלדיגער שמערץ, וועלכער האָט איהר האַרץ צובראָכען און צוריסען, וועלכער האָט זי צו דער ערד געוואָרפען פאַר דעם טויטען קערפּער פון איהר געליעבטער מוטער, יענער שמערץ, וועלכען זי האָט געהאַלטען

פאַר אונהיילבאַר, האָט זיך אין די לעצטע עטליכע טעג אַזוי בעַ־רוהיגט, אַז עס איז בלויז נאָך געבליבען די עראַינערונג אונטער וועלכער זי האָט געליטען. אָבער איצט האָט זי געפיהלט, ווי אַ טיעפע מעלאַנכאָליע נעהמט אַרום איהר גאַנצע נשמה, פילט אָן איהר האַרץ מיט אַ טרויעריגקייט, פון וועלכער זי וועט זיך שוין קיין מאָל ניט בעפרייען.

עס האָט זיך איהר פאַרוואָלט וויינען, אָך, ווי עס האָט זיך איהר פאַרוואָלט — און דאָך האָט זי זיך איינגעהאַלטען. יעדעס מאָל, ווי זי האָט דערפיהלט, אַז די לידער ווערען איהר נאַס, האָט זי זיי שנעל אָבגעווישט, איז שנעל אויפגעשטאַנען, גענומען געהן הין און צוריק, אַרויסגעקוקט אין פּאַרק, וואו איבער די הויכע בוימער אונטער׳ן בלויען הימעל האָבען זיך שווארצע מחנות קראָ־העַן געצויגען.

דאַן איז זי צוגעגאַנגען צום שפּיעגעל, האָט זיך בעטראַכט, און מיט דעם פּוידער פּאָף אַ טרער פון די אויגען ווינקלען אָבגע־ווישט. זי האָט אַ קוק געטהאָן אויפ׳ן זייגער און געזוכט צו טרע־פען, ווי ווייט זיי האָבען געקענט אָבפאָהרען פון וואָקזאָל.

ווי אַלע פרויען, וועלכע האָבען איינגעבילדעטע אָדער ווירק־ליכע זעעלען שמערצען, האָט זי זיך איצט אָנגעהאַנגען אָן איהם מיט פערצווייפעלטער צערטליכקייט. האָט ער דען ניט בעדייטעט פאַר איהר אַלעס, אַלעס, מעהר ווי דאָס לעבען אַליין? אַלעס, וואָס אַ מענש ווערט פאַר אונז, ווען מען האָט ליעב נור איהם אַליין, און מען פיהלט, אַז מען ווערט אַלט...

פּלוצים האָט זי דערהערט פון דער ווייטענס דאָס קנאַלען פון אַ בייטש. זי איז צוגעלאָפען צום פענסטער און דערזעהן די קאַ־רעטע געטריבען פון ביידע פערד, זיך פאַרקירעווענדיג איבער׳ן לאָנקע. אָליווייער איז געזעסען נעבען אַננעלע׳ן, און ווען ער האָט דערזעהן די גרעפין ביים פענסטער, האָט ער גענומען מאַכען צו איהר מיט אַ טאַשענטיכעל און זי האָט געענטפערט גריסענדיג מיט ביידע הענד.

דאַן איז זי אַ גליקליכע, מיט אַ קלאַפּענדיגען האַרצען אַרונ־טערגעגאַנגען, איצט גאַנץ אויפגערעגט פאַר פרייד, איהם צו פיה־לען אַזוי נאָהנט, צו קענען מיט איהם רעדען, איהם צו זעהן.

אין פאָרצימער, פאַר דער טיר פון דעם סאַלאָן האָבען זיי זיך געטראָפען. ער האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צו איהר מיט אָפע־נע אָרעמס און געפרעגט אין אַ טאָן פון אמת'ער ליידענשאַפט:

— אַך, מיין אָרימע גרעפין, ערלויבט מיר אייך אַרומצונעה־מען.

זי האָט צוגעמאַכט די אויגען, צו איהם אויסגעשטעלטביידע באַקען, זיך צוגעדריקט צו איהם און ווערענד ער האָט איהר גע־קושט, האָט זי איהם אין אויער געשעפּטשעט: „איך ליעב דיך.״

דאַן האָט אָליוויער ניט אָבלאָזענדיג די האַנד, וועלכע ער האָט געדריקט, זי אָנגעקוקט און געזאָגט:

— אָבער וואָס פאַר אַ טרויעריגעס געזיכט!

זי האָט שיער נישט גע'חלש'ט. ער האָט ווייטער גערעדט:

— יאָ, אַביסעלע בלייך, אָבער דאָס מאַכט נישט.

זי האָט גענומען שטאַמלען אום איהם צו דאַנקען.

— אַך, ליעבער פריינד, ליעבער פריינד — און האָט מעהר קיין ווערטער ניט געפונען.

אָבער ער האָט זיך אומגעדרעהט, געזוכט אַנגעלען הינטער זיך, וועלכע איז פּלוצים פערשוואונדען געוואָרען און דאַן פּלוצים האָט ער אויסגערופען:

— אַ מערקווירדיגען געפיהל רופט אַרויס אין מיר אייער טאָכטער, ווען איך זעה זי אין טרויער!

— פאַר וואָס? — האָט געפרעגט די גרעפין.

מיט אונגעוועהנליכער לעבהאַפטיגקייט האָט ער געענט־פערט:

— וואָס הייסט, פאַר וואָס? דאָס איז דאָך אייער בילד, וועל־כען איך האָב געמאָלען, מיין בילד, פּונקט אַזוי, ווי איהר זייט געווען, ווען איך האָב אייך דעמאָלט ביי דער הערצאָגין געטראָפען

צום ערשטען מאָל. גערענקט איהר נאָך די טיר, דורך וועלכער איהר זייט אונטער דעם פייער פון מיינע בליקען דורכגעגאַנגען, ווי אַ קריעגס שיף פאָהרט דורך אונטער קאַנאָנען דורך אַ פּאָרט. איך זאָג אייך, ווען איך האָב פריהער דערזעהן די קליינע שטעהענדיג אויפ'ן וואַקזאַל אין גאַנצען אין שוואַרץ, דאָס בלאָנדע האָר ווי אַ ראַהם פון זונשיין אַרום פּנים, האָב איך זיך אויף אַן אמת דער־שראָקען, איך האָב זיך שיער נישט צוואווייגט. ווען מען קען אייך אַזוי ווי איך האָב אייך געקענט, קען מען פון אַזאַ אַנבליק משוגע ווערען. איך, וועלכער האָב אייך געגויער בעטראַכט, ווי ווער עס איז אויף דער גאַנצער וועלט און וועלכער האָט אייך גע־מאָלען, גרעפין, איך האָב ווירקליך גערענקט, אַז איהר האָט זי אַליין צום באַהן געשיקט, אום אין מיר דעם דאָזיגען איינדרוק אַרויס־צורופען. מיין גאָט, מיין גאָט, בין איך געוועזען ערשטוינט! איך זאָג אייך, עס איז געוועזן משוגע צו ווערען!

ער האָט אויסגערופען:

— אַננעלע! אַננעלע!

די שטימע פון דער יונגער מיידעל האָט זיך דערהערט פון דרויסען, וואו זי האָט געגעבען די פערד צוקער:

— איך בין דאָ! דאָ!

— קום אַהער!

זי איז צוגעקומען.

— שטעל זיך אָקאָרשט נעבען דער מוטער.

זי האָט זיך אוועקגעשטעלט און ער האָט זיי פערגליכען. מעכאַניש, ווי אין אַ טרוים האָט ער עטליכע מאָל ווידערהאָלט: „יאַ, דאָס איז מערקווירדיג, וואונדערבאַר!" — איצט שטעהענ־דיג זייט ביי זייט האָבען זיי אויסגעזעהן ווייניגער עהנליך, ווי ווען זיי האָבען פאַרלאָזען פּאַריז. דאָס יונגע מיידעל האָט אין דער שוואַרצער קלייד געוואונען עפּעס גאַנץ נייעס, פרישעס, ווע־רענד די מוטער האָט שוין פון לאַנג אָן ניט געהאַט מעהר יענע גלענצענדע האָר און די גזיכטספאַרב, מיט וועלכער זי האָט אַמאָל

דעם מאַהלער בעצויבערט, ווען ער האָט זי צום ערשטען מאָל געזעהן.

דאַן זיינען די גרעפין און ער אין סאַלאָן אריין. ער האָט געשיינט צו זיין גליקליך.

— וואָס פאַר אַ גוטע אידעע עס איז געווען, וואָס איך בין אהער געקומען — ער האָט זיך אונטערבראָכען — ניין, דאָס איז געווען ניט מיין אידעע, אייער מאַן האָט עס פאַר מיר אויסגעטראַכט. ער האָט מיך געשיקט אהער אום אייך אָבצונעהמען אהיים, און ווייסט איהר, וואָס איך וועל אייך פאָרשלאָגען? ניין, איהר ווייסט ניט, ניט אמת? אלזאָ, איך שלאָג אייך פאָר צו ליעב דער שרעקליכער היץ צו בלייבען דאָ. פאַריז איז איצט שרעקליך, אויפ'ן לאַנד איז אָבער איצט וואונדערשעהן, אַך, ווי דאָ איז שעהן!

אין אבענד איז אין פאַרק געוואָרען קיהל, פון דער ערד האָבען זיך לייכטע נעבעל אויפגעהויבען און דעם האָריזאָנט פערשלייערט. די דריי קיה זיינען געשטאַנען אויפ'ן פעלד, די קעפּ אַנגעבויגען און זיך געפּאַשעט מיט גרויס הנאה און פיער פּפויענפויגעל, פּאַטשענדיג שטאַרק מיט זייערע פליעגעל, זיינען געפלויגען צו אַ צעדער בוים אונטער די פענסטער פון שלאָס, וואו זיי האָבען געוועהנליך די נאַכט פערבראַכט. פון דער ווייטענס האָט זיך געהערט דאָס האוקען פון הינד און די שטילע אבענד לופט האָט דערטראָגען אויך מענשליכע שטימען. פון פעלד האָט זיך געהערט, ווי די פויערים ווארפען זיך איבער מיט עטליכע ווערטער, שרייען אריבער פון איין פעלד צום צווייטען און דער בעזונדערער קורצער געשריי פון די פּאַסטוכער מיט וועלכע זיי טרייבען אהיים די סטאַדעס.

דער מאַהלער מיט אַ הוילען קאָפּ, מיט בליסטשענדיגע אויגען האָט טיעף איינגעצויגען אין זיך די לופט און ווען די גרעפין האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן, האָט ער געזאָגט:

— אָט דאָס איז דאָס גליק.

זי איז צוגעטראָטען צו איהם.

— עס געדויערט ניט לאַנג.

— דאַן לאָמיר עס איינהאַלטען, ווען עס איז ביי אונז.

זי האָט געענטפערט מיט אַ שמייכעל:

— ביז אהער האָט איהר דאָס לעבען אויפ׳ן לאַנד ניט ליעב געהאַט.

— היינט ליעב איך עס, ווייל איהר זייט דאָ. איך וואָלט איצט אין ערגעץ ניט געקענט לעבען, וואו איהר זייט ניט דער־ביי. ווען מען איז יונג קען מען פון דער ווייטענס אויך פערליעבט זיין, דורך בריעף, געדאַנקען, דורך ריינע בעגייסטערונג. פילייכט איז דאָס דערפאַר, ווייל דאַן האָט מען נאָך דאָס לעבען פאַר זיך, פילייכט אויך, ווייל מען האָט מעהר ליידענשאַפט ווי צונייגונג. אָבער אין מיין עלטער איז די ליעבע אַ זיסע שוואַכקייט, דער טרויסט פון דער נשמה, וועמעס פליעגלען זיינען צובראָכען און וועלכע קען זיך ניט מעהר אויפהויבען צו די אידעאַלען, טרוימען פון דער יוגענד. און דאַן פיהל איך הפנים, אַז איך האָב שוין ניט פיעל איבעריגע צייט צו פערליערען און וויל נאָך געניסען דאָס ביסעלע, וואָס מיר איז פאַרבליבען.

— אַלט! אָך! — האָט זי געזאָגט און גענומען זיין האַנד.

ער האָט ווייטער גערעדט:

— יאָ, יאָ, איך בין אַלט, אַלעס בעווייזט עס מיר. מיינע האָר, מיין כאַראַקטער, וועלכער האָט זיך געענדערט, די טרויעריגקייט, וואָס בעפאַלט מיך. טייפעל! פון דעם האָב איך ביז אהער ניט געוואוסט, טרויעריגקייט, אומעדיגקייט! ווען עמיצער וואָלט מיר געזאָגט, ווען איך בין אַלט געוועזען דרייסיג יאָהר, אַז איך וועל אַמאָל אָהן אַ שום גרונד ווערען טרויעריג, גאָט ווייסט, אַז איך וואָלט עס ניט געגלויבט. דאָס איז אַ בעוויז, אַז אויך מיין הארץ איז אַלט געוואָרען.

זי האָט געענטפערט מיט פולער איבערצייגונג:

— אָך, מיין הארץ איז נאָך יונג גענוג, עס האָט זיך אַ האָר

נישט פערענדערט. פערקעהרט, מיר דאכט זיך, אז עס איז נאָך אינגער געווארען. אמאָל איז עס געווען צוואנציג און איצט איז עס פיליייכט ניט מעהר ווי זעכצעהן יאהר אַלט.

און אזוי רעדענדיג זיינען זיי לאַנג, לאַנג געבליבען שטעהן ביים אָפענעם פענסטער צוגעטוליעט נאָהנט איינער צום אַנדערן, נעהנטער ווי זיי זיינען ווען עס איז געווען אין דער דאָזיגער שטונ־דע פון צערטליכקייט אין דער דערמערונג איינגעהילט — אין דער דעמערונג פון זייער ליעבע ווי פון דעם אָבשטאַרבענדען טאָג.

אַ דיענער איז אריין און געמעלדעט :

— דער טיש איז סערווירט.

זי האָט געפרעגט :

— האָט איהר עס געזאָגט מיין טאָכטער?

— אייער טאָכטער איז שוין אין׳עם צימער.

זיי האָבען זיך אַלע דריי געזעצט צום טיש. די לאָדענס זיי־נען צוגעמאכט געווארען און צוויי גרויסע הענג לייכטער מיט צו זעקס ליכט אין יעדען האָבען בעלויכטען אַננעלע׳ס פנים, אזוי אַז איהר האָר האָט געגלאַנצט ווי גאָלד. בערטין האָט גליקליך גע־שמייכעלט און פון איהר די אויגען ניט ארונטערגענומען.

— אָבער איז זי שעהן און שווארץ — האָט ער געזאָגט.

און ער האָט זיך געווענדט צו דער גרעפין, בעוואונדערענדיג דאָס יונגע מיידעל, ווי ער וואָלט דער מוטער געדאַנקט פאר דעם אנבליק וואס זי האָט איהם פערשאַפט.

ווען זיי זיינען ווידער אין סאלאָן אריין, איז די לבנה אי־בער די בוימער פון פּאַרק אויפגעגאַנגען. זייער דונקעלע מאַסע האָט איצט אויסגעזעהן, ווי אַ גרויסער אינזעל און דאָס פעלד הינ־טער זיי איז עהנליך געווען צו אַ ים, פערבאָרגען אונטער אַ נע־בעל, וועלכער האָט זיך געטראָגען אין דער לופט.

— קום, מאמא, לאָמיר געהן שפּאַציערען — האָט געזאָגט אננעלע.

די גרעפין איז געווען איינפערשטאַנדען.

— איך נעהם מיט יוליאַ'ן.

— נעהם איהם מיט, אויב דו ווילסט.

זיי זיינען אוועק. דאָס יונגע מיידעל איז געשפּרונגען פאַר־אויס און זיך געשפּיעלט מיט'ן הונד. ווען זיי זיינען פאַרבייגע־גאַנגען פאַר דער לאַנקע, האָבען זיי פון וויטענס דערהערט די קיה פאַרשקענדיג, ווייל יענע האָבען דערשפּירט זייער שונא און אויפ־געהויבען די קעפּ אום איהם נאָכצוקוקען. ווייטער אוועק, אונטער די בוימער, האָט די לבנה דורך די צווייגען געשאָטען איהר זיל־בער שטויב אויף דער ערד, די בלעטער און אויפ'ן וועג. אַננעלע און יוליאַ זיינען אַרומגעלאָפען פרעהליכע, לוסטיגע אין דער קלאָה־רער נאַכט אריין.

אין די ליכטיגע פּלעצער, וואו די לבנה האָט געוואָרפען איהר שיין ווי אויף אַ וואַסער פּלעכע, האָט דאָס יונגע מיידעל אויסגע־זעהן ווי אַ געשפּענסט, און דער מאַהלער האָט זי גערופען צוריק, שטאַרק צוטומעלט פון דער דאָזיגער שוואַרצער ערשיינונג, וועמעס העל פּנים האָט געלויכטען, ווי גין גאָלד. ווען זי איז דערנאָך ווידער אַנטלאָפען, האָט ער דער גרעפין געדריקט די האַנד און אַזוי שנעל ווי זיי זיינען טיעפער אין שאָטען אריין, האָט ער זי געקושט, עפּעס אַזוי ווי אַננעלע'ס אויסזעהן וואָלט די גלוט אין זיין האַרצען אויף דאָס ניי אַנגעצונדען.

צום סוף זיינען זיי צוגעקומען צום ראַנד פון פּעלד, וואו פון דערווייטענס האָבען זיך גענומען זעהן גרופּען בוימער און פאַכטהויפען. דורך די ווייסע נעבלען, וועלכע האָבען זיך איבער די פּעלדער אויסגעשפּרייט, האָט זיך פון וויטען געזעהן דער האָריזאָנט. עס איז געוועזן שטיל. הויך איבער'ן הימעל זיינען געשוואומען אַ פּאָר קליינע שמאָלע וואָלקענדלאַך ווי פון זילבער געוועבט. ווען מען איז אַ פּאָר מאָמענטען געשטאַנען אונבעוועג־ליך, האָט מען אין דעם דאָזיגען ביינאַכטיגען שווייגען פערנומען אַן אונבעשטימטען, שטענדיגען גערויש פון לעבען, טויזענד פיינע

טענער, וועמעס ליכטען צוזאַמענקלאַנג מען האָט אין אַנהויב ניט געהערט.

אויף אַ שכנה׳שען פעלד האָט זיך דערהערט דער געשריי פון אַ וואַכטעל פויגעל. יוליא האָט אַנגעשטעלט די אויערען און זיך אַלאָז געטהאָן אין דער ריכטונג פון וואַנען דער געשריי איז געקומען. אַנגעלע, לייכט אויף די פים פונקט אַזוי ווי ער, האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן נאָך איהם מיט דעם אויבערשטען האַלבען קערפער אויסגעבויגען אין פאָראויס און אָהן אָטהעם.

— אך — האָט געזאָגט די גרעפין, וועלכע איז מיט דעם מאהלער געבליבען אַליין — פאר וואס געהען מאָמענטען, ווי דער איצטיגער, אַזוי שנעל פארביי? קיין זאַך קען מען ניט איינהאַלטען, קיין זאַך צושמיערען! מען האָט נאָך נישט צייט צו געניסען דאָס וואָס איז שעהן, און גלייך איז עס צו ענדע.

אָליוויער האָט אַ קוש געטהאָן איהר האַנד און געזאָגט שמייכלענדיג:

— איך בין היינט ביינאַכט ניט פילאָזאָפיש אויפגעלעגט, איך גענים די שטונדע און בין גליקליך.

זי האָט געשעפטשעט:

— איהר ליעבט מיך ניט אַזוי ווי איך אייך.

— וואָס רעדט איהר...

זי האָט איהם אונטערבראָכען:

— ניין, איהר ליעבט אין מיר, ווי איהר האָט עס פאר׳ן עסען זעהר גוט אויסגעדריקט, אַ פרוי, וועלכע ערפילט אַלעס, וואס איער הארץ גלוסט, אַ פרוי, וועלכע האָט אייך קיין מאָל ניט וועה געטהאָן און אויך פיליכט נאָך אביסעל גליק פערשאַפט. דאָס וויים איך, דאָס פיהל איך. יאָ, איך בין איבערצייגט, איך בין גליקליך מיט דעם, וואס איך בין צו אייך גוט, ניצליך, הילפרייך געוועזען. אַלעס, וואס איהר האָט אין מיר געפונען אַנגענעהמעס, האָט איהר געליעבט און ליעבט עס נאָך איצט. איהר האָט געליעבט מיין אויפמערקזאַמקייט צו אייך, מיין בעוואונדערונג, מיין

וואונש אייך צו געפעלען, מיין ליידענשאַפט און דאָס וואָס איך האָב אייך מיין גאנצע נשמה אוועקגעשענקט. אָבער מיך אליין ליעבט איהר נישט. איהר פערשטעהט? אַך, איך פיהל דאָס, ווי מען דערפיהלט אַ קאַלטען ווינד. איהר האָט ליעב אין מיר טויזענד זאכען. מיין שעהנהייט, וועלכע געהט אוועק פון מיר, מיין איבערגעבענהייט, דעם גייסט, וועלכען מענשען שרייבען מיר צו, אלעם וואס מען זאָגט וועגען מיר אין דער געזעלשאַפט, וואס איך דענק פון אייך. אָבער ניט מיך, מיך, מיך אליין. איהר פערשטעהט?

ער האָט פריינדליך געשמייכעלט:

— ניין, איך פערשטעה עס ניט ריכטיג. איהר מאַכט מיר פאָרווירפע אויף וועלכע איך האָב זיך גאָר ניט געריכט.

זי האָט אויסגערופען:

— אַך, מיין גאָט, איך וואָלט אייך גאָר וועלען קלאָהר מאַכען, ווי שטאַרק איך ליעב אייך. איך זוך ווערטער און געפין זיי ניט. ווען נור איך טראַכט וועגען אייך, און איך טראַכט וועגען אייך אימער, פיהל איך ביז אין דער טיפעניש פון מיין הארצען, פון מיין נשמה דעם וואונש, אייך צו געהערען, איך פיהל אַן אונווידערשטעהליכע בעדערפעניש אייך נאָך מעהר פון זיך צו געבען. איך וואָלט זיך וועלען אין גאנצען אויפאָפפערן פאַר אייך, דען ווען מען ליעבט, איז נישטאָ קיין שעהנערע זאַך ווי צו שענקען, האלטען אין איין שענקען. דאָס לעבען, די געדאַנקען, דעם קערפּער, אלעם וואָס מען האָט און אלעס צו וואָגען, אום צו פיהלען, אז מען גיט עפּעס דעם, ועמען מען ליעבט. איך ליעב אייך אזוי, אז איך וואָלט וועלען ליידען דורך אייך. די קוואַלען פון ליידענשאַפט, די יסורים, וואס איך פיהל, ווען איהר זייט ניט אזוי צערטליך צו מיר, אפילו די זיינען מיר ליעב. איך ליעב אין אייך אַ וועזען, וועלכען נור איך האָב ענטדעקט, ניט דעם „איך" אייערען, וועלכער געהערט צו דער גאנצער וועלט, וועלכען מען בעוואונדערט, וועלכען אלע קענען — ניין, יענער וועזען, וועלכען איך

האָב מיט מיין הארצען ענטדעקט, געהערט מיר, ער וועט זיך ניט מעהר ענדערן, ער קען ניט אַלט ווערען, איך וועל איהם אימער מוזען ליעבען, וואָרים מיינע אויגען זעהען נור איהם און איהם אליין. אָבער דאָס קען מען ניט אויסדריקען, דערפאַר זיינען קיין ווערטער נישטאָ.

ער האָט אַ פּאָר מאָל געזאָגט:

— ליעבע, ליעבע אננאָ.

יוליאַ איז צוריקגעקומען שפּרינגענדיג. ער האָט די וואַכ־טעל פויגעל, וועלכע איז אַנשווינגען געוואָרען אזוי שנעל ווי ער איז צוגעקומען, ניט אויסגעפונען, און אַנגעלע איז געקומען צולויפען גאַנץ אָהן אָטהעם באַלד נאָך איהם.

— איך קען ניט מעהר — האָט זי אויסגערופען — הערר מאַהלער, איך מוז זיך אַן אייך אָנשפּאַרען.

זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף דעם פרייען אָרים פון אָלי־וויער'ן. און בעת ער איז צווישען דיביידע פרויען געגאַנגען, זיינען זיי ווידער צווישען די דונקעלע בוימער אריין. זיי האָבען מעהר ניט גערעדט. ער האָט געטראַכטען צווישען זיי אין גאַנצען היגגעריסען פון זיי ביידען. ער האָט זיי ניט געזוכט צו זעהן, דען ער האָט זיי געפיהלט ביי זיין זייט, ער האָט זאָגאר די אויגען צוגעמאַכט, אום זיי בעסער צו פיהלען. זיי האָבען איהם געפיהרט און ער איז געגאַנגען זיין וועג, אין גאַנצען פול מיט זיי ביידע, מיט דער וועלכע איז געגאַנגען ביי זיין רעכטער זייט, ווי מיט דער ביי דער לינקער, ער האָט אַליין קלאָהר ניט געוואוסט, וועלכע איז די מוטער און וועלכע די טאָכטער. דער דאָזיגער נייער געפיהל האָט געהאַט פאַר איהם אַ בעזונדערן צויבער און ער האָט זיך אי־בערגעגעבען צו איהם מיט זיין גאַנצער נשמה. אין זיין הארצען האָט ער געזוכט זיי צוזאַמען צומישען אזוי, דאָס ער האָט זיי אין זיינע געדאַנקען ניט געקענט מעהר אונטערשיידען און ער איז גע־ווען גליקליך פון דער דאָזיגער צוזאַמענמישונג. איז עס נישט גע־ווען איין איינציגע פרוי, די דאָזיגע מוטער און די דאָזיגע טאָכ־

טער, וועלכע זיינען אַזוי ענליך געווען איינע צו דער אַנדערער? און איז דען די טאָכטער ניט געקומען אויף דער וועלט נור אום זיין ליעבע צו דער מוטער צו בענייען?

ווען ער האָט די אויגען געעפענט בעת זיי זיינען אין שלאָס אריין, האָט זיך איהם געדאכט, ווי ער וואָלט די שעהנסטע מאָמענטען פון זיין לעבען איבערגעלעבט, ווי ער וואָלט די מערקוויר־דיגסטע, אונערקלערליכסטע, טיעפסטע בעוועגונג דורכגעפיהלט, וואָס א מאַן קען נור דערפיהלען, ווען ער ווערט בערוישט פון דעם צויבער פון צוויי פרויען צוגלייך.

— אַך, וואס פאר א וואונדערבארער אבענד! — האָט ער געזאָגט, ווען ער איז ביים שיין פון די לאָמפען געבליבען שטעהן צווישען זיי.

אַננעלע האָט אויסגערופען:

— איך בין היינט גאָר נישט מיעד, אין אַזא וועטער וואָלט איך געקענט די גאַנצע נאַכט ארומגעהן שפּאַציערען.

די גרעפין האָט א קוק געטהאָן אויף'ן זייגער.

— עס איז האלב נאָך עלף, מיין קינד, דיר איז צייט צו געהן שלאָפען.

זיי האָבען זיך צושיידט און יעדער איז אוועק צו זיך אין צימער. אָבער נור דאָס יונגע מיידעל, וועלכע האָט ניט געוואָלט געהן צו בעט, איז שנעל איינגעשלאָפען.

אויף מאָרגען אין דער פריה, ווען דאָס קאָמער מיידעל האָט אין דער געוועהנליכער שטונדע די פאָרהאנגען און די לאָדענס געעפענט, דעם טהעע געבראכט און איהר נאָך פערשלאָפענע מאדאַם אָנגעקוקט, האָט זי געזאָגט:

— פרוי גרעפין, היינט זעהט איהר שוין א סך בעסער אויס.

— ווירקליך?

— יא, אייער פּנים איז פיעל מעהר אויסגערוהט.

די גרעפין האָט גוט געוואוסט, אפילו ניט קוקענדיג אין שפּיעגעל, אז דאָס איז אמת. אויפ'ן הארצען איז איהר געווען לייכט

און זי האָט געפּיהלט, אַז זי לעבט ווידער אָב. דאָס בלוט האָט איהר ניט געקלאַפּט היינט אין די אָדערען היים, שנעל און פּיבעריש, פאַרשפּרייטענדיג איבער'ן גאַנצען קערפּער אונרוהיגקייט און נערוועזיטעט, ווי נעכטען, זאָנדערן אַ ווארימער געפיהל, א גליקליכע זיכערקייט האָט אַרומגעכאַפּט איהר גאַנצען וועזען.

ווען דאָס מיידעל איז אַרויסגעגאַנגען, האָט זי זיך בעטראַכט אין שפּיעגעל. זי איז געוואָרען עטוואָס ערשטוינט, דען זי האָט זיך געפּיהלט אַזוי גוט, אַז זי האָט געמיינט, דאָס זי איז מיט יאָהרען אינגער געוואָרען אין דער איין איינציגער נאַכט. באַלד האָט זי איינגעזעהן ווי קינדעריש די דאָזיגע האָפנונג איז און האָט זיך בעגוגענט דערמיט, וואָס איהר געזיכטס פאַרב איז היינט גע־ווען קלאָהרער, איהרע אויגען ווייניגער מיעד און די ליפּען לעבעדי־גער, ווי נעכטען אין דער פריה. אָבער אַזוי ווי זי האָט זיך גע־פּיהלט גוט אויפגעלייגט, האָט זי ניט געקענט ווערען טרויעריג און זי האָט געטראַכט שמייכלענדיג: „אין אַ פּאָר טעג אַרום וועל איך אויסזעהן אַ סך בעסער. דער קלאַפּ איז געווען אַ צו שווערער, אום איך זאָל זיך קענען אַזוי שנעל ערהאָלען.” אָבער זי איז גע־בליבען לאַנג, זעהר לאַנג זיצען פאַר'ן טואַלעט טיש, וואו אויף אַ מיט שפּיצען בעזעצטען טישטוך פּאַר אַ שעהן געשליפענעם קריסטאָלענעם שפּיעגעל זיינען אין נאַקעטער אונאָרדנונג געלעגען אַלע קליינע טואַלעט זאַכען פון עלפאַנט ביין מיט דעם נאָמען און דער קרוין אויף זיי אויסגעקריצט. זיי זיינען געווען אָהן צאָהל, רייצענד, אַלע פערשיעדען, צו געהיימען און דעליקאַטען געברויך געמאַכט. אַנדערע פון שטאָהל, דין און שניידענדיג, און די זעל־טענסטע פאָרמען, ווי כירורגישע אינסטרומענטען, אַנדערע רונד, ווייך, מיט פעדערן באַזעצט, אָדער מיט זעלטענעם לעדער בעצוי־גען, אום אויף דער הויט די שמעקעדיגע פּודרע, די זאַלבען און שמיר זאַכען אַרויפצולייגען.

לאַנג האָט זי די דאָזיגע זאַכען אין די געשיקטע פינגער אַרומגעדרעהט. מיט אַ לייכטער בעוועגונג, וועלכע איז זיסער

געווען, ווי א קוש, האָט זי זיך געגלעט דעם פּנים, פון די ליפּען ביז צו די שלייפען, די פּלעצער, וועלכע זיינען איהר ניט געפעלען, האָט זי ווידער אין אָרדנונג געבראכט. אונטער די אויגען אָנגע־שטריכען און די ברעמען פארגלעט. ווען זי איז ענדליך אין דעם סאלאָן אדונטערגעגאנגען, איז זי געווען זיכער אין זיך, זי האָט געוואוסט, אז דער ערשטער איינדרוק וועט זיכער זיין גאָרניט קיין שלעכטער.

— וואו איז הערר בערטין? — האָט זי געפרעגט דעם דיע־נער, וועלכען זי האָט אין פּאַריזאַל געטראָפען.

דער מאן האָט געענטפערט:

— הערר בערטין איז אין גאָרטען און שפּיעלט טענים מיט דער יונגער גרעפין.

פון ווייטען האָט זי געהערט, ווי זיי זאָגען אָן די פּאָינטס. זיך בייטענדיג האָט די טיעפע שטימע פונ'ם מאהלער אדער די דינע פון דאָס יונגע מיידעל אויסגערופען: „פופצעהן, דרייסיג, פיערציג, געטראָפען, גלייך, געטראָפען!"

דער פרוכט גאָרטען אין וועלכען א טענים פּלאַץ איז אויפ־געשטעלט געוואָרען, איז געווען א גרויסע פיערעקיגע לאָנקע, פול מיט עפּעל בוימער, ארומגערינגעלט פון אַלע זייטען פון דעם פּארק, דעם גרינס גאָרטען און די ווירטשאפטליכע געביידעס. ארום און ארום זיינען געווען פערפלאנצט בוימער, לאַנגע בייטען מיט פער־שיעדענסטע בלומען, סיי פעלד בלומען און סיי גאָרטען בלומען. א גאנצע מאסע ראָזען, נעלקען, העליאָטראָפּ, פוקסיען, רעזעדאָ און פיעל אנדערע, וואָס האָבען פול געמאכט די לופט מיט דעם זיסען גערוך פון האָניג, ווי בערטין האָט זיך אויסגעדריקט. ביה־נען האָבען מיט א פרעהליכען זשומען זיך געטראָגען אין דער לופט, שפּרינגענדיג איבער די ביהנשטאָקען, וואס האָבען זיך געפונען אין דער גאנצער לייננ פון דעם פּארקאן, וועלכער האָט אָבעצאהמט דעם גרינס גאָרטען.

אין מיטען פון דעם דאָזיגען גאָרטען האָט מען אויסגעהאקט

א פּאָר בוימער, אום דעם פּארק פאר טענים פריי צו מאכען. א נעץ איז צווישעןביידע העלפטען פון דעם שפּיעל פּלאַץ פארצויגען געוואָרען.

אננעלע איז געשטאנען אויף איין זייט, דאָס שווארצע קלייד אונטערגעהויבען, מיט א הוילע קאָפּ, און יעדעס מאָל, וואָס זי איז אונטערגעשפּרונגען צוריקוואַרפענדיג די פּילקע, האָט מען געזעהן איהרע קנעכעל און די פיס כמעט ביז צו די קניע. זי איז געלאָפען אין פאָראויס, איז אָבגעגאנגען צוריק, געשפּרונגען אהין און אהער מיט בילסטשענדיגע אויגען און פאררויטיגטע באַקען, מיעד געמאכט דורך דעם זיכערען און רוהיגען שפּיעלען פון איהר געגנער.

ער האָט געטראָגען ווייסע פלאַנעלענע הויזען איבער א ווייסער העמד, מיט א פּאַס ארום טאַליע און א וויים היטעלע מיט א א קאָזירעק אויפ'ן קאָפּ. ער איז געשטאנען אזוי, אָביסעלע צו בעלייבט, האָט רוהיג ערווארט די פּילקע, בארעכענט גענוי ווי זי וועט אָנקומען, געכאפּט און זי צוריקגעוואָרפען, אָהן לויפעניש, אָהן אָנשטרענגונג, מיט עלעגאנטער גלאַטקייט און געשיקטליכקייט, וועלכען ער האָט אין יעדען ספּאָרט אריינגעבראכט.

אננעלע האָט דערזעהן איהר מוטער און אויסגערופען:

— גוט מאָרגען, מאמא! זיי אזוי גוט, איין מינוט, ביז מיר ענדיגען די פּארטיע.

דער דאָזיגער קורצער אויגענבליק איז געווען גענוג, אז די פּילקע, וועלכע איז קרעפּטיג צוריקגעשליידערט געוואָרען, זאָל פאלען ווייט אוועק און זיך נעהמען קייקלען איבער'ן גראָז. דאָס שפּיעל האָט זיך געענדיגט.

בעת בערטין האָט א געשריי געטהאָן: „געוואונען!” האָט דאָס יונגע מיידעל בעהויפּטעט, אז ער האָט געוואונען נור דערפאר, ווייל ער האָט אויסגענוצט דעם אויגענבליק, ווען זי האָט ניט אויפגעפּאסט. יוליאַ, וועמעס זאַך עס איז געווען אויפצוהויבען די פּילקעס, ווי א רעבהון, וועלכע פאלט צווישען די

בושעם, איז אויפגעשפרונגען, ווען די פּילקע האָט זיך אין גראָז פאַרקייקעלט, און זיך אַ לאָז געטהאָן נאָך איהר. באַלד האָט ער עס געשיקט אַ כאַפּ געטהאָן מיט'ן מויל און געבראַכט צוטראָגען דרעהענדיג מיט'ן עק.

איצט האָט דער מאַהלער בעגריסט די גרעפין; אָבער אַזוי ווי ער איז געווען שטאַרק הינגעריסען מיט'ן שפּיעל, אויפגערעגט פון דעם קאַמפּף, וועלכער האָט איהם געמאַכט פרעהלאַך און פריש, האָט ער געוואָרפען אַ קורצען, צושטרייטען בליק אויף דער גרעפינ'ס פּנים, וועלכער איז לכבוד איהם אַזוי זאָרגזאַם בעהאַנדעלט געוואָרען, און געפרעגט:

— איהר וועט מיר ערלויבען, ליעבע גרעפין. איך האָב זיך מורא צו פאַרקיהלען און ווידער קריגען נעווראַלגיע.

— אָה, געוויס — האָט זי געענטפערט.

זי האָט זיך אוועקגעזעצט אויף אַ פריש געשניטענעם בינטעל הייה, וועלכער איז ערשט היינט אין דער פריה פון פעלד אָבגעשניטען געוואָרען, אום דעם שפּיעל־פּלאַץ פריי צו מאַכען; האָט זיך צוגעקוקט צו זייער שפּיעלען און אויפ'ן הארצען איז איהר פּלוצים אומעדיג געוואָרען.

איהר טאָכטער האָט זיך געערגערט פאַרוואָס זי האַלט אין איין פערליערען. אַן אויפגערעגטע, האָט זי מאַנכעס מאָל אויסגערופען: „הוררא!" איז פּלוצים אויפגעשפרונגען און זיך אַ לאָז געטהאָן פון איין עק פּלאַץ צום צווייטען און דערביי זיינען איהר די האָר אויפ'ן פּנים געפאַלען, האָבען זיך צושאָטען און איהר איבער די שולטערען אַרונטערגעהאַנגען. זי האָט זיי אַ נעהם געטהאָן, אַריינגעשטעקט דעם שלאַנגער צווישען די קניע, מיט אַן אונגעדולדיגער בעוועגונג זיי אויף דעם קאָפּ פאַרדרעהט און ווי עס איז מיט עטליכע שפּילקעס פאַרשפּיעלעט.

בערטין האָט פון וויטען זיך אָנגערופען צו דער גרעפין:

— זעהט ווי שעהן זי איז, און ווי פריש ווי דער יונגער טאָג!

יאָ, זי איז געווען פריש, זי האָט געקאָנט לויפען, געקאָנט

ווערען הײם און רויט; עס האָט איהר ניט געשאַדעט, ווען איהרע האָר האָבען זיך צולאָזען, זי האָט אַלעס געקאָנט טהאָן, אַלעס וואַגען, דען אַלעס האָט איהר געקליידעט, אַלעס האָט זי שעהן געמאַכט.

און ווען זיי האָבען זיך איצט מיט אַ ברען אין דעם שפּיעל אַריינגעטהאָן, איז די גרעפין געוואָרען נאָך טרויעריגער. זי האָט געטראַכט, אַז אַליוויער'ן געפעלט בעסער דאָס באַל־שפּיעל; די דאָזיגע קינדערשע בעוועגונג, דאָס נאַרישע פערגעניגען פון יונגע קעצעלאַך, וועלכע לויפען נאָך נאָך אַ פּאַפּיערענער פּילקע, איידער צו זיצען נעבען איהר אין דיעזען ווארימען פריהמאָרגען און זי צו זיין ברוסט צודריקען.

ווען פון ווייטען האָט זיך דערהערט דער גלאָקען־קלונג צום פריהשטיק, איז דאָס איהר געווען ווי אַן ערלייזונג, ווי אַ שווערע משא וואָלט איהר פון הארצען אַרונטער. ווען זיי האָבען זיך דאַן צוריקגעקעהרט אין הויז און ער האָט איהר זיין אַרים דערלאַנגט, האָט ער געזאָגט:

— דאָס האָט מיר אַ קינדערשען פערגעניגען פערשאַפט. עס איז דאָך וואונדערבאַר יונג צו זיין, אָדער וועניגסטענס צו גלויבען, אַז מען איז אַזוי. יאָ, יאָ, נור דאָס איז שעהן! ווען מען קאָן שוין מעהר ניט לויפען, דאַן איז אַלעס אויס.

ווען זיי זיינען אויפגעשטאַנען פון טיש, האָט די גרעפין, וועלכע האָט נעכטען צום ערשטען מאָל ניט בעזוכט איהר מוטער'ס קבר, פאָרגעשלאָגען דעם בית עולם צו בעזוכען; און זיי זיינען אַלע דריי אוועק אין דאָרף. זיי האָבען געמוזט דורכגעהן דעם וואַלד, אין וועלכען עס האָט געפלאָסען אַ טייכעל מיט'ן נאָמען „לאַ ראינעטט", הפּנים צוליעב די קליינע זשאַבעס וואָס זיינען דאָרט פול געווען; דאַן אַ שטיק פרייען פעלד איידער זיי זיינען צוגעקומען צו דער קירכע, וועלכע איז געווען אַרומגע־רינגעלט מיט עטליכע הייזלאַך, וואו עס האָבען געוואָהנט דער קרעמער, דער קצב, דער בעקער, דער וויינהענדלער און נאָך אַ

פאַר אַנדערע קליינע סוחרים׳לאַך, וועלכע האָבען די געגענד מיט פּראָדוקטען פערזאָרגט.

דער גאַנג איז געוועזען אַ שטילער, זיי האָבען ווייניג גערעדט. זיי האָבען אַלע וועגען דער טויטער געטראַכט. ביים קבר האָבען זיך ביידע פרויען אַראָבגעלאָזען אויף די קניע און לאַנג געבעטען. די גרעפּין איז געבליעבען איינגעבויגען און אונבעוועגליך, דאָס טאַשענטיכעל פאַר די אויגען, דען זי האָט מורא געהאַט צו וויינען, מורא געהאַט די טרערען זאָלען איהר איבער די באַקען אַרונטער־רינען. זי האָט ניט געבעטען, ווי זי האָט עס ביז אַהער יעדען טאָג געטהאָן. זי האָט זיך ניט געווענדעט צו איהר מוטער, וועלכע איז דאָרט אונטער דעם מאַרמאָרנעם שטיין אין איהר קבר געלעגען, מיט אַ האַרציגען, אַ פערצווייפעלטען געבעט אַזוי לאַנג, ביז עס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז די טויטע הערט, אַז זי פיהלט זי, נור זי האָט געשטאַמעלט אַ געוועהנליכען געבעט די אווע מאַריא. אין דיעזען טאָג האָט זי ניט געהאַט די קראַפט און דעם מוט זיך אין איהרע געדאַנקען און אין איהר האַרצען צו פעראייניגען מיט דעם גייסט פון דער, וועמעס אירדישער טהייל איז בעגראָ־בען געוועזען אונטער דעם קאַלטען שטיין. אַנדערע געדאַנקען זיי־נען אין איהר האַרץ אַריינגעדרונגען, האָבען זי בעוועגט, געמאַ־טערט און צושטרייט. און איהר האַרץ האָט איהר אייגען געבעט, אַ געבעט פול מיט אונאויסגעשפּראָכענע פערלאַנגען צום הימעל געשיקט. זי האָט געבעטען גאָט, גאָט דעם אַלמעכטיגען, וועלכער האָט אַלע אָרימע באַשעפעניש׳ען אויף דער וועלט געבראַכט, ער זאָל מיט איהר אויך האָבען מיטלייד פּונקט אַזוי ווי מיט דער, וועלכער ער האָט צו זיך גערופען.

זי וואָלט ניט קאָנען זאָגען וועגען וואָס זי האָט איהם גע־בעטען, אַזוי אונבעשטימט און פאַרשטעקט זיינען נאָך איהרע פער־לאַנגען געוועזען, אָבער זי האָט געפיהלט, אַז זי נויטיגט זיך אין געטליכער הילף, אין איבערנאַטירליכער בעשיצונג געגען אַ נאָהענ־טער געפאַהר און אונפערמיידליכע ליידען.

אננעלע האָט אַבגעזאָגט איהרע געבעטען מיט צוגעמאַכטע אויגען און איצט האָט זי געטרוימט וועגען אנדערע זאַכען, אָבער זי האָט ניט געוואָלט אויפשטעהן פאַר דער מוטער.

אליוויער בערטין האָט זיי בעטראַכט און דערביי געטראַכט, אַז ער האָט דאָ פאַר זיך אַ וואונדערבאַרעס בילד, עס איז נור אַ שאַד, וואָס ער קאָן ניט מאַכען דערפון אַ סקיצע.

אויפ'ן וועג צוריק אַהיים האָבען זיי גערעדט איבער דאָס מענשליכע לעבען, איבער ביטערע און פּאָעטישע אידעען און האָבען געפילאָזאָפירט אויף יענעם בעזונדערען שטייגער, ווי עס ווערט אָפט געטהאָן צווישען מענער און פרויען, ווען דאָס לעבען האָט אַביסעל וועהגעטהאָן.

אננעלע, וועלכע איז צו אַזעלכע גערדאַנקען נאָך ניט געוועזען רייף גענוג, איז אַלע מינוט געבליבען פון הינטען, אום אַ פעלד־בלימעל אויפ'ן וועג צו רייסען. אָבער אליוויער, וועלכער האָט זי געוואָלט האָבען נעבען זיך און ווען עס האָט געמאַכט נער־וועז, וואָס זי לויפט אַלע ווײלע אַוועק, האָט זי ניט אַבגעלאָזען פון אויג. עס האָט איהם אויפגערעגט, וואָס די פאַרבען־פּראַכט פון די פלאַנצען פערשאַפען איהר מעהר פערגעניגען ווי זיינע ווערטער. ער האָט געהאַט אַן אונערקלעהרליכען, אונאַנגענעהמען געפיהל, אַז ער קאָן זי ניט הינרייסען, קאָן זי ניט בעצויבערען, ווי איהר מוטער און אויף איהם איז אָנגעפאַלען אַ לוסט, אויסצו־שטרעקען נאָך איהר די האַנד, זי צו כאַפּען, זי צוריקצוהאַלטען און איהר צו פערביטען צו אַנטלויפען. ער האָט געפיהלט, אַז זי איז צו אונרוהיג, צו יונג, צו גלייכגילטיג, צו פריי, פריי ווי אַ פויגעל, ווי אַ יונגער הונד וואָס פאָלגט דיך ניט, וועלכער קומט ניט צוריק ווען מען רופט איהם, וועלכער האָט אונאַבהענגיגקייט אין זיינע אָדערען, יענעם אינסטינקט פון פרייהייט, וואָס איז נאָך ניט בעהערשט געוואָרען פון קיין שטימע און קיין בייטש.

אום איהר אויפמערקזאַמקייט אויף זיך צו ציהען, האָט ער גערעדט פון פרעהליכע זאַכען, מאַנכעס מאָל האָט ער זי עפּעס

געפּרענגט, געזוכט אין איהר אויפצואוועקען די ווייבערשע נייגירדע און דעם וואונש צו הערען וואָס מען רעדט. אָבער עס האָט געשיינט, אַז אַננעלעס קאָפּ איז היינט פול מיט ווינד, זי איז אויף קיין איין מינוט ניט איינגעשטאַנען אויף אָן אָרט, האָט געענטפערט צושטרייט און גלייך צוריק צו איהרע בלומען געלאָפען. דאָס האָט איהם געבראַכט צו פערצווייפלונג; אַ קינדערשע אונרוהיגקייט איז איהם בעפאַלען, און ווען זי האָט איהר מוטער געבעטען צו האַלטען פאַר איהר דעם ערשטען בוקעט בלומען, אום זי זאָל קאָנען אָנגרייסען נאָך אַ צווייטען, האָט ער זי אָנגענומען פאַר'ן אָרעם און זי געהאַלטען פעסט אזוי, אַז זי זאָל ניט מעהר אַנטלויפען. שמייכלענדיג האָט זי זיך געוועהרט געגען איהם און גענומען זיך רייסען מיט איהר גאַנצער קראַפט, אום זיך פריי צו מאַכען. געטריבען פון אַ מענליכען אינסטינקט האָט ער איצט אָנגעווענדעט אַ מיטעל פון די שוואַכע: צוציהען איהר אויפמערקזאַמקייט צו זיך האָט ער ניט געקאָנט און ער האָט זי גענומען דערמיט, וואָס ער האָט איהר קאָקעטעריי אויף אַ פּראָבע געשטעלט.

— זאָג מיר אָקאָרשט — האָט ער געזאָגט — וועלכע איז דיין ליעבלינגס־בלום? איך לאָז דיר דערפון מאַכען אַ בראָש.

ערשטוינט האָט זי זיך אָבגעשטעלט.

— וואָס הייסט אַ בראָש?

— זעהר איינפאַך, פון שטיינער פון דערזעלבער פאַרב; אויב עס איז מאָהן, פון רובינען; און אויב דו ליעבסט די קאָרן־בלומען, דאַן פון סאַפּירען און אַ קליין בלאַט פון סמאַראַגד דערצו.

אַננעלע'ס פּנים האָט גענומען שטראַהלען פון דאַנקבאַרער פרייד, ווי די ציגען פון די פרויען, ווען מען פערשפּרעכט אָדער מען שענקט עטוואָס.

— אַ, קאָרן־בלומען געפעלען מיר בעסער, דאָס וואָלט געווען רייצענד — האָט זי געזאָגט.

— אַלזאָ גוט, קאַרן־בלומען. אַזוי שנעל ווי מיר זיינען ווידער אין פּאַריז, ווערט עס בעשטעלט.

איצט איז זי שוין מעהר ניט אַוועקגעלאָפען. צוגעצויגען צו איהם דורך דעם געדאַנק וועגען דער בראָש, וועלכער זי האָט זיך שוין אין איהר פאַנטאַזיע פאַרגעשטעלט, האָט זי געפרעגט:

— געדויערט עס זעהר לאַנג צו מאַכען אַזאַ מין זאַך?

ער האָט געלאַכט; איצט האָט ער זי געכאַפּט און ער האָט געענטפערט:

— איך ווייס ניט, דאָס הענגט אָב פון די שוועריגקייטען. מיר מוזען דעם יובעליר אַביסעל צוטרייבען.

פּלוצים איז איהר אויפ׳ן זינען געקומען אַ טרויעריגער גע־דאַנק:

— אָבער איך קאָן זי דאָך ניט טראָגען, ווען מיר זיינען אין טרויער.

ער האָט גענומען דעם אָרעם פון דער יונגער מיידעל און איהם צוגעדריקט צו זיך:

— נו, דאַן וועסטו עס גאַנץ שעהן בעהאַלטען, ביז דער טרויער וועט זיך ענדיגען. דערווייל קאָנסטו זי דאָך אימער בע־טראַכטען.

ווי מיט אַן אָבענד פריהער איז ער געטראָטען צווישען זיי, פון זיי בעריהרט, צווישען זייערע שולטערען און אום צו זעהן, ווי זיי שטעלען אוים אויף איהם דיזעלבע אויגען מיט די שוואַרצע שוואַרצאַפּלען, האָט ער גערעדט מיט זיי ביידען, דאָ צו איינער און דאָ צו דער אַנדערער. איצט, ווען די זון האָט העל געשיינט, האָט ער זעלטענער די גרעפין אויף אַנגעלען פאַרביטען. אָבער וואָס וויימער איז דאָס יונגע מיידעל געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר דאָס בילד, וואָס ער האָט פון פריהער נאָך פון דער מוטער אין זיין הארצען געטראָגען. ער האָט לוסט געהאַט זיי צו קושען איינע נאָך דער אַנדערער. איינע, אום אויף איהרע באַקען און איהר נאַקען עטוואָס פון יענער ראָזיגער בלאָנדער פרישקייט צו

געפינען, וועלכע ער האָט אַמאָל אַזוי ליעב געהאַט און וועלכע ער האָט היינט, ווי דורך אַ וואונדער, פאַר זיך דערזעהן; די אַנדערע, ווייל ער האָט זי נאָך אימער געליעבט און ווייל זי האָט איהם צונעצויגען מיט דעם מעכטיגען רייץ פון אַלטער געוואָהנהייט.

אין דיעזען מאָמענט האָט ער בעמערקט, אַז זיין בענקעניש נאָך איהר איז שוין פון אַ צייט שוואַכער געוואָרען און זיין ליעבע האָט ווידער אויפגעפלאַמט ביי דעם אָנבליק פון איהר יוגענד, וועלכע איז צוריק אין לעבען געטרעטען.

אַננעלע איז אַנטלאָפען זוכען בלומען. אַליוויער האָט זי מעהר נישט צוריקגערופען, עפּעס ,ווי די בעריהרונג פון איהר אָרעם און די פרייד, וואָס ער האָט איהר פערשאַפט, וואָלט איהם בערוהיגט. אָבער ער האָט נאָכגעפאָלגט אַלע איהרע בעוועגונגען מיט די בליקען, מיט יענער פרייד וואָס מען פיהלט, ווען מען זעהט עטוואָס, פון וואָס די אויג האָט הנאה: ווען זי איז צוריקגעקומען מיט די בלימלאַך אין האַנד, האָט ער געאָטהעמט טיעפער מיט דעם אונבעוואוסטען וואונש, אירגענד וואָס פון איהר אין זיך איינצוזויגען; אַ הויך פון איהר אָטהעם, די וואַרימקייט פון איהר הויט צוזאַמען מיט דער לופט איינצואָטהמען. גליקזעליג האָט ער זי אָנגעקוקט, ווי מען קוקט אויף דעם מאָרגען־שטערען אָדער ווי מען הערט זיך צו צו מוזיק. עס איז איהם ליעב געווען, ווען זי האָט זיך איינגעבויגען, ווען זי האָט זיך אויפגעריכטעט, ווען זי האָט ביידע אָרעמס אויפגעהויבען אום איהרע האָר צו פערריכטען און פון שטונדע צו שטונדע איז אַלץ מעהר דאָס בילד פון פערגאַנגענע צייטען אין איהם וואַך געוואָרען. זי האָט געהאַט אַזאַ מין אַרט צו רעדען, אַזעלכע בעזונדערע חן'דלאַך, בעוועגונגען, וועלכע האָבען אימער דאָס גליק פון פערגאַנגענע צייטען אין זיין געדעכעניש צוריקגערופען. דורך איהר איז די עראינערונג, פון וועלכער ער האָט שוין מעהר קיין בעשטימטע פאָרשטעלונג ניט געהאַט, ווידער נייַ און בעלעבט געוואָרען. צייט, דאַטען, די אַלטקייט פון זיין האַרצען זיינען פערשוואונדען געוואָרען אין אַ נעבעל, און בעת

פערגאַנגענע ליידענשאַפטען האָבען ווידער אויפגעפלאַקערט, האָט זיך גאָר אָהן זיין וויסען דער נעכטען מיט דעם היינט אויסגע־מישט, די ערינערונג מיט דער האָפנונג.

ער האָט זיך געפרעגט, סטאַרענדיג זיך צו דערמאָנען, אויב די גרעפין איז אין איהר בליהענדסטער צייט אזוי שעהן געווען, צו האָט זי אויך אזא בעצויבערענדען, אונווידערשטעהליכען, קאָפּ־ריזנעם חן געהאַט; צו איז זי אויך מיט אזוי פיעל גראַציע גע־לאָפען און געשפּרונגען פריי ווי אַ יונג פויגעלע אין פעלד. ניין, זי איז געווען מעהר ענטוויקעלט און ווייניגער ווילד, אַ שטאָדט־קינד איז זי געווען און דאַן אַ וועלט־דאַמע, וועלכע האָט קיין מאָל ניט געאָטהעמט די לאַנד־לופט און קיין מאָל איבער די פעלדער ניט ארומגעלאָפען; זי איז געווען שעהן אין דער דונקעלהייט פון די הייזער אָבער ניט אונטער די ליכטיגע שטראַהלען פון דער זון.

ווען זיי האָבען זיך צוריק אין שלאָס אומגעקעהרט, האָט זיך די גרעפין געזעצט נעבען איהר קליין שרייבטיש ביים פענסטער צו שרייבען בריעף. אננעלע איז אוועק אין איהר צימער און דער מאהלער, די הענד אויפ׳ן רוקען פערלעגט, מיט לאַנגזאַמע טריט, אַ סיגאַר אין מויל, איבער דעם פּאַרק שפּאַציערען. ער איז אָבער ניט אוועק אויף אזוי וויט, אז ער זאָל דעם ווייסען פאַסאַד און דעם הויכען דאַך אין גאַנצען פון די אויגען פערליערען. אזוי שנעל ווי דאָס הויז איז הינטער די בוימער פערשוואונדען, איז איהם אויף דער נשמה פינסטער געוואָרען, ווי ווען אַ וואָלקען ציהט זיך איבער די זון אריבער; און ווען דאָס הויז האָט דאַן ווידער גענומען פון צווישען די גרינס ארויסבליסטשען, איז ער אויף אַ מאָמענט שטעהן געבליבען, אום דאָרט צו די הויכע פענסטער ארויפצוקוקען, דאַן איז ער ווייטער געגאַנגען.

ער האָט זיך געפיהלט אויפגערעגט און צופריעדען. מיט וואָס צופריעדען? מיט אַלעמען.

די לופט האָט איהם געשיינט צו זיין ריין, דאָס לעבען שעהן

און פרעהלאַך אין דעם דאַזיגען טאָג. ער איז געווען ווידער פריש און לעבעדיג ווי אַ אינגעל; עס האָט זיך איהם געוואָלט ארומלויפען, נאָכיאָגען די שמעטערלינגען, וועלכע האָבען איבער׳ן פעלד געשוועבט, ווי זיי וואָלטען אויף אַ גומענעם שנירעל געהאַנגען. ער האָט געזונגען פאר זיך אַ מעלאָדיע פון אַן אָפּערא. עטליכע מאָל נאָכאנאַנד איז איהם איינגעפאַלען דאָס בעריהמטע ליעד: „לאָז מיך דיין שעהן פּנים אָנקוקען״, און ער האָט גע־פונען אין דעם אַ טיעפען אויסדרוק, וועלכער איז איהם ביז אַהער נאָך ניט איינגעפאַלען.

פלוצים האָט ער זיך געפרעגט, ווי איז דאָס מעגליך, וואָס ער האָט זיך מיט איין מאָל אַזוי געענדערט. נאָך נעכטען אין פּאַריז האָט איהם אַלעס אויפגערעגט, געעקעלט, געערגערט. און היינט איז ער געווען רוהיג, צופריעדען, ווי עפּעס אַ פריינדליכער גאָט וואָלט זיין נשמה אין גאַנצען אומגעוואַנדעלט. דער זעלבער גאָט, האָט ער געטראַכט, וואָלט געקאָנט אויך מיין לייב אַביסעל אָב־פרישען און מיך ווידער יונג מאַכען.

פלוצים האָט ער דערזעהן יוליא׳ן, ארומלויפענדיג צווישען די בושעס. ער האָט איהם גערופען, און בעת ער האָט דעם הונד׳ס שעהנעם פּנים אין זיינע הענד געהאַלטען, האָט ער זיך אוועק־געזעצט אויפ׳ן גראָז און איהם גענומען לאַסטשען און גלעטען. דאַן האָט ער איהם גענומען אויף די קניע, איז געוואָרען גאָר צערט־ליך און איהם געקושט, ווי אַ פרוי, וועמעס האַרץ עס איבערפילט.

נאָכ׳ן עסען, אַנשטאָדט אויסצוגעהן ווי מיט אַן אָבענד צו־ריק, זיינען זיי זיך גאַנץ רוהיג געבליעבען אין סאַלאָן.

פלוצים האָט די גרעפין זיך אָבגערופען:

— מיר וועלען מוזען אָברייזען!

אליוויער האָט געענטפערט:

— אַך, רעדט נאָך ניט דערפון. ווען איך בין ניט געווען דאָ האָט איהר ניט געוואָלט פערלאָזען ראַנסיערעס; און איצט, ווען איך בין דאָ, ווילט איהר גלייך אוועקפאָהרען.

— ליעבער פריינד — האָט זי געזאָגט — מיר קאָנען דאָך דאָ אַלע דריי ניט בלייבען אויביג.

— אויביג ניט, אָבער נאָך אַ פּאָר טעג. איך האָב דאָך דאָ ביי אייך אָפּט וואָכען לאַנג פערבראַכט.

— יאָ, אָבער אונטער גאַנץ אַנדערע אומשטענדען. ווען די גאַנצע וועלט האָט דאָ פערבראַכט.

דאָ האָט אַנגעלע שמייכלענדיג געזאָגט:

— אָך, מאַמאַ, נור נאָך אַ פּאָר טעג, צוויי אָדער דריי. ער לערענט מיך אַזוי גוט שפּיעלען טעניס; איך ווער אויסער זיך ווען איך פערליער און פרעה זיך אַזוי, ווען איך מאַך פאָרטשריט.

נאָך היינט אין דער פריה האָט די גרעפין געהאָט די אבזיכט איהר פריינד צו האַלטען דאָ ביז זונטאָג און איצט פּלוצים האָט זיך איהר פערוואָלט אוועקפאָהרען, זי האָט אַליין ניט געוואוסט פאַרוואָס. היינטיגער טאָג, פון וועלכען זי האָט אַזוי פיעל ער־וואַרטעט האָט אין איהר נשמה אַ טיעפע טרויעריגקייט איבערגע־לאָזען, אַ שווערקייט אונבעשטימט און אָהן אורזאַכע, ווי אַ פאָר־געפיהל.

ווען זי איז אַליין אין איהר צימער געבליעבען, האָט זי גע־נומען נאָכגריבלען פון וואַנען דער אָנפאַל פון בענקעניש, פון טרויער האָט זיך צו איהר גענומען. האָט זי געהאָט איינע פון יענע שטי־מונגען, וועלכע געהען שנעל פאַראיבער און מען דערמאָנט זיך דערנאָך אפילו ניט אָן זיי, הגם זיי מאַכען אונז ציטערען אין דער טיעפסטער טיעפעניש פון אונזער הארצען? פיליייכט. אָבער וואָס האָט זי אַזוי שלעכט געשטימט? זי האָט זיך אפילו דערמאָנט אויף אַ פּאָר אונאַנגענעהמע מאָמענטען, אָבער צוליעב דעם האָט זי דאָך ניט געקאָנט פערליערען איהר מוט. איך וויל צופיעל, האָט זי געטראַכט, איך האָב ניט קיין רעכט זיך אַזוי צו פּלאָגען.

זי האָט געעפענט דאָס פענסטער, אום די פרישע ביינאַכטיגע לופט איינצואָטהעמען, און איז אַזוי געבליעבען שטעהן און ארויס־געקוקט אויף דער ליכטיגער לבנה.

זי האָט געהערט אַ שטיל געריוויש און האָט איינגעבויגען דעם קאָפּ. אליוויער איז געגאַנגען שפּאַציערען פּאַר'ן שלאָס. „פאַרוואָס האָט ער געזאָגט, אַז ער וויל געהן צו זיך אין צימער", האָט זי געטראַכט. „וואָרום האָט ער מיר ניט געזאָגט, אַז ער געהט אַוועק; וואָרום האָט ער מיר ניט געבעטען מיטצוגעהן? ער ווייס גוט, אַז מיך וואָלט דאָס גליקליך געמאַכט. וועגען וואָס קאָן ער טראַכטען?"

דער געדאַנק, אַז ער האָט איהר צו זיין בּיינאַכטיגען שפּאַציער ניט געוואָלט האָבען נעבען זיך, אַז ער איז ליעבער אין דעם דאָזיגען שעהנעם אבענד אליין געגאַנגען, רויכערענדיג זיין ציגאַר, דען זי האָט געזעהן דעם ברענענדיגען פּונק אין דער לופט; אליין, ווען ער האָט איהר געקאָנט פאַרשאַפען דאָס פערגעניגען איהם צו בעגלייטען; דער געדאַנק, אַז ער פיהלט ניט אַ שטענדיגען באַגעהר זי צו זעהן; אַז ער בענקט ניט נאָך איהר שטענדיגער נאָהענטקייט, האָט נייע ביטערקייט אין איהר האַרץ אָנגעגאָסען. זי האָט שוין געוואָלט דאָס פענסטער צומאַכען, אום איהם מעהר ניט צו זעהן, אום מעהר ניט צו זיין געצוואונגען בייצושטעהן דעם נסיון און איהם צורופען, ווען ער האָט אַרויפגעקוקט און זי בעמערקט. ער האָט אויסגערופען:

— זעהט נור, גרעפין, איהר טרוימט אין דער אויסגעשטערנטער נאַכט!

זי האָט געענטפערט:

— יאָ. איהר אויך, ווי עס שיינט!

— אָה, איך רויכער נור מיין סיגאַר!

זי האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען און געפרעגט:

— וואָרום האָט איהר מיך ניט גערופען מיטצוגעהן?

— איך האָב נור געוואָלט מיין טאַבאַק אויסרויכערען. איבּריגענס געה איך יעצט צו בעט.

— דאַן אלזאָ, גוטע נאַכט, מיין פריינד!

— גוטע נאַכט, גרעפין!

זי האָט זיך אומגעקעהרט צוריק צו איהר שטול, זיך געזעצט און גענומען ...ייגען. און דאָס קאמערמיידעל, וועלכע זי האָט גע־רופען אום איהר אויסצוטהאָן, האָט געזאָגט מיט מיטלייד אין קול, ווען זי האָט איהרע רויטע אויגען דערזעהן:

— אָה, פרוי גרעפין, איהר וועט שוין מאָרגען ווידער שלעכט אויסזעהן!

די גרעפין איז געשלאָפען שלעכט, פיבעריש, פון בייזע הלומות געמוטשעט. אַזוי שנעל ווי זי האָט ערוואכט, האָט זי אַליין גע־עפענט דאָס פענסטער, פאַנאַנדערגעצויגען די פאָרהאַנגען אום זיך אין שפּיעגעל צו זעהן. זי האָט געהאַט צוזאַמענגעצויגענע געזיכטס־שטריכען, געלאָשענע אויגען, און אַ געלע געזיכטספארב. דאָס האָט זי אַזוי טרויעריג געמאַכט, אַז זי וואָלט אַם ליעבסטען געהייסען זאָגען, אַז זי איז קראַנק, ליעגט צו בעט, און זיך ביז אין אבענד פאַר קיינעם ניט ווייזען. פּלוצים איז איהר בעפאַלען אַ פערלאַנג אוועקצופאָהרען. זי האָט זיך אַנדערש ניט געקאָנט העלפען, גלייך האָט זי געמוזט אַבפאָהרען מיט דעם ערשטען צוג. זי האָט גע־וואָלט פערלאָזען דאָס דאָזיגע שטראַהלענדיג העלע לאַנד, וואו מען האָט אויף איהר צופיעל די שפּורען פון ליידען און אַלטקייט גע־זעהן. אין פּאַריז לעבט מען אין דער האַלבדונקעלהייט פון די וואָהנונגען, וואו דאָס ליכט ווערט אפילו אין מיטען טאָג פון די־שווערע פאָרהאַנגען געדעמפּפט. דאָרט וועט זי ווידער צו זיך קו־מען, וועט ווידער שעהן ווערען, בלייך, ווי עס פּאַסט צו זיין ביי דעם מאַטען, צאַרטען ליכט. פּלוצים האָט זי דערזעהן פאַר זיך אַנגעלעגטע פּנים, פריש, רויט, מיט צושויבערטע האַר, ווי זי שפּיעלט טענים. יעצט ערשט האָט זי פערשטאַנען, וואָס פאַר אַ אונבע־קאַנטע אונרוהיגקייט האָט איהר נשמה באַהערשט. זי איז ניט געוועזען אייפערזיכטיג אויף דער שעהנקייט פון איהר טאָכטער, דאָס געוויס ניט; אָבער זי האָט געפיהלט און עס איז איהר קלאָהר געוואָרען צום ערשטען מאָל, אַז זי טאָר זיך קיין מאָל ניט צייגען מיט איהר אין העלער זונען ליכט.

זי האָט אנגעקלונגען און נאָך איידער זי האָט איהר מהעט געטרונקען, האָט זי געגעבען א באפעהל צום אַברייזען ; האָט גע־שריבען דעפּעשען און אליין טעלעגראַפיש באשטעלט פּאָפּער פאר דעם אבענד, האָט אָבגערעכענט מיט אלע רעכענונגען פון ראנ־סיערעס, געגעבען די לעצטע בעפעהלען, אלעס איינגעאָרדענט אין ווענינער ווי א שטונדע מיט פיבערהאפטער אונרוהיגקייט.

ווען זי איז ארונטערגעקומען האבען אליוויער און אננעלע, וועלכע האבען שוין פון איהר ענטשלוס געהערט, זי פערוואונ־דערט וועגען דעם געפרעגט. און ווען זיי האבען איינגעזעהן, אז זי קאָן ניט אנגעבען קיין פערנינפטיגען גרונד פאר דער פלוצימ־דיגער אַברייזע, האבען זיי זיך אביסעל געבלאָזען און ארויסגע־וויזען זייער אונצופריעדענהייט, ביז זיי האבען זיך אויפ'ן וואק־זאל פון פאריז געשיידעט.

די גרעפין האָט דערלאַנגט דעם מאהלער די האַנד און גע־פרעגט :

— וועט איהר מאָרגען ביי אונז עסען ?

ער האָט געענטפערט עטוואָס פערביטערט :

— געוויס, איך וועל קומען. אָבער דאָס וואָס איהר האָט היינט געטהאָן איז געוועזען ניט שעהן פון אייך. עס איז געוועזען אזוי אנגענעהם דאָרט, מיר האבען אזוי שעהן פערבראַכט, מיר אלע דריי צוזאַמען.

אזוי שנעל ווי די גרעפין איז געוועזען מיט איהר טאָכטער אליין אין דער קאַרעטע וועלכע האָט זי אהיים געפיהרט, האָט זי זיך פלוצים דערפיהלט בערוהיגט, ערלייכטערט ; שמייכלענדיג האָט זי געקוקט אויף די הייזער און מיט פערגעניגען ווידער די שטאָדט דערקענט, פון וועלכער דער עכטער פאריזער טראָגט יעדע קלייניג־קייט אין קאָפּ און אין הארצען. יעדע קראָם, וואָס זי האָט געזעהן, האָט איהר דערמאַנט אויף דער צווייטער, אויף א גאַנצע רייהע פון זיי, וועלכע האבען זיך געצויגען אין דער גאַנצער לייננ פון בול־וואר. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט דאָס געזיכט פון דעם פערקויפער

הינטער די שויפענסטער, וואו זי האָט אַפּט איינגעקויפט. זי האָט זיך געפיהלט גערעטעט! פון וואָס? ערלייכטערט! וואָרום? פול פערטרויען! אויף וואָס?

ווען די קאַרעטע האָט זיך פאַר'ן טויער אָבגעשטעלט, איז זי לייכט אַרויסגעשפּרונגען, זיך א לאָז געטהאָן איבער די דונקעלע טרעפּ, ווי זי וואָלט פלוצים פליגלען געקריעגען; דאָן אין דעם פאַרהאַנגענעם סאַלאָן און דאָן אין דער האַלבדונקעלהייט פון איהר צימער. דאָ איז זי געבליבען שטעהן א פּאָר מינוטען גליקליך, וואָס זי געפינט זיך איצט ווידער אין זיכערהייט אין דעם נעבעלדיגען, אונבעשטימטען, פאַרוויכערטען פּאַריז. דאָ קען מען ווייזען, וואָס עס געפעלט און פערשטעלען, וואָס מען וויל פערשטעלען. און די ערֿאינערונג וועגען דאָס שטראַהלענדיגע ליכט דאָרט אין דער קאַנ־טרי, איז געבליבען אין איהר נשמה, ווי אן אָבקלאַנג פון איבערגע־לימענע יסורים.

ווען זי איז אַרונטערגעקומען צום טיש, האָט זי הערצליך אומ־אַרעמט איהר מאַן, ועלכער איז נור וואָס אהיים געקומען, און ער האָט געזאָגט שמייכלענדיג:

— אהא, איך האָב אָבער געוואוסט, אַז פריינד בערטין וועט דיך ברייננגען אהיים. עס איז געווען א גוטער איינפאַל, וואָס איך האָב איהם געשיקט צו דיר.

אננעלע האָט געענטפערט ערנסט, מיט יענעם בעזונדערען טאָן, וועלכען זי פלעגט אַננעהמען, ווען זי האָט געוואָלט זאָגען א ווייז נים לאַכענדיג דערביי:

— אך, עס איז איהם זעהר שווער אָנגעקומען, מאַמאַ האָט גאָר ניט געוואָלט הערען וועגען דעם!

די גרעפין איז געוואָרען עטוואָס פערלעגען און האָט געשוויגען.

אין דיעזען אבענד ויינען קיין געסט ניט אָנגענומען געוואָרען און זיי זיינען געבליבען אליין. אויפ'ן צווייטען טאָג איז די גרעפין אוועק אין פערשיעדענע קראָמען איהרע זאַכען צו בעזאָרגען. פון איהר יוגענד אָן, כמעט נאָך פון איהר קינדהייט, האָט זי ליעב גע־

האָט אָנצומעסטען זאַכען פאַר די שפּיגלען פון די בעוואוסטע שניי־דערקעס. ווי זי איז נור אַהין אריין האָט זי זיך שוין געפרעהט אין איהרע געדאַנקען מיט אַלע איינצעלהייטען פון יענער זאָרג־זאַמער פּראָבע. זי האָט געליעבט די רוישענדע קליידער פון די מיידלאַך, וואָס האָבען אויף איהר די זאַכען געמאָסטען. האָט גע־ליעבט צו זעהן, ווי די דאָזיגע מיידלאַך גיבען זיך אַ לאָז צו איהר, ווי נור זי קומט אין געשעפט אריין; זייער שמייכעל, זייער דיענסט־פערטיגקייט, זייערע פראַגען. און די שניידערין, די מאָדיסטקע אָדער די קאָרסעטמאַכערין זיינען ביי איהר געווען וויכטיגע פּער־זענליכקייטען, וועלכע זי האָט בעהאַנדעלט, ווי קינסטלערינען, ווען זי האָט ביי זיי אַ ראַט געפרעגט. נאָך מעהר האָט זי ליעב גע־האַט פון די יונגע מיידלאַך בעדיענט צו ווערען, וועלכע האָבען זי מיט געשיקטע הענד אויסגעטהאָן און אָנגעטהאָן און זי פאַר איהר רייצענדען שפּיגעל־בילד אַהין און אַהער געדרעהט. ווען זייערע לייכטע פינגער האָבען איהר האַלז אָנגעריהרט, איהר הויט אָדער איהרע האָר, האָט זי דערביי געפיהלט דעם גרעסטען און בעסטען פערגעניגען פון די אַלע פערשיעדענע פערגעניגענס, וועל־פּיללען אַן דעם לעבען פון אַ רייכער, עלעגאַנטער דאַמע.

אָבער אין דיעזען טאָג האָט זי געהאַט עפּעס אַן אונאַנגע־נעהמען געפיהל פון אַנגסט, זיך אַזוי אַהן אַ שלייער און אַהן אַ הוט אוועקצושטעלען פאַר די דאָזיגע אַלע גרויסע, שעהנע שפּיג־לען. דער ערשטער בעזוך ביי דער מאָדיסטקע האָט איהר אָבער ווידער מוט איינגעגעבען. די דריי היט וואָס זי האָט געקויפט, האָבען איהר וואונדערבאַר געקליידעט, וועגען דאָס איז גאָר קיין צווייפעל ניט געווען און ווען די פערקויפערין האָט צו איהר געזאָגט: „אַך, פרוי גרעפין, בלאָנדע פרויען האָבען אימער גע־דאַרפט טראָגען טרויער“, איז זי אוועק צופריעדען און פול צור־טרויען בעזוכט די איבעריגע געשעפטען.

ווען זי איז צוריקגעקומען האָט זי געפונען אַ פּאָר שורות פון דער הערצאָגין, וועלכע האָט איהר בעזוכט און געלאָזט וויסען,

אַז זי וועט אין אָבענד ווידער קומען. דאַן האָט זי געשריעבען בריעף, דערנאָך אַ צייט לאַנג געטרוימט, ערשטוינט, וואָס דאָס אומ־בייטען פון דעם אָרט האָט איהר גרויסען שמערץ, וועלכער האָט איהר די נשמה צוריסען, כמעט אין גאַנצען אין דער פערגאַנגענ־הייט אוועקגערוקט. עס האָט זיך איהר אַליין נישט געוואָלט גלויבען, אַז זי איז ערשט מיט אַ טאָג פריהער פון ראָנסיערעס אהיים געקומען, אַזוי שטאַרק האָט זיך זייט איהר צוריק קומען נאָך פּאַריז איהר שטימונג געענדערט, עפּעס ווי די קליינע רייזע וואָלט איהרע וואונדען פאַרהיילט.

ווען בערטין איז געקומען צום טיש, האָט ער אויסגערופען:

— איהר שטראַהלט דאָך עפּעס גאָר היינט ביינאַכט!

און דער דאָזיגער אויסרוף זיינער האָט זי געמאַכט ציטערען פאַר גליק.

נאָכ'ן עסען, האָט דער גראַף, וועלכער האָט גערן ביליאַרד געשפּיעלט, גערופען בערטין'ען מאַכען אַ פּאַרטיע, אוןביידע פרויען האָבען זיי בעגלייט אין ביליאַרד צימער, וואו מען האָט זיי דער־לאַנגט קאַפּע.

בעת די מענער האָבען נאָך געשפּיעלט, איז די הערצאָגין געמעלדעט געוואָרען; זיי האָבען זיך אַלע אומגעקעהרט צוריק אין דעם סאַלאָן. צוגלייך זיינען אָנגעקומען הערר און פרוי קאַרבעלל מיט אַ זעהר טרויעריגען אויסדרוק, און אַ פּאָר מי־נוטען נאָכאַנאַנד האָט נאָך דעם קלאָגעדיגען טאָן פון זייערע רייד אויסגעזעהן, אַז אָט־אָט צוואויינען זיי זיך אַלע. אָבער ביס־לעכווייז זיינען זיי פון די סענטימענטאַלע פראַגען אויף אַ גאַנץ אַנדער געשפּרעך אַריבער, די שטימען זיינען געוואָרען העלער און זיי האָבען גענומען גאַנץ געמיטליך פּלוידערען, אַזוי ווי דער טונ־קעלער שאָטען פון טויט, וועלכער האָט נאָר וואָס איבער זיי גע־שוועבט, וואָלט פּלוצים פערשוואונדען געוואָרען.

דאַן איז בערטין אויפגעשטאַנען, האָט אָנגענומען אַנגעלען

פאַר א האַנד, צוגעפיהרט זי צום בילד פון איהר מוטער, אוועק־געשטעלט פאַר דעם שיין פון לאָמפּ און געפרעגט:

— איז דאָס ניט א מערקווירדיג וואונדערבאַרע זאַך?

די הערצאָגין איז געוואָרען אזוי ערשטוינט, אז זי האָט אויסער זיך אויסגערופען:

— מיין גאָט, ווי איז דאָס מעגליך! מיין גאָט, ווי איז דאָס מעגליך! דאָס איך דאָך אַן אמת'ע איבערראַשונג, און איך האָב דאָס פריהער גאָרנישט געזעהן. אָבער מיין קליינע אננא, דאָס זייט איהר אין גאַנצען איהר, איך קען עס אָם בעסטען באַ־שטעטיגען, ווייל איך האָב אייך אזוי גוט געקענט, ווען איהר האָט צום ערשטען מאָל טרויער געטראָגען. ניין, דאָס איז שוין געווען צום צווייטען מאָל, דען דאַן האָט איהר שוין געהאַט אייער פאָטער פערלאָרען. יאָ, ווירקליך, אננעלע, אין טרויער זעהט איהר אויס פונקט ווי די מוטער פון אמאָל. אָבער אזא וואונדער! אָהן דעם בילד וואָלט מען עס גאָרנישט געוואוסט. אייער טאָכטער איז זעהר ענליך צו אייך, אָבער צום בילד א סך מעהר.

מוסאַדיע, וועלכער האָט זיך דערוואוסט פון דער גרעפינ'ס צוריקקומען, איז געקומען זי בעזוכען. ער האָט געוואָלט זיין איינער פון די ערשטע, וואָס זאָל איהר זיין טיעפען בעדויערען אויסדריקען.

ער האָט זיך פּלוצים אָבגעשטעלט, דערזעהענדיג דאָס יונגע מיידעל שטעהענדיג פאַר דעם פּאָרטרעט; פון דעם זעלבען ליכט בעשטראַהלט, ווי דאָס בילד, האָט זי אויסגעזעהן ווי די לעבעדיגע שוועסטער פון דער פרוי אויף דעם קונסט ווערק. דאַן האָט ער פערוואונדערט אויסגערופען:

— גאָט אין הימעל! דאָס איז דער גרעסטער וואונדער וואָס איך האָב ווען עס איז געזעהן!

און די קאַרבעללס, וועלכע האָבען אימער געהאַט די מיינונג, וואָס א צווייטער האָט אויסגעדריקט, האָבען זיך גענומען בעגייס־טערען פון זייער זייט, הגם מיט ווייניגער היץ ווי די איבעריגע.

דער גרעפינ׳ס הארץ האט זיך צוזאמענגעצויגען, איז ביס־לעכווייז איינגעשרומפפען; די ערשטווינטע אויסרופען פון די אלע מענשען האבען איהר וועהגעטהאן, האבען איהר הארץ אין שטיקער געריסען. ניט ריידענדיג א ווארט, האט זי בעטראכט איהר טאכ־טער נעבען איהר בילד און איז געווארען פיבעריש פון נערוועזי־טעט. עס האט זיך איהר געוואלט א געשריי טהאן: „שווייגט, איך וויים אליין, אז זי איז עהנליך צו מיר!״

דעם גאנצען אבענד איז זי געווען אומעדיג און האט פון דאס ניי פערלארען די זיכערהייט, וועלכע זי האט געהאט ערשט יעצט ווידער געפונען.

בערטין האט זיך אונטערהאלטען מיט איהר, ווען מען האט געמעלדעט דעם מארקיז פאראנדאל. ווען דער מאהלער האט איהם געזעהן ארייקומענדיג און געהענדיג גלייך צו דער ווירטהין פון הויז, איז ער אויפגעשטאנען, זיך געשטעלט הינטער איהר שטוהל און אויסגעשעפטשעט: „נו, ווען דער קערל איז דא דאן אדיע!״ — דאן האט ער זיך ארויסגערוקט צום טיר און איז אוועק.

נאכדעם ווי די גרעפין האט געזאגט א פאר ווערטער צו דעם נייעם גאסט, האט זי מיט די אויגען גענומען זוכען אליוויער׳ן, אום מיט איהם פארטצוזעצען די אונטערהאלטונג, וועלכע האט זי אינטערעסירט. ווען זי האט איהם אין ערגעץ ניט געזעהן, האט זי געפרעגט:

— וואס, דער גרויסער קינסטלער איז שוין אויך אוועק?

איהר מאן האט געענטפערט:

— איך גלויב אזוי, מיין ליעבע. עס שיינט ער האט זיך אויף דעם ענגלישען שטייגער, שטיל ארויסגערוקט.

זי איז געווארען ערשטוינט, האט א ווײלע נאכגעטראכט און דאן גענומען מיט דעם מארקיז פלוידערען.

איבעריגענס זיינען איהרע פריינד אין קורצען אלע אוועק־

גענגאַנגען; אויס איידעלקייט האָבען זיי איהר ניט געוואָלט שטע־רען אַזוי שנעל נאָך דעם טויטען פאַל.

ווען זי איז דערנאָך צו בעט געגאַנגען, זיינען אַלע איהרע קוואַלען, וועלכע האָבען איהר דאָרט אין קאָנטרי געפּייניגט, ווידער צוריקגעקומען; איצט זיינען זיי נאָך מעהר אויסגעוואַקסען, און ערשט יעצט איז איהר קלאָהר געוואָרען, אַז זי איז אַלט, אַלט!

אין דעם דאָזיגען אבענד האָט זי צום ערשטען מאָל דער־פיהלט, אַז אין דעם סאַלאָן, וואו זי איז ביז אַהער אַליין בעוואונ־דערט, געפייערט, געליעבט געוואָרען, האָט אַן אַנדערע, איהר טאָכ־טער, איהר פּלאַץ פערנומען. פּלוצים, מיט איין מאָל האָט זי עס איינגעזעהן, ווען זי האָט דערפיהלט, אַז אַלעס פאַרעהרט, אַלעס בויגט זיך פאַר אַננעלע'ן. אין איהר הויז, אין דעם קעניגרייך פון אַ שעהנער פרוי, וואו זי איז ביז אַהער געווען די אַליין הערשערין, וואו זי האָט ניט גערולדעט קיין ווענען וואָס זאָל איהר קענען פאַרדונקעלען, וואו יעדע קאָנקורענטקע איז הינטען אַרום, אָבער ענערגיש, אַרויסגעשטופּט געוואָרען; וואו זי האָט צוגעלאָזען נור איהר גלייכען אום פאַרעהרער פון זיי צו מאַכען; אין דעם דאָזיגען קעניגרייך האָט זי איצט געזעהן, ווי איהר טאָכטער ווערט די הערשערין. עס איז געווען אַ מאָדנער געפיהל, ווען אַלעמענס אויגען האָבען זיך אויף אַננעלע'ן גערעכטעט, ווען בערטין האָט געהאַלטען פאַר'ן האַנד, ביידע נעבען בילד. זי האָט דערפיהלט, ווי זי, גרעפין גילעראַי, ווערט פּלוצים פערשוואונדען, ווי זי פער־ליערט איהר מאַכט, איהר קרוין... די גאַנצע וועלט האָט געקוקט אויף אַננעלע'ן, ווענגען איהר האָט זיך מעהר קיינער ניט געקימערט. זי איז אַזוי געוואָהנט געווען צו הערען קאָמפּלימענטען, שמייכלע־רייען, יעדעסמאָל, ווען מען האָט איהר בילד בעטראַכט; זי איז אַזוי זיכער געווען אין די לויבגעזאַנגען, אויף וועלכע זי האָט ניט געלייגט קיין בעזונדערען ווערטה, הגם זיי האָבען איהר גע־פרעהט, אַז דאָס דאָזיגע אָבקעהרען זיך פון איהר, דיעזע פּלוצים־דיגע ניעדערלאַגע, די בעוואונדערונג, וועלכע איז מיט איין מאָל

אויף איהר טאָכטער אריבער, האָט זי מעהר ערשטוינט, בעוועגט און וועהגעטהאָן, ווי ווען עס איז וואָלט זיך געהאַנדעלט וועגען א ווירקליכע קאָנקורענטקע.

אָבער אזוי ווי זי איז געוועזען איינע פון יענע נאַטורען, וועלכע קומען נאָך די גרעסטע אונגליקען שנעל ווידער צו זיך, הויבען ווידער אויף די קעפּ, קעמפּפען און זוכען טרויסט, האָט זי אויך געפונען א טרויסט אין דעם געדאַנק, אַז ווען איהר טאָכ־טער'ל וועט חתונה האָבען און זיי וועלען מעהר ניט לעבען אונטער איין דאַך, וועט זי מעהר ניט ליידען פון דעם שטענדיגען פער־גלייך, וועלכער איז איהר די לעצטע צייט געוואָרען אזוי אונ־אנגענעהם, איבערהויפּט נאָך אין דער געגענוואַרט פון איהר גע־ליעבטען.

אָבער דער קלאַפּ איז געוועזען א שטאַרקער, זי האָט געפיבערט און ניט געקענט איינשלאָפען.

אויפ'ן צווייטען טאָג איז זי אויפגעשטאַנען מיעד און צו־בראָכען. און דאַן איז אויף איהר אָנגעפאַלען א שטאַרקער פער־לאַנג, פון אימיצען געטרויסט צו ווערען, ביי אימיצען אום הילף צו בעטען פון אַלע איהרע ליידען, פון איהר גרויסען זעעלישען און קערפּערליכען עלענד.

זי האָט זיך ווירקליך געפיהלט אזוי שוואך און קראַנק, אַז זי האָט א טראַכט געטהאָן צו רופען א דאָקטאָר און איהם פרע־גען צו ווערט זי ניט ערנסט קראַנק. דען עס איז ניט געוועזען מעג־ליך, אַז זי זאָל אין פערלויף פון א פּאָר שטונדען אַזויפיעל איבער־לעבען אָהן פּאָלגען. זי האָט טעלעגראַפירט צום דאָקטאָר און האָט איהם ערוואַרט.

אזייגער עלף איז ער געקומען. ער איז געוועזען איינער פון יענע ווירדיגע מאָדע דאָקטוירים, וועמעס אָרדען און טיטולס זייגען א גאַראַנטיע פאַר זייער גוטסקייט, וועלכע ווייסען וועניגסטענס אזוי פיעל ווי אַלע אנדערע און פאַרשטעהען אַבעסטען ווי צו

בעהאנדלען די דאמען מיט ווערטלאך און חן'דלאך, וואס ווירקען בעסער פון מעדיצין.

ער איז אריינגעקומען, געגריסט, האט אנגעקוקט זיין פאציענטקע און געזאגט שמייכלענדיג:

— עס איז וואהרשיינליך ניט אזוי געפעהרליך, מיט אזעלכע אויגען איז מען ניט קראנק!

זי איז איהם גלייך דאנקבאר געווען פאר דער דאזיגער פארערדע, האט איהם דערצעהלט פון איהר שוואכקייט, פון איהר נערוועזען צושטאנד, איהר טרויעריגקייט און דאן, זיך ניט אבשטעלענדיג אויף דעם צו געגוי, פון איהר שלעכטען אויסזעהן. ער האט איהר אויפמערקזאם אויסגעהערט, נור געפרעגט אויף איהר אפעטיט, אזוי ווי ער וואלט די געהיימע נאטור פון דער דאזיגער ווייבערשער קראנקהייט איהרער גאנץ גוט געקענט; האט זי ארומגעטאפט, אונטערזוכט, אנגענומען מיט דעם שפיץ פינגער איהר פלייש אויפ'ן שולטער, אויפגעהויבען איהר ארעם, און אזוי ווי ער האט גוט פארשטאנען איהרע געדאנקען, האט ער אלס אלטער פראקטיקער זיך גלייך אנגעשטויסען, אז זי האט איהם גערופען מעהר צוליעב איהר שעהנהייט, ווי צוליעב איהר געזונד. דאן האט ער געזאגט:

— יא, איהר זייט עטוואס בלומארעם און נערוועז. דאס איז אבער קיין וואונדער ניט ביי דעם גרויסען פערלוסט, וואס איהר האט געהאט. איך וועל אייך עטוואס אויפשרייבען, וואס וועט דאס אלעס בעזייטיגען. פריהער פאר אלץ מוזט איהר זיך גוט שפייזען, מוזט פלייש עקסטראקט עסען, קיין וואסער זאנדערען ביער טרינקען; איך וועל אייך רעקאמענדירען א גוטען סארט ביער. שטריינגט זיך ניט אן מיט דעם זיין אויף שפעט ביינאכט, מאכט א סך בעוועגונג, שלאפט א סך און זעהט, אז איהר זאלט ווערען עטוואס דיקער. מעהר, מיין גנעדיגסטע און שעהנסטע פאציענטין, קען איך אייך ניט ראטען.

זי האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט און געזוכט הינטער זיינע ווערטער עטוואָס צו לעזען. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דאָס לעצטע וואָרט:

— יאָ, איך בין געוואָרען מאָגער. איך בין אַ געוויסע צייט געווען צו דיק און עס קען זיין עס האָט מיר פערשאַדעט, וואָס איך האָב געזוכט מאָגערער צו ווערען.

— אָהן צווייפעל! ווען מען איז מאָגער מאַכט ניט אויס, אַז מען בלייבט אַזוי, אָבער קינסטליך מאָגער ווערען טויג ניט, מען מאַכט זיך אימער אָן עפּעס אַן אַנדער צרה. נו, איהר וועט אָבער שנעל קומען צו זיך... אַדיע, פרוי גרעפין!

זי האָט זיך גלייך דערפיהלט בעסער, פרישער און האָט נאָך צו פריהשטיק געלאָזט ברענגען די בעשטימטע ביער פון דעם הויפט געשעפט אום ער זאָל זיין פרישער.

זי האָט געהאַט נור וואָס אָבגעגעסען, ווען בערטין איז אַריין:

— אָט בין איך ווידער, אימער ווידער. איך וויל אייך עפּעס פרעגען. האָט איהר עטוואָס פאַר?

— ניין, גאָרנישט.

— און אַנגעלע?

— אויך נישט.

— קענט איהר אום פיער אוהר קומען צו מיר?

— יאָ, אָבער וואָרום?

— איך האַלט אין אַרבייטען מיין בילד „טרוימעריי“. איך האָב אייך שוין דערפון דערצעהלט, און איך האָב געפרעגט אויב אייער טאָכטער וואָלט געקענט אַ פּאָר מאָל זיצען פאַר מיר. עס וואָלט מיר געווען זעהר אַנגענעהם, ווען איך זאָל זי קענען היינט האָבען אויף אַ שטונדע. האָט איהר עטוואָס געגען דעם?

די גרעפין האָט אַ ווייַלע געטראַכט. עס איז איהר געווען אונאַנגענעהם, הגם זי האָט ניט געוואוסט פאַרוואָס און זי האָט געענטפערט:

— גוט, מיר וועלען אום פיער זיין ביי אייך.

— א דאנק. איהר זייט די גוטסקייט אליין.

און ער איז אוועק אום די לייוועגד צו צוגרייטען און זיך אין זיין בילד צו פערטיעפען, אום דאס מאדעל ניט צו פיעל צו ער־מיעדען.

דאן איז די גרעפין אליין אוועק צופוס, בעזארגונגען צו מאכען. מיט לאנגזאמע טריט איז זי געגאנגען איבער דעם בולוואר מאלעם הערבעס, זי האט זיך געפיהלט מיעד און מאט. ווען זי איז פאר דער קירכע פון סיינט אויגוסטין פארבייגעגאנ־גען, האט זיך איהר פערוואלט דארט אריינגעהן און זיך אויס־רוהען. זי האט געעפענט די טיר, טיעף אבגעאטהעמט, איינגע־צויגען אין זיך די קיהלע לופט פונ׳ם גרויסען רוים, און דאן גע־נומען א שטוהל און זיך געזעצט.

זי איז געווען פרום, אין א געוויסער ארט, ווי עס זיינען פיעלע פאריזערינען. זי האט געגלויבט אין גאט, דען זי האט גע־דענקט, אז די וועלט האט ניט געקענט זיין אהן א שעפפער. אבער אזוי ווי זיי האבען אלע געטהאן, אזוי האט אויך זי צוזאמענ־געמישט די געטליכקייט מיט דער נאטור; זי האט פערזאניפי־צירט גאט מיט זיין שעפפונג און האט זיך ניט געגעבען די מיה א טראכט צו טהאן ווי גאט זעהט אין דער ווירקליכקייט אויס.

זי האט פעסט געגלויבט אין גאט, האט איהם פערעהרט אין דער טהעאריע און געהאט עפעס פאר איהם אן אונבעשטימטע מורא, דען זי האט גארנישט געוואוסט פון זיין גערעכטיגקייט, זיינע ווינשע, זיין ווילען. צו די פריסטער האט זי געהאט זעהר ווייניג צוטרויען און זיי אין אלגעמיין באטראכט אלס פויערשע זיהן, וועלכע זוכען אין דער קירכע די בעפרייאונג פון מיליטער דיענסט. איהר פאטער, א בירגערליכער פאריזער האט איהר קיין באשטימטע פרומקייט ניט פארגעשריבען און ביז וואנען זי האט ניט חתונה געהאט, איז זי טאקי ניט געווען בעזונדערס פרום. ערשט

שפּעטער, מיט איהר נייער שטעלונג, האָט זי זיך גענומען פּער־האַלטען צו דער קירכע גאָר אַנדערש.

זי איז געוואָרען די פאַרשטעהערין פון פיעלע גוט בעקאַנטע קינדער־אַנשטאַלטען, האָט ניט פאַרפעהלט אַ זונטאָג צו אַ מעססע, געגעבען צדקה אַליין פאַר זיך און פאַר דער וועלט דורך דער הילפע פון'ם אַבבע, דעם פּריסטער פון איהר געמיינדע.

ווי דער סאָלדאַט סאַליוטירט פאַר דעם הויז פון זיין גע־נעראַל, אַזוי האָט זי תפילה געטהאָן איינפאַך אויס פליכט און שולדיגקייט. מאַנכעס מאָל אויך, ווייל עס איז איהר געווען טרויעריג אויפ'ן הארצען, ווען זי האָט מורא געהאַט, אַז אַליוויער ווערט איהר אונטריי. ניט דערצעהלענדיג גאָט דעם גרונד פון איהרע געבעטען, האָט זי איהם אויף אַ נאַאיווען שטייגער אום הילף געבעטען. פריהער, ביים טויט פון איהר פאָטער און יעצט ערשט ביים טויט פון איהר מוטער, האָט זי שטאַרקע אַנפאַלען פון פרומקייט געקריעגען, האָט זיך מיט גליהענדער ליידענשאַפט צו איהם געווענדעט, צו איהם, וועלכער וואַכט איבער אונז און שיקט אונז טרייסט.

און איצט אין דער קירכע, אין וועלכער דער צופאַל האָט איהר אַריינגעפיהרט, האָט זי פּלוצים ווידער דערפיהלט אַ שטאַרקע בעדירפניש צו בעטען, ניט פאַר אַן אַנדערען, ניט פאַר קיין גע־וויסע זאַך, זאָנדערען פאַר זיך, פאַר זיך אַליין, אַזוי ווי זי האָט עס אַנומעלט געטהאָן ביים קבר פון איהר מוטער. זי האָט גע־מוזט האָבען הילף פון וועמען עס איז און זי האָט זיך איצט צו גאָט געווענדעט, ווי זי האָט נאָך היינט אין דער פריה זיך צום דאָקטאָר געווענדעט.

אין דער שטילקייט פון דער קירכע, וואו עס האָבען נור ווען ניט ווען אָבגעהילכט טריט, איז זי אַ צייט לאַנג געבליעבען ליגען אויף די קניע. פּלוצים, ווי זי וואָלט ביי זיך אין הארצען דערהערט אַ זייגער קלינגען, האָט זי ווידער גענומען טראַכטען פון וועלטליכע זאַכען, האָט אַרויסגענומען דעם טאַשען־זייגערעל

און אַ ציטער געטהאָן, ווען זי האָט דערזעהן, אַז עס איז שוין באַלד פיער אוהר. דאַן האָט זי זיך געלאָזט לויפען, אום צו נעהמען איהר טאָכטער, וועמען אליוויער האָט שוין געמוזט ער־ווארטען.

זיי האָבען געפונען דעם קינסטלער בעשעפטיגט דערמיט, וואָס ער האָט אויף דער לייווענד די שטעלונג פון זיין טרוימענ־דער אַנגעוואָרפען. ער האָט געוואָלט גענוי איבערגעבען, וואָס ער האָט דאַן געזעהן אין פּארק מאָנסעאָן, ווען ער איז מיט אַננעלע'ן שפּאַציערען געגאַנגען. אַן אָרים מיידעל, מיט אַ בוך אויף די קניע זיצט און טרוימט. ער האָט לאַנג ניט געקענט ביי זיך בעשליסען, צו זאָל ער זי שעהן אָדער העסליך מאַכען? העסליך — וואָלט געווען כאַראַקטעריסטישער, שטאַרקער, וואָלט מעהר איינדרוק געמאַכט, מען וואָלט אויך מעהר זין געקענט דאָרט אריינלייגען. שעהן — וועט דער ערפאָלג זיין גרעסער, זי וועט מעהר געפעלען.

דער וואונש, אַז זיין קליינע פריינדין זאָל פאַר איהם אָלס מאָדעל זיצען, האָט ענטשיעדען די פראַגע. די טרוימענדע האָט געמוזט זיין שעהן און אויף אַזאַ אופן האָט זי אין איין שעהנעם טאָג געקענט פערווירקליכען איהר פּאָעטישען טרוים, ווערענד ווען זי זאָל זיין העסליך, איז זי געווען האָפנונגסלאָז און וואָלט געקענט אַזוי ווייטער טרוימען אָהן אַן ענד.

אַזוי שנעל ווי ביידע דאַמען זיינען אין צימער אריין, האָט אליוויער זיך רייבענדיג די הענד געזאָגט:

— נו, פריילין אַננעלע, מיר ועלען אַלזאָ צוזאַמען אר־ בייטען!

די גרעפין האָט געשיינט צו האָבען אַנגסט. זי האָט זיך געזעצט אין אַ פאָטעל און צוגעקוקט, ווי אליוויער האָט צוגע־רוקט אַן אייזערנעם גאָרטען שטוהל צו דער בעלייכטונג, וואָס ער האָט פאַר זיין ארבייט געברויכט. דאַן איז ער צוגעגאַנגען

צום ביכער שראַנק, צו זוכען אַ בוך און געפרעגט אונענטשלאָסען:
— וואָס קען איך געבען אייער טאָכטער צו לעזען?
— מיין גאָט, וואָס איהר ווילט. גיט אַ באַנד פון וויקטאָר הוגאָ.
— די לעגענדע פון די יאָהרהונדערטע?
— גוט!
דאַן האָט ער געזאָגט:
— אָט אַזוי, קליינע, איצט זעץ זיך אַוועק, נעהם דאָס בוך און עפען אויף דער זייטעל — דער זייטעל 336, דאָרט וועסטו געפינען אַ געדיכט: „די אָרימע לייט". פערטיעף זיך ביס־לעכווייז אין דעם אַזוי ווי דו וואָלסט געטרונקען דעם בעסטען וויין, שלינג אין זיך וואָרט פאַר וואָרט און לאָז זיך פונ'ם בוך שטאַרק הינרייסען, טיעף בעוועגען. הער זיך צו צו דיין הארצען! דאַן פערמאַך דעם בוך, הויב אויף אַביסעלע דיין בליק, טראַכט נאָך און טרוים. בעת דער צייט וועל איך מיין אַרבייטס־געצייג צור־רעכט מאַכען.
דאַן איז ער אַוועק אין אַ ווינקעל אום די פאַרבען פאַרצור־ברייטען. אָבער ווערענד ער האָט אויף די דינע, הילצערנע ברעטלאַך דאָס פאַרב פון די בלייענע פלעשעלאַך ארויסגעדריקט, האָט ער זיך פון צייט צו צייט אומגעדרעהט, דאָס יונגע מיידעל צו בע־טראַכטען, וועלכע איז געווען אין גאַנצען אריינגעטהאָן אינ'ם לעזען. זיין הארץ האָט געקלאַפּט, זיינע פינגער האָבען געצי־טערט, ער האָט ניט געוואוסט וואָס ער טהוט, ווען ער האָט די קליינע הויפעלאַך פאַרב געמישט, אַזוי שטאַרק האָט איהם בע־וועגט די דאָזינע אויפרעגונג, די דאָזיגע ערשיינונג אויף דעם זעלבען פלאַץ אין זיין סטודיאָ נאָך צוועלף יאָהר צייט.
איצט האָט זי געענדיגט לעזען און געקוקט פאַרטראַכט פאַר זיך. ער איז צוגעקומען נעהנטער און דערזעהן אין איהרע אויגען צוויי העלע טראָפּען בלישטשען, וועלכע האָבען זיך לאַנגזאַם גע־נומען קייקלען איבער איהרע באַקען. ער האָט אַ ציטער געטאָן,

האָט זיך מעהר ניט געקענט בעהערשען און זיך ווענדענדיג צו דער גרעפין האָט ער אויסגעשעפּטשעט:

— גאָט, ווי שעהן זי איז!

אָבער ער איז געוואָרען אויסער זיך, ווען ער האָט דער גרעפינ'ס טויט־בלייכע, פערצעהרטע געזיכט דערזעהן. מיט ווייט אויפגעריסענע אויגען, פון וועלכע דער שרעק האָט ארויסגעקוקט, האָט זי בעטראַכט איהם און איהר טאָכטער. ער איז געוואָרען אונרוהיג און איז צוגעגאַנגען צו איהר:

— וואָס איז מיט אייך?

— איך מוז מיט אייך רעדען.

זי איז אויפגעשטאַנען און געזאָגט שנעל צו אַננעלען:

— וואַרט א ווייל, מיין קינד. איך מוז דעם הערר בערטין עפּעס זאָגען.

דאַן איז זי שנעל אריין אין דעם צווייטען סאַלאָן, וואו ער האָט אָפט זיינע בעזוכער געלאָזט וואַרטען. ער האָט געפאָלגט נאָך איהר שטאַרק צומישט, דען ער האָט ניט געוואוסט, וואָס זי וויל. אזוי שנעל ווי זיי זיינען געווען אליין, האָט זי אָנגענומען זיינעביידע הענד און געשטאַמעלט:

— אליוויער, אליוויער, איך בעט אייך, לאָזט איהר ניט מעהר זיצען פאַר אייך.

ער האָט געפּליסטערט ערשטוינט:

— אָבער וואָרום?

דאָ האָט זי גענומען רעדען מיט היציגע, איבערגעהאַקטע ווערטער:

— וואָרום? וואָרום? דאָס פרעגט ער! פיהלט איהר דען ניט אליין וואָרום. אַך, איך האָב דאָס געדאַרפט פריהער פאָראויסזעהן! איך האָב עס אָבער ערשט יעצט בעמערקט... איך קען אייך יעצט מעהר נישט זאָגען... גאָרנישט!... ברענגט מיין טאָכטער אהער, זאָגט איהר, אז איך בין קראַנק, שיקט נאָך

אַ דראָשקע און אי אַ שטונדע אַרום קומט צו אונז און פּרענט אויף מיר. איך וועל זיין אַליין, דאַן וועלען מיר רעדען.

— אָבער וואָס איז מיט אייך?

עס האָט געשיינט, אַז אָט־אָט ברעכט זי אויס אין אַ היס־טעריק:

— לאָזט מיך אָב, דאָ קען איך אייך עס ניט זאָגען. רופט מיין טאָכטער און בעזאָרגט גלייך אַ דראָשקע.

ער האָט געמוזט פאָלגען און איז אריין צוריק אין אַטעליער. אַננעלע האָט גאַנץ אונשולדיג גענומען ווידער לעזען, נאָך גאַנץ אונטער דעם איינדרוק פון דער פּאַטעטישער און ריהרענדער געשיכטע, וואָס זי האָט געהאַט נאָר וואָס איבערגעלעזען. אליוויער האָט געזאָגט צו איהר:

— דיין מוטער איז ניט געזונד; איהר איז געוואָרען ניט גוט, ווען זי איז אין דעם קליינעם סאַלאָן אריין. געה אריין צו איהר, איך וועל געהן ברייננען איטהער.

ער איז אַרויסגעלאָפען און געבראַכט פון שלאָפצימער אַ פלעשעלע.

ער האָט זיי געפונען וויינענדיג איינע אין דער צווייטערס אָרעמס. אַננעלע איז געווען ווייך געשטימט צוליעב די „אָרימע לייט" און זי האָט געגאָסען מיט טרעהרען, און די גרעפין האָט זיך גרינגער געמאַכט דאָס האַרץ דערמיט, וואָס זי האָט איהרע וועהטאָגען, איהרע טרעהרען מיט יענעם זיסען שמערץ, מיט יענע קינדערשע טרעהרען פון איהר טאָכטער אויסגעמישט. ער האָט געוואַרט אַן אויגענבליק; ער האָט ניט געוואַגט צו ריידען אַ וואָרט, נור געקוקט אויף זיי און אויפ'ן האַרצען איז איהם פּלוצים אויך געוואָרען אַזוי אומעדיג, אַזוי שווער.

צום סוף האָט ער געזאָגט:

— נו, פיהלט איהר זיך בעסער?

די גרעפין האָט געענטפערט:

— יאָ, עמוואָס; עס איז וואַרשיינליך ניט געפעהרליך. האָט איהר בעשטעלט אַ קאַרעטע?

— יאָ, זי וועט באַלד קומען.

— אַ דאַנק, ליעבער פריינד! עס איז ווירקליך ניט געפעהרליך. איך האָב נור זייט אַ געוויסער צייט צופיעל דורכגעמאַכט.

— די קאַרעטע איז דאָ! — האָט באַלד נאָכדעם געמעלדעט דער דיענער.

און בערטין, פול מיט געהיימער אונרוהיגקייט, האָט בעגלייט ביז דער הויז־טיר זיין בלייכע און שוואַנקענדע פריינדין, וועמעס האַרץ ער האָט געפיהלט קלאַפען.

ווען ער איז געבליבען אַליין האָט ער ביי זיך געפרעגט: „וואָס איז מיט איהר געוועזען, וואָס זאָל בעדייטען דער דאָזיגער אַנפאַל?" ער האָט געזוכט דעם גרונד און דאָך ניט געהאַט דעם מוט זיך אַליין די זאַך קלאָהר צו מאַכען, הגם ער איז געוועזען גאַנץ נאָהענט צו דער וואהרהייט. צום סוף איז ער צוגעגאַנגען צו דער פראַגע גאַנץ נאָהנט און זיך געזאָגט: „מיינט זי ניט אפשר, אַז איך וויין אַרוים צופיעל אויפמערקזאַמקייט צו איהר טאָכטער? ניין, דאָס וואָלט געוועזען צו נאַריש!" און ווערענד ער האָט אין זיינע געדאַנקען בעקעמפפט די דאָזיגע מעגליכע ערקלעהרונג מיט גאַנץ קלוגע און אויפריכטיג געמיינטע גרינדע, איז ער געוועזען שטאַרק אויפגעבראַכט, וואָס זי האָט זיין נאַטירליכע, כמעט פאָטערליכע צונייגונג צו דער יונגער מיידעל, געקענט כאָטש אויף איין מאָמענט אַזוי שלעכט אויסטייטשען. בים־לאַכווייז איז ער זעהר אין כעס געוואָרען אויף דער גרעפין. ער האָט ניט געוואָלט ליידען פון איהר, אַז זי זאָל אויסטראַכטען פון איהם אַזאַ העסליכע זאַך, אַזאַ שווייגערייו וואָס האָט גאַר קיין נאָמען ניט. און ער האָט זיך פאַרגענומען, ווען ער וועט זי שפּעטער זעהן, איהר זיין מיינונג אָפען, אָהן אַלע קונצען אַרויסצוזאָגען.

ער איז באַלד אַוועק צו איהר, דען ער איז געווען אונגע־דולדיג און געוואָלט וואָס גיכער די ערקלעהרונג אַרויסרופֿען. בעת'ן גאַנצען וועג האָט ער מיט שטייגענדער אויפרעגונג זיך אויסגעאַרבייט אַ גאַנצע קייט פון ווערטער און גרינדע, מיט וועלכע ער וועט זיך געגען אַזאַ פערדאַכט פערטהיידיגען.

ער האָט זי געפונען ליגענדיג אויפ'ן זאָפע מיט אַ ליידענדען אויסדרוק אויפ'ן פּנים.

ער האָט געזאָגט טרוקען:

— יעצט, ליעבע פריינדין, ערקלעהרט מיר, איך בעט אייך, וואָס בעדייטעט די סצענע, וואָס איהר האָט פריהער געמאַכט?

זי האָט געענטפערט מיט אַ געבראָכענער שטימע:

— איהר האָט עס נאָך אַלץ נים פערשטאַנען?

— ניין. געוויס ניט!

— דאָן, אַליוויער, פרעגט אייער אייגען האַרץ.

— מיין האַרץ?

— יאַ, דרינגט אריין אין דער טיעפעניש פון אייער האַרצען.

— איך פערשטעה אייך ניט, איהר מוזט זיך דייטליכער ערקלעהרען.

— טהוט אַ קוק אין דער טיעפעניש פון אייער האַרצען און זעהט צו געפינט זיך דאָרטען ניט אַ געפאַהר פאַר אייך און פאַר מיר.

— איך זאָג אייך נאָך אַמאָל, איך פערשטעה אייך ניט. איך שטויס זיך אָן, אַז אין אייער פאַנטאַזיע שפּינט זיך עפּעס, אָבער מיין געוויסען איז ריין.

— איך רייד ניט פון אייער געוויסען, איך רייד פון אייער האַרץ.

— איך פערשטעה נים קיין רעטענישען, איך בעט אייך, ערקלעהרט מיר דייטליך וואָס איהר מיינט.

דאָן האָט זי אָנגענומען דעם מאַהלער'ס ביידע הענד, זי״

פעסט געדריקט און געזאָגט אזוי ווי יעדעס וואָרט וואָלט איהר די נשמה צוריסען:

— היט זיך, מיין פריינד, איהר פערליעבט זיך אין מיין טאָכטער!

ער האָט האסטיג ארויסגעצויגען זיינע הענד פון איהרע און מיט דער היציגקייט פון א אונשולדיגען זיך גענומען פערטהיידיגען געגען אזא העסליכען פערדאכט, דערביי האָט ער זיך פון זיין זייט אויף איהר בעקלאָגט, פאר וואָס זי קען אזא זאך פון איהם דענקען.

זי האָט איהם א צייט לאַנג געלאָזט רעדען. זי האָט איהם ניט געגלויבט, זי איז געווען זיכער אין איהר זאך און האָט געהאַלטען אין איין טענה'ן:

— אָבער איך פערדעכטיג אייך גאָר ניט, ליעבער פריינד. איהר ווייסט אַליין ניט, וואָס אין אייך געהט פאָר, ווי איך האָב עס נישט געוואוסט ביז היינט אין דער פריה. איהר רעדט אין אזא טאָן, ווי איך וואָלט אייך פאַרגעוואָרפען, אז איהר ווילט אַנגעלע'ן פערפיהרען! ניין, ניין, ניין! איך ווייס דאָך ווי אנשטענדיג איהר זייט, ווי מען קען אייך פערטרויען, בלינד פערטרויען. איך בעט אייך נור איינס, פרעגט אייער הארץ, אייערע נערוועז, אויב די צונייגונג, וועלכע וואַקסט אין אייער הארצען אָהן אייער וויסען און ווילען, איז נישט עטוואָס אנדערעס, ווי איינפאַכע פריינדשאַפט.

ער האָט זיך געבייזערט, איז געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר אויפגערעגט און גע'טענה'ט, אז ער איז אונשולדיג, ווי ער האָט עס געטהאָן אויפ'ן וועג פאר זיך אַליין, בעת ער איז צו איהר געגאנגען.

זי האָט געוואַרט ביז ער האָט אָבגערעדט. דאַן האָט זי א טויט־בלייכע אויסגעשעפּטשעט אָהן צאָרן אָבער מיט פעסטער איבערצייגונג אין קול:

— אליוויער, איך ווייס אַלעס, וואָס איהר זאָגט מיר, און

איך דענק פּונקט אַזוי ווי איהר; אָבער איך האָב קיין טעות ניט בעשטימט ניט. הערט אויס, דענקט אַביסעל נאָך, בעגרייפט, איבערלעגט: מיין טאָכטער איז שטאַרק עהנליך צו מיר, זי זעהט, אונגליקליכערווייזע, אויס, פּונקט אַזוי, ווי איך האָב אויסגעזעהן אַמאָל, אינ׳ם אָנפאַנג פון אונזער ליעבע. איהר מוזט זיך אין איהר פערליעבען!

— אַלזאָ, איהר וואָגט מיר צו זאָגען עטוואָס אַזוינס גלייך אין פּנים אריין — האָט ער אויסגערופען — בלויז אויף דעם גרונד פון דער לעבערליכער טענה: מיין טאָכטער איז עהנליך צו מיר, ער האָט מיך ליעב — וועט ער מיין טאָכטער אויך ליעבען.

אָבער אַזוי ווי ער האָט געזעהן, אַז דער אויסדרוק אויף דער גרעפינ׳ס פּנים ווערט אַלץ מעהר און מעהר פערצווייפעלט, האָט ער פאַרטגעזעצט שוין אין אַ ווייכערען טאָן:

— אָבער ליעבע אננאַ, די קליינע געפעלט מיר דאָך נור דערפאַר, ווייל איך געפין אייך אין איהר צוריק. ווען איך קוק זי אָן, ליעב איך אייך, אייך אַליין!

— יאָ, דערפון לייד איך דאָך טאַקע אַזוי שטאַרק, דערפאַר האָב איך דאָך אַזוי מורא! איהר ווייסט נאָך דערווייל אַליין ניט וואָס איהר פיהלט, אָבער באַלד וועט עס אייך קלאָהר ווערען.

— אננאַ, דאָס איז אַ משוגעת, רעדט ניט אַזוי!

— זאָל איך דאָס אייך בעווייזען?

— יאָ.

— איהר זייט ניט געווען אין ראָנסיערעס זייט דריי יאָהר, טראָץ דעם וואָס איך האָב אייך געבעטען, גערופען; יעצט אָבער ווען מען האָט אייך געמאַכט אַ פאָרשלאָג אונז אָבצונעהמען, זייט איהר געקומען גלייך, אויפ׳ן שטעל!

— דאָס איז נאָך בעסער! איצט ווארפט איהר מיר פאָר, פאַר וואָס איך האָב אייך דאָרט ניט געלאָזען אַליין, ווען איך האָב געוואוסט, אַז איהר זייט קראַנק געוואָרען נאָך דער מוטער׳ס טויט.

— גוט, לאָמיר דאָס צוגעבען! אָבער איצט הערט. איהר האָט אזא בעדירפעניש אַננעלען צו זעהן, אז איהר האָט אפילו איין טאָג ניט געקענט איבערוואַרטען און איהר האָט מיך געבעטען מיט איהר צו אייך צו קומען, אונטער דעם תירוץ, אז איהר ווילט זי מאָהלען.

— און איהר קענט גאָר נישט אַננעהמען, אז דאָס האָב איך אייך געוואָלט זעהן?

— דערמיט ווידערשפּרעכט איהר זיך אַליין! איהר ווילט זיך אַליין איינריידען, אָבער איך זעה אַלעס קלאָהר. הערט ווייטער. פאַרוואָס זייט איהר פאַרגעסטערן, אין אבענד, ווען דער מאַרקיז פאַראַנדאַל איז געקומען, אזוי פּלוצים אַנטלאָפען? קענט איהר עס מיר זאָגען? ווייסט איהר פאַר וואָס?

ער איז געבליבען שטעהן אַ ווײַלע, זעהר ערשטוינט, בעאונרוהיגט און צומישט. די דאָזיגע פראַגע האָט איהם אין גאַנצען פון זיך אַרויסגעבראַכט, דאַן האָט ער געענטפערט לאַנגזאַם:

— יאָ, איך ווייס ניט... איך ווייס טאַקע ניט... איך בין געווען מיעד, און דאַן, אָפען גערעדט, מאַכט מיך דיעזער נאַרישער יונג נערוועז.

— זייט ווען?

— פון שטענדיג אָן.

— ענטשולדיגט מיר, פריהער האָט איהר געהאַט אַ גוטע מיינונג פון איהם, פריהער איז ער אייך געפעלען. אַליוויער, זייט גאַנץ עהרליך!

ער האָט געטראַכט אַ ווײַלע און געענטפערט זוכענדיג די ווערטער:

— יאָ, עס איז מעגליך, אז די גרויסע ליעבע, וואָס איך פיהל צו אייך, האָט מיין מיינונג איבער דעם נול עטוואָס בעאיינפלוסט. אַלעס וואָס געהערט צו אייך איז מיר ליעב און טהייער און ווען איך זעה דעם דאָזיגען נול ערגעץ אַנדערש וואו, איז

ער מיר גאַנץ גלייכגילטיג, אָבער ווען איך טרעף איהם טאָג טעג־ליך ביי אייך, איז ער מיר איינפאַך אונאַנגענעהם.

— מיין טאַכטער'ס הויז וועט דאָך ניט זיין מיין הויז. אָבער גענוג דערפון. איך ווייס, אַז אייער האַרץ איז עהרליך און טריי; איך ווייס, אַז איהר וועט נאָכדענקען וועגען דעם, וואס איך האָב אייך איצט געזאָגט, און ווען איהר האָט איינמאָל נאָכגע־דענקט וועט איהר איינזעהן, אַז איך האָב אייך אויפמערקזאם געמאַכט אויף אַ גרויסע געפאהר אין אַ צייט, ווען עס איז נאָך מעגליך די געפאהר צו פערמיידען. איהר וועט זיך דאַן נעהמען אין אכט. און איצט לאָמיר ריידען וועגען אַנדערע זאַכען.

ער האָט גאָר נישט געענטפערט. ער האָט זיך געפיהלט אונ־אַנגענעהם און אַליין ניט געוואוסט, וואס אייגענטליך אין איהם געהט פאָר. עס האָט זיך איהם פאַרוואָלט בלייבען מיט זיך אַליין, אריינטראַכטען זיך אין דעם אייגענעם איך און קלאָהר ווערען וואס עס טהוט זיך מיט איהם און ער איז אוועק אין איי־ניגע מינוטען ארום נאָכדעם ווי זיי האָבען אַ ווייַלע גערעדט אי־בער גלייכגילטיגע זאַכען.

IV

1.

אַליוויער איז געגאנגען מיט קורצע טריט אהיים, צומישט און צוטראָגען, ווי ער וואָלט ערפאהרען עפּעס א העסליכען פאמיליען־געהיימנים. ער האָט אונטערזוכט זיין הארץ, פּרובירט לעזען יענע פערבאָרגענע בלעטער פון זיין אייגענער נשמה, וועלכע זעהען אויס ווי צוגעקלעפּט איינס צום אנדערען און וועלכע א פרעמדע האנד קען נור מאנכעס מאָל איבערקעהרען, צורייסענדיג זיי. ער אליין האָט אין דער אמת'ן טאקע ניט געגלויבט, אז ער ליעבט אננעלען. די גרעפין, וועמעס אייפערזוכט האָט קיין מאָל ניט גערוהט, האָט פון וויטען די געפאהר ענטדעקט און איהם אויף דעם אויפמערקזאם געמאכט, נאָך איידער עטוואס האָט פּאסירט. אָבער איז די דאָזיגע געפאהר ווירקליך מעגליך געווען? האָט זי געקענט קומען מאָרגען אדער אין א מאָנאט ארום? ער האָט געזוכט ביי זיך אליין אן ענטפער אויף דעם.

נעווים האָט די קליינע אננעלע ארויסגערופען אין איהם א געוויסע צערטליכקייט. אָבער אין דעם מענשען זיינען פאראן אזוי פיעל פערשיעדענע פערלאנגען און אינסטינקטען, אז מען דארף קענען אבטהיילען די אונשולדיגע, די ריינע פון די אונריינע, די טירישע. אָט האָט ער, צום ביישפּיעל, ליעב חיות, איבערהויפּט קעץ, און ער קען ניט קוקען אויף זייער גלאטער, ווייכער פעלכעל, אז עס זאָל זיך אין איהם ניט ערוועקען א פערלאנג זייערע אויסגעבויגענע רוקענס א גלעט צו טהאָן און זייער ווייכע פעל צו קורשען. אין דעם אינטערעס, וואס דאָס יונגע מיידעל האָט אין

איהם אַרויסגערופען איז אויך געלעגען עטוואס פון יענע אונבע־וואוסטע, אונשולדיגע פערלאַנגען.

זיין קינסטלער אויג און זיין בליק אַלס מאַן זיינען צוגעצויגען געוואָרען דורך איהר פרישקייט, דורך איהר בליהענדער יוגענד, דורך די ערוואַכונג אין איהר. און זיין הארץ אין וועלכער אַלע עראינערונגען פון זיינע אמאָליגע בעציהונגען צו דער גרעפין האָבען ווידער אויפגעלעבט, האָט אין דער אויסערגעוועהנליכער עהנליכקייט פון אננעלען צו איהר מוטער געפונען אַן אָבקלאַנג פון זיינע אַמאָליגע געפיהלען, פון קעמפפען, פון פערלאַנגען, וועלכע האָבען זיים דער ערשטער צייט פון זייער ליעבע אין איהם גע־דרימעלט. עס איז מעגליך, אַז זיין הארץ האָט שטאַרקער גע־קלאַפּט ביי דעם געדאַנק וועגען אַ ווידער־אויפלעבונג פון זיין ליעבע, פון זיך אַליין.

יאַ, דאָס איז עס הפנים געוועזן, דער געדאַנק האָט איהם אויפ־גערעגט. ער האָט זיך געפיהלט ערוואַכט, נאָכדעם ווי ער האָט יאָהרען לאַנג געדרימעלט. ווען ער וואָלט ווירקליך, אַליין ניט ווי־סענדיג, די קליינע ליעב געהאַט, וואָלט ער אין איהר געגענ־וואַרט זיך געפיהלט ווידער יונג, פריש, לעבעדיג, גאַר אַ נייער מענש ביי וועמען די ליידענשאַפט האָט דאָס בלוט אָנגעצונדען. אָבער ניין, דאָס קינד האָט נור דאָס פערלאָשענע פייער ווידער אויפגעבלאָזען, דען ער האָט נאָך אַלץ געליעבט די מוטער, איצט פיל־ייכט נאָך מעהר צוליעב דעם וואס איהר טאָכטער האָט איהם אויף איהר יוגענד דערמאָנט. צום סוף האָט ער זיך בערוהיגט מיט דעם פאָלגענדען סאָפּיסטישען געדאַנק: מען ליעבט נור איין מאָל. דאָס הארץ קען אָפט אויפפלאַמען, ווען מען טרעפט אַן אַנדער וועזען, וואָרים יעדער איינער מאַכט אויף אַ צווייטען אַן אַנציהענדע אָדער אָבשטויסענדע ווירקונג. אָט די אַלע ווירקונגען רופען אַרויס די פריינדשאַפט, דעם באַגעהר, דעם וואונש צו בע־זיצען, די ליידענשאַפט, וועלכע פלאַמט אויף און ווערט שנעל ווי־דער פאַרלאָשען, אָבער ניט די אמת'ע ליעבע. אום די ליעבע זאָל

אַרויסקומען, מוזען צוויי מענשען איינער.פאַר'ן צווייטען געבאָרען ווערען, מוזען האָבען אַזוי פיעל געמיינזאַמע שטריכען, אַ גלייכען געשמאַק, פערוואַנדשאַפט אין כאַראַקטער, אין גייסט, אין לעבען און שטערבען. און וואָס מיר ליעבען איז אייגענטליך ניט אַזוי פיעל פרוי עקס, אדער הערר צ., זאָנדערען עס איז אַ פרוי אָדער אַ מאַן, אַ וועזען אָהן אַ נאָמען פון דער גרויסער מוטער נאַטור בעשאַפען מיט אָרגאַנען, אַ געשטאַלט, אַ האַרץ, אַ גייסט, אַ וועזען, וואָס ציהט צו זיך ווי אַ מאַגנעט אונזערע אָרגאַנען, אונזערע אויגען, אונזערע ליפען, אונזערע געדאַנקען און אַלע אונזערע זינליכע און גייסטיגע באַגעהרען. מיר ליעבען אַ געוויסען טיפ, דאַס הייסט אין איין איינציגען מענשען די פערקערפערונג פון אַלע מענשליכע אייגענשאַפטען, וועלכע קענען אונז איינציגווייז בעצויבערען ביי דער אָדער יענער פערזאָן.

פאַר איהם איז די גרעפין גיללעראַי געווען אַזאַ מין טיפ, און די דויערהאַפטיגקייט פון זייער פערהעלטניס, וועלכע איז איהם קיינמאָל ניט מיאוס געוואָרען, האָט עס איהם בעוויזען אויף קלאָהר. און אַזוי ווי אַננעלע האָט אויסגעזעהן פונקט אַזוי ווי די גרעפין האָט אַמאָל אויסגעזעהן, איז דאָך ניט געווען קיין וואונדער, וואָס זיין מענער האַרץ איז אַביסעלע צומישט געוואָרען, אָבער ניט בערוישט אָדער געפאַנגען געוואָרען. ער האָט אַ פרוי געליעבט. אַן אַנדער פרוי, כמעט דיזעלבע ווי די ערשטע, איז פון איהר געבאָרען געוואָרען. ער האָט זיך דאָך ניט געקענט העלפען, ווען אַ קליינער טהייל פון דער ליעבע און צונייגונג, וואָס ער האָט אַמאָל געפיהלט צו דער ערשטער איז אַריבער צו דער צווייטער. אין דעם איז ניט געלעגען קיין שום בייזעס און קיין געפאַהר. נור זיין בליק, זיין געדעכעניש האָבען אַנטהייל גענומען אין דיעזען אויפגעלעבטען געפיהל. אָבער זיין נאַטירליכער אינסטינקט איז ניט אַראָב פונ'ם גלייכען וועג, דען ער האָט נאָך קיין מאָל אויף קיין איין מינוט ניט געהאַט צו דער יונגער מיידעל דעם מינדעסטען זינליכען באַגעהר.

און דאָך האָט איהם די גרעפין אויפגעוואָרפען, אַז ער איז אייפערזיכטיג אויף דעם מאַרקיז! איז דאָס אמת? ער האָט זיך נאָך אַמאָל אויסגעפּרובט און איינגעזעהן, אַז ער איז ווירק־ ליך געווען אַביסעלע אייפערזיכטיג. אָבער איז עס דען געווען אַזאַ וואונדער? איז מען דען ניט יעדען אויגענבליק אייפערזיכ־ טיג אויף וועלכען ניט איז מאַן, וועלכער איז פריינדליך צו אַ פרוי? פיהלט מען דען ניט אין גאַס, אין רעסטאָראַן, אין טעאַטער אַ קליינע פיינדליכע אויפרעגונג צו אַ מאַן, וועלכער געהט פאַרביי אָדער געהט אריין מיט אַ שעהן מיידעל? יעדערער, וואָס בעזיצט אַ פרוי איז אַ קאָנקורענט. אַ מאַן, וואָס האָט עררייכט זיין ציעל איז אַ זיעגער, וועמען די אַנדערע מענער זיינען מקנא.

און דאָך איז אין זיין נשמה פערבליבען אַ ביטערקייט, אַ אונצופריעדענהייט צו זיך אַליין און צו דער גרעפין. וועלען זייערע בעציהונגען דורך דעם פערדאַכט, וועלכען ער האָט גע־ פיהלט וואָך אין איהר, ניט געשטערט ווערען?

איצט האָט ער געמוזט מיט פיינליכער אויפמערקזאַמקייט אַכטונג געבען אויף זיין יעדען וואָרט, יעדען בליק, יעדע טהאַט, יעדע קלייניגקייט אין דער בענעהמונג מיט דער יונגער מיידעל, דען אַלעס וואָס ער האָט געזאָגט און געטהאָן האָט דער מוטער'ס פערדאַכט געקענט פערמעהרען. אהיים האָט ער זיך אומגעקעהרט אין אַ שלעכטען מוט און גענומען רויכערען סיגאַרעטלאַך מיט דער נערוועזיטעט פון אַן אויפגערעגטען מענשען. אומזיסט האָט ער פּרובירט צו אַרבייטען. זיין האַנד, זיין אויג, זיין גייסט האָבען זיך עפּעס אַזוי ווי אָבגעוועהנט פון מאָהלען, עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטען עס פערגעסען, ווי זיי וואָלטען קיינמאָל זיין קונסט ניט געקענט, ניט געאיבט. ער האָט אַרויסגענומען אַ קליין אָנגעהויבען בילד אום עס צו ענדיגען. — אַ ראָג גאַס אויף וועלכער אַ בלינדער בעטלער האָט געזונגען — און מיט אַזאַ גלייכגילטיגקייט, מיט אַזאַ אונפעהיגקייט ווייטער צו אַרבייטען האָט ער אויף זיין ווערק געקוקט, אַז ער איז געבליבען זיצען שטאַר און צושטרייט מיט

דעם פּענזעל אין האַנד און אין גאַנצען פאַרגעסען, וואָס ער האָט געוואָלט טהאָן.

דאַן איז ער פּלוצים געוואָרען אונגעדולדיג, די צייט האָט זיך געשלעפּט לאַנגזאַם, די מינוטען האָבען זיך געצויגען אונ־ערטרעגליך לאַנג. וואָס זאָל ער אָנהויבען צו טהאָן ביז דער צייט פון עסען אין קלוב, וואו זאָל ער זיך אַהין טהאָן אַזוי לאַנג ווי ער קען ניט ארבייטען? דער געדאַנק אַליין צו געהן אין שטאָדט האָט איהם מיעד געמאַכט. עס האָט איהם אָבגעעקעלט פון די טראָ־טואַרען, פון די פאַרבייגעהער, די וועגענס און קראָמען, און די אידעע צו מאַכען וויזיטען, צו טרעפען זיך מיט מענשען האָט ביי איהם אַרויסגערופען עפּעס אַ מין האַס צו אַלע זיינע בעקאַנ־טע.

וואָס זאָל ער פאַרט טהאָן? זאָל ער ארומלויפען אין זיין אַטעליער הין און צוריק און אימער אויפ'ן זייגער קוקען, וועמעס וויזער וועט זיך אויף אַ פּאָר מאָמענטען ווייטער רוקען? אַך, ער האָט גוט געקענט די דאָזיגע וואַנדערונג פון טיר ביז צום שראַנק, אויף וועלכען עס זיינען געשטאַנען טויזענדערליי קליינינ־קייטען. אין די צייטען, ווען ער האָט לייכט געאַרבייט, ווען ער האָט זיך צוואָרימט, ווען זיין גייסט האָט פליגעל בעקומען און ער האָט זיך אַלס שעפער געפיהלט, איז פאַר איהם געווען אַן אַנגענעהמע ערהאָלונג דורך דעם הויכען, בעלעבטען, פון דער אַר־בייט אָנגעוואַרעמטען צימער הין און צוריק צו געהן. אָבער אין די שטונדען, ווען די אַרבייט האָט זיך ביי איהם ניט געקלייעט, ווען איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז קיין זאַך האָט ניט די ווערטה, מען זאָל זי גאָר אָנהויבען, אין יענע עלענדע שטונדען איז דאָס געווען ווי דער איינטאָניגער, מורא'דיגער שפּאַציר־גאַנג פון אַ גע־פאַנגענעם אין זיין קעמערל. ווען ער וואָלט כאָטש קענען שלאָפען, נור איין שעה אויף דער זאָפע ליעגען. אָבער ניין, ער וועט דאָך סיי ווי ניט קענען צומאַכען מיט אַן אויג, ער וועט זיך נור אויפ־רעגען, ביז ער וועט ציטערען פאַר פערצווייפלונג. פון וואַנען האָט

זיך פּלוצים צו איהם געגומען די דאָזיגע שוואַרצע שטימונג? ער האָט אַ טראַכט געטהאָן: „איך מוז איצט זיין זעהר נערוועז, ווען אַזאַ קלייניגקייט ברענגט מיך אריין אין אַזאַ שטימונג.״

ער האָט בעשלאָסען צו נעהמען אַ בוך און עפּעס לעזען. די לעגענדע פון די יאהרהונדערטע איז געבליבען ליעגען אויף דעם גאָרטען־שטול, וואו אַננעלע איז געזעסען. ער האָט זי אויפגע־עפענט, איבערגעלעזען צוויי זייטלאַך פערזען און זיי ניט פערשטאַ־נען. ער האָט ניט בעגריפען קיין איין וואָרט, ווי עס וואָלט אין אַ פרעמדער שפּראַך געשריבען געווען. אָבער ער האָט זיך גע־צוואונגען צו לעזען ווייטער, אום זיך צו פערזיכערען, אויב ער איז ווירקליך ניט אים שטאַנד צו פערשטעהן.

„ניין, מיינע געדאַנקען זיינען ניט דערביי,״ האָט ער גע־זאָגט צו זיך אליין. באַלד אָבער האָט ער זיך בערוהיגט, דען איהם איז איינגעפאַלען אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו פערטרייבען די צוויי שעה, וועלכע זיינען נאָך פאַרבליבען ביז צום עסען. ער האָט גע־הייסען מאַכען אַ וואַגע, האָט זיך אויסגעצויגען אין איהר און איז געבליבען דאָרט ליעגען טרוימענדיג, פון דאָס וואַרימע וואַסער בערוהיגט, ביז דער דיענער איז געקומען מיט די וועש און איהם פון זיין דרימעל אויפגעוועקט. דאַן איז ער אַוועק אין קלוב, וואו זיינע געוועהנליכע פריינד זיינען שוין געווען פערזאַמעלט. ער איז אויפגענומען געוואָרען מיט אָפענע אָרעמס, מיט פריינדליכע בעגריסונגען, ווארום ער האָט זיך שוין עטליכע טעג נאָכאַנאַנד דאָרט ניט געלאָזט זעהן.

— איך קום ערשט צוריק פון קאַנטרי — האָט ער געזאָגט.

אַלע העררן, אויסער דעם לאַנדשאַפט־מאַהלער מאַלדראַנט, האָבען געפיהלט אַ טיעפע פעראַכטונג צו דעם קאַנטרי לעבען. ראַקדיאַנע און לאַנדאַ זיינען אפילו אַמאָל אַהין געגאַנגען אויף יאַגד, אָבער אין פעלד און וואַלד האָט זיי נור פערשאַפט פער־געניגען די פערשיעדענע פויגעל צו שיסען און זיך צוקוקען, ווי פון די קוילען געטראָפענע פאַלען זיי, ווי אַ בינטעל פעדערן צו

דר'ערד. אויסער דעם דאָזיגען הערבסט אדער ווינטער פערגעניגען האָט די קאַנטרי אין זייערע אויגען אויסגעזעהן שרעקליך. ראָק־דיאנע פלעגט אימער זאָגען:

— מיר זיינען יונגע מיידלאך ליעבער, ווי יונגע ארבעס.

דער דינער איז געווען, ווי אימער טומעלדיג, געמיטליך, בע־לעבט פון אַלערליי דיסקוסיאָנען, אבער קיין אונגעוועהנליכעס איז דערביי ניט געשעהן. בערטין האָט גערעדט פיעל אום זיין שלעכ־טען מוט צו פערטרייבען. מען האָט זיך אמוזירט פון זיינע רייד, אָבער אזוי שנעל ווי ער האָט אויסגעטרונקען זיין קאַפע און גע־שפיעלט מיט דעם באַנקיר ליווערדי א פּאַרטיע ביליארד, איז ער אוועק, האָט זיך גענומען ארומטרייבען איבער דער מאדעליינע ביז צו רוע טאיטבאוט, איז דריי מאָל פאַרבייגעלאָפען פאַר דעם וואדעוויל טעאַטער און זיך ניט געקענט ענטשליסען צי זאָל ער אריינגעהן אדער נעהמען א דראָשקע און פאָהרען אין היפּאָדראָם. דאַן איז איהם איינגעפאלען, ער וועט גאָר געהן אין נייעם צירק און ער איז אוועק. אָהן א שום גרונד, אליין ניט וויסענדיג פאַר וואס, האָט ער זיך פּלוצים אומגעקעהרט, און גענומען געהן צום בולוואר מאַלעסהערבעס. ווען ער איז צו דער גרעפין'ס הויז צו־געקומען, האָט ער גענומען געהן מיט לאַנגזאַמע טריט און גע־טראַכט, זי וועט זיך אודאי וואונדערן, ווען איך זאָל היינט ביינאַכט ווידער קומען צו איהר. באַלד אבער האָט ער זיך בערוהיגט, ער האָט זיך איבערלייגט, אז עס איז ניט געפעהרליך, וואס איז דאָ אזוינס, אז ער קומט איהר געוואָהר ווערען נאָך אמאָל?

זי איז געווען אליין מיט אננעלען אין קליינעם סאַלאָן און האָט נאָך אַלץ געארבייט די דעקען פאַר אָרימע לייט.

ווען זי האָט איהם געזעהן אריינקומענדיג האָט זי געזאָגט איינפאַך:

— אַך, דאָס זייט איהר, ליעבער פריינד?

— יא, איך האָב געוואָלט נאָך אמאָל א קוק טהאָן וואס איהר מאַכט.

— אַה, איך פיהל זיך גאַנץ גוט!

זי האָט אַן אויגענבליק געצעגערט, דאַן האָט זי מיט בעדויי־טונג צוגעלייגט:

— און איהר?

ער האָט גוטמוטיג אַ לאַך געטהאַן און געענטפערט:

— אַה, איך פיהל זיך זעהר גוט, זעהר גוט. אייער מורא איז געווען אין גאַנצען אומזיסט.

זי האָט אויפגעהויבען איהרע אויגען, אויפגעהערט צו אַר־בייטען און האָט איהם אַנגעקוקט לאַנגזאַם מיט אַ בליק פול גע־בעט און צווייפעל.

— יאַ, דאָס איז אמת, איך פערזיכער אייך — האָט ער גע־זאָגט.

— איז אודאי גוט — האָט זי געענטפערט, שמייכלענדיג עטוואָס געצוואונגען.

ער האָט זיך געזעצט און צום ערשטען מאָל איז איהם אין דיעזען הויז געווען ניט אַנגענעהם צו מוט. עפּעס אַ מין סאָרט פאַרגליוועריטקייט איז אויף איהם אַנגעפאַלען, נאָך שטאַרקער ווי פריהער, ווען ער איז פאַר דעם לייוואַנד געשטאַנען.

די גרעפין האָט געזאָגט צו איהר טאָכטער:

— דו קענסט פאָרטזעצען, ליעבעס קינד, עס שטערט אונז ניט.

ער האָט געפרעגט:

— וואָס האָט זי דען געטהאַן?

— זי האָט פּראַקטיצירט אויף דער פּיאַנאָ אַ פאַנטאַזיע.

אננעלע איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנאָ; ער האָט איהר ווי אימער נאָכגעפאָלגט מיט די בליקען און זי איז איהם געפעלען. אָבער דאָ האָט ער דערפיהלט דעם קוק פון איהר מוטער און ער האָט זיך שנעל אויסגעדרעהט און זיך גע־מאַכט ווי ער וואָלט אין דעם דונקעלען ווינקעל פון צימער אויף עפּעס געקוקט.

די גרעפין האָט פון איהר ארבייטס טישעל אראבגענומען א גאָלדענע פאפיראָסניצע, וועלכע זי האָט אמאָל פון איהם אלס מתנה געקראגען, האָט עס' געעפענט און איהם דערלאנגט:

— רויכערט, מיין פריינד, איהר ווייסט, אז איך ליעב עס, ווען מיר זיינען אליין.

ער האָט געפאָלגט, און עס האָבען זיך דערהערט די קלאנגען פון דער פיאנא. עס איז געווען א שטיק מוזיק פון דער אלטער צייט, לייכט און שעהן, איינס פון יענע שטיקער, וואס מאכען דעם איינדרוק, אז א מילדער פריהלינגס אבענד מיט דעם שיין פון דער פער׳חלומ׳טער לבנה בענאסען, האָט דעם קאָמפּאָזיטאָר זיין אידעע פארשאפט.

אָליוויער האָט געפרעגט:

— פון וועמען איז די מוזיק?

די גרעפין האָט געענטפערט:

— פון שומאַן. עס איז ניט זעהר פּאָפּולער, אָבער עס איז רייצענד.

דער פערלאנג אננעלען אָנצוקוקען איז אין איהם געוואקסען און געוואקסען, אבער ער האָט עס נישט געוואגט. ער האָט נור געדארפט זיך אביסעלע א קעהר טהאָן, אום פאר דעם ליכט פון די צוויי פלאמען, וואס האָבען די נאָטען בעלויכטען, זי צו זעהן. אָבער ער האָט אזוי שטארק געפיהלט דעם פאָרשעמענדען בליק פון דער גרעפין, אז ער איז געבליבען זיצען אונבעוועגליך, געקוקט פאר זיך, כלומר׳שט מיט די וואָלקענס רויך פון זיין סיגארעט בעשעפטיגט.

גרעפין גיללעראַי האָט געפליסטערט:

— האָט איהר מיר ניט עטוואס צו זאגען?

ער האָט געשמייכעלט:

— זייט ניט בייז, איהר ווייסט דאָך, די מוזיק היפּנאָטיזירט מיך, זי פערשלינגט מיינע געדאנקען, נור נאָך איין מאָמענט, דאַן וועל איך רעדען.

— הערט אַקאָרשט — האָט זי געזאָגט — איך האָב גע־האָט פאַר אייך עטוואָס איינשטודירט, איידער די מאַמע איז גע־שטאָרבען. איהר האָט עס נאָך קיין מאָל ניט געהערט, איך וועל עס אייך שפּעטער, ווען די קליינע וועט ענדיגען, פאַרשפּיעלען. איהר וועט זעהן, ווי מערקווירדיג דאָס קלינגט.

זי האָט ווירקליך געהאַט טאַלענט און אַ פיינעם געפיהל פאַר אַלעם וואָס איז אין די טענער געלעגען. דאָס איז זאָגאַר געווען איינע פון איהרע שטאַרקסטע צוציהונגסקרעפטען, מיט וועלכע זי האָט אויף דעם מאַהלער שטאַרק געווירקט.

אַזוי שנעל ווי אננעלע האָט אָבגעשפּיעלט, האָט זיך די גרע־פין אויפגעהויבען, געזעצט ביי דער פּיאַנאָ און אונטער איהרע הענד האָט גענומען קלינגען אַ זעלטענע מעלאָדיע, וועמעס טע־נער האָבען געקלונגען, ווי קלאַגען, זיך בייטענדע, פערשיעדענע קלאַגען אימער פון איין איינציגען טאָן איבערגעריסען, וועלכער איז נאָכאַנאַנד צוריקגעקומען, האָט אָבגעקלונגען אין מיטען פון דער מעלאָדיע און זי איבערגעריסען, דורכגעשניטען, ווי אַ גע־שריי, אַ דורכדרינגענדער, פערצווייפעלטער אנגסט געשריי פון אַ פערפאָלגטען.

אָבער אָליווער האָט געקוקט אויף אננעלע'ן, וועלכע האָט זיך געזעצט איהם אנטקעגען, און גאָרנישט געהערט און גאָרנישט פערשטאַנען.

ער האָט אָנגעקוקט דאָס מיידעל אָהן אַ שום געדאַנק און זיך אָנגעזעטיגט מיט איהר אָנבליק, פון וועלכען ער איז געצוואונ־גען געווען זיך צו ענטזאַגען, האָט זיך אָנגעטרונקען מיט איהר אָנבליק, ווי מען טרינקט וואַסער, ווען מען איז דורשטיג.

פּלוצים האָט די גרעפין געפרעגט:

— איז דאָס ניט שעהן?

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן און אויסגערופען:

— יאָ, וואונדערבאַר! פון וועמען איז עס?

— איהר ווייסט עס ניט?

— ניין.

— וואָס, איהר ווייסט ווירקליך ניט?

— ניין, ווירקליך.

— פון שובערט.

ער האָט געזאָגט כלומרשט מיט א טיעפער איבערצייגונג :

— דאָן וואונדערט עס מיך ניט, עס איז פראַכטפאָל ! אַך, איך בעט אייך, שפּיעלט עס נאָך אמאָל !

זי האָט אָנגעהויבען פון דאָס ניי. ער האָט אָבגעקעהרט דעם קאָפּ, ווידער בעטראַכט אַננעלע'ן, האָט אָבער צו גלייכער צייט אויך די מעלאָדיע געהערט אום ביידע זאַכען צו געניסען.

ווען די גרעפין האָט זיך דאָן ווידער אויף איהר פּלאַץ געזעצט, האָט ער איינפאַך אויס נאַטירליכער שלויקייט מעהר ניט געקוקט אויף דעם בלאָנדען פּראָפיל פון דער יונגער מיידעל, וועלכע איז געזעסען אַנטקעגען דער מוטער פון דער אַנדערער זייט פון לאַמפּ און געשטריקט.

אָבער וועז ער האָט אפילו אויף איהר נישט געקוקט, האָט ער דאָך געפיהלט איהר געגענוואַרט, ווי מען פיהלט די נאָהענטקייט פון א וואַרימען אויוועז ; און דער פערלאַנג צו כאַפּען א קוק אויף איהר, אַזוי אַז די גרעפין זאָל עס ניט בעמערקען, האָט איהם אַזוי געפּלאָגט, אַז ער האָט זיך געפיהלט ווי א שוהל־איינגעל, וועלכער קוקט אין פענסטער אַרויס, אַזוי שנעל ווי דער לעהרער קעהרט נור אָב דעם קאָפּ.

ער איז פריה אוועקגעגאַנגען, וואָרים זיין צונג איז געוועזן פונקט אַזוי פערגליווערט ווי זיין מאַרך און זיין שטענדיגער שוויי־גען האָט ווידער געקענט אויפפאַלען.

אַזוי שנעל ווי ער איז געוועזן אויפ'ן גאַס, האָט ער געקריגען לוסט זיך דורכצוגעהן, ווייל יעדעס מאָל וואָס ער האָט געהערט מוזיק, האָט עס א צייט לאַנג געקלונגען אין זיינע אויערען און איהם געמאַכט צו טרוימען.

ער איז אוועק לינקס איבער'ן בולוואַר, וואו ער האָט גע־

קענט זעהן די פער׳כשופ׳טע בעלייכטונג פון דעם פארק מאנסעאן און איז אריין אין דער הויפט אלעע, וועלכע איז אין איהר גאנ־צער לייגג בעלויכטען געוועז מיט עלעקטרישע לאמפען. א גאר־טען־וועכטער איז לאנגזאם געגאנגען הין און צוריק; פון צייט־צו־צייט איז א פערשפעטיגטע דראשקע פערבייגעפאהרען, אויף א באנק איז געזעסען א מאן און געלעזען זיין צייטונג פאר דעם בלויען שיין פון א גרויסער לאנטערנע, וואס האט זיך געפונען אויף א בראנזענעם מאסט. אנדערע לאנטערנעס האבען זיך אויפ־געהויבען אין מיטען צווישען די בוימער און האבען געווארפען זייער מעכטיגען שיין אויף די גרינע לאנקעס און באלעבט מיט זייער בלייכער ליכטיגקייט דעם גרויסען עפענטליכע גארטען.

בערטין איז געגאנגען איבער׳ן טראטואר, די הענד אויפ׳ן רוקען פערלייגט און געטראכט וועגען זיין שפאציערגאנג מיט אננעלע׳ן אין דעם אייגענעם פארק, ווען ער האט די שטימע פון איהר מוטער צום ערשטען מאל אין איהר דערקענט.

ער האט זיך ארונטערגעלאזען אויף א באנק, איינגעאטהעמט דעם פרישען הויך פון דאס פייכטע גרינס ארום און זיך דער־פיהלט פול ערווארטונג, פול מיט ליעבעס טרוימען. פריהער האט ער אפט אזעלכע אבענדען געהאט, אבענדען אין וועלכע זיינע גע־דאנקען האבען זיך געטראגען ווייט אוועק, וואו זיין פאנטאזיע האט איהם געמאהלען בילדער פון ליעבע, פון ליידענשאפט, פול מיט פערשיעדענסטע צופאלען, און ער האט זיך געפיהלט עפעס מאדנע, וואס יענע געפיהלען, יענע עמפפינדונגען, וועלכע פאסען זיך מעהר ניט צו זיין עלטער, האבען פלוצים אין איהם ווידער אויפגעלעבט.

אבער אזוי ווי יענער טאן אין שובערט׳ס מוזיק אזוי האט איהם נאכאנאנד ווידער און אבער געהאמערט אין קאפ דער געדאנק וועגען אננעלע׳ן, וועלכע ער האט געזעהן פאר זיך, ווי זי בויגט זיך איבער איהר ארבייט אריבער ביים שיין פון לאמפ, און דער מערקווירדיגער פערדאכט פון דער גרעפין... ניט ווילענדיג

האָט ער שטענדיג וועגען דעם געטראַכט, געזוכט אין דער טיע־פעניש פון דער מענשליכער נשמה אריינצודרינגען, וואו די גע־פיהלען דרעמלען איידער זיי ערוואַכען. דאָס דאָזיגע שטענדיגע טראַכטען און זוכען האָבען איהם אויפגערעגט און אין זיין נשמה האָבען צאַרטע, זיסע טרוימען ערוואַכט. ער האָט דאָס יונגע מיידעל ניט געקענט מעהר פון זיינע געדאַנקען פערטרייבען. ער האָט געטראָגען איהר בילד אין זיך, ווי ער האָט פריהער, ווען די גרעפין איז ביי איהם געוועזען, דאָס מערקווירדיגע געפיהל איינ־געהאַלטען, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט נאָך צווישען די ווענד פון זיין אַטעליער פערבליעבען.

פלוצים האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין:

— עס איז דאָך געוועזען נאַריש פון אַננאַ'ן, וואָס זי האָט מיר געזאָגט, איצט מוז איך נאָכאַנאַנד טראַכטען פון דער קליינער.

ער האָט זיך אומגעקעהרט אַהיים אונרוהיג וועגען זיך אַליין. ווען ער האָט זיך געלייגט אין בעט, האָט ער געפיהלט, אַז ער וועט ניט קענען שלאָפען; אַ מין פיעבער איז דורך זיינע אָדערען דורכגעלאָפען און ערוואַכטע טרוימען האָבען זיין האַרץ געצופּט. ער האָט מורא געהאַט פאַר שלאָפלאָזיגקייט, יענע שלאָפלאָזיגקייט, וואָס קומט פון גרויס אויפרעגונג און ווירקט אַזוי שלעכט אויף די נערוועו און ער האָט געוואָלט פּרובירען עטוואָס לעזען. אָפט האָט איהם אַ קורצער אַרטיקעל אַלס שלאָף־מיטעל געדיענט. ער איז אויפגעשטאַנען, איז אַריין אין ביבליאָטהעק, עפּעס אַ גוטען בוך צו זוכען, אָבער זיינע אויפגערעגטע געדאַנקען האָבען איהם געגען זיין ווילען געפיהרט דערצו, אַז ער זאָל נעהמען עפּעס אַזוינס וואָס זאָל איהם אויפרעגען און ער האָט געזוכט אַ שרייבער, וועל־כער זאָל זיך פּאַסען צו זיין אויפגערעגטער שטימונג. באַלזאַק, וועלכען ער האָט געוועהנליך מעהר פון אַלעמען געליעבט, האָט היינט אויף איהם גאָר קיין שליטה ניט געהאַט; הוגאָ האָט איהם אויסגעזעהן שרעקליך; פון לאַמאַרטין, וועלכער האָט איהם אַי־מער געריהרט, האָט ער גאָרנישט געוואָלט הערען און זעהן, און

האָט זיך דורשטיג אַ כאַפּ געטהאָן צו מוססעט, דעם דיכטער פון דער יוגענד. ער האָט מיטגענומען אַ באַנד צו זיך אין בעט אריין, אום אין איהם אריינצוקוקען.

אַזוי גיך ווי ער איז ווידער געלעגען, האָט ער דורשטיג, ווי אַ שיכור, אין זיך אַריינגעצויגען די לייכטע פערזען פון דעם בעגאַבטען דיכטער, וועלכער האָט, ווי אַ פויגעל, נור דעם מאָרגענשטערען פון לעבען בעזונגען און האָט נור געהאַט טענער פאַר דעם פריהען פריה־מאָרגען, אָבער ניט פאַר דעם גרעלען טאָג; די דאָזיגע פערזען פון אַ דיכטער, וועלכער איז געווען שיכור פון לעבען און האָט זיין שיכרות אויסגעגאָסען אין ליידענשאַפטליכע און נאַאיווע ליעבעס־ליעדער, ווי אַן עכאָ פון אַלע יונגע פערליעבטע הערצער.

בערטין האָט נאָך קיינמאָל ניט געפיהלט אַזוי דעם רייץ פון די דאָזיגע געדיכטע, וועלכע בערוישען די געפיהלען און ריהרען קוים אָן דעם פערשטאַנד. דאָס אויג אויף די גליהענדע פערזען געריכ־טעט, האָט ער זיך ווידער דערפיהלט צוואַנציג יאָהר אַלט און פול האָפנונג און יוגענדליכער בעגייסטערונג, האָט ער כמעט דאָס גאַנ־צע בוך איבערגעלעזען. ווען דער זייגער האָט געשלאָגען דריי, איז ער געווען זעהר ערשטוינט, וואָס ער איז נאָך נישט מיעד. ער איז אויפגעשטאַנען אום דאָס פענסטער צו שליסען און דאָס בוך אוועק־צולייגען. אָבער ווען אויף איהם האָט אַ וועהע געטהאָן די פרישע נאַכט־לופט, האָט ער דערפיהלט, אין דער גאַנצער לייגג פון רוקען, אַ שאַרפען וועהטאָג; זיינע אַלטע ליידען, וועלכע ער פלעגט אין די בעדער פון איקס אויסקורירען, זיינען צוריקגעקומען ווי עפּעס אַן אָנזאָג, ווי אַ דייטליכער וואונק. ער האָט אונגעדולדיג אַ וואָרף געטהאָן דעם דיכטער און געשעפּטצעט: „אַלטער עזעל!" דאַן האָט ער זיך געלייגט צו בעט און אויסגעלאָשען דאָס ליכט.

אויפ'ן צווייטען טאָג איז ער נישט געגאַנגען צו דער גרעפין און האָט זיך שטרענג פאָרגענומען, זי צוויי טעג ניט צו בעזוכען. אָבער וואָס ער האָט ניט פּרובירט טהאָן, ווי אַזוי ער האָט זיך ניט געמאַטערט צו ארבייטען, ווען ער איז שפּאַציערען געגאַנגען אָדער

זיך פון איין הויז צו אַן אַנדערען געשלעפּט, אומעדום האָט איהם נאָכאַנאַנד פערפאָלגט דאָס בילד פון ביידע פרויען.

אַזוי ווי ער האָט זיך אַליין פערבאָטען זיי צו זעהן, האָט ער זיך לייכטער געמאַכט דערמיט, וואָס ער האָט וועגען זיי געטראַכט, און ער האָט זיינע געדאַנקען געלאָזט פריי צו פאַנטאַזירען און זיין האַרץ זיך זעטיגען מיט דער עראינערונג וועגען זיי. עס האָט אָפט פּאַסירט, אַז די צוויי פּנים'ער, וועלכע די איינזאַמקייט האָט איהם אין זיין פאַנטאַזיע געמאָהלען, זיינען געוועזען אַנדערש ווי אין דער ווירקליכקייט; אָפט האָבען זיי זיך דערנעהנטערט איינס צום צווייטען, פאַרבייגעשוועבט, זיך אויסגעמישט, פעראייניגט און געוואָרען נור איין פּנים מיט עטוואָס אונבעשטימטע שטריכען, ניט דער מוטער'ס און ניט אין גאַנצען דער טאָכטער'ס, אָבער דאָס פּנים פון אַ פרוי, וועלכע ער האָט ביז צו משוגעת געליעבט, אַמאָל, איצט, אימער.

דאַן האָט ער געקריגען געוויסענסביסע, וואָס ער לאָזט זיך אַזוי אריין אין די דאָזיגע געפיהלען, וועמעס געפעהרליכע מאַכט ער האָט גוט געוואוסט. ער האָט פּרובירט זיך בעפרייען פון די דאָזיגע געדאַנקען, אַראָבוואַרפען פון זיך די זיסע בערוישענדע טרוי־מען, פּרובירט טראַכטען פון עפּעס אַנדערש, אָבער אומזיסט. אַלע פּראָבען זיך צו צושטרייען האָבען איהם צוריקגעפיהרט צו דעם פּונקט, וואו ער האָט געזעהן פאַר זיך אַ יונג, בלאָנד פּנים, וועלכער האָט זיך עפּעס אַזוי ווי בעהאַלטען, אום איהם צו ערוואַרטען. עס איז געוועזען אַ אונבעשטימטע, אונפריינדליכע ערשיינונג, וועלכע האָט צו איהם געשוועבט, זיך אַרום איהם געדרעהט, איהם געכאַפּט, טראָץ זיינע אַלע בעמיהונגען פון איהר צו אנטלויפען.

און ער האָט ביי זיך געפרעגט: — פיהל איך צו אַננעלע'ן מעהר ווי איך דאַרף? — ער האָט אונטערזוכט זיין האַרץ און אויסגעפונען, אַז ער איז שטערבליך פערליעבט אין אַ גאַנץ יונגע פרוי, וועלכע האָט אַלעס פון אַננעלע'ן. איז אָבער דאָך ניט גע־וועזען זי, און ער האָט זיך בערוהיגט מיט דעם געדאַנקען: „ניין,

איך ליעב די קליינע נים, איך בין נור אן אפפער פון איהר עהנ־ליכקייט".

אָבער די צוויי טעג וואָס ער האָט אין ראנסיערעס פערבראכט, האָבען זיך איינגעפרעסט אין זיין נשמה, ווי א קוואל פון ווארימ־קייט, פון גליק, פון בערוישענדער פרייד. די קלענסטע קליינינ־קייטען זיינען איהם איינס נאָכ'ן אנדערען ווידער אויפ'ן זינען ארויף. דייטליכער, אנגענעהמער, ווי דעמאָלט, ווען זיי זיינען געשעהן. פלוצים, טראכטענדיג וועגען יענע גליקליכע מינוטען, האָט ער דערזעהן פאר זיך דעם וועג, אויף וועלכען זיי זיינען געגאנגען פון בית־עולם, ווען דאָס יונגע מיידעל האָט געריסען בלומען, און פלוצים האָט ער זיך דערמאָנט, אז ער האָט פערשפּראָכען צו קויפען א קאָרנבלום פון סאפּירען, אזוי שנעל ווי זיי וועלען קומען צוריק קיין פאריז.

איצט האָט ער אויפגעגעבען אלע זיינע פריהערדיגע רעזאָ־לוציאָנען, האָט מעהר געגען זיך ניט געקעמפּפט, גענומען זיין הוט און איז אוועק א גליקליכער, מיט דער פרייד, וואס ער וועט איהר פערשאפען.

ווען ער איז געקומען צו די גיללערױס האָט איהם דער דיענער געזאָגט:

— די פרוי גרעפין איז אויסגעגאנגען, אָבער די יונגע גרעפין איז אין דערהיים.

— זאָגט איהר, אז איך וויל מיט איהר רעדען.

דאַן איז ער מיט לייכטע טריט, גאַנץ שטיל, אין סאלאָן אריין, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט מורא געהאט, אימיצער זאָל איהם הערען.

אננעלע איז אריין אין א מינוט ארום.

— גוט מאָרגען, טהייערער מייסטער — האָט זי געזאָגט מיט ווירדע.

ער האָט געלאכט, איהר דערלאנגט די האנד און זיך געזעצט נעבען איהר:

— אַצינד טרעף אַקאַרשט נאָר וואָס איך בין אהער געקומען!

זי האָט געטראַכט אַ פּאָר סעקונדען:

— איך ווייס ניט.

— אום מיט דיר און דער מאַמאַ צו געהן צום יובעליר, אַז דו זאָלסט זיך קענען אויסקלייבען די קאָרנבלום אויס סאַפּירען, וועלכע איך האָב דיר אין ראַנסיערעס פערשפּראָכען.

דאָס יונגע מיידעל האָט גענומען שטראַהלען פאַר גליק:

— אַך —האָט זי געזאָגט — און גראַדע איצט איז די מאַמאַ נישטאָ אין דערהיים. אָבער זי וועט באַלד קומען. ניט אמת, איהר וועט וואַרטען, ביז זי קומט צוריק?

— אויב עס וועט ניט דויערען צו לאַנג!

— אָה, דאָס איז אָבער העסליך, צו לאַנג, מיט מיר! איהר בעהאַנדעלט מיך נאָך אַלץ ווי אַ קינד.

— ניין — האָט ער געזאָגט — ניט אַזוי ווי דו דענקסט.

ער האָט געפיהלט אַ שטאַרקען פערלאַנג, איהר צו געפעלען, צו זיין גאַלאַנט, גייסטרייך, ווי אין די טעג פון זיין יוגענד. ער האָט גערעדט שעהן און קלוג, געשאָטען מיט ווערטלאַך און שעהנע פראַזען, איז געווען אינטערעסאַנט, ווי אין זיינע בעסטע מאָמענטען, און די קליינע, ווען זיינע רייד האָבען הינגעריסען, האָט געענט־פערט מיט דער פיינקייט און שטעכעדיגקייט, וועלכע האָבען זיך אין איהר ענטוויקעלט.

ווען ער האָט איינע פון איהרע מיינונגען בעקעמפט, האָט ער פּלוצים געזאָגט:

— אָבער דאָס האָט איהר מיר שוין ניט איין מאָל געזאָגט, און איך האָב אייך געענטפערט...

זי האָט איהם אונטערבראָכען מיט אַ הויכען געלעכטער:

— הערט זיך צו, איצט זאָגט איהר מיר ניט מעהר דו. איצט דענקט איהר, אַז איהר רעדט מיט דער מאַמען!

ער איז רויט געוואָרען, געשוויגען אַ ווייל און דאַן געשטאַ־מעלט:

— יאָ, די מאמא האָט מיר דאָס שוין טויזענד מאָל געזאָגט.

זיין גייסטרייבקייט, זיינע שעהנע רייד זיינען אויסגעשעפּט געוואָרען, ער האָט שוין איצט ניט געוואוסט, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען און פּלוצים איז איהם בעפאַלען אַ מורא, אַן אנגסט פאַר דער יונגער מיידעל.

— אָט איז די מאמא! — האָט זי געזאָגט.

זי האָט געהערט ווי די טיר פון ערשטען סאַלאָן האָט זיך גע־עפענט, און אליוויער איז געוואָרען פערלעגען, ווי מען וואָלט איהם ביי עפּעס אַן אונרעכט געכאַפּט. ווען די גרעפין איז־אריין, האָט ער איהר ערקלעהרט, ווי ער האָט זיך פּלוצים דערמאָנט אויף זיין פערשפּרעכען און, אַז ער איז געקומען אהער אום זיי ביידע צו אַ יובעליר נעהמען.

— איך האָב דאָ אַ קאַרעטע — האָט ער געזאָגט — איך וועל זיך זעצען אויפ׳ן פאָדערשטען זיץ.

זיי זיינען אוועקגעפאָהרען און אין אַ פּאָר מינוטען אַרום זיינען זיי אריין צו מאָנטארא.

אזוי ווי ער האָט זיין גאַנץ לעבען צוגעבראַכט אין פאַרקעהר מיט פרויען, זיי בעאָבאַכטעט, זיי שטודירט און זיי ליעב געהאַט, שטענדיג זיך בעשעפטיגט מיט זייער געשמאַק, זייער אַרט און וויזע, זייערע טואַלעטען, מיט אַלע זייערע געזעלשאַפטליכע פראַגען און די אינטימסטע קלייניגקייטען פון זייער עקזיסטענץ, האָט ער זיך ביסלעכווייז אויך צוגעוואָהנט אין מאַנכע הינזיכטען צו פיהלען אזוי ווי זיי. און אזוי האָט ער אויך, ווען ער איז אין איינעם פון יענע געשעפטען אריינגעקומען, וואו מען האָט רייצענדע, שעהנע ציערונג פערקויפט, געפיהלט כמעט דעם זעלבען פערגעניגען ווי זיי אליין. אזוי ווי זיי, האָט ער זיך געאינטערעסירט מיט די אַלע קאָקעטע קלייניגקייטען, מיט וועלכע זיי האָבען זיך געפּוצט; פון שעהנע שטאָפען האָבען זיינע אויגען הנאה געהאַט, שפּיצען האָבען איהם צוגעצויגען, זיי אַ טאַפּ צו טהאָן; די אונבעדייטענדסטע קלייניגקייטען פון טואַלעט האָבען צו זיך זיין אויפמערק־

זאַמקיים געצויגען. פאַר די שויפענסטער פון די יובעליר געשעפטען, האָט ער געפיהלט עפּעס אַ מין סאָרט רעליגיעזען רעספּעקט, ווי פאַר דעם גרעסטען הייליגטום, און דער דונקעלער קאָנטער, אויף וועלכען דער יובעליר האָט די וואונדערבאַר בליסטשענדיגע שטיינער אַהין און אַהער געדרעהט, האָט ביי איהם ארויסגערופען אַ געוויסע אכטונג.

אַזוי שנעל ווי די גרעפין און איהר טאָכטער האָבען זיך פאַר דעם דאָזיגען וויכטיגען קאָנטער געזעצט, אויף וועלכען זיי האָבען ביידע מיט אַ נאַטירליכער בעוועגונג די הענד ארויפגעלייגט, האָט ער געזאָגט, וואָס ער וויל זעהן און מען האָט איהם געוויזען אַ פּאָר צייכנונגען פון בלומען.

דאַן האָט מען געבראַכט אויסצוקלייבען סאַפּירען, פון וועלכע פיער זיינען נויטיג געווען. דאָס אויסקלייבען האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט; ביידע פרויען האָבען געדרעהט די שטיינער אַהער און אַהין איבער דעם מיט טוך בעצויגענעם טיש, האָבען זיי גענומען אין האַנד, געלאָזען שימערען אין אַלע זייטען און זיי בעטראַכט ליידענשאַפטליך מיט דער מינע פון מבינים. און אויסגעקליבען די סאַפּירען, האָט מען זיי אָבגעלייגט אָן אַ זייט און גענומען זוכען דריי סמאַראַגדען פאַר די בלעטער, און דאַן אַ קליין בריליאַנט, וועלכער זאָל זיך געפינען אין מיטען, ווי אַ טראָפּען טהוי.

אָליוויער, ווען מען די פרייד צו שענקען פּרעזענטען האָט שטאַרק הינגעריסען, האָט געזאָגט צו דער גרעפין:

— פערשאַפט מיר דאָס פערגעניגען און קלייבט זיך אויס צוויי רינגען.

— איך?

— יאָ. איינעם פאַר אייך און איינעם פאַר אַננעט'ן. ערלויבט מיר זיי אייך צו געבען אַלס אַנדענקען אָן די ביידע טעג, וואָס מיר האָבען פערבראַכט אין ראָנסיערעס.

זי האָט ניט געוואָלט, ער האָט זיך געבעטען, און עס האָט

געפאָלגט אַ לאַנגער קאַפּ פון ווערטער און גרינדע, צום סוף איז ער ניט אָהן מיהע ארויס אַלס זיגער. עס זיינען געבראַכט געוואָרען רינגען, די שעהנסטע אין בעזונדערע קליינינקע קעסטעלאַך, די אַנדערע, אין גרויסע פיערעקיגע קעסטעלאַך, וואו זיי זיינען געלעגען צוזאַמען אויף דעם ווייכען סאַמעט און געפינקעלט אין זייער גאַנצען רייץ. דער מאַהלער האָט זיך געזעצט צווישעןביידע פרויען און אַזוי ווי זיי, האָט ער מיט דעם זעלבען ערנסטען אינטערעס ארויסגענומען די גאָלדענע רינגען פון די שמאָלע שפּאַלטען, וואו זיי האָבען זיך געפונען, איינעם נאָך דעם אַנדערען. דאַן האָט ער זיי אוועקגעלעגט פאַר זיך אויף דעם מיט טוך בעצויגענעם טיש, וואו עס זיינען באַלד אָנגעוואַקסען צוויי גאַנצע הויפענס. איינער פון זיי איז גלייך אין גאַנצען פאַרוואָרפען געוואָרען און איבער דעם צווייטען האָבען זיי זיך נאָך מיישב געווען.

און אַזוי האָבען זיי אַליין ניט בעמערקט, ווי די צייט איז אוועק ביי דער דאָזיגער אויסוואַהל פון די ציערונג. עס איז זיי געווען אַזוי אַנגענעהם, אַזוי זים די דאָזיגע ארבייט, עס האָט זיי אַזוי פיעל פערגעניגען פערשאַפט, אַזוי זיי צושטרייט, ווי אַ שוי־שפּיעל אין אַ טהעאַטער; נאָך מעהר אָבער האָט עס געווירקט אויף די פרויען, ביי וועמען אַזאַ מין פערגעניגען איז ליעבער ווי אַלעס אויף דער וועלט.

דאַן האָט מען די רינגען פערגליכען, דערביי האָט מען זיך ארומגעריסען און צום סוף, נאָך אַ לאַנגען ישוב, האָבען די דריי ריכטער זיך געאייניגט אויף אַ קליינע גאָלדענע שלאַנג, וועלכע האָט צווישען איהר שמאָלען פּיסק און דעם פאַרדרעהטען עק אַ שעהנעם רובין געהאַלטען.

אליוויער איז אויפגעשטאַנען אַ שטראַהלענדער:

— איך לאָז אייך איבער מיין קאַרעטע — האָט ער געזאָגט — איך האָב נאָך עפּעס צו בעזאָרגען און מוז גלייך אוועק.

אָבער אַנגעלע האָט געבעטען איהר מוטער צו געהן צופוס אַהיים, ווייל דער וועטער איז אַזוי שעהן.

די גרעפין האָט איינגעוויליגט, און נאָכדעם ווי זיי האָבען גע־דאַנקט בערטין׳ען, איז זי אַרויס מיט איהר טאָכטער אין גאַס.

אַ צייט לאַנג זיינען זיי געגאַנגען שווייגענדיג און זיך גע־פרעהט מיט די פּרעזענטען, וואָס זיי האָבען געקריגען. דאַן האָבען זיי גערעדט פון די אַלע טהייערע שטיינער, וועלכע זיי האָבען נור וואָס געזעהן און אין זייערע הענד געהאַלטען. זייערע געדאַנקען זיינען נאָך פול געוועזן מיט עפּעס אַ מין בלישטשען און פינקלען און אויפ׳ן הארצען איז זיי פון דעם אַלעמען געוועזן לייכט און פרעהלאַך. זיי זיינען געגאַנגען שנעל דורך דעם גרויסען עולם מענ־שען, מיט וועלכען עס איז פול דער טראָטואַר אין אַ זומערדיגען פאַרנאַכט.

מענער האָבען זיך אומגעדרעהט און אָנגעקוקט אננעלע׳ן, און בעת זיי זיינען פערבייגעגאַנגען האָבען זיי געלאָזט פאַלען אַ פּאָר בעוואונדערענדע ווערטער. עס איז געווען צום ערשטען מאָל, זייט זיי זיינען אין טרויער, זייט די שוואַרצע פאַרב האָט די שטראַה־לענדע שעהנהייט פון איהר טאָכטער שאַרפער אַרויסגעוויזען, וואָס די גרעפין איז מיט איהר אין פּאַריז אויסגעגאַנגען. און דאָס גע־פיהל, אַז אננעלע מאַכט אין גאַס אויף אַלעמען אַן איינדרוק, אַז זי ציהט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די מענער, אַז מען שעפּטשעט זיך וועגען איהר, האָט ביסלעכווייז שוואַך געמאַכט איהר הארץ און אַרויסגערופען אין איהר שמערצליכע, ביטערע געפיהלען, ווי יענעם אבענד, ווען מען האָט אננעלע׳ן מיט איהר בילד פערר־גליכען. אָהן איהר אייגנעם ווילען האָט זי בעאָבאַכטעט די בליי־קען, מיט וועלכע מען האָט געקוקט אויף אננעלע׳ן; זי האָט גע־פיהלט, ווי פון ווייטען שטרייפען זיי אויך איהר פּנים און דאַן געהען די בליקען אַריבער אויף דעם בלאָנדען קאָפּ נעבען איהר און בלייבען דאָרטען איינגעגעסען. זי האָט פערשטאַנען און געזעהן אין זייערע אויגען די פּלוצימדיגע און שטומע בעוואונדערונג פאַר דער אויפנעבליהטער שעהנהייט, פאַר דעם גאַנצען רייף פון איהר פרישקייט, און זי האָט געטראַכט: „אַזוי בין איך אויך אַמאָל

געוועז, אויב נישט שעהנער". פּלוצים האָט זי אַ טראַכט געטהאָן וועגען אַליוויער און אַזוי ווי אין ראַנסיערעס האָט איהר באַ־הערשט אַ שטאַרקער אונווידערשטעהליכער פערלאַנג צו אַנטלויפען.

זי האָט ניט געוואָלט בלייבען מעהר אין דער העלער ליכ־טיגקייט, צווישען דעם עולם מענשען, וואו זי האָט געזעהן די דאָזיגע אַלע מענער, וועלכע האָבען זי איגנאָרירט. די צייט איז געלעגען ווייט הינטער איהר און דאָך נאָך אַזוי נאָהענט, ווען זי האָט גע־זוכט אַ פערגלייך מיט איהר טאָכטער, ווען זי האָט אַלעס געטהאָן, אום אַזאַ פערגלייך אַרויסצורופען. ווער אָבער פון די אַלע פער־בייגעהער האָט זיי היינט געקענט פערגלייכען? איין איינציגער האָט אפשר פריהער ביים יובעליר וועגען דעם געטראַכט — ער. אַך, ווי זי האָט געליטען! האָט ער ניט שטענדיג געמוזט מאַכען דעם דאָזיגען פערגלייך? ער האָט דאָך זיי ניט געקענט זעהן צוזאַמען, אָהן דעם, אַז ער זאָל ניט טראַכטען וועגען דעם; אָהן דעם, אַז ער זאָל זיך ניט דערמאָנען אָן דער צייט, ווען זי, אויך אַזאַ פרישע, אַזאַ שעהנע פלעגט קומען צו איהם אין הויז.

— איך פיהל זיך ניט גוט — האָט זי פּלוצים געזאָגט — לאָמיר נעהמען אַ דראָשקע, מיין קינד.

אַננעלע האָט געפרעגט צושראָקען:

— וואָס איז דיר, מאַמאַ?

— אָט, גאָרנישט. דו ווייסט דאָך, זייט די באַבע איז גע־שטאָרבען, קריעג איך אָפט אַזעלכע אָנפעלע.

V

פיקסע אידעען, איינרעדענישען, עסען זיך איין אין א מענשען און זויגען איהם אויס ווי אונהיילבארע קראַנקהייטען. האָבען זיי זיך איין מאָל אין אַ קאָפּ ארייננעכאַפּט, צושטערען זיי איהם, לאָזען איהם אויף קיין איין מינוט ניט אָב, לאָזען איהם ניט דענקען וועגען קיין אנדער זאַך, זיך אינטערעסירען מיט עפּעס אַנדערעס, געפינען פערגעניגען אין אירגענד וואָס. וואו די גרעפין האָט זיך ניט געפונען, ביי זיך אָדער צו גאַסט, אַליין אָדער אין געזעלשאַפט, אין ערגעץ האָט זי ניט געקענט לויז ווערען פון דעם געדאַנק, וועלכער האָט זי בעהערשט זייט זי איז מיט דער טאָכטער פונ׳ם יובעליר אַהיים געגאַנגען: „איז אליוויער ניט געווען כמעט געצוואונגען זיי צו פערגלייכען. ווען ער האָט זיי טאָג־טעגליך געזעהןביידע צוזאַמען?״

געוויס האָט ער עס געמוזט טהאָן, ווילענדיג צי ניט ווילענדיג. און די דאָזיגע עהנליכקייט פון איהר, ווי זי איז אַמאָל געווען און דער טאָכטער, ווי זי איז יעצט, האָט איהם זיכער אויך געמוזט פּלאָגען. און יעדעס מאָל, ווען ער איז צו איהר געקומען, האָט זי גלייך וועגען דעם געטראַכט, עס געלעזען אין זיין בליק, געפיהלט עס מיט איהר הארצען און געליטען. דאַן האָט זי געפיהלט אַ בעדערפעניש, זיך צו בעהאַלטען, צו פערשווינדען, זיך איהם מעהר ניט ווייזען נעבען איהר טאָכטער.

יעדע קלייניגקייט האָט איהר פערשאַפט ליידען. זי האָט זיך ניט געפיהלט מעהר היימיש אין איהר אייגענעם הויז. דאָס געפיהל, אַז זי האָט איהר קרוין פערלאָרען, וואָס זי האָט צום ערשטען

מאָל געפּיהלט יענעם אבענד, ווען אַלע אויגען האָבען זיך געווענ־דעט צו אַנגעלע׳ן אונטער איהר בילד, האָט געמאַכט פאַרטשריטע און איהר אָפּט צו פערצווייפלונג געבראַכט. און בּיסלעכווייז נעגען איהר אייגענעם ווילען האָט זיך אין איהר ערוועקט אַ וואונש פון דער טאָכטער בעפרייט צו ווערען, זי פון הויז אוועקצושיקען ווי אַ גאַסט, וועלכער בלייבט צו לאַנג און פאַלט צו לאַסט. מיט אונ־בעוואוסטער געשיקטליכקייט האָט זי שטענדיג געאַרבייט אויף דעם דאָזיגען פּלאַן, געטריעבען פון דער נויטווענדיגקייט צו קעמפּפען פאַר דעם מאַן, וועלכען זי האָט געליעבט, וועלכען זי האָט געוואָלט איינהאַלטען.

אַזוי ווי זי האָט ניט געקענט צואיילען אַנגעלע׳ס פערלאָבונג, וועלכע איז צוליעב דעם טרויער אָבגעלייגט געוואָרען אויף אַ קורצער צייט, איז אויף איהר אָנגעפאַלען אַ בעשטימטע מורא, אַז עפּעס אַדער עמיצער זאָל דעם שידוך אין גאַנצען ניט קאַליע מאַכען. און גאַנץ אונבעוואוסט האָט זי געזוכט אין אַנגעלע׳ס הארצען ליעבע צום מאַרקיז צו ערוועקען. אַלע כיטראַסטען, וואָס זי האָט אַזוי לאַנג אָנגעווענדעט, אום אָליווער׳ן צו זיך צו צובינדען, האָט זי איצט אויסגענוצט, אום דעם מאַרקיז מיט איהר טאָכטער צוזאַמענ־צובריינגען אַזוי, אַז ביידע מענער זאָלען זיך ניט טרעפען.

אַזוי ווי דער מאַהלער האָט סיסטעמאַטיש געאַרבייט יעדען טאָג און איז זעלטען ווען אַוועק פון דערהיים צו פריהשטיק, צו זיינע פריינד איז ער אימער געקומען נור אין די אבענדען, האָט די גרעפין אָפּט איינגעלאַדען דעם מאַרקיז צו פריהשטיק. ער איז געקומען און פערשפּרייט אַרום זיך די פרישקייט פון דער אין־דער־פריהעדיגער לופט, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון זיין שפּאַציער־רייט. ער האָט פרעהלאַך גערעדט וועגען אַלע פערשיעדענע זאַכען פון דער געזעלשאַפט, מיט וועלכע עס בעשעפטיגען זיך טאָג־טעגליך די רייטער אויף די אַלעען פון דער באָאיס דע בולאָן. אַנגעלע׳ן האָט פערשאַפט פערגעניגען איהם אויסצוהערען און זי האָט זיך שטאַרק געאינטערעסירט מיט די אַלע פיקאַנטע זאַכען, וואָס ער

האָט איהר מיטגעטהיילט. א יוגענדליכע נאַהעגטקייט איז צווישען זיי ענטשטאַנען, א גוטע קאמעראדשאַפט, וועלכע די געמיינזאַמע ליי־דענשאַפט פאר ספאָרט און פערד האָט גאַנץ נאַטירליך אין זיי ארויסגערופען. ווען ער איז אוועק האָבען דער גראַף און די גרעפין איהם שטארק געליבט, האָבען געזאָגט ווענען איהם דאָס, וואָס האָט זי געקענט פאראינטערעסירען אין איהם און דאַן איהר געגעבען אָנצוהערענישען, אז ווען זי זאָל נור ווילען, קען זי איהם קריעגען.

דאָס האָט זי, אייגענטליך, זעהר שנעל פערשטאַנען און זי איז געווען גאַנץ איינפערשטאַנען צו נעהמען דעם שעהנעם יונג פאַר א מאַן, וועלכער אויסער אַלע אַנדערע שעהנע זאַכען, וועט איהר פערשאַפען דאָס וואָס זי האָט מעהר פון אַלעס געליעבט, ער וועט איהר אויסנעהמען יעדען פריהמאָרגען אין די באַאים רייטענדיג אויף א פייערדיגען פערד.

אין א געוויסען טאָג זיינען זיי געוואָרען פערלאָבט. עס איז געקומען גאַנץ נאַטירליך פון זיך אַליין, זיי האָבען זיך מיט א שמייכעל די הענד דערלאַנגט און גערעדט פון דער חתונה, ווי פון א לאַנג אָבגעמאַכטער זאַך. דאַן האָט דער מארקיז געגומען איהר בריינגען פרעזענטען. די הערצאָגין האָט אַנגעלע׳ן בעהאַנדעלט ווי איהר אייגענע טאָכטער. די גאַנצע זאַך איז דאַן צווישען זיי אָב־געמאכט און בעשלאָסען געוואָרען און דער מארקיז, וועלכער איז געווען פאַרטהאָן מיט פיעלע אַנדערע זאַכען, האָט געהאַט א סך בעקאַנטע, געוויסע געוואָהנהייטען און פליכטען, איז אין אבענד גע־קומען זעהר זעלטען.

דערפאַר איז געקומען אליוויער. ער האָט רעגעלמעסיג געגע־סען ביי זיינע פריינד און פלעגט זיך אויך ווייזען אונערוואַרט אין אבענד, אום צווישען צעהן און האַלבער נאַכט דאָרט א גלאָז טהעע צו טרינקען.

אזוי שנעל ווי ער איז אין צימער אריין, האָט איהם די גרעפין פאָרשענדיג אָנגעקוקט, מיט דעם וואונש צו ערגרינדען, וואָס ביי

איהם אויפ'ן הארצען קומט פאר. ער האט ניט געקענט א בליק טהאן, א בעוועגונג מאכען, אז זי זאל דערפון גלייך ניט ציהען געוויסע שליסע און אימער און אויביג האט איהר געפלאגט דער געדאנק: „עס איז אונמעגליך, ער זאל זיך אין איהר ניט פער־ליעבען, ווען ער זעהט אונז צוזאמען”.

אויך ער האט פרעזענטען געבראכט. עס איז ניט אוועק א וואך, אז ער זאל ניט קומען מיט צוויי קליינע פעקעלאך אין האנד, פון וועלכע ער האט איינעם דער מוטער און איינעם דער טאכטער געגעבען, און די גרעפין האט יעדעס מאל געעפענט די שאכטעלאך, וועלכע האבען אפט גאנץ טהייערע ציערונג ענטהאל־טען, מיט הארץ קלאפעניש. זי האט גאנץ גוט געקענט די דאזיגע לוסט צו שענקען, וועלכע זי, אלס פרוי, האט קיין מאל ניט געקענט בעפריעדיגען, די לוסט עטוואס מיטצוברענגען, פרייד צו פערשאַ־פען, פאר אימיצען עפעס אויסצוזוכען אין די קראמען, געפינען עפעס א קלייניגקייט, וואס איהם וועט געפעלען.

אמאל, פריהער, האט דער מאהלער דיעזע לוסט געהאט, און אפט האט זי איהם געזעהן אריינקומענדיג מיט דעם זעלבען שמייכעל, דער זעלבער בעוועגונג, מיט א פעקעלע אין האנד. שפעטער האט זיך די דאזיגע לוסט איינגעשטילט, און איצט האט זי זיך אויף דאס ניי ערוועקט. פאר ווימען? זי האט עס גוט געוואוסט. עס איז ניט געווען פון איהרטוועגען.

ער האט איהר אויסגעזעהן מיעד, אויסגעמאגערט. דערפון האט זי געדרונגען, אז ער האט געליטען. זי האט פערגליכען זיין ארט און ווייזע אריינצוקומען, זיין אויסדרוק, זיין בענעהמונג מיט דער האלטונג פון מארקיז, אויף וועמען אננעלע'ס חן האט אויך גענומען ווירקען. און זי האט אין זיי געפונען א גרויסען אונ־טערשיעד: פאראנדאל'ן איז אננעלע געפעלען, אליוויער בערטין האט זי געליעבט. אין די דאזיגע שטונדען, ווען זי האט זיך אליין געמאטערט, געמוטשעט און אנאליזירט, האט זי אין דעם פעסט גע־גלויבט; ווען אבער זי איז רוהיגער געווארען, האט זי נאך גע־

האָפּט, ווער ווייס, אפשר האָט זי אַ טעות. ווען זי איז מיט איהם אליין געבליעבען, איז זי געווען בערייט, איהם צו פרעגען, איהם צו בעטען, צו קליאַנטשען, ער זאָל איהר אַלעס מודה זיין, זאָל פון איהר גאָרנישט בעהאַלטען. עס איז איהר ליעבער צו וויסען דעם אמת, צו קענען זיך גוט אויסוויינען אויף איהר אונגליק אין גע־וויםהייט, איידער אַזוי אין שטענדיגע צווייפעל צו ליידען און ניט קענען לעזען אין זיין פערשלאָסענעם הארצען, אין וועלכען זי האָט געזעהן אַ נייע ליעבע שפּראָצען און וואַקסען.

די דאָזיגע הארץ, צו וועלכער זי איז געווען צוגעבונדען מעהר ווי צו איהר לעבען, וועלכע זי האָט אַזוי לאַנג געהאַלטען אין איהרע הענד, וועלכע זי האָט מיט איהר צערטליכקייט געוואָרעמט און בעשאָטענט צוועלף יאָהר נאָכאַנאַנד, אין וועלכער, זי האָט גע־מיינט, אַז זי איז זיכער, אַז זי האָט געוואונען, ערָאבערט, גע־פאַנגען, צו זיך צוגעשמיעדט ביז צום סוף פון איהר לעבען, דיעזע הארץ האָט זיך איצט פון איהר אָבגעקעהרט דורך אַן אונבע־גרייפליכען, אַ מורא׳דיגען, אַ שרעקליכען צופאַל — עס האָט זיך פלוצים פאַר איהר פערשלאָסען. זי האָט ניט געקענט מעהר מיט אַ וואָרט פון ליעבע דאָרט אריינדרינגען. וואָס טויג די ליעבע, וואָס טויג די איבערגעבענהייט, ווען דער, וועמען איהר האָט אייער גאַנצען איך, אייער גאַנץ לעבען, אַלעס, אַלעס אויף דער וועלט אוועקגעגעבען, ווערט אייך פלוצים אונטריי, ווייל אַן אנדער פּנים איז איהם בעסער געפעלען און ער ווערט אייך אין פערלויף פון אַ פּאָר טעג אין גאַנצען אַ פרעמדער.

אַ פרעמדער? ער, אַליוויער? ער האָט גערעדט צו איהר ווי פריהער, מיט דיזעלבע ווערטער, דער זעלבער שטימע, דעם זעלבען טאָן. און דאָך האָט זיך צווישען זיי אוועקגעלייגט עטוואָס אונערקלעהרליכעס, אונפאַססבאַרעס, אונבעזיעגבאַרעס; עטוואָס, וואָס איז געווען כמעט ווי גאָרנישט, אָבער דאָס דאָזיגע גאָרנישט איז געשטאַנען צווישען זיי ווי אַן אייזערנע וואַנד.

און עס האָט זיי געטריעבען איינעם פון דעם אַנדערען. ער

האט זיך דערוויטערט פון איהר טאג איין טאג אוים מיט יעדען בליק וואס ער האט אויף אננעלע'ן געווארפען.

ער אליין האט ניט געזוכט זיך קלאהר צו מאכען. ער האט געפיהלט דאס אויפבליהען פון א נייער ליעבע, געפיהלט יענע אונווידערשטעהליכע צוציהונגס קראפט, אבער ער האט עס ניט געוואלט פערשטעהן, ניט געוואלט וועגען דעם טראכטען און זיך געלאזט פיהרען פון דעם צופאל פון לעבען.

ער האט געוואלט נור איין זאך, צו דינער און אין אבענד זיין צוזאמען מיטביידע פרויען, וועלבע זיינען צוליעב דעם טרויער ניט נעגאנגען אין געזעלשאפט. און אזוי ווי ער האט ביי זיי געטראפען נור גלייכגילטיגע מענשען, מייסטענס די קארבעללס און מוסאדיע, האט ער זיך געקענט איינריידען, אז ער איז כמעט אליינער אליין מיט זיי אויף דער גאנצער וועלט, און אזוי ווי ער האט דארט ניט געזעהן די הערצאגין און דעם מארקיז, וועלכע פלעגען דארט געוועהנליך פערברענגען ביינאג, האט ער זיך געסטארעט אן זיי אין גאנצען צו פערגעסען, איבערהויפט נאך, וויל ער האט געגלויבט, אז די חתונה איז אבגעלייגט געווארען אויף א ווייטע, א אונבעשטימטע צייט.

אגב האט אננעלע אין זיין געגענווארט קיינמאל ניט גערעדט פונ'ם מארקיז פאראנדאל. האט זי עס געטהאן אוים אינסטינקטיווען שאמגעפיהל, אדער פיליכט האט זי מיט דעם שארפזין פון איהר פרויען הארץ זיך אנגעשטויסען אויף דעם, וואס זי האט נאך אויף קלאהר ניט געוואוסט?

די וואכען זיינען געלאפען איינע נאך דער אנדערער, קיין זאך האט זיך ניט געענדערט אין דעם דאזיגען לעבען; דער יעסען איז געקומען און די זיצונגען אין דער דעפוטאטען קאמער זיינען צוליעב געוויסע פאליטישע פערוויקלונגען פריהער ווי געוועהנליך איינבערופען געווארען.

אין דעם טאג פון דער קאמער ערעפענונג האט גראף גיללעראי, נאך א פריהשטיק אין זיין הויז, געזאלט מיטנעהמען די הערצאגין

דעמאָרטעמאַין, דעם מאַרקיז און אַנגעלע׳ן אין פּאַרלאַמענט. נור די גרעפין, וועלכע איז גערן וועוען צו זיין אַליין מיט איהר שטענדיג וואַקסענדע שמערץ, האָט ערקלעהרט, אַז זי וויל בלייבען אין דער־היים.

נאָכ׳ן פריהשטיק זיינען זיי אַלע אויפגעשטאַנען אין דעם בעסטען מוט און זיינען אריין אין גרויסען סאַלאָן טרינקען קאַפּע. דער גראַף איז געווען גליקליך דערמיט, וואָס ער וועט זיך ווידער קענען נעהמען צו זיין פּאַרלאַמענטאַרישע ארבייט, זיין איינציגען פּערגעניגען און ער האָט גערעדט כמעט קלוג און בעגייסטערט אי־בער דער הערשענדער לאַגע און די שוועריגקייטען, וועלכע עס שטעהען פאָר דער רעפּובליק. דער מאַרקיז, וועלכער איז שוין יעצט געוועזן אין גאַנצען פערליעבט, האָט געענטפערט לעבהאַפט קוקענדיג דערביי אויף אַנגעלע׳ן; און די הערצאָגין איז מיט דעם גליק פון איהר פלימעניק געווען כמעט פונקט אַזוי גליקליך ווי מיט די שוועריגקייטען פון דער רעפּובליק. אין סאַלאָן איז געווען וואַרעם, ווי עס איז געוועהנליך אין אַ צימער, וואו די אויוועגס ווערען צום ערשטען מאָל ווידער געמאַכט. אין דער דאָזיגער זאַאַל אין וועלכען דער קאַפּע האָט געשמעקט, האָט געהאַט אין זיך עטוואָס אינטימעס, געמיטליכעס, צופריעדענעס. פּלוצים האָט זיך די טיר געעפענט און אליוויער בערטין איז אריין.

ער איז געבליבען שטעהן אויפ׳ן שוועל אַזוי דערשראָקען, אַז ער האָט געצעגערט אריינצוגעהן, איבערראַשט ווי אַ בעטראָגע־נער מאַן, וועלכער כאַפּט זיין פרוי ביי אַ אונטרייהייט. אַ פּלוצימ־דיגער כעס און אַזאַ אויפרעגונג זיינען אויף איהם אָנגעפאַלען, אַז ער האָט אין איין רגע דערפיהלט ווי שטאַרק ער ליעבט. אַלעס וואָס מען האָט פון איהם בעהאַלטען, און וואָס ער האָט פון זיך אַליין פערבאָרגען, איז איהם אין איין אויגענבליק קלאָהר געוואָרען, ווען ער האָט דערזעהן דעם מאַרקיז, היימיש ווי אַ חתן, אין דיעזען הויז.

אין אַן אַנפאַל פון פערצווייפלונג האָט ער בעגריעפען אַלעס,

אַלעס וואָס ער האָט ניט געוואָלט וויסען, וואָס מען האָט איהם ניט געוואַגט צו זאָגען. אָבער ער האָט זיך ניט געפרעגט, פאַרוואָס מען האָט פון איהם בּיזהאַלטען די אַלע פאָרבערייטונגען צו דער חתונה. ער האָט זיך אַנגעשטויסען אויף דער אורזאַכע, זיין בליק איז געוואָרען האַרט און איז געפאַלען אויף דער גרעפין, וועלכע איז רויט געוואָרען. זיי האָבען זיך פערשטאַנען.

ווען ער האָט זיך געזעצט, זיינען אַלע אויף א ווײַלע אַנשוויי־גען געוואָרען. ווייל זיין פּלוצימדיגער אַריינקומען האָט די אונטער־האַלטונג איבערגעריסען. דאַן האָט די גרעפין גענומען מיט איהם רעדען. ער האָט געענטפערט קורץ, מיט א קאַלטען טאָן, אין גאַנצען א פאַרענדערטער.

ער האָט געקוקט אַרום זיך אויף די אַלע מענשען וועלכע האָבען ווידער אָנגעהויבען צו רעדען און געזאָגט צו זיך אַליין: „זיי אַלע האָבען מיך פאַר'ן נאָז געפיהרט, מיך בעטראָגען, אָבער דאָס וועט זיי טהייער קאָסטען". אַם מייסטען האָט ער בעשולדיגט די גרעפין און אַננעלע'ן. וועמעס פאַלשקייט האָט איהם פון זיך אַרויסגעבראַכט. דאַ האָט דער גראַף אַ קוק געטהאָן אויפ'ן זייגער און אויסגערופען:

— עס איז צייט צו געהן — דאַן האָט ער זיך געווענדעט צום מאַהלער:

— מיר קלייבען זיך צו דער ערעפענונג פון דעפּוטאַטען קאַ־מער. מיין פרוי בלייבט דאָ אַליין. ווילט איהר מיט אונז מיט־געהן? דאָס וועט אונז פערשאַפען גרויס פערגעניגען.

אַליוויער האָט געענטפערט טרוקען:

— ניין, אַ דאַנק. אייער דעפּוטאַטען קאַמער אינטערעסירט מיך ניט.

דאַן איז אַננעלע צוגעגאַנגען צו איהם און געזאָגט אויף איהר איינשמייכלענדיגען שטייגער:

— אַך, קומט דאָך מיט אונז, גרויסער מייסטער, איך בין זיכער,

אַז איהר וועט אונז בעסער אונטערהאַלטען, ווי אַלע אַבגעאָרדענ־טע!

— ניין, ניין. איהר וועט זיך שוין אַמוזירען אָהן מיר אויך.

זי האָט דערפיהלט, אַז ער איז אונצופריעדען און טרויעריג. און אום איהם פריינדליכקייט צו ווייזען, האָט זי געבעטען נאָך אַמאָל:

— קומט מיט אונז, הערר מאַהלער, איך פערזיכער אייך, איך קען אָהן אייך זיך ניט אַמוזירען!

ער האָט זיך ניט געקענט מעהר צוריקהאַלטען, ניט געקענט זיך בעהערשען און אַ פּאָר ווערטער האָבען זיך ביי איהם ארויס־געריסען פול ביטערקייט, פול גאַל:

— אַך, נאַרישקייטען, איהר קענט אויך אויסקומען אָהן מיר, ווי אַלע אַנדערע!

עטוואָס ערשטוינט איבער זיין טאָן, האָט זי אויסגערופען:

— נו, נו! איצט רופט מען מיך שוין ווידער ניט מעהר „דו"!

ארום זיין מויל האָט זיך אוועקגעלייגט אַ ביטערער שמייכעל, וועלכער האָט דעם גאַנצען שמערץ פון זיין נשמה געצייגט, און ער האָט זיך פערנייגט:

— איך מוז זיך דאָך היינט־מאָרגען דערצו צוגעוואָהנען.

— וואָרום?

— ווייל איהר געהט הייראַטען, און אייער מאַן, ווער ער זאָל ניט זיין, וועט האָבען דאָס רעכט צו דענקען, אַז עס איז ניט פּאַסענד איך זאָל אייך „דו" זאָגען.

די גרעפין האָט געזאָגט שנעל:

— וועגען דעם וועלען מיר צייט האָבען שפּעטער צו דענקען. איך האָף אָבער, אַז אַננעלע וועט ניט הייראַטען מיט אַ מאַן, וועל־כער וועט זעהן עטוואָס אונפּאַסענדעס אין דער פערטרויליכקייט פון אַן אַלטען פריינד.

דער גראַף האָט אויסגערופען:

— נו, שנעל, שנעל, מיר מוזען געהן, אז ניט קומען מיר צו שפּעט!

און אַלע, וועלכע האָבען איהם געוואָלט בעגלייטען, זיינען אויפגעשטאַנען און מיט איהם אוועק נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך מיט די איבעריגע געזעגענט און די גרעפין און איהר טאָכטער האָבען זיך צוקושט, ווי זיי פּלעגען עס אימער טהאָן ביים קומען און אוועקגעהן.

זיי זיינען געבליעבען אַליין, ער און זי, הינטער דער צוגעמאַכטער טיר.

— זעצט זיך, מיין פריינד — האָט זי געזאָגט ווייך.

אָבער ער האָט געענטפערט כמעט מיט רוגזה:

— ניין, איך געה אויך.

זי האָט געפּליסטערט בעטענדיג:

— אָבער פאַרוואָס?

— ווייל איצט איז ניט קיין צייט, ווי עס שיינט! פערצייהעט מיר, וואָס איך האָב ניט געלאָזט פריהער מעלדען וועגען זיך.

— אָליוויער, וואָס איז מיט אייך?

— גאָרנישט! עס טהוט מיר לייד, וואָס איך האָב די לוסטיגע געזעלשאַפט, וועלכע איהר האָט זיך צוזאַמענגערופען, צושטערט.

זי האָט גענומען זיין האַנד:

— וואָס מיינט איהר? זיי האָבען געמוזט אוועקגעהן, ווייל זיי האָבען געוואָלט זיין צו דער קאַמער ערעפענונג. איך האָב געוואָלט בלייבען. עס איז איין געגענטהייל געווען אַ גוטע אידעע פון אייך וואָס איהר זייט היינט, ווען איך בין אַליין, צו אונז געקומען.

ער האָט געלאַכט:

— יאָ, אַ גוטע אידעע, זעהר אַ גוטע!

זי האָט איהם אָנגענומען פאַרביידע הענד, איהם אריינגעקוקט אין די אויגען און געשעפּטשעט שטיל:

— זייט זיך מודה, אז איהר ליעבט זי!

ער האָט ארויסגעריסען זיינע הענד, דען ער האָט מעהר ניט געקענט בעהערשען זיין אונגעדולד און ארויסגערעדט:

— איהר זייט פעררי‍קט אין דעם גראנק!

זי האָט איהם ווידער צוגעצויגען צו זיך, האָט זיך איינגעגעסען מיט איהרע קראמפהאפטע פינגער אין זיין ארבעל און זיך גע־בעטען:

— אליוויער! זייט זיך מודה, זייט זיך מודה! מיר איז ליעבער, אז איך זאָל וויסען; איך בין זיכער, עס איז בעסער, ווען איך וויים עס. איהר קענט זיך גאָרנישט פאָרשטעלען, וואָס פון מיין לעבען איז געוואָרען!

ער האָט א דריק געטהאָן מיט די אקסלען:

— וואָס קען איך העלפען, בין איך דען שולדיג, ווען איהר פערליערט דעם קאָפּ?

זי האָט איהם אוועקגעשלעפּט אין דעם צווייטען סאלאָן, וואו מען זאָל זיי ניט קענען בעאָבאכטען, זיי נאָכשפּיאָנירען. האָט איהם געצויגען פאר'ן רעקעל, קלאמערענדיג זיך אָן איהם, א בלאסע און אָהן אָן אָטהעם. ווען זי איז צום קליינעם, רונדען דיוואן צוגעקומען, האָט זי איהם געצוואונגען זיך דאָרט אנידערצוזעצען און אליין זיך געזעצט נעבען איהם:

— אליוויער, מיין פריינד, מיין איינציגער פריינד! איך בעט אייך, זאָגט מיר, אז איהר ליעבט זי! איך וויים עס, איך פיהל עס אין אלעס וואָס איהר טהוט, איך קען גאר אין דעם ניט צווייפלען. דאָס איז מיין טוידט, אָבער איך וויל עס פון אייער אייגען מויל הערען.

און אזוי ווי ער האָט זיך נאָך אלץ געוועהרט, האָט זי זיך אראָבגעלאָזען אויף די קניע צו זיינע פים און געזאָגט מיט א ציטערענדען קול:

— אך, מיין פריינד, מיין פריינד, מיין איינציגער פריינד! ליעבט איהר זי ווירקליך?

ער האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן זי אויפצוהויבען און האָט אויס־גערופען:

— אָבער ניין, ניין, איך שוועהר אייך, ניין!

זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנד, אום זיין מויל צו פאַרמאַ־כען, און געשטאַמעלט:

— לייגט נישט, איך לייד צופיעל!

דאַן האָט זי דעם קאָפּ אויף זיינע קניע אַרונטערגעלאָזען און גענומען שלוכצען.

ער האָט נור געזעהן איהר נאַקען, איהרע געדיכטע בלאָנדע האָר מיט אַ סך ווייסע זשמוטעס אויסגעמישט און אַ אונענדליכער מיטלייד און אַ אונענדליכער שמערץ האָט איהם זיין האַרץ צו־ריסען.

ער האָט איינגעגראָבען אַלע פינף פינגער אין איהרע גע־דיכטע לאָקען, אויפגעהויבען איהר קאָפּ און אַריינגעקוקט אין איהרע פערצווייפעלטע אויגען, פון וועלכע שטראָמען טרעהרען האָבען זיך געגאָסען, און דאַן האָט ער איין מאָל נאָך אַן אַנדערן צוגעפּרעסט זיינע ליפּען צו די דאָזיגע פאַרוויינטע אויגען:

— אַננאַ! אַננאַ! מיין ליעבע, ליעבע אַננאַ!

דאַן האָט זי פּרובירט אַ שמייכעל טהאָן און מיט דער שלוכצענדער שטימע פון אַ קינד, וועמען דער שמערץ דערשטיקט, האָט זי געזאָגט:

— אַך, ליעבער פריינד, זאָגט מיר נור, אַז איהר האָט מיר נאָך אַביסעלע ליעב!

ער האָט זי ווידער גענומען קושען:

— יאָ, איך ליעב אייך, מיין געליעבטע אַננאַ!

זי איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך ווידער נעבען איהם געזעצט, גענומען זיין האַנד און געזאָגט צערטליך:

— מיר ליעבען זיך שוין אַזאַ לאַנגע צייט, עס האָט זיך ניט געדאַרפט אַזוי ענדיגען!

ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך און געפרעגט:

וואָרום זאָל עס זיך דען ענדיגען?

— ווייל איך בין אַלט. און אַנגעלע זעהט אויס צו עהנליך צו מיר, ווי איך בין אַמאָל געווען, ווען איהר האָט מיך דערקענט.

איצט האָט ער איהר צוגעמאַכט מיט זיינע שפּיץ פינגער דעם מויל, דעם דאָזיגען מויל, וועלכער האָט אַזוי פיעל ליידען אויסגע־דריקט, און געזאָגט:

— אָבער איך בעט אייך, איך בעט אייך, רעדט ניט מעהר דערפון! איך שווער אייך, אַז עס איז נישט אמת!

זי האָט זיך גענומען בעטען אויף דאָס ניי:

ווען איהר וואָלט מיך וועלען אביסעלע ליעב האָבען!

ער האָט געזאָגט נאָך אַמאָל:

— יאָ, איך ליעב אייך!

דאַן זיינען זיי אַ צייט לאַנג געבליעבען זיצען שטיל, האַנד אין האַנד, טיעף בעוועגט, און טיעף טרויעריג. צום סוף האָט זי אונטערבראָכען די שטילקייט און ארויסגעשעפּטשעט:

— אַך, נישטאָ שוין מעהר קיין גליק פאַר מיר אויף דער וועלט!

און ער האָט געענטפערט:

— איך וועל זיך בעמיהען, אייך גליקליך צו מאַכען!

ביסלאַכווייז איז דונקעל געוואָרען, פאַרנאַכטיגע שאָטענס האָבען זיך איבער'ן סאַלאָן פערשפּרייט און זיי אַלץ מעהר און מעהר אין דער דונקעלהייט פון אַ יעסענדיגען אבענד איינגעהילט.

דער זייגער האָט געשלאָגען.

מיר זיינען דאָ שוין אַזוי לאַנג — האָט זי געזאָגט — געהט בעסער אוועק. עמיצער קען אָנקומען און מיר זיינען אין אַזאַ אויפגערעגטען צושטאַנד.

ער האָט זיך אויפגעהויבען, זי ארומגענומען און געקושט ווי אַמאָל, איהר האַלב אָפענעם מויל, דאַן זיינען זיי ביידע צוריקגע־גאַנגען דורך די ביידע סאַלאָנען געאַרעמט ווי מאַן און פרוי.

— אדיע, מיין פריינד!

— אדיע, מיין פריינדין!

די טיר האָט זיך געשלאָסען הינטער איהם.

ער איז ארונטער פון די טרעפּ, און אוועק צו דער מאדעליינע צו. ער איז געלאָפען אליין ניט ווימענדיג וואוהין, שטארק צו־טראָגען, ווי נאָך אַן אונגליק, שאָקלענדיג זיך אויף די פיס און מיט א ציטערדענדיגען הארצען. און צוויי דריי שטונדען נאָכאנאנד איז ער ארומגעגאנגען שפּאַציערען קוקענדיג פארטראכט פאר זיך און ניט וויסענדיג וואו ער געהט, פּיזיש און גייסטיג אין גאנצען צובראָכען און קוים, קוים שלעפּענדיג די פיס. דאַן האָט ער זיך אומגעקעהרט אהיים, אום נאָכצודענקען.

ער האָט אלזאָ געליעבט דאָס יונגע מיידעל! יעצט ערשט האָט ער בעגריפען, וואָס ער האָט געפיהלט אין איהר געגענווארט, פון יענער צייט אָן, ווען ער האָט אין פּארק מאָנסעאָן פון איהר מויל דעם קלאַנג פון א ליעבער, קוים ווידערדערקענטער שטימע געהערט, א שטימע, וועלכע האָט אמאָל זיין הארץ אָנגעצונדען. און עס איז איהם קלאָהר געוואָרען ווי ביסלעכווייז איז אין איהם ווידער ער־וואכט געוואָרען דער אמאָליגער שלעכט פארלאָשענער, ניט גאָר אָבגעקידלטער פייער.

וואָס זאָל ער טהאָן, וואָס קען ער טהאָן? ער וועט זיך סטארען נאָך איהר חתונה, זי צו זעהן וואָס ווייניגער. דאָס איז אלעס. ביז דאַן אָבער, וועט ער ווי אלע מאָל געהן צו איהרע עלטערען אין הויז, אום אז קיינער זאָל ניט קריעגען קיין פערדאכט, און זיין געהיימניס זאָל בלייבען פערבאָרגען פון דער גאנצער וועלט.

ער האָט געגעסען אין דערהיים, וואָס ער האָט געוועהנליך קיין מאָל ניט געטהאָן. דאַן האָט ער געהייסען איינהייצען דעם גרויסען אויווען אין אַטעליער, ווייל צו דער נאכט איז געוואָרען זעהר קאלט. אין דערזעלבער צייט האָט ער בעפעהלען אָנצוציגדען דעם היינגלייכטער, עפּעס ווי ער וואָלט מורא געהאט פאר די דונקעלע ווינקלען, און ער האָט זיך אין צימער איינגעשלאָסען. אויף איהם איז אָנגעפאלען א זעלטזאמע, אונאויסשפּרעכליך שווע־

רע, טרויעריגע שטימונג און די דאָזיגע שטימונג האָט ער געפיהלט אין האַלז, אין דער ברוסט, אין די מוסקעלען און אין זיין צובראָ־כענער נשמה. די ווענד פון צימער האָבען איהם געשטיקט; אָט דאָ איז געלעגען זיין גאַנצעס לעבען, זיין לעבען אַלס קינסטלער און אַלס מענש. יעדע צייכנונג, וואָס איז דאָ געהאַנגען, האָט איהם דערמאָנט אויף אַן ערפאָלג, יעדע שטיקעל מעבעל האָט געהאַט פאַר איהם אַן עראינערונג. אָבער דער ערפאָלג און די עראינע־רונגען זיינען געווען פאַרביי און זיין לעבען האָט איהם אויסגע־וויזען קורץ, פוסט און וויסט. ער האָט בילדער געמאָהלען, ווידער און אָבער, אָבער און ווידער בילדער געמאָהלען און איין פרוי גע־ליעבט... ער האָט געטראַכט וועגען אַבענדען פון איבערמענשליכער אויפרעגונג נאָך די צוזאַמענקונפטען אין אָט דעם זעלבען אַטעליער. נעכט גאַנצע איז ער דאָ אַרומגעלאָפען אַ צוהיצטער, מיט פיבער אין אַלע אָדערן. דאָס גליק פון ליעבע, דאָס גליק פון דעם ערפאָלג אין דעי וועלט, דאָס גאַנץ בעזונדערע גליק פון בעריהמטקייט האָבען איהם אונפערגעסליכע שטונדען פון געהיימען טריאומף פערשאַפט.

ער האָט אַ פרוי געליעבט און דיזע פרוי איהם. זי האָט זיין האַרץ כמעט מיט געוואַלד געעפענט און איצט האָט ער עס ניט געקאָנט מעהר צושליסען. אַן אַנדער ליעבע האָט זיך געגען זיין ווילען אין דער עפענונג אַרנגע׳גנב׳עט, אַן אַנדערע, אָדער בעסער געזאָגט, די זעלבע נור אויף דאָס נייע אויפגעפלאַקערט דורך אַ ניי פנים; דיזעלבע ליעבע, נור נאָך פאַרשטאַרקט דורך דער בעדירפעניש, וואָס קומט מיט דער עלטער, צו ליעבען, צו פערעהרען. יאָ, ער האָט געליעבט דאָס יונגע מיידעל. ער האָט מעהר ניט גע־קענט קעמפפען דאַגעגען, מעהר ניט געקענט ווידערשטעהן, עס ניט געקענט מעהר פאַרלייקענען. ער האָט זי געליעבט פערצוויי־פעלט, וויסענדיג, אַז זי וועט זיך אויף איהם קיין מאָל ניט דער־באַרימען, אַז זי וועט אפילו קיין מאָל ניט וויסען וויפיעל קוואַלען ער איז צוליעב איהר אויסגעשטאַנען, און וויסענדיג, אַז אַן אַנדערער

וועט מיט איהר הייראטען. ביי דעם דאָזיגען געדאַנק, וועלכער האָט איהם אָהן אויפהער געפּלאָגט, וועלכען ער האָט בשום אופן ניט געקענט פון זיך פערטרייבען, האָט איהם אָנגעכאַפּט א טיערישע לוסט צו האווקען ווי א הונד אויפ'ן קייט. דען ער האָט זיך געפיהלט פונקט אזוי מאַכטלאָז און וועהרלאָז, ווי יענער. וואָס מעהר ער האָט געטראַכט, אַלץ נערוועזער איז ער געוואָרען. מיט גרויסע טריט איז ער געלאָפען איבער דעם יום־טוב'דיג בעלויכטענעם ציי־מער. און ווען ער האָט מעהר ניט געקענט אַריבערטראָגען דעם שמערץ, וואָס די אָפענע וואונד האָט איהם פערשאַפט, האָט ער איהם געוואָלט פערטויבען, פערטרינקען אין דער עראינערונג פון אמאָליגער צערטליכקייט. ער האָט ארויסגענומען פון א שאַפע די קאָפּיע פון דער גרעפינ'ס בילד, וועלכע ער האָט פריהער געמאַכט פאַר זיך האָט זי אַוועקגעשטעלט אויף דער מאָהל־ברעט און זיך געזעצט אַנטקעגען. ער האָט געזוכט זי צו בעלעבען, זי ווידער צו זעהן אזוי, ווי ער האָט זי אמאָל געליעבט, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען, אַנגעלע איז פון דער לייוועגד ארויסגעשפּרונגען. די מוטער איז פארשוואונדען, צורונען געוואָרען, און אויף איהר פּלאַץ האָט זיך בעוויזען דער אַנדער פּנים, וועלכער איז אזוי עהנליך גע־ווען צו דיעזען בילד. דאָס איז געווען די קליינע מיט איהרע עטוואָס העלערע האָר, איהר עטוואָס פרעכערען שמייכעל, וועלכער האָט געהאַט אין זיך עטוואָס רייצבאַרעס און ער האָט געפיהלט, אז ער געהערט איהר מיט לייב און זעעלע, ווי א שיף אָהן א רודער געהערט צו די כוואַליעס.

דאַן איז ער אויפגעשטאַנען און אומגעדרעהט דאָס בילד, אום ניט צו זעהן זי מעהר פאַר די אויגען. און א טרויעריגער איז ער אוועק אין שלאָף־צימער, צו ברענגען דעם שופליאַד פון זיין שרייב־טיש וואו עס זיינען געלעגען אַלע בריעף פון דער געליעבטער. זיי האָבען דאָרט געשלומערט, ווי אין א בעט, איינער נעבען אַנדערן און געבילדעט א דיקען הויפען פון דינע בלעטלאַך פּאַפּיער. ער האָט אריינגעשטעקט זיינע הענד אין דעם דאָזיגען ים פון ווערטער,

וועלכע האָבען פון זיי געדרעז'ט, אין וועלכען זייער אַלטע ליעבע איז געשוואומען ער האָט בעטראַכט דעם שמאָלען, היל־צערנעם טויטען קאַסטען, אין וועלכען די דאָזיגע מאַסען בריעף זיינען געלעגען און איבעראַל און אומעדום האָט ער זיין נאָמען געזעהן, נור זיין נאָמען. ער האָט געטראַכט פון דעם, אַז די ליעבע, די צערטליכע פערבינדונג פון צוויי וועזענס, די געשיכטע פון צוויי הערצער איז דאָרט דערצעהלט געוואָרען, אין יענעם הויפען געל־געוואָרענע פאַפּיערלאַך מיט די רויטע שטעמפּלען. ער האָט זיך אַריבערגעבויגען איבער זיי און אַ הויך פון אַלטקייט, אַ מעלאַנכאָלישער הויך פון פערשלאָסענע בריעף האָט איהם אַ וועה געטהאָן אַנטקעגען.

ער האָט זיי געוואָלט לעזען נאָך אַמאָל און זוכענדיג אינ'ם שופליאָד האָט ער אַרויסגענומען אַ פּאַק בריעף פון גאָר דער ערשטער צייט. אַזוי שנעל ווי ער האָט זיי געעפענט, זיינען ער־אינערונגען פון זיי אַרויסגעשטיגען, בעשטימטע עראינערונגען, וועל־כע האָבען זיין נשמה בעוועגט. ער האָט דערקענט בריעף, וועלכע ער האָט וואָכען לאַנג געטראָגען ביי זיך, און איהר שעהנע האַנד־שריפט האָט איהם דערמאָנט אָן גליקליכע צייטען, אָן שוין לאַנג פערגעסענע טרוימען. פּלוצים האָט ער דערפיהלט אַ דינע, גע־שטיקטע טאַשענטיכעל אין האַנד. וואָס איז דאָס געווען? ווי אַזוי איז עס געקומען אהער? אַ מינוט האָט ער געטראַכט, דאַן האָט ער זיך דערמאָנט. איין מאָל, אין אַ געוויסען טאָג, האָט זי ראָ ביי איהם געוויינט, ווייל זי איז געוואָרען אַביסעל אייפערזיכ־טיג, און ער האָט ביי איהר צוגענומען די פון טרעהרען נאַסע טי־כעל, אום עס צו בעהאַלטען.

טרויעריגע עראינערונגען! טרויעריגע עראינערונגען! אָרי־מע פרוי!

פון דער טיעפעניש פון שופליאָד, פון דער טיעפעניש פון זיין פערגאַנגענהייט זיינען אַלע עראינערונגען אויפגעשטיגען, ווי אַ לייכטער וואָלקענדעל רויך: דאָס איז געווען דער רויך פון זיין

פערגאַנגענעם לעבען. דאָך האָט ער אַזוי שטאַרק געליטען דער־פון, און בעת ער האָט די בריעף געלעזען האָט ער געוויינט, ווי מען בעוויינט טויטע ווען זיי געהען פון דער וועלט אַוועק.

אָבער אַנשטאָדט דער אַלטער ליעבע, וועלכע ער האָט געזוכט אין זיך צו ערוועקען האָט אין זיין הארצען ארויסגעשפּראָצט אַ נייע, יונגע, אונווידערשטעהליך זיסע צערטליכקייט, וועלכע אַנ־נעלע׳ס שטראַהלענדיג פּנים האָט אין איהם אַרויסגערופען. די מוטער האָט ער געליעבט פרייוויליג און איצט האָט ער אָנגע־הויבען צו ליעבען דאָס יונגע מיידעל ווי אַ שקלאַף, ווי אַן אַלטער ציטערענדער שקלאַף, אויף וועמען מען האָט ארויפגעוואָרפען קיי־טען, וועלכע ער קען ניט צובּרעכען.

דאָס אַלעס האָט ער געפיהלט מיט זיין גאַנצער נשמה און איז געווען ענטזעצט איבער זיך אַליין.

ער האָט געזוכט זיך קלאָהר צו מאַכען ווי אַזוי און מיט וואָס זי האָט איהם אַזוי צו זיך צוגעשמיעדט. ער האָט איהר געקענט אַזוי ווייניג. זי איז דאָך נאָך גאָר ניט געווען קיין פרוי, זי, וועמעס הארץ און נשמה איז נאָך פון לעבען ניט בעריהרט גע־וואָרען.

און ער איז שוין יעצט געשטאַנען כמעט ביים סוף פון זיין לעבען! ווי אַזוי האָט איהם דאָס דאָזיגע קינד געקענט פאַנגען בלויז מיט דעם שמייכעל און די בלאָנדע געקרויזטע האָר?... אָך, דיעזער שמייכעל, די האָר פון דער קליין בלאָנד מיידעל האָט ביי איהם אַרויסגערופען אַ פערלאַנג, זיך צו וואַרפען אַן דר׳ערד און זיך דעם קאָפּ צו צושלאָגען.

וויים מען עס דען, וועט מען עס ווען עס איז אויסגעפינען, פאַרוואָס אַ פּנים פון אַ פרוי ווירקט פּלוצים אויף אונז ווי אַ זיסער סם? עפּעס אַזוי ווי מען וואָלט עס מיט די אויגען געטרונ־קען און עס וואָלט אַזוי אין דעם מאַרך און אין גאַנצען לייב אַרוי־בער; מען ווערט שיכור, משוגע, מען לעבט פאַר דעם דאָזיגען

בילד, וועלכעס האָט אייך אין גאַנצען בעהערשט און מען וואָלט וועלען שטאַרבען דערפאַר.

אליוויער בערטין האָט ווידער גענומען געהן הין און צוריק. עס איז געוואָרען אַלץ שפּעטער און שפּעטער אין דער נאַכט. דער פייער אין אויוועז איז אויסגעגאַנגען, דורך די גרויסע, גלעזערנע שויבען איז פון דרויסען די קעלט אריין. דאַן האָט ער זיך גע־לייגט אין בעט און האָט ווייטער געטרוימט און ווייטער געליטען, ביז עס איז טאָג געוואָרען.

גאַנץ פריה איז ער אויפגעשטאַנען, ניט וויסענדיג וואָרום, ניט וואָס ער זאָל טהאָן, נערוועז, אונענטשלאָסען, ווי א זיך אהער און אהין דרעהענדיגע וועטער־פאָהן. ער האָט געזוכט צושטרייאונג פאַר זיין גייסט, בעשעפטיגונג פאַר זיין קערפּער און האָט זיך דער־מאָנט, אַז אין דיעזען טאָג יעדע וואָך קומען זיך די מענער פון זיין קלוב צוזאמען אין א טערקישער באָד, וואו זיי פריהשטיקען אַלע צוזאמען נאָך דעם מאַסאַזש. ער האָט זיך שנעל אָנגעטהאָן אין דער האָפנונג, אַז א שוויצבאָד און די פאַרע וועלען איהם בע־רוהיגען און ער איז אוועקגעגאַנגען.

אַזוי שנעל ווי ער איז אין דרויסען ארויס, האָט ער דער־פיהלט א שניידענדע קעלט. יענע שאַרפע קעלט פונ׳ם ערשטען פראָסט, וועלכע דער׳הרג׳עט אַלעס, וואָס איז נאָך פון זומער איבער־געבליעבען.

אין דער גאַנצער לייננ פון די בולווארען האָבען זיך געשאָטען גרויסע, געלע בלעטער, זיך געשאָטען און געפאַלען צו דר׳ערד מיט א טרוקענעם און לייכטען גערויש. ווי וויים די אויג האָט געקענט כאַפּען האָט מען זיי אַלץ געזעהן פאַלענדיג און פאַלענדיג, פון איין זייט פון דער ברייטער גאַס ביז צו דער צווייטער, צווישען די הויכע הייזער, ארום אַלע בוימער, ווי אַן אייזיגער מעסער וואָלט זיי דאָרט אַלע אין איין צייט ארונטערגעשניטען. די טראָ־טואַרען און די גאַס אין מיטען איז געווען פול באַדעקט מיט זיי, ווי די וואַלד־וועגען שפּעט אין יעסען. די געלע פאַרוועלקטע בלע־

טער האָבען גערוישט אונטער די פיס און זיינען פון צייט צו צייט אונטערכאַפּט געוואָרען פון ווינד, וועלכער האָט זיי געדרעהט אין דער לופטען ווי אַ ווירבעל ווינד.

עס איז געווען איינער פון יענע איבערגאַנגסטעג, וועלכע מאַכען אַ סוף צו איין יאהרעס צייט און ברייננען דעם אָנהויב פון אַ צווייטער. די לופט איז דאַן געוועהנליך אָנגעפילט מיט פרישקייט, אָדער מיט טרויעריגקייט, די טרויעריגקייט פון דעם אָבשטאַרבען אָדער דער לוסטיגקייט פון דעם יונגען זאַפט, וועלכער שפּראָצט פון דער נאַטור אַרויס.

ווען בערטין איז אַריין אין דער טערקישער באָד, נאָך דעם שפּאַציער אין דער אייז קאַלטער לופט, איז אַ ליעבע וואַרימקייט איהם איבער אַלע גליעדער אַריבער. ער האָט זיך שנעל אויסגעטהאָן, אַרויפגעוואָרפען אויף די לענדען אַ לייכטע טוך, וועלכע אַ אינגעל האָט איהם דערלאַנגט און איז פערשוואונדען הינטער דער גרויסער טיר, וואָס מען האָט פאַר איהם געעפענט.

אַ שטראָם הייסע, ערשטיקענדע לופט, ווי פון אַ קאַלך־אויווען האָט איהם אַ זעץ געטהאָן אַנטקעגען און איהם דעם אָטהעם פאַרהאַקט. ער איז דורכגעגאַנגען אַ גאַלערעע, וועלכע איז געווען בעלויכטען מיט צוויי אָריענטאַלישע לאַנטערנעס. אַ הויכער, שטאַרקער נעגער, אָנגעטהאָן בלויז אין אַ פּאָר קורצע הייזלאַך, מיט אַ גלאַנציגען קערפּער און שטאַרקע מוסקעלען, האָט זיך אַ לאָז געטהאָן אין פאָראויס און פונאַנדערגעעפענט אַ פאָרהאַנג און בערטין איז אַריין אין אַ גרויסע, הויכע, רונדע באָד, וואָס האָט געהאַט אין זיך עטוואָס מיסטישעס, ווי אַ טעמפּעל. אין דעם ריעזיגען, רונדען זאַאַל, וואו די ווענד זיינען, נאָך אַראַבישער אַרט, געווען מיט אַ קאַכעל בעשלאָגען, האָט דאָס ליכט אַריינגעשיינט פון אויבען פון דער קופּעל און פון די קאָלירטע, גלעזערנע שויבען.

לאַנגזאַם, פול ווירדע, ניט ריידענדיג אַ וואָרט, זיינען מענער פון יעדען עלטער, כמעט אין גאַנצען נאַקעט, אַרומגעגאַנגען אַהין און צוריק, אַנדערע זיינען געזעסען מיט פאַרלייגטע הענד אויף

מאַרמאָרנע ביינק, און נאָך אַנדערע האָבען שטיל גערעדט צווישען זיך.

די הייסע לופט האָט פערהאַקט דעם אָטהעם, אַזוי שנעל ווי מען איז נור אַהין אַריין. דער דאָזיגער ערשטיקענדער, דעקאָריר־טער צירק, וואו דאָס מענשליכע פלייש האָט זיך געוואַרעמט, וואו די מאַסאַזשיסטען, נעגערס און מורען, מיט זייער בראָנז פאַרביגער הויט זיינען געלאָפען אַהער און אַהין, האָט געהאַט אין זיך עטוואָס אונגעוועהנליכעס, עטוואָס געהיימניספאָלעס.

דער ערשטער בעקאַנטער, וועמען ער האָט דערזעהן, איז געווען גראַף לאַנדאַ. ווי אַ רוימישער רינג קעמפפער, שטאָלץ אויף זיין מעכטיגער ברוסט און די שטאַרקע אָרעמס, האָט ער געטראָ־טען איבער'ן זאַאל. ער איז אימער אַהער געקומען און האָט זיך דאָ געפיהלט ווי אַ שוישפּיעלער אויף דער ביהנע, בעת מען אַפּ־לאָדירט איהם. אַלס קענער האָט ער געאורטהיילט איבער די מוס־קעלען פון אַלע שטאַרקע מענער פון פּאַריז.

— גוט מאָרגען, בערטין! — האָט ער געזאָגט.

— זיי האָבען זיך געדריקט די הענד. לאַנדאַ האָט געזאָגט:

— היינט איז דער ריכטיגער וועטער פאַר אַ טערקישער באָד.

— יאָ, וואונדערבאַר!

— האָט איהר געזעהן ראָקדיאַנע'ן? אָן דאָרט איז ער. איך האָב איהם פון בעט אַרויסגענומען. קוקט איהם אָן, דעם סקעלעט.

אַ קליין געוואַקסענער מאַן, הויט און ביינער, מיט איינגע־פאַלענע ריפּפּען און שמאָלע אָרעמס איז צוגעקומען צו זיי און ביי די ביידע געזונדע יונגען אַרויסגערופען אַ שמייכעל.

ראָקדיאַנע איז צוגעגאַנגען צו זיי, ווי נור ער האָט דערזעהן דעם מאַהלער.

זיי האָבען זיך געזעצט ביי אַ לאַנגען מאַרמאָרנעם טיש און גענומען פּלוידערען ווי אין סאַלאָן. דיענער זיינען אַלע ווייל־צוגעלאָפען און אָנגעבאָטען געטראַנקען. מען האָט געהערט דעם

גערויש פונ'ם מאַססאַזשיסט אויפ'ן נאַקעטען פּלייש און דעם פּלור־צימדיגען ברוייזען פון דער שפּריץ־באָד. אַן אונאויפהערליכער גע־רויש פון וואַסער פון אַרום און אַרום דעם גרויסען זאַאַל, האָט גע־מאַכט דעם איינדרוק, ווי אַ רעגען וואָלט געגאָסען.

אַלע ווײַלע האָט אַ נײַ אָריינגעקומענער די דרײַ פרײַנד בע־גריסט אָדער איז געקומען זיי די האַנד צו דריקען. עס זײַנען געווען דאָ דער דיקער הערצאָג דע האַרססאַן, דער קלײַנער פּרינץ עפּילאַטי, באַראָן פּלאַך און אַנדערע.

פּלוצים האָט ראַקדיאַנע געזאָגט:

— אָט איז פאַראַנדראַל!

דער מאַרקיז איז אַרײַן מיט די הענד אונטער די זײַטען און איז שטאָלץ אַוועק מיט יענעם בעזונדערן זעלבסטבעוואוסטזײַן פון שעהן געוואַקסענע מענשען.

לאַנדראַ האָט געפּליסטערט:

— דער יונג איז אַן אמת'ער גלאַדיאַטאָר.

ראַקדיאַנע האָט זיך געווענדעט צו בערטין'ען:

— איז עס אמת, אַז ער הייראַט די טאָכטער פון אייער פרײַנד?

— איך דענק אַזוי! — האָט געענטפערט דער מאַהלער.

אָבער די דאָזיגע פראַגע גראָדע אין דיעזען מאָמענט אין דער אַנוועזענהייט פון יענעם מאַן האָט אַרויסגערופען אין בער־טין'ען פערצווייפלונג און כעס. מיט אַזאַ שאַרפקייט האָט ער אין איין מאָמענט דערפיהלט דעם פאַקט פון דער בעפאָרשטעהענדער חתונה, אַז ער האָט אַ מינוט לאַנג געמוזט קעמפּפען מיט דער טירישער לוסט אין זיך, זיך אַרויפצוואַרפען אויף דעם מאַרקיז.

דאַן איז ער אויפגעשטאַנען:

— איך בין מיעד, איך וועל זיך גלײַך לאָזען מאַססאַזשירען.

אַן אַראַבער איז פערבייגעגאַנגען.

— אַכמעד, ביזטו פרײַ?

— יאָ, הערר בערטין!

און ער איז שנעל אַוועק, אום דעם האַנד דרוק פון פאַראַנ־דאָל׳ן אויסצומיידען, וועלכער איז איצט לאַנגזאַם צו זיי צוגעקומען.

ער איז געבליעבען אפשר אַ פיערטעל שעה אין דעם גרויסען רוהע זאַאַל, וואו אַרום און אַרום אין קעמערלאַך שטעהען די בעט־לאַך, און אין מיטען זאַאַל געפינט זיך אַ גרויסע בעט מיט אַפ־ריקאַנישע פלאַנצען בעזעצט, פון וועמענס רעכטען מיטען עס הויבט זיך אויף אַ פאָנטאַן. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער ווערט פערפאָלגט, געסטראַשעט, אַז באַלד קומט אהער אריין דער מאַרקיז און ער וועט איהם מוזען געבען די האַנד און איהם בע־האַנדלען ווי אַ פריינד, הגם אין הארצען ברענט ביי איהם אַ פער־לאַנג, איהם צו טויטען.

און באַלד איז ער ווידער געווען אויפ׳ן בולוואַר, וועלכער איז געווען פול בעדעקט מיט פערוועלקטע בלעטער. די בלעטער זיינען שוין מעהר נישט געפאַלען, אַ שטאַרקער ווינד האָט די לעצטע אַרונטערגעריסען. איצט האָבען זיי זיך אויסגעשפרייט אויף דער גאַס, ווי אַ רויט־געלער קאַוויאַר, וועלכער האָט געפלאַטערט אהין און אהער, האָט זיך בעוועגט, זיך אויפגעהויבען איבער דער גאַס ווי אַ וואָלקען און זיך געדרעהט אין דער לופטען פון שטאַרקען ווינד געטריעבען.

פלוצים האָט זיך דערהערט אַ לאַנגער יאָמער פונ׳ם ווינד איבער די דעכער און אינ׳ם זעלבען מאָמענט האָט זיך דערפיהלט דאָס אָנקומען פון אַ שטורם.

ביי זיין אָנקומען האָבען זיך אַלע בלעטער אַ הויב געטהאָן, עפעס אַזוי ווי זיי וואָלטען איהם ערוואַרטעט. זיי זיינען אַנט־לאָפען פאַר איהם, האָבען זיך געדרעהט אַלע אין איינעם און אויפ־געהויבען זיך הויך איבער די דעכער. ווי אַ ווילד געוואָרענע, פליהענדע סטאַדע האָט זיי דער ווינד געיאָגט פאַר זיך און זיי זיינען אַלץ געפלויגען, געפלויגען פון פאַריז אַרויס אין דער פרייער לופט פון די פאָרשטעדט. ווען דער גרויסער וואָלקען פון שטויב

און בלעטער איז פערשוואונדען געוואָרען ווייט, ווייט הינטער דעם מאַלעם הערבעס, זיינען די גאַסען און טראָטואַרען פון פּאַריז געבליעבען ריין, ווי אויסגעקעהרטע.

בערטין האָט געטראַכט: „וואָס זאָל איצט ווערען, וואָס הויב איך אָן צו טהאָן, וואוהין זאָל איך געהן?" און ער האָט זיך צוריקגעקעהרט אַהיים, ווייל ער האָט קיין ענטפער אויף זיינע פראַגען ניט געפונען.

א צייטונגס־סטענד האָט זיך איהם געוואָרפען אין די אויגען. ער האָט געקויפט זיעבען אָדער אכט צייטונגען, אין דער האָפונג, אַז ער וועט קענען לעזען אַ פּאָר שטונדען.

— איך פריהשטיק אין דערהיים — האָט ער געזאָגט, ווען ער איז אהיים געקומען, און איז אריין אין זיין אַטעליער.

אָבער ווי ער האָט זיך גור געזעצט, האָט ער דערפיהלט, אַז ער וועט דאָ ניט קענען פערבלייבען, עפּעס אַ ווילדע אונרוהיגקייט האָט איהם געיאָגט און געטריעבען און אויף קיין איין מינוט רוהען ניט געלאָזט.

ער האָט פּרובירט לעזען די צייטונגען און ניט געקענט. די ווערטער האָבען איהם געטאַנצט פאַר די אויגען און זיינען איהם אין מוח ניט געקראָכען. אין מיטען פון אַן ארטיקעל, וועלכען ער האָט שוין אפילו ניט געזוכט צו פאַרשטעהן, האָט ער זיך פּלוצים אַ טרייסעל געטהאָן ביים נאָמען גיללעראַי. עס האָט זיך גע־האַנדעלט וועגען דער קאָמערזיצונג, אין וועלכער גיללעראַי האָט געהאַלטען אַ רעדע.

איצט איז ער געוואָרען אויפמערקזאַם, און האָט בעמערקט דעם נאָמען פון דעם בעריהמטען טענאָר מאָנטראָזע, וועלכער האָט געזאָלט אַרום דעם ענדע דעצעמבער געבען אַ גאַנץ אויסערגעווערהנליכע פאָרשטעלונג. עס פאַרשפּרעכט, האָט געזאָגט די צייטונג, צו זיין אַ וואונדערבאַרער מוזיקאַלישער יום־טוב, דען דער טענאָר מאָנטראָזע, וועלכער האָט זייט זעקס יאָהר ניט געזונגען אין פּאַריז, האָט אין אייראָפּאַ און אַמעריקאַ אונגעהויער גרויסען

ערפאָלג געהאַט. אויסערדעם וועט איהם די בעריהמטע שוועדישע זינגערין העלסזאָהן, וועלכע מען האָט אין פּאַריז שוין אויך ניט געהערט זייט פינף יאָהר, בעגלייטען.

פּלוצים איז איהם איינגעפאַלען אַ געדאַנק, וועלכער איז, דאַכט זיך, פון דער טיעפעניש פון זיין הארצען געקומען, פערשאַפען אַנ־נעלע'ן דאָס פערגעניגען דער דאָזיגער פאָרשטעלונג בייצוואוואָהנען. דאַן האָט ער זיך דערמאָנט, אַז די גרעפין איז אין טרויער און וועט זיין דאָגעגען. ער האָט זיך גענומען זוכען אַ מעגליכקייט ווי אַזוי טראָצדעם זיין וואונש צו ערפילען. עס איז געווען נור איין מיטעל: ער האָט געמוזט נעהמען אַ לאָזשע אויף דער ביהנע, פון וואַנען מען קען כמעט גאָרנישט געזעהן ווערען און אויב די גרעפין וועט טראָצדעם ניט וועלען קומען, דאַן וועט אַננעלע געהן אין דער בעגלייטונג פון איהר פאָטער און דער הערצאָגין. אין דיעזען פאַל מוז ער אָנבאָטען די לאָזשע דער הערצאָגין, אָבער דאַן מוז ער אויך דעם מארקיז איינלאַדען.

ער האָט געציטערט און לאַנג נאָכגעטראַכט.

זייער חתונה איז געווען אַן אָבגעמאַכטע זאַך, דער טאָג אפילו איז שוין מסתמא אויך פעסטגעשטעלט געוואָרען. ער האָט פער־שטאַנען, אַז זיין פריינדין האָט זיך דערמיט צוגעאיילט אַזוי פיעל ווי זי האָט נור געקענט, אַז זי וועט איהם איהר טאָכטער געבען אַזוי שנעל ווי נור מעגליך. ער האָט עס ניט געקענט ענדערן, ניט געקענט שטערען, ניט געקענט דעם מורא'דיגען טאָג אביסעל ווייטער אוועקרוקען. און אַזוי ווי דאָס האָט געמוזט זיין, איז דאָך בעסער ער זאָל זיך בעהערשען, זאָל פערשטעקען זיינע ליידען, זאָל מאַכען אַ צופריעדען פּנים און ניט לאָזען זיך ווי פריהער הינרייסען פון טעמפעראַמענט.

יאָ, ער וועט איינלאַדען דעם מארקיז, דורך דעם וועט ער דעם פערדאַכט פון דער גרעפין איינשלעפערן און אין דערזעלבער צייט וועט ער אַלס פריינד זיך פערזיכערן אַ פּלאַץ ביים קאַמין ביי דער יונגער פּאָר.

אזוי שנעל ווי ער האָט געפרישטיקט איז ער אוועק אין דער אָפּערא בעשטעלען איינע פון די לאָזשען, וועלכע געפינען זיך הינ־טער דעם פאָרהאַנג. מען האָט איהם צוגעזאָגט צו האַלטען איינע פאַר איהם. דאַן איז ער אַנטלאָפען צו די גיללעראַיס. די גרעפין איז גלייך אריין און נאָך גאַנץ בעוועגט פון דער ווייכער שטונדע פונ'ם פערגאַנגענעם טאָג, האָט זי געזאָגט:

— עס איז זעהר שעהן פון אייך, וואָס איהר קומט היינט ווידער צו אונז.

— איך ברייננ אייך עפּעס — האָט ער געמורמעלט.

— וואָס דען?

— א לאָזשע אויף דער ביהנע פון דער אָפּערע פאַר דעם איינ־ציגען אויפטריט פון דער העלסזאהן און מאָנטראָזע.

— אָך, ליעבער פריינד, מיר טהוט זעהר לייד, איהר ווייסט דאָך, אז איך בין אין טרויער.

— איהר זייט דאָך שוין כמעט פיער מאָנאַטען אין טרויער.

— יאָ, אָבער איך קען ניט געהן.

— און אַננעלע? בּאַרעכענט זיך, אזא געלעגענהייט וועט זיך איהר אפשר קיינמאָל ניט מאַכען.

— יאָ, אָבער מיט וועמען קען זי געהן?

— מיט איהר פאָטער און דער הערצאָגין, וועלכער איך וויל איינלאַדען. איך וויל אויך דעם מאַרקיז פאָרשלאָגען א פּלאַץ.

זי האָט איהם אריינגעקוקט אין די אויגען, און א גילדע לוסט איז איהר בעפאַלען, זיך צו וואַרפען איהם אויפ'ן האַלז, דאַן האָט זי געזאָגט, ווי זי וואָלט איהרע אייגענע אויערען ניט געגלויבט.

— דעם מאַרקיז?

— יאָ, געוויס!

און זי איז גלייך מרוצה געוואָרען.

ער האָט געפרעגט מיט א גלייכגילטיגער מינע:

— האָט איהר שוין בעשטעלט דעם טאָג פון דער חתונה?

— יאָ. מיר האָבען אורזאַכען די זאַך צו צואיילען, איבער־

הויפט נאָך, ווען עס איז בעשטימט געוואָרען נאָך פאַר דער מאַמע'ס טוידט. איהר ווייסט דאָך.

— יאָ, געוויס. ווען אַלזאָ וועט עס זיין?

— אָנפאַנג יאַנואַר. ענטשולדיגט, וואָס מיר האָבען עס אייך ביז אַהער ניט געזאָגט.

אַננעלע איז אַריין. אין הארצען האָט איהם אַ זעץ געטהאָן און אַלדי צערטליכקייט וואָס ער האָט צו איהר געפיהלט איז פּלוצים ביטער געוואָרען און אין איהם איז אויפגעשטיגען יענע ליידענ־שאַפטליכע פיינדשאַפט, וואָס ווערט פון דער ליעבע, ווען די אייפערזוכט פייניגט איהר.

— איך האָב פאַר אייך עפּעס געבראַכט — האָט ער געזאָגט.

זי האָט איהם געענטפערט:

— אַלזאָ, מיר רופען איצט ווירקליך איינער דעם צווייטען „איהר".

ער האָט אָנגענומען אַ פאָטערליכע מינע:

— הערט אויס, קינדעלע, איך האָב געהערט, וואָס אייך שטעהט אין קורצען פאַר, און איך גלויב, אַז שפּעטער וועט עס דאָך נויטיג זיין; איז דאָך בעסער, אַז איך זאָל אייך יעצט שוין אָנהויבען זאָגען „איהר".

זי האָט אונצופריעדען אַ דריק געטהאָן מיט די אַקסלען, בעת די גרעפין האָט פערטראַכט געקוקט פאַר זיך.

אַננעלע האָט געפרעגט:

— וואָס אַזוינס האָט איהר מיר געבראַכט?

ער האָט איהר דערצעהלט פון דער פאָרשטעלונג און וועמען ער וויל איינלאַדען. זי איז געווען גליקליך, איז איהם געפאַלען אויפ'ן האַלז ווי אַ קינד און אַ קוש געטהאָן אין ביידע באַקען.

ער האָט זיך קוים געקענט איינהאַלטען אויף די פיס און ווען איהר קליין מייל'כעלע מיט איהר פרישען אָטהעם האָט איהם צוויי מאָל לייכט בעריהרט, האָט ער בעגריעפען, אַז קיין מאָל אין לעבען וועט ער זיך ניט בעפרייען פון דעם דאָזיגען געפיהל.

די גרעפין האָט זיך אַ צאַפּעל געטהאָן און געזאָגט צו איהר טאָכטער:

— דו ווייסט דאָך, אז פּאַפּא וואַרט אויף דיר.

— יאָ, מאַמאַ, איך געה גלייך!

און זי האָט זיך געלאָזט לויפען פון צימער, וואַרפענדיג מיט איהרע פינגער קושען.

אזוי שנעל ווי זי איז אוועק האָט אליוויער געפרעגט:

— מאַכען זיי אַ האָכצייטס-רייזע?

— יאָ, זיי פאָהרען אוועק אויף דריי מאָנאַטען.

געגען זיין ווילען האָט ער ארויסגעשעפּטשעט:

— ידעסטאָ בעסער.

— מיר וועלען ווידער זיין פונקט אזוי ווי פריהער.

ער האָט געשטאַמעלט:

— איך האָף אזוי.

— אָבער ביז דאַן דאַרפסט איהר מיך ניט פאַרנאַכלעסיגען.

— ניין, מיין פריינדין.

זיין בענעהמונג נעכטען, ווען ער האָט זי געזעהן וויינענדיג און זיין פּלאַן דעם מאַרקיז צו דער פאָרשטעלונג איינצולאַדען, האָבען דער גרעפין נייע האָפנונג איינגעגעבען.

דאָס האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטען. קוים איז אוועק אַ וואָך צייט, ווי זי האָט ווידער אויף זיין פּנים אַלע זיינע ליידען בעמערקט. געטריבען פון דער אייפערזוכט, האָט זי זיי געמוזט זעהן, אויסערדעם איז זי דאָך אליין אויך דורכגעגאַנגען אַלע די ליידען, וואָס ער האָט געליטען ביי אַננעלע'ס אָנבליק.

צוויי שווערע קלעפּ האָבען איהר געטראָפען אין איין צייט, די עלטער און דער טרויער. די שוואַרצע קליידער, די בליהענדע יוגענד פון איהר טאָכטער האָבען געלאָזט שאַרפער ארויסטרעטען איהר בלייכקייט, איהר אויסגעמוטשעט, פערוועלקט פּנים, און געגען דעם איז זי געוועזן מאַכטלאָז, נעגען דעם האָט אפילו איהר קאָקעטעריי אויך גאָרנישט געקענט טהאָן. אָפט האָט זי געהאַט

אַ ווילדען פערלאַנג אַרונטערצורייסען פון זיך די טויטען־קליידער, וועלכע מאַכען זי העסליך. ווען זי וואָלט געקענט אַנווענדען אַלע הילפסמיטעל פון דער עלעגאַנטקייט, ווען זי זאָל קענען אויס־קלייבען שטאָפען מיט מאַטע פאַרבען, וועלכע זאָלען זיך פּאַסען צו איהר געזיכטספאַרב, וואָלט זי נאָך אַלץ געקענט זיין שעהן און פערפיהרעריש. אַזוי אָבער אין די דאָזיגע שוואַרצע, טוידטע קליידער, וועלכע זי איז פער'משפט צו טראָגען אַ גאַנצען יאָהר נאָכאַנאַנד, האָט זי גאָרנישט געקענט אָנהויבען צו טהאָן. אַ יאָהר, אַ גאַנץ יאָהר איז זי געווען געשמיעדט, בעזיעגט, אין שוואַרצען איינגעוויקעלט. אַ יאָהר נאָכאַנאַנד וועט זי פיהלען, ווי זי ווערט עלטער פון טאָג צו טאָג, פון שעה צו שעה, פון מינוט צו מינוט אין דעם דאָזיגען שוואַרצען קרייפּ שלייער. ווי וועט זי אויסזעהן אין אַ יאָהר אַרום, נאָך די אַלע יסורים און וועהטאָגען, וואָס פּלאָגען זי, וואָס פאַר אַ פּנים וועט זי דאַן האָבען?

אָט די דאָזיגע געדאַנקען האָבען זי מעהר ניט פערלאָזען אויף קיין איין מינוט, האָבען איהר פערדאָרבען אַלעס, וואָס זי האָט געוואָלט געניסען, פערוואַנדעלט יעדע פרייד אין שמערץ, ניט גע־לאָזען איהר קיין רוה, קיין צופריעדענהייט, קיין פרייען מוט. פול פערצווייפלונג האָט זי אָפט געוואָלט אַרונטערוואַרפען פון זיך דעם גאַנצען עלענד, וועלכער האָט זי אַזוי געדריקט, פאַרטרייבען פון זיך אַלע פינסטערע געדאַנקען, אָהן וועלכע זי האָט נאָך געקענט זיין גליקליך, פריש און געזונד! זי האָט געפיהלט אין זיך נאָך געגוג לעבען, פרישקייט און אַ יונג האַרץ, פול ליידענשאַפט, פול פערלאַנגען, פול בענקעניש נאָך ליעבע, נאָך גליק.

און איצט זיינען פון איהר אַוועקגעריסען געוואָרען אַלע די שעהנע, רייצענדע, טהייערע, פּאָעטישע זאַכען, וועלכע מאַכען דאָס לעבען זיס און ליעב, דערפאַר ווייל זי איז אַלט געוואָרען. עס איז געווען אויס און דאָך האָט זי געפיהלט אין זיך אַלע גע־פיהלען פון אַ יונג מיידעל און אַלע ליידענשאַפטען פון אַ יונגער פרוי. נור איהר לייב איז אַלט געוואָרען, איהר הויט, דער שטאָף

וואָס באַדעקט איהרע ביינער איז ביסלעכווייז פאַרוועלקט, אָבגעבליאַקירט געוואָרען ווי דער בעצוג פון אַ שטיק מעבעל. דער דאָזיגער געדאַנק האָט זי אָהן אויפהער געפייניגט און איז געוואָרען כמעט ווי אַ קערפּערליכער וועהטאָג.

עס איז אַזוי ווייט געקומען, אַז עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז זי פיהלט, ווי איהר הויט ווערט איינגעשרומפּפען און עס לייגען זיך דאָרט אַוועק אונצעהליגע קליינע קנייטשלאַך. ווי איינער, וואָס ליידעט פון אַ הויט קראַנקהייט, האָט אימער אַ בעדירפעניש זיך צו קראַצען, אַזוי האָט איהר אונווידערשטעהליך געצויגען צום שפּיעגעל, אום צו זעהן דעם חורבן, וואָס די צייט האָט אויף איהר פּנים אָנגעמאַכט. זי האָט געפיהלט, ווי עס שלעפּט איהר, עס ציהט איהר, עס רופט איהר זיך שטענדיג צו בעטראַכטען, מיט דעם פינגער די שפּורען פון דער בייזער צייט אָנצוטאַפּען. דאָס איז ביי איהר געוואָרען אַ קראַנקהייט, אַ פיקסע אידעע. זי האָט זיך אָפּט אָבגעשטעלט אין מיטען טראַטואַר אום זיך אין אַ שויפענסטער צו בעטראַכטען. זי האָט געטראַגען ביי זיך אַ גאַנץ קליין פּודער שאַכטעלע פון עלעפאַנט ביין אַזוי גרויס ווי אַ וואַלאַכשער נוס, אויף וועמעס צודעק האָט זיך אַ קליין שפּיעגעלע געפונען, און מאַנכעס מאָל האָט זי עס אַרויסגענומען און געהענדיג אין דעם איינגעקוקט.

ווען זי האָט זיך געזעצט אין סאַלאָן אום צו לעזען אָדער שרייבען, זיינען איהרע געדאַנקען אויף אַ ווײַלע אָבגעצויגען געוואָרען צו דער נייער בעשעפטיגונג, באַלד אבער האָט זי זיך ווידער גענומען קוועלען. זי האָט געקעמפט געגען זיך אַליין, פּרובירט צושטרייען זיך, טראַכטען וועגען אַנדערע זאַכען, די אַרבייט פאָרטצוזעצען. עס איז געווען אומזיסט, דער וואונש האָט זי ניט אויפגעהערט צו מאַטערען, און באַלד האָט זי געלאָזט פאַלען דאָס בוך אָדער די פעדער און מיט אַן אונווידערשטעהליכער בעוועגונג האָט זי אויסגעצויגען די האַנד נאָך דעם קליינעם האַנד שפּיעגעל פון אַלטען זילבער, וועלכער איז אויף איהר שרייבטיש געלעגען. אין

דעם לענגליכען, געשניצטען ראַהם האָט זיך בעוויזען איהר גאַנ־צער פּנים, ווי אַן אַלט בילד, אַ פּאָרטרעט פון פאָריגען יאָהר הונ־דערט, אַן אַמאָל פריש געמאַרבטע פּאַסטעל, וועלכע איז אָבגעבליאַ־קירט געווארען פון דער זון. נאָכדעם ווי זי האָט זיך אַ לאַנגע צייט בעטראַכט, האָט זי מיט אַ מיעדער בעוועגונג אוועקגעלייגט דעם קליינעם געגענשטאַנד צוריק אויפ'ן טיש, און זיך געצוואונ־גען ווידער איהר פריהערדיגע בעשעפטיגונג אויפצונעהמען. אָבער זי האָט קוים צוויי זייטען געלעזען אָדער צוואַנציג ציילען געשריע־בען און ווידער האָט איהר געגומען צופּען און ציהען זיך אין שפּי־געל צו זעהן און ווידער האָט זי די האַנד נאָך איהם אויסגע־שטרעקט.

איצט האָט זי דעם שפּיעגעל בעוועגט אין די הענד ווי אַ ליעבען, טייערען אוצר, וועלכען מען לאָזט אונגערן פון האַנד אַרויס. זי האָט איהם געגוצט יעדען מאָמענט, אפילו ווען זי האָט איהרע פריינד צוגענומען. אָפט איז זי געווארען נערוועז און האָט געוואָלט שרייען און צייטענווייז, ווען זי האָט איהם אין די פינגער געהאַלטען, האָט זי איהם געהאַסט, ווי אַ לעבעדיגען וועזען. איין מאָל אין אַ געווויסען טאָג, ווען זי איז געווארען פער־צווייפעלט איבער דעם קאַמפּף, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען איהר אליין און דער שטיק גלאָז, האָט זי עס אַ שליידער געטהאָן אַן וואַנד, וואו דער שפּיעגעל איז אין שטיקער צושמעטערט גע־ווארען.

אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום האָט איהר איהר מאַן צור־ריקגעגעבען דעם שפּיעגעל, וועלכען ער האָט געלאָזט פאַרריכטען, אַ קלעהרערען און אַ העלערען ווי ווען עס איז. זי האָט איהם גע־מוזט נעהמען און זיך נאָך דערפאַר בעדאַנקען. און יעדען אָבענד און יעדען פריהמאָרגען, ווען זי איז אליין אין איהר צימער גע־ווען האָט זי ווידער אין שפּיעגעל געקוקט און מיט אונגעדולד און האַרץ וועהטאָג צוגעקוקט, ווי די צייט האַלט איהר אין איין פרעסען און נאָגען.

ביי נאַכט, ווען זי איז אין בעט געלעגען, האָט זי ניט גע־קענט איינשלאָפען, זי האָט אַנגעצונדען פייער, איז געבליעבען וואַ־כעדיג און געטראַכט, ווי צרות און ליידען העלפען דער צייט צו מאַכען א תל פון א מענשען. אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָט זי געהערט דאָס געהן פונ׳ם פענדעל אין זייגער, וועלכער האָט מיט זיין גלייכמעסיגען איינטאָניגען טיק־טאַק געשיינט צו זאָגען: „אהין — אהין — אהין!” און איהר האַרץ איז צוריסען געוואָרען אויף שטיקער און זי האָט דעם לייַלאַך צווישען איהרע צייהן פארשצעמעט אום איהרע קרעכצען צו דערשטיקען.

פריהער האָט זי, ווי די גאַנצע וועלט, געהאַט דאָס בעוואוסט־זיין, אז די יאהרען פליהען אוועק און אז מען ענדערט זיך מיט די יאָהרען. ווי די גאַנצע וועלט האָט זי געזאָגט צו זיך אליין יעדען ווינטער, יעדען זומער, יעדען יעסען: „איך האָב זיך זעהר פארענדערט זייט לעצטען יאָהר.” אָבער אזוי ווי זי איז אלץ נאָך געבליעבען שעהן, האָט עס איהר ניט שטאַרק געאַרט. היינט האָט זי מיט אמאָל, פּלוצים בעמערקט און פערשטאַנען, ווי מורא׳דיג די צייט יאָגט זיך.

יעצט האָט זי יעדען אין דער פריה, אזוי שנעל ווי זי איז אויפגעשטאַנען געפיהלט א בעדערפעניש, גאַט צו בעטען, ביי איהם ערלייכטערונג און טרייסט צו זוכען.

דאַן האָט זי זיך ארונטערגעלאָזען אויף די קניע פאר א גרוי־סען פון דעמב געשניצטען קריסטוס, א זעלטענע קונסטווערק, וועלכע אָליוויער האָט איהר אמאָל געשענקט. און מיט געשלאָ־סענע ליפּען, אָבער מיט׳ן גאַנצען האַרצען, מיט דער גאַנצער נשמה, האָט זי זיך מיט איהר שמערצליכען געבעט צו גאָט געווענ־דעט.

און ווי אלע גלויביגע האָט זי ניט געצווייפעלט, אז ער הערט איהר געבעט, און אפשר האָט ער אויך מיטלייד מיט איהרע ליי־דען. זי האָט איהם ניט געבעטען צו טהאָן פאר איהר אזוינס, וואס ער טהוט פאר קיין מענשען ניט, זי האָט איהם ניט געבעט־

טען, ער זאָל איהר איבערלאָזען איהר שעהנהייט. איהר רייץ, איהר פרישקייט ביז צום טויט, ניין. זי האָט ביי איהם נור געבעטען אביסעלע רוה און נאָך אביסעלע צייט. זי האָט געמוזט אַלט ווערען אזוי ווי זי האָט געמוזט שטאַרבען. אָבער פאַר וואס אזוי שנעל? עס זיינען דאָ פרויען, וועלכע האַלטען איין אזוי לאַנג זייער שעהנקייט — קען ער ניט ערפילען איהר געבעט און מאַכען, אז זי זאָל זיין איינע פון יענע? ער, וועלכער האָט אליין אזוי פיעל געליטען, זאָל אויף איהר רחמנות האָבען און איהר אויף נאָך צוויי דריי יאָהר איבערלאָזען איהר חן, איהר רייץ, וועלכען זי מוז האָבען אום צו געפעלען.

זי האָט עס איהם ניט געזאָגט מיט ווערטער, אָבער איהר צור־טומעלטע, איהר צוריסענע נשמה האָט עס צו איהם אויסגעקרעכצט.

און נאָכדעם ווי זי איז דאַן אויפגעשטאַנען האָט זי זיך גע־זעצט פאַר'ן טואַלעט טיש און מיט דער זעלבער ערנסטקייט, ווי ביים געבעט, האָט זי גענומען פודער, בערשטלאַך, שמינקע און פאַפּס, וועלכע האָבען איהר געזאַלט ווידערגעבען איהר פון טאָג צו טאָג אַלץ בלאַסערע שעהנהייט.

VI

אויף דעם בולוואר האָבען צוויי נעמען געקלונגען אין אַלע־מענס מויל: עממא העלסזאָהן און מאָנטראָזע. וואס נעהנטער מען איז צו דער אָפּערא צוגעקומען אַלץ עפּטער האָט מען זיי געהערט. פון די אַפישען, וואו זיי זיינען געשטאַנען מיט ריע־זיגע בוכשטאבען האָבען זיי זיך געוואָרפען דעם פארבייגע־הער אין די אויגען און די גאַנצע לופט איז דוכט זיך יענעם אבענד פול געווען מיט עפּעס בעזונדערעס, עפּעס אונגעוועהנליכעס.

שטראָמען האָבען זיך געצויגען צו דער מאַססיווער געביי־דע אונטער'ן נאָמען „נאַציאָנאַלע מוזיק אקאדעמיע,״ מיט איהר פּראכטפאָלען ווייסען פאסאד, מיט דער קאָלאָנאדע פון מאַרמאָר־נע זיילען, וועלכע זיינען געווען בעלויכטען מיט אונזיכטבארע עלעקטרישע לעמפּלאך.

אויף דעם פּלאַץ האָבען פּאָליציסטען אויף פערד אכטונג גע־געבען אויף דעם פארקעהר, און פון אַלע זייטען פון פאריז זיינען אָנגעקומען אונצעהליגע קארעטען, הינטער וועמעס אָפענע פענס־טער עס האָבען זיך געזעהן רייכע קליידער און שטאָפען און בלאַ־סע פּנים'ער.

די קויטשעס און לאַנדאיער האָבען זיך אויסגעשטעלט אין א לאַנגער קייט אַרום דעם אָפּערא־הויז, האָבען זיך אויף א מאָ־מענט אָבגעשטעלט ביי דעם פּאַראַדנעם אריינגאַנג און דאַן זיינען יעדעס מאָל ארויסגעשטיעגען פון זיי דאמען פון דער הויכער גע־זעלשאפט אין אבענד טואַלעטען און מאַנטלען מיט פעלץ, מיט

פערדערען אָדער מיט שפּיצען פון אונשעצבארען ווערט בעציערט.

איבער דער גאנצער ברייט פון די בעריהמטע טרעפּ זיינען אָהן אויפהער געגאנגען קעניגליך פארפּוצטע דאמען, אויף וועמעס בוזעמס און אויערען עס האָבען געפינקעלט בריליאנטען און וועמעס לאנגע שלעפּעס עס האָבען זיך איבער די שטיגען געצויגען.

דער זאל האָט זיך בעצייטענס אָנגעפילט, דען מען האָט ניט געוואלט פערלירען קיין איין טאָן פון די בעריהמטע קינסטלער; און אינ׳ם גאנצען טהעאטער אונטער דעם שטראהלענדען שיין פון דער עלעקטרישער בעלייכטונג, וועלכע איז פון דעם גרויסען היינגלייכטער געפאלען, האָט זיך אַן עולם מענשען בעוועגט אהין און אהער און אין לופטען האָט זיך געטראָגען אַן אונבעשטימטער גערויש.

פון דער לאָזשע אויף דער ביהנע, אין וועלכער עס זיינען שוין געזעסען די הערצאָגין, אננעלע, דער גראף, דער מארקיז, בערטין און הערר דע מוסאדיע, האָט מען קיין זאך ניט געזעהן אויסער די קוליסען, וואו מענשען זיינען געשטאנען, געלאָפען אהין און צוריק, גערופען, מאשיניסטען אין בלוזען, הערען אין פראקס, קינסטלער שוין אין די קאָסטיומען. אָבער אויף דער אנדערער זייט פון דעם ריעזיגען ארונטערגעלאָזענעם פארהאנג האָט מען געהערט דעם דומפּפען גערויש פון דער מאסע, געפיהלט די אנוועזענהייט פון טויזענד אונרוהיגע, אונגעדולדיגע מענשען.

עס האָט געזאָלט געשפּיעלט ווערען „פאוסט".

מוסאדיע האָט דערצעהלט אַנעקדאָטען איבער דער ערשטער אויפפיהרונג פון דעם דאָזיגען ווערק אין ליריק טהעאטער. די אָפּערא האָט אַן אויסערגעוועהנליכען ערפאָלג. ער האָט דערצעהלט פון די דאמאָלסדיגע זינגער, פון זייער ארט און וייזע יעדען איינציגען נומער פאָרצוטראָגען. אננעלע איז געזעסען האלב צו איהם געווענדעט און צוגעהערט זיך צו זיינע רייד מיט יענער בעזונדערער אויפמערקזאמקייט פון דער יוגענד, מיט וועלכער זי האָט איצט אלעס אין דער וועלט אין זיך איינגעזויגען. פון צייט

צו צייט האָט זי געוואָרפען אַ צערטליכען בליק אויפ'ן חתן, וועל־כער האָט אין אַ פּאָר טעג אַרום געזאָלט ווערען איהר מאַן. זי האָט איהם איצט געליעבט, ווי עס ליעבען נאַאיווע הערצער; דאָס הייסט, זי האָט געליעבט אין איהם אַלע איהרע האָפנונגען פאַר דער צוקונפט. זי האָט געציטערט פאַר ערוואַרטונג און פאַר אויפרעגונג, דער טומעל פון די ערשטע פעסטען האָבען זי בע־רוישט און ערוועקט אין איהר דאָס בעדירפעניש גליקליך צו זיין.

און אליוויער, וועלכער האָט אַלעם געזעהן און אַלעם גע־וואוסט, וועלכער איז דורכגעגאַנגען דעם גיהנום פון פערבאָרגענער ליעבע, וועמענס נשמה איז צוריסען געוואָרען פון אייפערזוכט, וועמענס הארץ האָט געבלוטעט פון האָפנונגסלאָזער ליידענשאַפט, איז געשטאַנען אין הינטערגרונד פון דער לאָזשע און זיי ביידען אָנגעקוקט מיט אויגען פול פיין. דער דירעקטאָר האָט אַ קלאַפּ געטהאָן מיט זיין שטעקעלע און גלייך איז אַלעס שטיל געוואָרען, קיין פליסטערן, קיין הוסטען מעהר. דאַן נאָך אַ קורצער פויזע האָבען זיך דערהערט די ערשטע טאַקטען פון דער אָוועערטיורע, וועלכע האָבען אָנגעפילט דעם רוים מיט דעם אונזיכטבארען צויבער פון טענער.

אליוויער איז געזעסען אין הינטערגרונד פון דער לאָזשע שמערצליך בעוועגט, עפּעס אַזוי ווי די דאָזיגע טענער וואָלטען די וואונדען פון זיין הארצען אויפגעריסען. אָבער ווען דער פאָר־האַנג האָט זיך אויפגעהויבען, האָט ער זיך עטוואָס אַ הויב גע־טהאָן און דערזעהן די דעקאָראַציע פון אַ לאַבאָראַטאָריע, אין וועלכער דער דאָקטאָר פאוסט איז געזעסען טיעף פערטראַכט.

ער האָט די אָפּערא שוין געהערט אודאי אַמאָל צוואַנציג, עס האָט זי געקענט כמעט אויף אויסוויינינג, און זיין אויפמערקזאַמקייט איז פון דער שטיק צו די צושויער אַריבער. צווישען די קוליסען, הינטער וועלכע זייער לאָזשע האָט זיך געפונען, האָט ער נור גע־קענט זעהן אַ קליינעם טהייל פונ'ם טהעאַטער. אָבער דער דאָ־זיגער טהייל, וועלכער האָט זיך געצויגען פון אָרקעסטער ביז דעם

אויבערשטען באַלקאָן, האָט געצייגט אַ טהייל פון׳ם פובליקום, אין וועלכען ער האָט געזעהן אַ סך בעקאַנטע. אין פּאַרקעט זיינען געזעסען הערען אין פראַקס און ווייסע שניפּסען. זיי זיינען גע־זעסען איינער נעבען צווייטען ווי אַ גאַנצע זאַמלונג פון בעוואוס־טע פּנים׳ער, דאָס זיינען אַלץ געווען מענשען פון דער הויכער וועלט; קינסטלער, זשורנאַליסטען, אַלע די יעניגע, וועלכע פעה־לען קיין מאָל נישט דאָרט, וואו די גאַנצע וועלט געהט. אין דער ערשטער רייהע אויפ׳ן באַלקאָן און אין די לאָזשען האָט ער גע־קענט יעדע דאַמע אָנרופען ביי איהר נאָמען. די גרעפין לאָקריסט איז געזעסען אין איהר לאָזשע און האָט אויסגעזעהן זעהר ריי־צענד, בעת עטוואָס ווייטער האָט זיך געפונען אַ יונגע פרוי, מאַר־קיזע דע עבעלין, וועלכע האָט געהאַט ניט לאַנג געהייראַט. זי האָט אויפגעהויבען איהר אָפּערן גלאָז. „זי איז גאַנץ נעט”, האָט בערטין געזאָגט צו זיך אַליין.

דער עולם האָט אויפמערקזאַם און ווי עס שיינט מיט טהייל־נאַהמע זיך צוגעהערט צו די קלאַנגען פון דעם טענאָר מאָנטראָזע איבער דאָס לעבען.

אַליוויער האָט געטראַכט: „אַזאַ אונזין. פאוסט, דער געט־ליכער פאוסט, בעקלאָגט די נישטיגקייט און דעם עקעל פון דאָס לעבען און דאָס פובליקום פרעגט זיך מיט אַנגסט, אויב מאָנט־ראָזע׳ס שטימע האָט ניט געליטען.” דאַן האָט ער זיך צוגע־הערט ווי אַלע איבעריגע און הינטער די באַנאַלע ווערטער פון דעם טעקסט־בוך האָט פאַר איהם, צוליעב דער מוזיק, וועלכע ערוועקט אין אונז טרוימען, אויפגעטויכט אַ בעגריעף, ווי אַזוי געטהע האָט זיך פאָרגעשטעלט פאוסט׳ן.

ער האָט פריהער דאָס בוך געלעזען און עס איז איהם זעהר געפעלען, הגם עס האָט ניט געמאַכט אויף איהם קיין בעזונדערען איינדרוק, און איצט, פּלוצים האָט ער דערפיהלט זיין אונגעהייער־ע טיעפקייט, עס האָט זיך איהם געדאַכט עפּעס אַזוי ווי ער ווערט דיעזען אָבענד אַליין אַ פאוסט.

אננעלע האָט זיך אַנגעשפּאַרט אויף דער פּאַרענץ פון לאָזשע און מיט דעם גרעסטען אינטערעס זיך צוגעהערט. און אַ צופריע־דענער געמורמעל איז דורכ'ן פּובליקום אַריבער, ווייל מאַנטראַזע'ס שטימע איז נאָך אויסגעגליכענער, נאָך רונדער געוואָרען ווי פריי־הער.

בערטין האָט צוגעמאַכט די אויגען. זייט אַ מאָנאַט צייט האָט ער אַלעס, וואָס ער האָט געזעהן, וואָס ער האָט געפיהלט, וואָס ער האָט אין לעבען געטראָפען פערבונדען מיט זיין ליידענ־שאַפט. און האָט ער עטוואָס שעהנעס, עטוואָס זעלטענעס געזעהן, האָט ער זיך עטוואס רייצענדעס פאָרגעשטעלט, האָט ער עס גלייך געבראַכט אין פערבינדונג מיט זיין קליינער פריינדין. ער האָט איצט ניט געהאַט קיין איין געדאַנק, וואָס זאָל ניט האָבען קיין צוזאַמענהאַנג מיט זיין ליעבע.

טיעף ביי זיך אין האַרצען האָט ער דערהערט פאוסט'ס קלאַנ־גען, און אין איהם איז געבאָרען געוואָרען אַ פערלאַנג צו שטאַר־בען, אַ וואונש אַלע זיינע ליידען צו ענדיגען, דעם גאַנצען עלענד און אַלע יסורים פון זיין אונגליקליכער ליעבע. ער האָט בעט־טראַכט אננעלע'ס פיין געפאָרמטען פּראָפיל און דאַן דעם מאַרקיז פאַראַנדאַל, וועלכער איז געזעסען הינטער איהר און אויך געקוקט אויף איהר. ער האָט זיך דערפיהלט אַלט, אָבגעלעבט, אַ פער־לאָרענער מענש. וואָס פאַר אַ קוואַל דאָס איז, ניט צו קענען מעהר גאָרנישט ערוואַרטען, ניט האָבען מעהר קיין האָפנונג, ניט אפילו דאָס רעכט צו בעזיצען, עטוואָס צו ווינשען. ווי אַ בעאַמטער, וועלכער האָט איבערגעשריטען דעם גרענעץ פון אַלטקייט, און וועמעס קאַריערע איז צו ענדע.

אַן אַפּלויז איז געפאַלען. מאַנטראַזע האָט שוין געזיעגט און מעפיסטאָ־לאַבאַריער האָט זיך פון אונטער דר'ערד בעוויזען. אַלי־וויער, וועלכער האָט איהם אין דער דאָזיגער ראָלע קיין מאָל ניט געהערט, איז ווידער געוואָרען אויפמערקזאַם. די עראינערונג אַן אובין מיט זיין דראַמאַטישען באַס, אַן פאָורע מיט זיין וואונדער־

באַרען באַריטאָן, האָט איהם אויף אַ מאָמענט אויף אַנדערע גע־דאַנקען אַרויפגעבראַכט.

אָבער פּלוצים האָבען צוויי פּערזען, וועלכע מאַנטראַזע האָט אויסגעדריקט מיט אונווידערשטעהליכער קראַפט, איהם ערשיטערט און געמאַכט ציטערן ביז דער טיעפסטער טיעפעניש פון זיין האַר־צען. פאוסט האָט געזאָגט צו מעפיסטאָ:

— „גיב מיר דען שאַץ, דער אַלע אַנדערע אין זיך שליסט, גיב מיר די יוגענד ווידער".

און דער טענאָר האָט זיך בעוויזען אין זיידענע קליידער, מיט דעם שווערד אויף אַ זייט, אין אַ הוט מיט אַ פעדער אויפ'ן קאָפּ, עלעגאַנט, יונג, פריש אין זיין עטוואָס געמאַכטער זינגער־שעהנהייט.

אַ געמורמעל איז איבער'ן זאַאַל אַריבער, ער האָט אויסגעזעהן פיין און איז געפעלען די פרויען.

אַליוויער אין געגענטהייל איז געוואָרען פערצווייפעלט, דען דאָס בילד פון געטהע'ס גרויסער דראַמע איז פערשוואונדען ביי דער דאָזיגער פערוואַנדלונג. פון איצט אָן האָט ער פאַר זיך מעהר גאַרנישט געזעהן אויסער אַ מעשה'לע מיט איינצעלנע שעהנע גע־געזאַנגס־נומערן, מיט טאַלאַנטפולע זינגער, ביי וועמען ער האָט גע־זוכט נור זייער שטימע. דער מאַן אין די זיידענע קליידער, דער שעהנער יונג, וועלכער האָט דאָרט געטרילערט און זיינע פּיס און זיינע טענער געצייגט, איז איהם ניט געפעלען. דאָס איז ניט געוועזן דער אמת'ער אונווידערשטעהליכער פאוסט, וועלכער האָט געזאָלט פערפיהרען די אונשולדיגע גרעטכען.

ער האָט זיך ווידער געזעצט, און ביידע פּערזען, וועלכע ער האָט פריהער געהערט, זיינען איהם צוריק אויפ'ן געדעכניש גע־קומען:

— „גיב מיר דען שאַץ, דער אַלע אַנדערע אין זיך שליסט, גיב מיר די יוגענד צוריק."

ער האָט זיי געמורמעלט צווישען די צייהן, געזונגען שמערצ־ליך טיעף אין זיין נשמה, דעם בליק אויף אַננעלע'ס קאָפּ געריכ־

טעט און געפיהלט אין זיך די גאַנצע ביטערקייט פון דעם דאָזיגען אונמעגליכען וואונש.

אָבער מאָנטראָזע האָט גראַדע איצט די שלום נאָטען פון דעם ערשטען אַקט אַזוי וואונדערבאַר געזונגען, אַז דער גאַנצער עולם איז בעגייסטערט געוואָרען; און אַ שטורעם פון געשרייען, אַ געפילדער, אַ ליאַרעם, אַ רופען, אַ בראַוואָ האָט דעם גאַנצען זאַאַל פערהילכט. אין אַלע לאָזשען האָט מען די פרויען געזעהן קלאַפענדיג מיט די הענד און הינטער זיי די מענער, וועלכע האָבען אַפּלאָדירט און געשריען.

דער פאָרהאַנג איז געפאַלען און זיך צוויי מאָל נאָכאַנאַנד ווידער אויפגעהויבען און דער אַפּלויז האָט נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט. דאַן, ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזען צום דריטען מאָל, אבטהיילענדיג דאָס פובליקום פון דער ביהנע און די לאָזשען אויף דער ביהנע, האָבען די הערצאָגין און אַננעלע נאָך אַלץ געקלאַפּט מיט די הענד און דערפאַר בעקומען אַ בעזונדערע פערנייגונג פון טענאָר אַלס דאַנק.

— אַך, ער האָט אונז געזעהן! — האָט אויסגערופען אַננעלע.

— וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרער קינסטלער! — האָט מיט בעגייסטערונג געזאָגט די הערצאָגין. און בערטין, וועלכער האָט זיך עטוואָס ארויסגעבויגען, האָט מיט אַן אונבעשטימטען געפיהל פון אויפרעגונג און פעראַכטונג זיך צוגעקוקט, ווי דער גערופענער קינסטלער איז צווישען צוויי טירען פערשוואונדען, מיט שטייפע טריט, די הענד אין די זייטען, נאָך אַלץ אין אַ טהעאַטראַלער פּאָזע. מען האָט פון איהם גערעדט. זיינע פערזענליכע ערפאָלגען האָבען אָנגעמאַכט פונקט אַזאַ רויש ווי זיין טאַלאַנט. ער האָט בעזוכט אַלע הויפּט־שטעדט פון אייראָפּאַ און איז איבעראַל אויפגענומען געוואָרען מיט בעגייסטערונג פון די פרויען, וועלכע האָבען מיט הארצקלאַפעניש איהם אויף דער ביהנע פערפאָלגט. איבריגענס האָט עס געהייסען, אַז ער קימערט זיך וויינִיג וועגען די דאָזיגע סענטימענטאַלע בעגייסטערונג און בעגוגענט זיך מיט זיינע מוזיקאַלישע ער־

פאַלגען. מוסאַדיע האָט פאַרזיכטיג און פאַרשטעלט, צוליעב אננע־לע'ס אַנוועזענהייט, דערצעהלט פון דעם אַרט לעבען, וואָס דער שעהנער קינסטלער פיהרט און די הערצאָגין, וועלכע איז געווען אין גאַנצען היגגעריסען, האָט בעגריפען און גערעכט געגעבען אלע פע־ריקטהייטען, וועלכע זיינען צוליעב איהם בעגאַנגען געוואָרען — אַזוי פערפיהרעריש, עלעגאַנט, פאַרנעהם און אמת קינסטלעריש האָט ער זיך איהר אויסגעוויזען. זי האָט געענדיגט מיט אַ שמייכעל:

— ווי קען מען ביישטעהן געגען אַזאַ שטימע?

אליוויער האָט זיך געערגערט און איז געוואָרען פערביטערט. ער האָט בשום אופן ניט געקענט פערשטעהן, ווי אַזוי אַן אַקטיאָר, וועלכער האַלט אין איין פאָרשטעלען מענשען און כאַראַקטערען, וואָס זיינען ניט ער אַליין, קען געפעלען ווערען. אין זיינע אויגען איז ער געווען ניט מעהר ווי אַ געפּאַרבטער קערל, וועלכער איז בערייט פאַר אַזוי פיעל און אַזוי פיעל אַן אָבענד אַלע ראָלען צו זינגען.

— איהר זייט אייפערזיכטיג — האָט געזאָגט די הערצאָ־גין. — אי די הערען פון דער געזעלשאַפט, אי איהר, די קינסטלער, פערגינט ניט די שוישפּיעלער, ווייל זיי האָבען מעהר ער־פאָלג פון אייך.

דאַן האָט זי זיך געווענדעט צו אננעלע'ן:

— נו, זאָג דו אַקאָרשט קליינע, דו, וועלכע דו טרעטסט ערשט אין לעבען אריין און קוקסט נאָך אַרום זיך מיט געזונדע אויגען, ווי געפעלט דיר דער טענאָר?

אננעלע האָט געענטפערט מיט איבערצייגונג:

— מיר געפעלט ער זעהר, ער איז גרויסאַרטיג!

די דריי קלעפּ צום צווייטען אַקט האָבען זיך דערהערט, און דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבען.

עס איז געווען וואונדערבאַר ווי די העלסזאַהן איז איבער דער ביהנע געטראָטען. עס האָט געשיינט, אַז אויך זי האָט איצט מעהר שטימע און בעהערשט זי בעסער ווי פריהער. זי איז ווירק־

ליך געוואָרען די גרויסע, אויסגעצייכענטע, אונפערגלייכליכע קינסטלערין, וועמעס נאָמען האָט איבער דער וועלט געקלונגען ניט ווייניגער ווי ביסמארק'ס און לעססעפּס'עס.

ווען פאוסט איז צו איהר צוגעשטאַנען און די רייצענדע ווער־טער מיט זיין פערפיהרערישער שטימע געזונגען:

„מיין שעהנעס פריילין, דאַרף איך וואגען,
מיין ארעם און געלייט אייך אנצוטראגען?"

און ווען די בלאָנדע, שעהנע גרעטכען האָט איהם געענט־פערט:

„בין וועדער פריילין, וועדער שעהן,
קאָן אונגעלייטעט נאָך הויזע געהן".

איז ווי א שטראָם פון פערגעניגען איבער'ן גאַנצען זאאל אריבער.

ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך ארונטערגעלאָזען, האָט אויס־געבראָכען א געוואלטיגער אפּלויז און אַנגעלע האָט געקלאַפּט אַזוי לאַנג, אז בערטין האָט לוסט געהאַט, איהרע הענד אָנצונעהמען און זיי פעסטהאלטען, אום זי זאָל אויפהערען צו אַפּלאָדירען. נייע יסורים האָבען איהם איצט געפּייניגט. ער האָט ניט אויסגע־רעדט א וואָרט בעת דעם אנטראַקט, דען ער האָט אין זיינע גע־דאַנקען פערפאָלגט, כמעט מיט האַס, דעם זינגער, וועלכער האָט דאָס קינד אַזוי בעגייסטערט.

דאַן איז געקומען די גאָרטען סצענע.

גלייך האָט זיך עטוואָס ווי ליעבעס פיבער איבער'ן גאַנצען טהעאַטער פערשפּרייט. דען די דאָזיגע מוזיק, וועלכע טראָגט זיך אין דער לופטען ווי א הויך פון קושען, איז נאָך קיין מאָל פון אַזעלכע קינסטלער ניט געזונגען געוואָרען. עס זיינען שוין ניט געווען מעהר צוויי בעריהמטע זינגער, שוין ניט מעהר מאָנטראָזע און די העלסזאָהן, זאָנדערן צוויי אידעאַלע וועזענס, אָדער איי־גענטליך נור צוויי שטימען, די אייביגע שטימע פונ'ם מאַן, וועל־כער ליעבט, די אייביגע שטימע פון דער פרוי, וועלכע גיט זיך

אָב. און צוזאַמען האָבען זיי אויסגעזיפּצט דעם גאַנצען צויבער פון דער ליבע, וועלכע איז געגעבען געוואָרען דעם מענשען.

ווען פאוסט האָט געזונגען:

— „לאָז מיך דיין אַנטליץ שויען״ —

האָט פון זיינע טענער געקלונגען אַזאַ פּערגעטערונג, אַזאַ געבעט, אַז אַ ליעבעס בענקעניש האָט אויף אַ מאָמענט אַלעמענס הערצער אַנגעפילט.

אָליוויער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער אַליין האָט אין פּאַרק פון ראַנסיערעס אונטער די פענסטער פון שלאָס די דאָזיגע ווערטער געזונגען. ער האָט זיי ביז אַהער געהאַלטען פאַר עטוואָס באַנאַל, אָבער איצט זיינען זיי איהם געקומען אויף די ליפּען, ווי אַ לעצטער געשריי פון דער ליידענשאַפט, אַ לעצטער געבעט, די לעצטע האָפנונג, די לעצטע פרייד, וואָס ער האָט נאָך געקענט פון לעבען ערוואַרטען.

דאַן האָט ער זיך מעהר צו קיין זאַך ניט צוגעהערט, קיין זאַך ניט געהערט. מורא׳דיגע אייפערזוכט האָט איהם זיין האַרץ צוריסען, דען ער האָט נור וואָס בעמערקט, ווי אַננעלע האָט איהר טאַשענטיכעל צו איהרע אויגען צוגעדריקט.

זי האָט געוויינט. איהר האַרץ האָט ערוואַכט, האָט זיך אויפגערעגט און געשלאָגען, איהר קליין מיידעלשע הערצעלע, וועלכע האָט נאָך פון קיין זאַך ניט געוואוסט. אָט דאָ, אַזוי נאָהנט פון איהם, הגם זי האָט וועגען איהם גאָרניט געטראַכט, האָט זי געזעהן, ווי די ליבע טרייסעלט אויף אַ מענשליכע האַרץ. און די דאָזיגע ערוואַכונג האָט אין איהר אַרויסגערופען יענער פוסטער אַנגעפּאַרבטער זינגער, דאָרט אויף דער ביהנע.

— אַך, ער איז שוין מעהר ניט בייז געוועזען אויף דעם מאַרקיז פּאַראַנדאַל, אויף דעם דאָזיגען דומקאָפּ, וועלכער האָט גאָרנישט געפיהלט. אָבער ער האָט געהאַסט דעם מאַן אין די ענגע טריקאָ, וועלכע האָט דיעזע מיידעלשע נשמה אַזוי בעצויבערט.

ווי זי האָט עס זיך צוגעהערט, ווי זי האָט געציטערט און

ווי ער האָט געליטען; ער האָט שוין פריהער אויך געגוג גע־ליטען, אָבער אַזוי שטאַרק נאָך ניט. און ער האָט געטראַכט וועגען אַלע פריהערדיגע ליידען, אַלע קוואַלען פון אייפערזוכט האָבען איהם ווידער גענומען מאַטערן, ווי וואונדען, וועלכע האָבען זיך ווידער געעפענט. אין ראַנסיערעס איז דאָס געווען, ווען זיי זיינען פון קירך־הויז צוריקגעגאַנגען, דאָרט האָט ער געפיהלט צום ערש־טען מאָל, אַז איהר נשמה שוועבט אַוועק פון איהם, אַז ער האָט קיין מאַכט ניט איבער איהר, איבער דאָס דאָזיגע יונגע מיידעל, וועלכע איז אַרומגעלאָפען איבער'ן פעלד, פריי ווי אַ יונגע חיה'לע. אָבער דאָרט, ווען זי איז אַנטלאָפען צו רייסען בלומען, האָט ער געפיהלט אַ ברוטאַלען פערלאַנג זי איינצוהאַלטען, איהר קערפּער נעבען זיין זייט צו פערהאַלטען. היינט אָבער איז עס געווען איהר נשמה, וועלכע איז אויף אייביג פון איהם אַנטלאָפען. ער האָט זיך דערמאָנט ווי די אייפערזוכט האָט איהם ביסלעכווייז גע־נומען שטעכען. יעדעסמאָל, ווען זי האָט עטוואָס געזעהן, בע־וואונדערט, געליעבט אָדער פערלאַנגט, איז ער אייפערזיכטיג גע־ווען. אייפערזיכטיג אויף אַלעס, נאָכאַנאַנד אייפערזיכטיג אויף אַלעס, אויף וואָס אַנגעלע'ס בליק איז געפאַלען, וואָס האָט איהר אויפמערקזאַמקייט, איהר פערוואונדערונג, איהר געלעכטער אַרויס־גערופען, דען דאָס אַלעס האָט ביי איהם צוגענומען עטוואָס, וואָס האָט געהערט צו איהם. ער איז געווען אייפערזיכטיג אויף אַלעס וואָס זי האָט אָהן איהם געטהאָן, אויף אַלעס פון וואָס ער האָט ניט געוואוסט, אויף איהרע שפּאַציער גיינג, איהרע ביכער, אויף אַלעס, וואָס איז איהר געפעלען געווען. אייפערזיכטיג אויף אַן אָפיציער, וועלכער איז נאָך אַ העלדישען קאַמפף געפאַלען אין אַפריקאַ און פון וועלכען מען האָט איין פּאַריז גערעדט אַן אַכט טאָג נאָכאַנאַנד; אייפערזיכטיג אויף דעם פערפאַסער פון אַ ראָמאַן, וועלכער איז זעהר געריהמט געוואָרען; אייפערזיכטיג אויף אַן אונבעקאַנטען, יונגען דיכטער, וועמען זי האָט קיין מאָל ניט גע־זעהן, אָבער וועמעס פערזען מוסאַדיע האָט פאַר איהר פּאָרגע־

לעזען; אייפערזיכטיג אויף אַלע מענער, וועלכע מען האָט אין איהר געגענוואַרט געלויבט; אייפערזיכטיג אויף אַ גאַנץ נאַרישען קליינליכען אופן, דען ווען מען ליעבט אַ פרוי, קען מען ניט פערטראָגען, אַז זי זאָל האָבען אַ אינטערעס פאַר אירגענד וואָס, ווייל מען פיהלט דאַן אַ שטאַרקע בעדירפעניש גאַנץ אַליין פאַר איהרע אויגען צו שטעהן. מען וויל, זי זאָל קיינעם ניט זעהן, קיינעם ניט קענען, קיינעם ניט שעצען. ווען זי קוקט זיך אַרום, אום אימיצען צו בעטראַכטען אָדער צו דערקענען, שטעלט מען זיך צווישען איהר בליק און ווען מען קען איהרע אויגען ניט אָבווענדען און אין גאַנצען צו זיך צוציהען, דאַן טהוט עס וועה ביז אין דער טיעפעניש פון דער נשמה.

אַזוי האָט בערטין געליטען דורך דיעזען זינגער, וועלכער האָט געשיינט צו פערשפּרייטען און געווינען ליעבע אין דעם גרויסען זאַאַל, און איז געוואָרען אויפגעבראַכט אויף דער גאַנצער וועלט פאַר דעם בייפאַל, וואָס דער טענאָר האָט געקריעגען; אויפגעבראַכט אויף די פרויען, וועלכע ער האָט געזעהן זיצענדיג אויפגערעגט אין זייערע לאָזשען; אויף די מענער, די נאַרען, וועלכע האָבען דעם דאָזיגען טריקאָענעם העלד אַן אוואַציע געמאַכט.

אַ קינסטלער! זיי האָבען איהם געהאַלטען פאַר אַ קינסטלער. און ער האָט געהאַט ערפאָלג, דער דאָזיגער פוסטער יונג, וועלכער איז נור געווען אַ דאָלמעטשער פון פרעמדע געפיהלען. אַזאַ ערפאָלג, ווי די בעשאַפער אַליין האָבען נאָך קיין מאָל ניט געהאַט. אין דעם האָט זיך געצייגט דער גערעכטיגקייטס־געפיהל, די אינטעליגענץ פון דער געזעלשאַפט, פאַר וועלכער די אמת׳ע מייסטער פון דער קונסט האָבען ביז צו זייער טויט געאַרבייט. און ער האָט זיי געזעהן, די דאָזיגע העררן און דאַמען פון דער געזעלשאַפט, ווי זיי האָבען געקלאַפּט, גערופען, זיך בעגייסטערט, און יענע אַלטע פיינדשאַפט, וואָס האָט אימער אין דער טיעפעניש פון זיין שטאָלצען, עהרגייציגען הארצען געשלומערט, האָט זיך איצט פערוואַנדעלט אין פערצווייפלונג, אין אַ מורא׳דיגען כעס

אויף די אַלע דומקעפּ, וועלכע האָבען געהאַט די מאַכט נור צו־ליעב זייער געבורט און געלד.

ביז צו דער ענדע פון דער פאָרשטעלונג האָט ער געשוויגען, פערנומען מיט זיינע אייגענע געדאַנקען. דאַן, ווען דער לעצטער שטורעם פון בעגייסטערונג האָט זיך צום סוף איינגעשטילט, האָט ער דערלאַנגט זיין אָרעם דער הערצאָגין, בעת אַננעלע האָט אָנ־גענומען דעם מאַרקיז אונטער'ן האַנד. אין אַ הו־האַ פון שטימען, אין אַ מין שטראָם פון פּראַכטפאָלע קליידער און שוואַרצע פראַקען זיינען זיי אַרונטער פון די ברייטע טרעפּ. דאַן האָבען זיך די הערצאָגין, אַננעלע, איהר פאָטער און דער מאַרקיז געזעצט צו־זאַמען אין אַ קאַרעטע, בעת אַליוויער בערטין און מוסאַדיע זיינען געבליעבען שטעהן אַליין נעבען דעם אָפּערא הויז.

פּלוצים האָט בערטין דערפיהלט עטוואָס ווי צונייגונג צו דעם בעקאַנטען מוסאַדיע'ן, עטוואָס פון יענער נאַטירליכער הערצ־ליכקייט, וועלכע מען דערפיהלט צו אַ לאַנדסמאַן, ווען מען טרעפט איהם אין אַ פרעמד לאַנד. דען אונטער די אַלע גלייכגילטיגע מענשען, האָט ער זיך איצט געפיהלט פערלאָרען און פרעמד, בעת מיט מוסאַדיע'ן האָט ער זיך דאָך ווייניגסטענס געקענט דורכריי־דען. ער האָט איהם גענומען אונטער'ן אָרעם און געזאָגט:

— איהר געהט דאָך ניט גלייך אַהיים. עס איז אַזוי שעהן, לאָמיר זיך אַביסעל דורכגעהן.

— מיט פערגעניגען.

און זיי זיינען אַוועק צו דער מאַדעליינע דורך די בייגאַכטיגע שטראָמען מענשען, וועלכע טהוען זיך אַ לאָז נאָך האַלבער נאַכט פון די טהעאַטערס איבער די בולוואַרען.

מוסאַדיע האָט געהאַט טויזענד זאַכען אין קאָפּ, אַלע נייעסען, אַלעס, פון וואָס מען האָט גערעדט, האָט ער געוואוסט און זיך מיט דעם געאינטערעסירט, אָבער איצט האָט ער זיך בעגנוגענט צו ריידען פון צוויי דריי זאַכען, וועלכע האָבען איהם אַם מייסטען אינטערעסירט. דער מאַהלער האָט איהם געלאָזט רעדען, האָט

אָבער ניט געהערט וואָס ער רעדט און געטראַכט, אַז ער וועט איהם ברענגען דערצו, אַז ער זאָל רעדען פון איהר. און פול מיט זיין ליעבע איז ער געגאַנגען ניט זעהענדיג קיין זאַך אַרום זיך.

ער האָט געטראַכט, אַז וואָס ווייטער וועט ער אַלץ מעהר און מעהר ליידען, אַז אומעדיגע טעג וועלען פאָלגען איינער נאָכ'ן אַנדערען. אין זיינע געדאַנקען האָט ער געזעהן אַננעלע'ן, געזעהן זי גליקליך, געליעבט, און אַליין אויך ליעבענדיג. ליעבענדיג! גאָט אין הימעל, פיליכט וועט זי אויך האָבען אַ ליעבהאָבער, ווי איהר מוטער האָט געהאַט. ער האָט זיך דערפיהלט אַזוי טרויעריג, אַזוי אונגליקליך, אַזוי דערשלאָגען, אַז ער האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז ווער עס איז זאָל האָבען אַזוי געליטען ווי ער. און פלוצים איז איהם איינגעפאַלען דער קינדערשער איינפאַל פון די דיכטער, וועלכע האָבען געמאָהלען די ליידען פון דעם גאָט פראָמעטעאוס, ביי וועמען רויבפויגעל האָבען דאָס האַרץ אויסגעפיקט. וואָלטען זיי געהאַט אַן אהנונג פון דער פערצווייפעלטער ליעבע פון אַן אַלטען מאַן צו אַ יונג מיידעל, וואָלטען זיי דאַן בעסער געשילדערט די מורא'דיגע געהיימע ליידען פון אַ מענשען, וועלכער קען מעהר נישט ליעבען. די קוואַלען פון אונגעשטילטע פערלאַנגען, וועלכע זיינען מורא'דיגער פונ'ם שנאָבעל פון דער רויב־פויגעל. דאַן וואָלטען זיי געשילדערט אַ קליין בלאַנד, ליכטיג פנים'על, וועלכער צופליקט אַן אַלט פערוואונדעט האַרץ.

מוסאַדיע האָט נאָך אַלץ גערעדט און בערטין האָט פלוצים געגען זיין איינענעם ווילען איהם אונטערבראָכען און אַרויסגעמורמעלט:

— אַננעלע איז געוועזען רייצענד שעהן היינט ביינאַכט.

— יאָ, וואונדערשעהן.

דער מאַהלער האָט פאָרטגעזעצט, אום ניט צו דערלאָזען מוסאַדיע'ן, ער זאָל ווייטער דערצעהלען דאָס זייניגע:

— זי איז שעהנער, ווי איהר מוטער איז ווען עס איז געוועזען.

יענער האָט געענטפערט צושטרייט:

— יאָ, יאָ, יאָ — קענטיג , אז ער האָט געטראַכט וועגען עטוואָס אַנדערעס.

אליוויער האָט זיך בעמיהט איהם איינצוהאַלטען ביי דעם דאָ־זיגען געשפּרעך און אום איהם צו געווינען, האָט ער גענומען ריידען פון מוסאַדיע׳ס אַ ליעבלינגס־טעמאַ, ער האָט געזאָגט:

— ווען זי וועט זיך פערהייראַטען, וועט זי האָבען איינעם פון די ערשטע סאַלאָנען פון פּאַריז.

דאָס איז געווען געגנוג. און דער אינספּעקטאָר פון דער שעהנער קונסט, וועלכער איז געווען דורך און דורך אַ געזעלשאַפטס־מענש, האָט גענומען געניי אויסרעכענען, וואָס פאַר אַ שטעלונג די מאַר־קיזע פאַראַנדאַל וועט שפּעטער פאַרנעהמען אין דער פראַנצוי־זישער געזעלשאַפט.

בערטין האָט זיך צוגעהערט און געזעהן אַנגעלע׳ן פאַר זיך אין אַ העל בעלויכטענעם סאַלאָן, אַרומגערינגעלט מיט הערן און דאַמען, און דאָס דאָזיגע בילד האָט איהם ווידער אייפערזיכטיג געמאַכט.

איצט זיינען זיי געגאַנגען איבער דעם פּאַרק מאַלעס הערבעס. ווען זיי זיינען פערביי גילליעראַי׳ס הויז פערבייגעגאַנגען, האָט דער מאַהלער אַרויפגעקוקט אויבען. דורך דעם פאָרהאַנג האָט זיך גע־זעהן דער שיין פון בעלייכטונג. ער האָט געקריגען אַ פערדאַכט, אַז די הערצאָגין און איהר פּלימעניק זיינען אודאי דאָרט פער־בעטען געוואָרען אויף אַ גלאָז טהעע און פּלוצים האָט איהם גע־נומען שטיקען אַ כעס, אַ מורא׳דיגער צאָרן.

ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטען מוסאַדיע׳ן אונטער׳ן אָרעם און האָט פון צייט צו צייט געזוכט מיט אַ וואָרט, אַ בעמערקונג, איהם צו מאַכען ווייטער רעדען פון דער צוקינפטיגער מאַרקיזע.

ווען זיי זיינען צו דעם מאַהלער׳ס טיר צוגעקומען אין דער עוועיו דע בילליערס, האָט בערטין געפרעגט:

— קומט איהר אַרויף?

— ניין, אַ דאַנק. עס איז שפּעט, איך וויל געהן שלאָפען.

— קומט אַרויף אויף אַ האַלב שעה, מיר וועלן נאָך אַ ווײַלע פּלוידערן.

—ניין, עס איז צו שפּעט.

דער געדאַנק צו בלײַבן אַליין נאָך די אַלע קוואַלן, וואָס ער האָט הײַנטיקן אָוונט איבערגעליטן, האָט אים געשראָקן. איצט האָט ער אימיצן געהאַט נעבן זיך און ער האָט אים מיט אַלע מעגלעכקייטן געוואָלט אײַנהאַלטן.

— קומט אַרויף, איך בעט אײַך. איהר וועט דאָרט אויסזוכן אַ צייכנונג, וועלכע איך האָב אײַך שוין לאַנג געוואָלט שענקען.

מוסאַדיע האָט געוואוסט, אַז די מאַהלער זײַנען ניט אימער אין אַ שטימונג צו שענקען בילדער, און ווען זיי זאָגן אַמאָל אַפילו יאָ צו ווערט זייער זכרון אָפט קורץ. אַלס אינספּעקטאָר פון דער שעהנער קונסט, האָט ער געהאַט אַ גאַנץ שעהנע בילדערזאַמלונג. ער האָט ניט געוואָלט פערליערן די געלעגענהייט און האָט זיך אָבגערופן:

—גוט, איך געה מיט.

זיי זײַנען אַריין אין הויז.

אַ דינער איז אויפגעוועקט געוואָרען און ער האָט זיי געבראַכט גראָג, און אַ צייט לאַנג האָבען זיי גערעדט פון מאַהלעריי. בערטין האָט איהם געצייגט צייכנונגען און געבעטען אויסצוקלייבען אַזאַ, וואָס געפעלט איהם אַם בעסטען. און מוסאַדיע האָט געצעגערט, ווייל פאַר דער גאַז־בעלייכטונג האָט מען די פאַרבען ניט געקענט גוט דערקענען. צום סוף האָט ער אויסגעקליבען אַ גרופּע קליינע מיידלאַך, וועלכע האָבען אויפ׳ן טראָטואַר געשפּרונגען איבער אַ שפּרינגער, און האָט גלייך געוואָלט דערמיט אוועקגעהן.

— איך וועל עס אײַך שיקען אַהיים — האָט געזאָגט דער מאַהלער.

— ניין, איך וועל עס גלייך מיטנעהמען, כדי איך זאָל עס קענען נאָך אמאָל בעטראַכטען איידער איך געה שלאָפען.

עס איז ניט מעגליך געווען איהם מעהר אָבצוהאַלטען, און ווידער איז אָליוויער בערטין געבליבען אַליין אין הויז, אין דעם דאָזיגען געפענגניס פון זיינע עראינערונגען און זיינע שמערצליכע קאַמפּפען.

ווען דער דיענער איז אויף מאָרגען אין דער פריה געקומען מיט דעם טהעע און די צייטונגען, האָט ער געפונען זיין בעל־הבית זיצענדיג אין בעט, אַזאַ בלייכען, אַז ער האָט זיך דער־שראָקען:

— זייט איהר קראַנק, בעל־הבית?

— עס איז גאָרנישט, דער קאָפּ טהוט מיר וועה.

— זאָל איך אפשר עפּעס ברענגען?

— ניין. ווי איז דער וועטער?

— עס רעגענט.

— גוט.

דער דיענער האָט ווי געוועהנליך אוועקגעשטעלט די טאַץ מיט'ן טהעע און די צייטונגען אויף דעם נאַכטטישעל און איז אוועק.

דער מאַהלער האָט גענומען דעם פיגאַראָ און איהם געעפענט. דער לייט־ארטיקעל האָט געלויטעט:

„מאָדערנע מאַהלעריי".

עס איז געווען אַ לויבגעזאַנג אויף די פיער אָדער פינף יונגע מאַהלער, וואָס האָבען געהאַט אַ קרעפטיגען קאָלאָריסטישען טאַלאַנט, וועלכען זיי האָבען אַביסעלע איבערטריעבען מיט עפעק־טען. זיי האָבען זיך געהאַלטען פאַר רעוואָלוציאָנערען און אומ־שטירצענדע זשענים.

ווי אַלע אַנדערע האָט זיך בערטין געערגערט איבער די יונ־גע. זייערע מיינונגען האָבען איהם געמאַכט נערוועז, אין זייערע לעהרען האָט ער ניט געגלויבט.

און ער האָט גענומען לעזען דעם אַרטיקעל מיט דעם כעס פון אַן אויפגערעגטען נערוועזען מענשען. עטוואָס ווייטער אונ־טען האָט ער בעמערקט זיין נאָמען. און צו ענדע פון אַ זאַץ האָבען איהם, ווי אַ זעץ אין האַרצען, געטראָפען די ווערטער: „די פערעלטערטע קונסט פון אָליוויער בערטין".

שלעכטע קריטיקען האָבען איהם אימער ווען געטהאָן, פונקט ווי ליובגעזאַנגען האָבען איהם געשמייכעלט. אָבער אין דער טיעפעניש פון זיין נשמה האָט ער טראָץ זיין אייגענליעבע פיעל מעהר געליטען פון די אַנגריעפען, ווי ער איז אימשטאַנד געווען זיך צו פרעהען מיט ליובגעזאַנגען, דאָס איז געקומען פון דער שטענדיגער אונזיכערהייט אין זיך אַליין. פריהער, ווען ער האָט זיך געפונען גאָר פון אויבען, האָט מען איהם אַזוי פיעל געלויבט, אַז ער האָט צוליעב דעם פערגעסען די פּאָר שטעכיגע שפּילקעס, וואָס ער האָט פון צייט צו צייט געקריעגען. היינט אָבער, ווען פון אַלע זייטען האָבען זיך אַלץ נייע קינסטלער בעוויעזען, זיינען די ליובגעזאַנגען געוואָרען אַלץ זעלטענער און די אַנגריעפען אַלץ שאַרפער. איצט האָט ער געפיהלט, ווי מען רעכענט איהם צו צו די אַלטע, פאַר וועמען די יונגע קינסטלער האָבען גאָר קיין דרך־ארץ ניט. און אַזוי ווי ער איז געווען קלוג און שאַרפזיניג, האָט ער געליטען פון קלענסטע אָנצוהערענישען פונקט אַזוי פיעל ווי פון די דירעקטע אַנגרייפען.

און דאָך האָט קיין קלאַפּ, וואָס זיין קינסטלער־שטאָלץ האָט ביז אַהער געקראָגען, איהם ניט אַזוי שאַרף געטראָפען, ווי דער היינטיגער. מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטהעם האָט ער גע־לעזען דעם אַרטיקעל נאָך אַמאָל, אום יעדע קלייניגקייט צו פער־שטעהן. ער מיט נאָך אַ פּאָר קאָלעגען זיינען דאָרט מיט בע־ליידיגענדע ווערטער אָנגעגריעפען געוואָרען, ווי אַלטע, אויס־געלעבטע און איבעריגע זאַכען. און ער האָט זיך אויפגעהויבען מורמלענדיג די לעצטע ווערטער: „די פערעלטערטע קונסט פון אָליוויער בערטין".

„הייסט עס, אַלעס איז אויס", האָט ער געטראַכט, „אי גייסטיג, אי קערפּערליך געה איך צו גרונד", און אויף איהם איז אָנגעפאַלען אַזאַ טרויעריגקייט, אַזאַ מוטלאָזיגקייט, אַזאַ פערצווייפלונג, ווי ער האָט עס ביז אהער נאָך קיין מאָל ניט געפיהלט. ביז צוויי אַזייגער איז ער געבליבען זיצען אין אַ פאָטעל ביים קאַמין, די פיס צום פייער אויסגעשטרעקט. ער האָט ניט געהאַט קיין כח זיך צו בעוועגען אָדער וואָס עס איז צו טהאָן. דאַן האָט ער גענומען בענקען נאָך אַ טרייסט וואָרט, נאָך אַ דרוק פון אַ פריינדליכער האַנד, נאָך אַ בליק פון אַ טרייער אויג. עס האָט זיך איהם פאַרוואַלט זעהן מיטגעפיהל, מיטלייד, הערען אַ פּאָר ליעבע לאַסטשענדיגע ווערטער. און ער איז ווי אימער אַוועק צו דער גרעפין.

ווען ער איז אריין איז אַננעלע געווען אַליין אין סאַלאָן. זי איז געבליעבען שטעהן מיט'ן רוקען צו איהם און געשריעבען אַן אדרעס אויף אַ בריעף. אויפ'ן טיש נעבען איהר איז געלעגען דער פיגאַראָ. בערטין האָט דערזעהן דאָס יונגע מיידעל און די צייטונג אין איין צייט, ער איז געבליעבען שטעהן ווי אַ דער׳הרג'עטער און ניט געוואַגט צו טהאָן אַ טריט ווייטער. טאָמער האָט זי עס געלעזען! זעהר געאיילט, בעשעפטיגט מיט עפּעס אַ קליינע מיידעלשע אידעע, האָט זי זיך אומגעקעהרט צו איהם און געזאָגט:

— אָה, ווי געהט עס, הערר מאַהלער. נעהמט דאָס ניט פאַר אומגוט, וואָס איך געה אַוועק, די שניידערקע איז אויבען און זי דאַרף מיך האָבען. ווייסט איהר, פאַר אַ חתונה איז די שניידערין זעהר אַ וויכטיגע פערזאָן. איך שיק אייך די מאַמאַ, וועלכע בעראַט זיך איצט מיט איהר וועגען געוויסע זאכען. ווען איך וועל זי דאַרפען, וועט זי מוזען ווידער ארויפגעהן אויף אַ פּאָר מינוטען.

און האַלב לויפענדיג, כדי צו צייגען ווי זי איילט זיך, איז זי אַוועק.

איהר פלוצימדיגער אנטלויפען, אָהן א גוט וואָרט, אָהן א פריינדליכען בליק, האָט איהם נאָך מעהר צומישט. דאַן איז זיין אויג ווידער געפאַלען אויף דעם פיגאַראָ און ער האָט א טראַכט געטהאָן: „זיי האָבען עס אודאי געלעזען. מען מאַכט מיר צו גאָרנישט, מען בעשמוצט מיך, זי גלויבט ניט מעהר אין מיר, איך בין אין איהרע אויגען מעהר גאָרנישט ווערטה.”

ער איז צוגעגאַנגען צו דער צייטונג, ווי צו א מענשען, וועל־כען מען וויל געבען אין באַק. דאַן האָט ער געזאָגט צו זיך אליין: „און אפשר האָט זי עס נאָך ניט געלעזען, זי איז היינט אַזוי בעשעפטיגט. אָבער מען וועט דערפון רעדען אין איהר געגענוואַרט, היינט צום טיש וועט מען אָהן צווייפעל עס דער־מאָנען. און דאַן וועט זי עס וועלען לעזען.”

מיט א פלוצימדיגער בעוועגונג האָט ער א כאַפּ געטהאָן די צייטונג, זי צוזאַמענגעלעגט און שנעל, ווי א גנב, זי אין קע־שענע אריינגעשטעקט.

די גרעפין איז אריין. און ווי נור זי האָט דערזעהן אָלי־וויער׳ס איינגעפאַלענעם, בלייכען פּנים, האָט זי פערשטאַנען, אַז זיינע ליידען האָבען דערגרייכט צו דער העכסטער שטופע. זי איז צוגעגאַנגען צו איהם, איהר אָרימע האַרץ, וועלכע איז אויך געוועזען אַזוי צוריסען, איהר אויסגעמוטשעטער לייב, וועלכער איז אויך געוועזען געפייניגט, האָבען זיך א ציה געטהאָן צו איהם. זי האָט ארויפגעלייגט איהר אָרעם ארום זיין האַלז, איהם אריינגע־קוקט טיעף אין די אויגען און געזאָגט:

— אָך, גאָט, ווי אונגליקליך איהר זייט.

דעם מאָל האָט ער עס שוין מעהר נישט געלייקענט און ווי א כאָרכלען האָט זיך פון זיין האַלז ארויסגעריסען:

— יאָ, יאָ, יאָ!

ער האָט דערפיהלט, אַז באַלד צוואַויינט ער זיך, און ער איז אַוועק אין א דונקעלען ווינקעל פון׳ם סאַלאָן צו צוויי פאָטעלס, וועלכע א שירעם פון אַלטען זייד האָט פארשטעלט. דאָרט

האָבען זיי זיך געזעצט הינטער דער דינער, געשטיקטער וואַנד און פערבאָרגען אין דער גרויער דעמערונג פון דעם רעגענדיגען טאָג, האָט זי געזאָגט מיט אַ פערשטיקטער שטימע און פול מיטלייד:

— מיין אָרימער אַליוויער, ווי דו ליידעסט!

ער האָט אָנגעשפאַרט זיין ווייסען קאָפּ אויף איהר שולטער:

— מעהר ווי דו קענסט זיך פאָרשטעלען.

זי האָט געפליסטערט טרויעריג:

— אַך, איך האָב עס געוואוסט, איך האָב עס געפיהלט, איך האָב געזעהן ווי עס קומט.

ער האָט געענטפערט, ווי זי וואָלט איהם בעשולדיגט:

— איך בין ניט שולדיג, אַננאַ.

— דאָס ווייס איך, איך מאַך דיר ניט קיין פאָרוואורף.

און בעת זי האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט זי לייכט צוגע־דריקט איהר מויל צו אַליוויער'ס אויג און דערפיהלט אַ ביטערען טרעהר.

זי האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן, ווי זי וואָלט אַ טראָפּען פערצווייפלונג פערזוכט און האָט געזאָגט עטליכע מאָל נאָכאַ־נאַנד:

— אַך, מיין אָרימער פריינד! מיין אָרימער פריינד! מיין אָרימער פריינד!

דאַן נאָך אַ קורצען שווייגען האָט זי צוגעלייגט:

— דאָס איז אַלץ דערפאַר, ווייל אונזערע הערצער זיינען ניט אַלט געוואָרען. מיין הארץ, פיהל איך, איז נאָך אַזוי יונג.

ער האָט פּרובירט רעדען און ניט געקענט, שלוכצען האָבען זיין שטימע דערשטיקט. ניט ווילענדיג האָט זי זיך צוגעהערט צו דעם כאָרכלען אין זיין ברוסט און ווי פון טויזענד מעסער געשטאָכען, האָט זי מיט אַ הערצרייסענדער שטימע ארויסגע־קרעכצט:

— מיין גאָט, ווי דו ליעבסט זי!

און ער האָט ווידער צוגעגעבען:

— יאָ, איך ליעב זי.
אַ פּאָר מינוטען האָט זי נאָכגעטראַכט און ווידער געזאָגט:
— מיך האָסטו קיין מאָל אַזוי ניט געליעבט...
ער האָט עס ניט געלייקענט, דען ער האָט זיך געפונען אין איינע פון יענע שטימונגען, ווען מען זאָגט דעם גאַנצען אמת, און ער האָט געפליסטערט:
— ניין, איך בין דעמאָלט געווען צו יונג.
זי איז געוואָרען ערשטוינט:
— צו יונג? וואָס מיינט איהר?
— אונז האָט זיך דאַן געלעבט צו לייכט. ביז צו פערצווייפלונג ליעבט מען נור אין אונזער עלטער.
זי האָט געפרעגט:
— פיהלסטו צו איהר עטוואָס עהנליכעס ווי אַמאָל צו מיר?
— יאָ און ניין... און דאָך איז עס כמעט דערזעלבער געפיהל. איך האָב דיך געליעבט, ווי מען קען ליעבען נור איין פרוי. איך ליעב זי ווי דיך, ווייל אין איהר ביסטו. אָבער די דאָזיגע ליעבע איז עטוואָס אונווידערשטעהליכעס, עטוואָס צושטערענדעס, עטוואָס וואָס איז שטאַרקער פונ׳ם טוידט. איך געהער צו איהר, ווי אַ ברענענדיגע הויז געהערט צום פייער.
זי האָט געפיהלט ווי איהר מיטלייד ווערט פערטריעבען פונ׳ם קאַלטען הויך פון אייפערזוכט, און זי האָט געזאָגט אין אַ טרויםטענדיגען טאָן:
—מיין אָרימער פריינד, אין אַ פּאָר טעג ארום הייראַט זי און פאָהרט אַוועק. ווען דו וועסט זי מעהר ניט זעהן, וועסטו ווידער געזונד ווערען.
— ער האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ:
— ניין, איך בין פערלאָרען, פערלאָרען.
— אָבער ניין, ניין. דו וועסט זי ניט זעהן אַ פיערטעל יאָהר, דאָס וועט דיך שוין אויסקורירען. איין האַלב יאָהר נור איז דיר

גענוג געווען זי מעהר צו ליעבען ווי מיך, ווען דו קענסט שוין זיין צוועלף יאהר.

דא האט ער זיך גענומען בעטען ביי איהר מיט אונענדליכער פערצווייפלונג:

— אננא, העלף מיר, העלף מיר!

— וואס זאל איך טהאן, מיין פריינד?

— לאז מיך נישט אליין.

— איך וועל קומען צו דיר אזוי אפט, ווי דו וועסט ווען.

— ניין, איך מוז אזוי פיעל ווי מעגליך דא זיין.

— דאן וועסטו זיין ביי איהר.

— און ביי דיר.

— דו טארסט זי פאר דער חתונה מעהר נישט זעהן.

— אך, אננא!

— אדער כמעט ניט מעהר.

— קען איך דא בלייבען היינט ביי נאכט?

— ניין, אין דעם צושטאנד, אין וועלכען דו געפינסט זיך, קענסטו דא ניט פערבלייבען. דו מוזט זיך צושטרייען. געה אין קלוב, אין טעאטער, אירגענד וואו, אבער דא קענסטו ניט בלייבען.

— איך בעט דיך.

— ניין, אליוויער, דאס איז אונמעגליך. און דאן האב איך א פאר מענשען צום טיש, וועמעס אנוועזענהייט עס וועט דיך נאך מעהר אויפרעגען.

— די הערצאגין און ער?

— יא.

— אבער איך בין דאך געסטערן מיט זיי צוזאמען געווען.

— יא, און דערפאר פיהלסטו זיך טאקע היינט אזוי צובראכען.

— איך פארשפרעך דיר צו זיין גאנץ רוהיג.

— ניין, דאס איז אונמעגליך.

— דאַן גײה איך אוועק.
— וואָס אײַלסטו זיך אַזוי?
— איך מוז שעפּען לופט.
— גוט! גײה שפּאַציערען. גײה, ביז עס וועט ווערען פינסטער, לויף זיך אָן, ביז דו וועסט זיך פיהלען טויט מיעד און דאַן גײה צו בעט.
ער איז אויפגעשטאַנען.
— אַדיע, אַננאַ.
— אַדיע, ליעבער פריינד. איך קום צו דיר מאָרגען אין דער פריה. זאָל איך ווי פריהער בעגעהן די אונפּאָרזיכטיגקייט און מאַכען אַן אָנשטעל, אַז איך פריהשטיק אום צוועלף דאָ און דאַן אויף אַן אמת פריהשטיקען מיט דיר?
— אַך, דו ביזט אַזאַ גוטינקע.
— ווייל איך ליעב דיך.
— איך ליעב דיך אויך.
— אַך, רעד נישט דערפון.
— אַדיע, אַננאַ!
— אַדיע, ליעבער פריינד. צום ווידערזעהן!
— אַדיע!
ער האָט אַ קוש געטהאָן איהרעביידע הענד איינע נאָך דער אַנדערער, דאַן די שלייפען און דעם מויל. זיינע אויגען זיינען איצט געוועזען טרוקען, ער האָט אויסגעזעהן ענטשלאָסען. אין דעם אויגענבליק, ווען ער האָט שוין געהאַלטען אין אַרויסגעהן, האָט ער זי אַ כאַפּ געטהאָן, אַרומגענומען זי מיט ביידע אָרעמס, צוגעדריקט דעם מויל צו איהר שטערן, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט געזוכט איהר גאַנצע ליעבע אין זיין נשמה אַריינצוזויגען.
און שנעל, זיך ניט אַרומקוקענדיג צוריק, איז ער אוועק.
ווען זי איז געבליבען אַליין, איז זי געפאַלען אויף אַ שטול און גענומען שלוכצען. זי וואָלט אַזוי געבליבען זיצען ביז אין אָבענד, ווען אַננעלע וואָלט פּלוצים ניט אַריין זי רופען.

אום צו געווינען צייט און זיך אָבצואווישען די רויטע, פאַר־וויינטע אויגען, האָט די גרעפין געענטפערט:

— איך האָב נאָך אַ פּאָר צייל'ען צו שרייבען, מיין קינד, גיה דו אַרויף, איך וועל באַלד קומען.

ביז צום אבענד האָט זי זיך געמוזט פאַרנעהמען מיט דער וויכטיגער פראַגע פון דער אויסשטייער.

די הערצאָגין און איהר פּלימעניק זיינען געווען די איינציגע געסט, וואָס האָבען געגעסען ביי די גיללעראַיס.

ווען זיי האָבען זיך געהאַט נאָר וואָס צום טיש געזעצט און גענומען רעדען פון דער נעכטיגער אָפּערא, איז אריין אַ דיענער און געבראַכט דריי ריעזיגע בוקעטען בלומען.

די הערצאָגין איז געוואָרען ערשטוינט.

— מיין גאָט, וואָס איז דאָס אַזוינס?

אַננעלע האָט אויסגערופען:

— דאָס איז אָבער שעהן! ווער האָט עס געקענט שיקען?

די מוטער האָט געענטפערט:

— אוודאי אָליוויער בערטין.

זייט ער איז אוועק האָט זי ניט אויפגעהערט וועגען איהם צו טראַכטען. ער האָט איהר אויסגעזעהן אַזוי אונגליקליך, אַזוי טרויעריג. זי האָט געזעהן אַזוי דייטליך זיין גרויסען אונגליק, זי האָט געפיהלט אַזוי מורא'דיג אַלע זיינע שמערצען, זי האָט איהם געליעבט אַזוי שטאַרק, אַזוי צערטליך, אַזוי טיעף, מיט איהר גאַנצען האַרצען, מיט איהר גאַנצער נשמה, אַז עטוואָס, ווי אַ דונקעלער פאַרגעפיהל האָט איהר גענומען דריקען אויפ'ן האַר־צען.

און ווירקליך איז אויף יעדען פון די בוקעטען געווען אַ קאַר־טעל פון דעם מאַהלער; אויף יעדערער פון זיי האָט ער מיט אַ בליישטיפט אָנגעשריעבען דעם נאָמען פון דער גרעפין, דער הער־צאָגין און אַננעלע'ס.

די הערצאָגין האָט געפרעגט:

— איז אייער פריינד בערטין קראַנק ? איך האָב בעמערקט געסטערן, אז ער זעהט זעהר שלעכט אויס.

און פרוי גיללעראַי האָט געענטפערט :

— יאַ, איך בין אונרוהיג וועגען איהם, הגם ער בעקלאַגט זיך ניט.

איהר מאַן האָט צוגעלעגט :

— אַך, עס געהט איהם, ווי אונז אַלעמען... ער ווערט אַלט. ער ווערט יעצט זאָגאר זעהר אַלט. איך דענק, די בחורים ברעכען צואַמען מיט איין מאָל, ביי זיי געהט עס שנעלער, ווי ביי די פער־הייראַטע מענער. ער האָט זיך אין דער לעצטער צייט ווירקליך זעהר פיעל פאַרענדערט.

די גרעפין האָט אַ זיפץ געטהאָן :

— יאַ, אמת.

פאַראַנדאַל האָט פּלוצים אויפגעהערט צו שעפּטשען זיך מיט אננעלע׳ן און געזאָגט :

— היינט אין דער פריה איז אין דער פיגאַראָ געווען אַן אַר־טיקעל, וועלכער איז זעהר אונאַנגענעהם פאַר איהם.

יעדער אַנגריף, יעדע קריטיק, יעדע שלעכטע מיינונג וועגען איהר פריינד׳ס טאַלענט, האָט די גרעפין ארויסגעבראַכט פון זיך, און זי האָט געזאָגט :

— אַך, אַזעלכע בעדייטענדע מענשען, ווי בערטין, דאַרפען זיך ניט אומקוקען אויף אַזעלכע שוואַצערייען.

גיללעראַי איז געווען ערשטוינט :

— אַזוי ? אַן אונאַנגענעהמער אַרטיקעל געגען בערטין ? אויף וועלכער זייט שטעהט ער ?

דער מאַרקיז האָט עס איהם געזאָגט :

— דער לייט אַרטיקעל מיט׳ן נאָמען : מאָדערנע מאַהלעריי.

דער אָבגעאָרדענטער האָט זיך מעהר ניט געוואונדערט :

— אַזוי גאָר, איך האָב עס טאַקע דערפאַר ניט געלעזען, ווייל דאָרט ווערט גערעדט פון מאַהלעריי.

אַלע האָבען אַ שמייכעל געטהאָן. מען האָט געוואוסט, אַז אויסער פּאָליטיק און לאַנדווירטשאַפט, האָט דער גראַף גיללעראַי פאַר קיין זאַך קיין אינטערעס ניט.

דאַן איז דאָס געשפּרעך איבערגעגאַנגען אויף אַנדערע טהעמאַס, ביז זיי זיינען אין סאַלאָן אריין צו טרינקען קאַפע. די גרעפין האָט ניט געהערט וואָס מען רעדט, האָט קוים געענטפערט איין וואָרט אויף צעהן, און אַלץ געטראַכט וועגען אָליווּיער'ן. וואו איז ער געוועזען, וואו האָט ער געגעסען, ווי אַזוי האָט ער איצט פאַרטויבט זיין אונהיילבאַר קראַנקע האַרץ? זי האָט איצט געפיהלט געוויסענסביסע, פאַר וואָס זי האָט איהם געלאָזט אוועקגעהן, פאַר וואָס זי האָט איהם ניט ערלויבט צו בלייבען דאָ אין הויז. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי ער שלעפּט זיך ארום איבער די גאַסען, אַ טרויעריגער, אַ איינזאַמער, אַנטלויפענדיג פון זיך אַליין, פון זיינע יסורים.

ביז די הערצאָגין און איהר פּלימעניק זיינען אַוועק, איז זי געזעסען אַ צוטראָגענע, פון אַלערליי אונבעשטימטע שרעקען פערפאָלגט. דאַן האָט זי זיך געלעגט צו בעט און איז געבליבען ליגען מיט אָפענע אויגען אין דער דונקעלהייט און אַלץ געטראַכט וועגען איהם.

עס איז אַוועק אַ לאַנגע צייט, דאַן האָט זיך איהר אויסגעדאַכט, ווי דער גלאָק פון הויז־טיר וואָלט אַ קלונג געטהאָן.

זי האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן, זיך אויפגעזעצט אין בעט און צוגעהערט זיך. און צום צווייטען מאָל האָט דער גלאָק פון דער הויז־טיר אַ קלונג געטהאָן אין דער נאַכט אריין.

זי איז אויפגעשפּרונגען פון בעט און גענומען מיט אַלע קרעפטען דריקען דעם עלעקטרישען גלעקעל, כדי אויפצוואַועקען איהר קאַמער־מיידעל. דאַן האָט זי זיך געלאָזט לויפען, מיט אַ ליכט אין האַנד, צו דער גאַס־טיר, און געפרעגט:

— ווער איז דאָרט?

אַ אונבעקאַנטע שטימע האָט געענטפערט:

— אַ בריעף.

— אַ בריעף! פון וועמען?

— פון אַ דאָקטאָר.

— וואָס פאַר אַ דאָקטאָר?

— איך ווייס ניט. עפּעס אַן אונגליק איז געשעהן.

זי האָט מעהר ניט געצעגערט, געעפענט די טיר און געבליעבען שטעהן פאַר אַן איזוואָשטשיק פון אַ דראָשקע מיט אַ לאַקירטען הוט אויפ׳ן קאָפּ. ער האָט געהאַלטען אין האַנד אַ בריעף, וועלכען ער האָט איהר דערלאַנגט און זי האָט איבערגעלעזען:

— זעהר וויכטיג —— דעם הערר גראַף גיללעראַי.

די האַנדשריפט איז איהר געווען פרעמד.

— זייט אַזוי גוט, קומט אריין. זעצט זיך דאָ און וואַרט אַ ווײַלע.

נעבען איהר מאַן׳ס שלאָפצימער האָט איהר האַרץ אַזוי שטאַרק געקלאַפּט, אַז זי האָט איהם ניט געקענט רופען. זי האָט גענומען קלאַפּען מיט דעם מעטאַלענעם פוס פונ׳ם לייכטער, וואָס זי האָט געהאַלטען, אין דער טיר; דער גראַף האָט געשלאָפען און ניט געהערט.

דאַן איז זי געוואָרען אונגעדולדיג, האָט אַ זעץ געטהאָן מיט׳ן פוס אָן טיר און דערהערט אַ פערשלאָפענע שטימע פרעגענדיג:

— ווער איז דאָרט? וויפיעל איז דען דער זייגער?

זי האָט געענטפערט:

— איך בין דאָס. איך האָב אַ דרינגענדען בריעף, וועלכען אַ קוטשער האָט געבראַכט. עס איז עפּעס אַן אונגליק געשעהן.

ער האָט געברומט פון בעט אַרויס:

— איין מינוט, איך שטעה גלייך אויף, איך קום אַרויס.

און אין אַ מינוט אַרום האָט ער זיך בעוויזען אין אַ שלאָפ־ראָק. צוזאַמען מיט איהם זיינען אַנגעלאָפען צוויי דיענער, וועמען דאָס קלינגען האָט אויפגעוועקט. זיי זיינען געווען צו־

שראַקען, ווייל זיי האָבען אין עס־צימער געפונען זיצענדיג אַ פרעמדען מענשען.

דער גראַף האָט גענומען דעם בריעף אין האַנד, איהם גע־דרעהט צווישען די פינגער און געמורמעלט:

— וואָס קען דאָס זיין? איך האָב קיין שום אהנונג ניט.

זי האָט געזאָגט, זיך טרייסלענדיג מיט׳ן גאַנצען קערפּער:

— אָבער לעז דאָך איבער.

ער האָט אויפגעריסען דעם קאָנווערט, פאַנאַנדערגעריסען דעם בויגעלע פּאַפּיער, אַרויסגעלאָזען אַ מורא׳דיגען געשריי, און דאַן אַנגעקוקט זיין פרוי מיט צוטומעלטע אויגען.

— מיין גאָט, וואָס איז געשעהן? — האָט זי געפרעגט.

ער האָט געשטאַמעלט און קוים געקענט אַרויסרעדען אַ וואָרט, אַזוי גרויס איז געווען זיין אויפרעגונג:

— אַ גרויסער אונגליק... אַ גרויסער אונגליק. בערטין׳ן האָט מען איבערגעפאָהרען..

זי האָט אויסגערופען:

— אויף טויט!

— ניין, ניין — האָט ער געזאָגט — לעז אַליין.

זי האָט אַרויסגעריסען דעם בריעף פון זיינע הענד און גע־לעזען:

„געעהרטער הערר גראַף! אַ גרויסער אונגליק איז געשעהן. אונזער אַלגעמיינער פריינד, דער גרויסער קינסטלער, הערר אָלי־ווייער בערטין, איז איבערגעפאָהרען געוואָרען פון אַ אָמניבוס, די רעדער זיינען איהם איבער׳ן לייב אַריבער. איך קען נאָך דער־ווייל גאַרנישט זאָגען בעשטימטעס איבער די וואַרשיינליכע פאָל־גען פונ׳ם אונגליק, וועלכע קענען זיין אי גאַנץ אונוויכטיג, אי גאַנץ ערנסט. הערר בערטין בעט אייך זעהר און באַשווערט די גרעפין גיללעראַי, איהם גלייך צו בעזוכען. איך האָף, הערר גראַף, אַז איהר און די גרעפין וועלען ערפילען דעם וואונש פון אונזער

געמיינזאַמען פריינד, וועלכער וועט שוין אפשר דעם מאָרגענדיגען טאָג ניט מעהר דערלעבען.

דאָקטאָר דע ריוויל."

די גרעפין האָט אויסגעגלאָצט אויף איהר מאַן אַ פּאָר ווייט־אויפגעריסענע, שטאַרע, צושראָקענע אויגען. דאַן איז עפּעס ווי אַן עלעקטרישער שטראָם איבער איהר אַריבער און זי האָט גע־קריעגען יענעם פּלוצים'דיגען מוט פון די פרויען, וועלכער מאַכט זיי מאַנכען מאָל, אין שרעקליכע מאָמענטען, פאַר אמת'ע העל־דינען.

זי האָט זיך געווענדעט צו איהר קאַמער־מיידעל:

— שנעל זיך אָנטהאָן.

דאָס קאַמערמיידעל האָט געפרעגט:

— וואָס וועט די מאַדאַם אָנטהאָן?

— אַלץ איינס. וואָס איהר ווילט.

און צום דיענער האָט זי זיך אָבגערופען:

— אין פינף מינוטען מוזט איהר זיין פערטיג.

זי איז אַוועק אין איהר צימער און דאָס הארץ האָט זיך ביי איהר געטרייסעלט פאַר שרעק, און ווען זי האָט פאַרבייגעהענדיג דעם קוטשער בעמערקט, וועלכער איז נאָך אַלץ געזעסען און גע־ווארט, האָט זי געפרעגט:

— איהר זייט דאָך דאָ מיט אייער דראָשקע?

— יאָ.

— גוט. מיר פאָהרען מיט אייך.

דאַן איז זי אַריינגעלאָפען אין איהר שלאָפצימער.

ווי פעררוקט, מיט משוגענער איילעניש האָט זי אויף זיך עפּעס אַרויפגעוואָרפען, פאַרבונדען, פאַרשפּילעט, פאַרקנעפּעלט אירגענד וועלכע קליידעל, צוגעלאָפען צום שפּיעגעל און ווי עס איז פאַרדרעהט די האָר, קוקענדיג דיעזעס מאָל אונבעוואוסט אויף איהר בלייך פּנים, און איהרע צושראָקענע, ווייט־אויפגעריסענע אויגען אינ'ם שפּיעגעל־גלאָז.

ווען זי האָט אַרויפגעוואָרפען אויף זיך דעם מאַנטעל, איז זי צוגעלאָפען צום צימער פון איהר מאַן, וועלכער איז נאָך ניט גע־ווען, און איהם גענומען איילען:

— *שנעל, שנעל,* ער קען נאָך **שטאַרבען.**

דער גראַף האָט איהר געפאָלגט, טיעף בעוועגט. אין דער דונקעלהייט האָבען זיי אָנגעטאַפּט די טרעפּ און זוכענדיג די פּאַ־רענץ זיינען זיי אַרונטער אונטען.

געפאָהרען זיינען זיי ניט לאַנג און ביידע האָבען געשוויגען. די גרעפין האָט אַזוי געציטערט, אַז עס האָט איהר געקלאַפּט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן. דורכ'ן פענסטער האָט זי געזעהן, ווי עס רעג־נענט, און ווי די גאַז־לאַנטערנען פליהען פערביי איינס נאָכ'ן אַנדערען. די טראָטואַרען האָבען געגלאַנצט, דער בולוואַר איז געווען פוסט און פערלאָזען, די נאַכט טרויעריג. ווען זיי זיינען אָנגעקומען, האָבען זיי געפונען די הויז־טיר אָפען, און די פירהויז איז געווען ליכטיג, אָבער קיינער איז דאָרט ניט געווען.

אויבען אויף די טרעפּ איז זיי אַנטגעגען געקומען דאָקטאָר דע ריוויל. ער איז געווען אַ קליינער מאַן מיט גרויע האָר, אַ קורצער, אַ רונדער, אַ העפליכער און זעהר נעט געקליידעט. ער האָט זיך טיעף פאַרנויגט פאַר דער גרעפין און דערלאַנגט דעם גראַף די האַנד.

זי האָט געפרעגט אָהן אָן אָטהעם, ווי דאָס אַרויפקריכען אויף די טרעפּ וואָלט איהר דעם אָטהעם פאַרכאַפּט:

— נו, הערר דאָקטאָר?

— נו, פרוי גרעפין, איך האָף, עס וועט ניט זיין אַזוי שלעכט, ווי איך האָב געדענקט די ערשטע מינוט.

זי האָט אויסגערופען:

— ער וועט דאָך ניט שטאַרבען דערפון?

— ניין, ווענינגסטענס גלויב איך אַז ניט.

— זייט איהר זיכער אין דעם?

— ניין. איך זאָג נור, איך האָף, אַז ער איז נור צוקוועטשט געוואָרען און אַז אינערליך איז ער אונפערלעצט.

— וואָס רופט איהר פערלעצונג?

— אויב אינעווענינג ביי איהם האָט זיך עפּעס ניט אָב־געריסען.

— פון וואַנען ווייסט איהר, אַז דאָס האָט ניט פּאַסירט?

— איך דענק אַזוי.

— און ווען עס וואָלט פּאַסירט?

— דאַן וואָלט עס ווירקליך געווען זעהר ערנסט.

— האָט דאָס געקענט פעראורזאַכען זיין טויט?

— יאָ.

— זעהר שנעל?

— זעהר שנעל. אין אַ פּאָר מינוטען און אפשר אין אַ פּאָר מאָמענטען. אָבער זייט רוהיג, פרוי גרעפין, איך האָף, אַז אין פערצעהן טעג ארום וועט ער זיין גאַנץ געזונד.

זי האָט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט צוגעהערט, אום אַליין קלאָהר צו פאַרשטעהן.

זי האָט געפרעגט נאָך אַמאָל:

—וואָס האָט דען געקענט צוריסען ווערען?

— די לעבער, צום ביישפּיעל.

— און דאָס איז געפעהרליך?

— יאָ, אָבער איך דענק ניט, אַז דאָס איז געשעהן. לאָמיר אריינגעהן צו איהם, דאָס וועט איהם זעהר פרעהען, דען ער וואַרט אויף אייך מיט אונגעדולד.

דאָס ערשטע, וואָס זי האָט ביים אריבערטרעטען דעם שוועל דערזעהן, איז געווען אַ טויט־בלייכער קאָפּ אויף די ווייסע קי־שענס. אַ פּאָר ברענענדיגע ליכט און דאָס פייער אין קאַמין האָבען איהם בעלויכטען, בעשיינט זיין פּראָפּיל און געוואָרפען שאָטענס ארום. אין דעם דאָזיגען פערצערטען פּנים אָהן אַ

טראָפּען בלוט, האָט די גרעפין געזעהן צוויי אויגען, וועלכע האָבען זי אָנגעקוקט.

איהר גאַנצער מוט, איהר קראַפט, איהר טאַקט איז צו־זאַמענגעבראָכען ביים אָנבליק פון דעם דאָזיגען פערענדערטען פּנים, וועלכער האָט אויסגעזעהן ווי פון אַ גוסס'ן. ער, וועמען זי האָט נאָך מיט אַ פּאָר שטונדען צוריק געזעהן אַ געזונדען, איז געלעגען ווי אַ גייסט, ווי אַ שאָטען. זי האָט געשעפּטשעט:

— אָה, מיין גאָט! — און איז איהם געגאַנגען אַנטקעגען, ציטערענדיג פאַר שרעק.

ער האָט פּרובירט אַ שמייכעל טהאָן, כדי זי צו בערוהיגען און זיין צוקרימטער פּנים האָט זיך דערביי נאָך מורא'דיגער צו־קרימט. ווען זי איז צוגעקומען גאַנץ נאָהענט צום בעט, האָט זי לאַנגזאַם ארויפגעלעגט ביידע הענד אויף אליוויער'ס, וועלכע זיינען געוועזען אויסגעשטרעקט צו איהר, און געשטאַמעלט:

— אַך, מיין אָרימער פריינד.

— עס איז גאָרנישט — האָט ער געזאָגט שטיל ניט בע־וועגענדיג דעם קאָפּ.

זי האָט איהם איצט בעטראַכט, אַ צושראָקענע איבער דער פאַרענדערונג, וועלכע איז אין איהם פאָרגעקומען. ער איז גע־ווען אַזוי בלייך, אַזוי ווי ער וואָלט ניט געהאַט קיין טראָפּען בלוט אונטער דער הויט. זיינע איינגעפאַלענע באַקען זיינען עפּעס אַזוי ווי אריינגעצויגען געוואָרען אינעווייניג און זיינע טיעף איינגע־זונקענע אויגען האָבען אויך געמאַכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָל־טען פאַר אַ פּאָדים אין די לעכער אריינגעשלעפּט געוואָרען.

ער האָט געזעהן דעם פערצווייפעלטען שרעק פון זיין פריינדין און האָט אויסגעזיפצט:

— איך זעה גוט אויס.

זי האָט געזאָגט, בעת זי האָט איהם נאָך אַלץ שטאַר אָנ־געקוקט:

— ווי איז דאָס געשעהן?

ער האָט זיך גענעבען איבערמענשליכע מיה צו רעדען און זיין פּנים האָט נערוועז געצוקט:

— איך האָב ניט אַכטונג געגעבען אויפ'ן וועג... איך האָב געטראַכט וועגען אַנדערע זאַכען... וועגען גאַנץ אַנדערע זאַכען....

— יאָ, יאָ.

— אַ אָמניבוס האָט מיך אומגעוואָרפען און איז מיר איבער'ן לייב אַריבער.

זי האָט איהם אויסגעהערט, געזעהן דעם אונגליק פאַר די אויגען און געזאָגט מיט ענטזעצען:

— האָט איהר געבלוטיגט?

— ניין. איך בין נור אַביסעל צוקוועטשט געוואָרען.

זי האָט געפרעגט:

— וואו האָט עס פּאַסירט?

ער האָט געענטפערט שטיל:

— איך ווייס ניט אויף זיכער. ערגעץ ווייט אוועק.

דער דאָקטאָר האָט צוגערוקט אַ פאָטעל, אין וועלכען די גרעפין האָט זיך אַרונטערגעלאָזען. דער גראַף האָט זיך געשטעלט צופוסען פון בעט און געזאָגט:

—אה, מיין אָרימער פריינד, מיין אָרימער פריינד, וואָס פאַר אַ שרעקליכער אונגליק!

און ער האָט אויף אַן אמת געפיהלט אַ טיעפען קומער, דען ער האָט אָליוויער'ן זעהר ליעב געהאַט.

די גרעפין האָט ווייטער געפרעגט:

— וואו איז עס געשעהן?

דער דאָקטאָר האָט געענטפערט:

— איך ווייס אַליין אויך ניט זיכער, אָדער בעסער געזאָגט, איך פאַרשטעה די גאַנצע געשיכטע ניט. מען האָט איהם גע־פונען ווייט אוועק נעבען דער גאָבעלין פאַבריק, כמעט אויסערהאַלב פּאַריז; אַזוי ווענינסטענס בעהויפּטעט דער דאָקטאָר, וועלכער האָט איהם אהער געבראַכט; ער זאָגט, אַז מען האָט איהם גע־

רופען אין אַן אַפּטהייק פון יענעם קווארטאל און פון דאָרט האָט ער איהם, אַזייגער ניין אין אבענד, געבראַכט צופיהרען אַהער.

דאַן האָט ער זיך צוגעבויגען צו אַליוויער׳ן:

— איז עס אמת אַז דער אונגליק האָט אייך געטראָפען ביי דער גאַבעלין פּאַבריק?

בערטין האָט צוגעמאַכט די אויגען, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט דערמאָנען, דאַן האָט ער אויסגעשעפּטשעט:

— איך ווייס ניט.

— אָבער וואו זייט איהר דען געגאַנגען?

— איך קען זיך ניט מעהר דערמאָנען, איך בין געגאַנגען גלאַט אין דער וועלט אריין.

די גרעפין האָט זיך מעהר נישט געקענט איינהאַלטען, אַ פערשטיקטער קרעכץ האָט זיך פון איהר ברוסט ארויסגעריסען, אין האַלז האָט איהר געוואָרגען אַזוי, אַז זי האָט ניט געקענט דעם אָטהעם אָבכאַפּען, זי האָט צוגעטראָגען איהר טאַשענטיכעל צו די אויגען און זיך שרעקליך צוואויינט.

זי האָט אַלעס געוואוסט, אַלעס פאַרשטאַנען. עטוואס מורא׳־דיגעס, עטוואָס שרעקליכעס האָט איהר אין הארצען אַ זעץ געטהאָן: געוויסענסביסע האָבען זי גענומען טאָמשען, פאַרוואָס זי האָט אַליוויער׳ן ניט געלאָזען בלייבען ביי זיך, פאַרוואָס זי האָט איהם ארויסגעיאָגט אין גאַס ארויס, וואו ער האָט זיך ארומגעבלאָנקעט אַ פערצווייפעלטער, אַליין מיט זיינע ליידען און יסורים ביז ער איז אונטער׳ן וואָגען ארונטער.

ער האָט געזאָגט מיט אַ שוואַכער שטימע:

— וויינט נישט, דאָס טהוט מיר וועה.

מיט אַ געוואַלדיגער קראַפט האָט זי זיך געצוואונגען אויפצוהערען שלוכצען און האָט צוגענומען דאָס טאַשענטיכעל פון די אויגען. איהר פּנים איז עפעס ווי פערשטיינערט געוואָרען און זי האָט אויסגעשמעלט אויף איהם אַ פּאָר גרויסע, צושראָקענע אויגען, פון וועלכע עס האָבען לאַנגזאַם טרעהרען געקאַפּעט.

אונבעוועגליך, האלטענדיג איינער דעם אנדערען פאר די הענד איבער דער דעקע, האבען זיי זיך אנגעקוקט. זיי האבען שוין איצט מעהר ניט געדענקט, אז נאך אנדערע מענשען זיינען אין צימער געווען, און זייערע בליקען זיינען דורכגעדרונגען טיעף, טיעף פון איין הארץ אין דער צווייטער.

שנעל, שטום און שרעקליך האבען אויפגעטויכט צווישען זיי אלע ערזאינערונגען, אלעס וואס זיי האבען צוזאמען געפיהלט, אלעס, וואס האט זיי פארקניפט, וואס האט זיי אין זייער לעבען פערבונדען, די ליידענשאפט, וואס האט זיי געצויגען איינער צום אנדערען.

זיי האבען זיך אנגעקוקט און דאס בעדירפעניש אויסצו־רעדען זיך, פון טויזענד אינטימע, טרויעריגע זאכען צו רעדען, צו זאגען זיך דאס וואס זיי האבען זיך נאך געהאט צו זאגען, האט זיי גענומען דריקען. זי האט געפיהלט, אז זי מוז אונבעדינגט פטור ווערען פון ביידע מענער, וועלכע זיינען געשטאנען הינטער איהר, אז זי מוז געפינען עפעס א מיטעל, א כיטראסט, וואס עס איז, אום זיי פון דאנען אוועקצושיקען. און זי האט געטראכט, איהר בליק נאך אלץ אויף אליווער׳ן געריכטעט, ווי אזוי זי זאל דאס אויספיהרען.

איהר מאן און דער דאקטאר האבען שטיל גערעדט, ווי אזוי מען דארף פפלעגען דעם קראנקען. דא האט זי זיך א קעהר גע־טהאן צום דאקטאר און געפרעגט:

— האט איהר דא א קראנקען־וועכטערין?

— ניין. איך וואלט בעסער וועלען שיקען א דאקטאר, וועל־כער זאל פארשטעהן דעם פאציענט׳ס לאגע און זאל קענען אויף איהם גוט אכטונג געבען.

— שיקט ביידע, צופיעל קען ניט שאדען. האפענטליך קענט איהר זיי נאך היינט בייניאכט בעזארגען, דען איהר וועט דאך ניט בלייבען ביז אין דער פריה.

— ניין, איך מוז געהן אהיים. איך בין דא שוין זייט פיער שטונדען.

— אבער ווען איהר געהט אהיים, דאן שיקט אונז א וועכטערין און דעם דאקטאר.

— דאס וועט זיין א גאנץ שווערע זאך אין מיטען נאכט. איך וועל פרובירען.

— איהר מוזט עס בעזארגען.

— זיי וועלען מיר פיליכט צוזאגען, אבער צו זיי וועלען קומען, אין דעם בין איך ניט זיכער.

— מיין מאן פאהרט מיט אייך און צי זיי ווילען צי ניט, ער וועט זיי שוין ברענגען אהער.

— איהר קענט אבער דא ניט פערבלייבען אליין, פרוי גרעפין.

— איך! — האט זי געזאגט אין א בעליידיגטען טאן, וואס מען שטעלט זיך אנטקעגען איהר ווילען. דאן האט זי ערקלעהרט מיט א בעשטימטקייט, וועלכער קיינער האט ניט געוואגט צו ווידערשפרעכען, אז די געפעהרליכע לאגע פון זייער קראנקען פריינד פאדערט עס, אז אין א שטונדע זאל זיין א דאקטאר, אום אויף יעדען פאל פארבערייטעט צו זיין. אום זיי צו קריגען האט מען זיי וואהרשיינליך געמוזט ארויסשלעפען פון די בעטען און אהערברענגען. דאס האט געקענט טהאן נור איהר מאן. און ביז וואנען ער וועט צוריקקומען וועט זי אליין בלייבען ביים קראנקען, דאס איז איהר פליכט און איהר רעכט אלס א פרוי, און אלס א פריינדין. איבריגענס וויל זי אזוי און קיינער וועט איהר דערפון ניט אבהאלטען.

זי האט גערעדט צו דער זאך. זיי האבען געמוזט נאכגעבען און האבען בעשלאסען איהר צו פאלגען.

זי איז אויפגעשטאנען, בעשעפטיגט דערמיט זיי אזוי שנעל ווי מעגליך ארויסצופראוועון. זי האט נור געוואלט, זיי זאלען אוועק און זי זאל בלייבען אליין.

און איצט האָט זי זיך זעהר אויפמערקזאַם צוגעהערט צו אַלעם, וואָס דער דאָקטאָר האָט געהייסען טהאָן מיט'ן קראַנקען ווערענד זיין אַבוועזענהייט; זי האָט זיך אָנגעשטרענגט אַלעם צו געדענקען, אַלעם צו פערשטעהן, קיין זאַך ניט צו פערגעסען. דער דיענער פונ'ם מאהלער, וועלכער איז געשטאַנען נעבען איהר, האָט אויך צוגעהערט און הינטער איהם די קעכין, זיין פרוי, וועלכע האָט ביי דער ערשטער פערבאַנדאַזשירונג מיטגעהאָלפען האָט מיט אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ אָנגעוויזען, אַז זי האָט אויך אַלעם פערשטאַנען. נאָכדעם ווי די גרעפין האָט דערנאָך, ווי אַ שול־מיידעל, אַלע אינסטרוקציאָנען איבערגעזאָגט, האָט זי געבעטעןביידע מענער, אַזוי שנעל ווי מעגליך, אַוועקצוגעהן, און צו איהר מאַן האָט זי זיך אָנגערופען:

— קום נור באַלד צוריק. מאַך דאָס שנעל.

— איך נעהם אייך מיט אין מיין קאַרעטע — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט צום גראַף — זי וועט אייך שנעלער צוריקברייננגען, אין אַ שטונדע אַרום זייט איהר דאָ צוריק.

— פאַר'ן אַוועקגעהן, האָט דער דאָקטאָר נאָכאַמאָל לאַנג אונטערזוכט דעם פערוואונדעטען, אום זיך צו פערזיכערען, אַז זיין צושטאַנד איז ניט געפעהרליך.

גראַף גיללעראַי האָט נאָך געצעגערט און געזאָגט:

— טהוען מיר ניט קיין נאַרישקייט?

— ניין, עס איז קיין געפאַהר. ער דאַרף נור רוהע. די גרעפין גיללעראַי וועט טהאָן אַ גוטע זאַך, ווען זי וועט איהם ניט לאָזען רעדען און אַליין אויך רעדען צו איהם אַזוי ווייניג ווי נור מעגליך.

די גרעפין איז געבליבען זיצען ווי פון אַ דונער געטראָפען און זי האָט געזאָגט:

— איך טאָר מיט איהם ניט רעדען?

— ניין, פרוי גרעפין. נעהמט אַ שטול און זעצט זיך אַוועק פון ווייטען, ער וועט פיהלען, אַז ער איז ניט אַליין און דאָס

וועט איהם זיין אנגענעהם. אָבער פערמאַטערט איהם ניט מיט ווערטער אָדער מיט געדאַנקען. ארום גיין אין דער פריה טום איך ווידער. אדיע, פרוי גרעפין.

ער האָט זיך טיעף פאַרנייגט און איז אוועק מיט דעם גראַף, וועלכער האָט נאָך געזאָגט:

— זיי גאַנץ רוהיג, מיין קינד, אין א שטונדע ארום בין איך דאָ צוריק און דאַן קענסטו פאָהרען אהיים.

אזוי שנעל ווי זיי זיינען אוועק, האָט זי דערהערט א קלאַפּ פון דער הויז־טיר, וועלכע האָט זיך צוגעמאַכט און א גערויש פון דער קאַרעטע, וועלכע האָט זיך פון איהר אָרט גערוהרט.

דער דיענער און די קעכין זיינען געבליבען אין צימער און געוואַרט אויף בעפעהלען. די גרעפין האָט זיי אוועקגעשיקט:

— איהר קענט געהן. איך וועל אָנקלינגען, ווען איך וועל עפּעס דאַרפען.

זיי זיינען אוועק און איצט איז זי געבליבען אליין מיט איהם. זי איז ווידער צוגעגאַנגען נאָהענט צום בעט, ארויפגעלייגטביידע הענד אויף'ן קישען פון ביידע זייטען פון'ם געליעבטען קאָפּ, און זיך אראָבגעבויגען, איהם אָנצוקוקען. דאַן האָט זי געפרעגט, אזוי נאָהענט צו זיין פּנים, אז ער האָט געפיהלט איהר אָטהעם אויף זיין הויט:

— האָסט זיך מיט אָן אבזיכט אונטער'ן וואָגען ארונטער־געוואָרפען?

ער האָט געענטפערט און פּרובירט שמייכלען:

— ניין, דער וואָגען האָט מיך איבערגעפאָהרען.

— דאָס איז ניט אמת, דו האָסט עס אליין געוואָלט.

— ניין, איך פאַרזיכער דיר, דער וואָגען האָט מיך איבערגע־פאָהרען.

זי האָט געשוויגען א מאָמענט, איינעם פון יענע מאָמענטען, ווען די נשמות שטייגען פון די אויגען ארויס; דאַן האָט זי אויסגעמורמעלט:

— אה, מיין ליעבער, ליעבער אַליוויער, און איך האָב דיך געלאָזט אוועקגעהן, און איך האָב דיך ניט איינגעהאַלטען ביי זיך.

ער האָט געענטפערט איבערצייגט:

— עס וואָלט סיי ווי מיט מיר פּאַסירט, נישט היינט איז מאָרגען.

זיי האָבען זיך נאָך אמאָל אָנגעקוקט און געזוכט איינער דעם אנדערענס געהיימסטע געדאַנקען צו טרעפען.

דאַן האָט ער ווידער געזאָגט:

— איך גלויב ניט, אַז איך וועל דערפון ארויסקומען... איך לייד צו שטאַרק.

זי האָט געשטאַמעלט:

— טהוט דיר זעהר וועה?

—יאָ, זעהר.

זי האָט זיך צוגעבויגען צו איהם, בעריהרט מיט איהרע ליפּען זיין שטערען, דאַן זיינע אויגען, זיינע באַקען, געקושט איהם מיט לאַנגזאַמע, לייכטע, צערטליכע קושען. איהרע ליפּען האָבען איהם קוים בעריהרט און געלאַסטשעט איהם שטיל און צערטליך, ווי קינדער ווען זיי קושען. דאָס האָט געדויערט א לאַנגע, לאַנגע צייט. ער האָט געלאָזען גיסען אויף זיך דעם שטראָם פון זיסע לאַסקעס, וועלכער האָט געשיינט איהם צו בערוהיגען, דען זיין פאַרצערטער פּנים האָט ווייניגער געצוקט ווי פריהער.

דאַן האָט ער זיך אָבגערופען:

— אננא!

זי האָט איהם אויפגעהערט צו קושען אום זיך צוצוהערען:

— וואָס איז?

— דו מוזט מיר עטוואָס צוזאָגען.

— איך זאָג דיר צו אַלעס וואָס דו ווילסט.

— אויב איך וועל ניט שטאַרבען איידער עס ווערט טאָג, דאַן שווער מיר, אז דו וועסט מיר אויף א מאָמענט ברייננגען אהער אַננעטע'ן, נור איין מאָל. איך וואָלט ניט וועלען שטאַרבען, איידער

איך האָב זי ניט געזעהן נאָך איין מאָל, דען מאָרגען אין דער צייט, קען זיין, אַז איך וועל שוין מיינע אויגען האָבען אויף אויביג געשלאָסען, און איך וועל אייך מעהר קיין מאָל ניט ווידער־זעהן, ניט דיך, און ניט זי.

זי האָט איהם אונטערבראָכען מיט אַ צוריסענעם הארצען:

— שווייג דאָך, שווייג. יאָ, איך פאַרשפּרעך דיר, איך וועל זי אהער ברענגען.

— שווערסטו עס מיר?

— איך שווער עס, מיין פריינד. אָבער שווייג איצט, רעד ניט מעהר. עס טהוט מיר אַזוי וועה. שווייג, איך בעט דיך.

זיין פּנים האָט קאָנוואולסיוו גענומען צוקען; דאַן ווען עס איז אריבער האָט ער געזאָגט:

—מיר האָבען נור נאָך אַ פּאָר מינוטען צו בלייבען אליין, לאָמיר זיי ניט פערלירען. מיר מוזען די צייט אויסנוצען, אום זיך צו זאָגען לעב וואָהל. איך האָב דיך אַזוי שטאַרק געליעבט.

זי האָט געזיפצט:

— און איך... איך ליעב דיך נאָך אימער.

ער האָט ווידער געזאָגט:

— נור מיט דיר בין איך גליקליך געוועזן. אָבער די לעצטע צייט איז געוועזן שווער... עס איז ניט דיין שולד. אַך, מיין אָרימע אננא, ווי טרויעריג איז אָפט דאָס לעבען, און ווי שווער עס איז צו שטאַרבען.

— שווייג, אָליוויער, איך בעט דיך!

ער האָט פאָרטגעזעצט ניט הערענדיג איהר:

— איך וואָלט געוועזן אַזוי גליקליך, ווען ניט דיין טאָכטער....

— שווייג, אָליוויער, איך בעט דיך!

ער האָט געשיינט מעהר צו טרוימען פאַר זיך, ווי מיט איהר צו רעדען, דען ער האָט געזאָגט:

— אַך, דער, וואָס האָט דאָס לעבען אויסגעטראַכט און די

מענשען געמאַכט האָט געמוזט זיין זעהר בלינד, אָדער זעהר שלעכט.

— אַליוויער, איך בעט דיך, אויב דו האָסט מיך אמאָל ליעב געהאַט, שווייג, רעד ניט אַזוי.

ער האָט זי אָנגעקוקט, ווי זי איז געזעסען אריבערגעבויגט איבער איהם, אַליין אויך אַזא בלייכע, אַז אויך זי האָט אויסגע־זעהן, ווי אַ שטערבענדע, און ער איז אַנשוויגען געוואָרען.

זי האָט זיך איצט געזעצט אויפ׳ן פאָטעל הארט ביי זיין בעט און גענומען זיין האַנד, וואָס איז געלעגען אויף דער דעקע:

— איצט דאַרפסטו מעהר ניט רעדען — האָט זי געזאָגט — דו דאַרפסט זיך ניט בעוועגען. דענק וועגען מיר, ווי איך דענק וועגען דיר.

און ווידער האָבען זיי זיך אָנגעקוקט אונבעוועגליך, דורך דער בעריהרונג פון זייערע הייסע הענר פאַרקניפּט. פון צייט־צו־צייט האָט זי אַ דריק געטהאָן די פיבערענדע האַנד, וואָס זי האָט געהאַלטען אין איהרער, און ער האָט געענטפערט דערמיט, וואָס ער האָט עטוואָס די פינגער געשלאָסען. יעדער דרוק פון דער האַנד האָט זיי עטוואָס געזאָגט, האָט ווידער ארויסגערופען אַ שטיק פון דער פערגאַנגענהייט, האָט ערוועקט אין זייערע ער־אינערונגען דאָס אַנדענקען פון זייער אַמאָליגער צערטליכקייט. יעדער דרוק איז געווען אַ געהיימע פראַגע, אַ וואונדערבאַרער ענטפער, אַ טרויעריגע פראַגע, אַ טרויעריגער ענטפער, אין יעדען דרוק איז געלעגען אַן עראינערונג פון אַמאָליגער ליעבע.

אין זייערע געדאַנקען האָבען זיי איצט ביי זייער לעצטען צוזאַמענזיין, איבערגעלעבט אַלע זייערע פריהערדיגע יאָהרען. די גאַנצע געשיכטע פון זייער ליעבע איז ווידער פאַר זייערע אויגען געשטאַנען און אין צימער איז געווען שטיל, עס האָט זיך גאַרנישט געהערט, אויסער דאָס קנאַקען פונ׳ם פייער אין קאַמין.

פּלוצים האָט ער זיך אַ כאַפּ געטהאָן, ווי פון אַ טרוים ער־וואַכט, און געזאָגט מיט אַ שרעק אין קול:

— דיינע בריעף!...

זי האָט געפרעגט:

— וואָס? מיינע בריעף...

— איך האָב געקענט שטאַרבען און זיי זיינען נאָך ניט פאַרברענט.

זי האָט אויסגערופען:

— עך, וואָס מאַכט עס אויס, מיר איז אַלץ איינס. זאָל מען זיי געפינען, זיי לעזען, מיר איז אַלץ איינס.

ער האָט געענטפערט:

— אָבער איך וויל דאָס ניט. שטעה אויף, אננא, עפען דעם אונטערשטען שופלאָד פון מיין שרייבטיש, דעם גרויסען. דאָרט ליגען זיי אַלע, אַלע... נעהם זיי און וואַרף זיי אין פייער אריין.

זי האָט זיך ניט געריהרט פון אָרט, ווי ער וואָלט איהר געהייסען טהאָן עפּעס אַ מיאוס'ע זאַך, און איז געבליבען זיצען, פאַרזונקען אין איהר שמערץ.

ער האָט נאָך אַמאָל געזאָגט:

— אננאַ, איך בעט דיך! ווען דו טהוסט עס נישט, וועט עס מיך ניט אויפהערען צו פּלאָגען, מאַכען נערוועז, משוגע. טהו נור אַ טראַכט, זיי קענען אריינפאַלען אין די הענד פון ווילד־פרעמדע מענשען, פון אַן אדוואָקאַט אָדער דיענער, אָדער זאָגאַר צו דיין מאַן אין די הענד. דאָס וויל איך ניט.

זי האָט זיך אויפגעהויבען, נאָך אַלץ נעצעגערט און געזאָגט:

— ניין, דאָס איז צו האַרט, צו גרויזאַם. איך פיהל, ווי איך וואָלט אונזערע ביידענס הערצער פאַרברענט.

אָבער זעהענדיג, ווי ער ליידעט, האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט און איז צוגעגאַנגען צום שרייבטיש. זי האָט געעפענט דעם שופלאָד און דערזעהן איהם אַ פולען ביז צום סאַמען ראַנד מיט דיקע הויפענס בריעף, איינער אויפ'ן אַנדערען, און אויף אַלע קאָנווערטען האָט זי געזעהן די ביידע שורות פונ'ם אדרעס, וועל־

כען זי האָט אַזוי אָפּט געשריבען. זי האָט גוט געקענט די דאָזיגעביידע שורות, דעם נאָמען פון דעם מאַן, דעם נאָמען פון דער גאַס, ווי זי האָט איהר אייגענעם נאָמען געקענט. אין די דאָזיגע קורצע צוויי שורות איז געלעגען איהר גאַנצע האָפנונג, איהר גאַנצער גליק אין לעבען.

זי האָט זיי אָנגעקוקט, די דאָזיגע פיערעקיגע, קליינע בויגעלאך פאַפּיער, וועלכע האָבען אין זיך ענטהאַלטען אַלעס, וואָס זי האָט געקענט אויסדריקען פון איהר ליעבע, אַלעס וואָס זי האָט געקענט פון זיך אָברייסען, אום איהם צו געבען מיט אַ טראָפּען טינט אויף אַ שטיקעלע ווייס פאַפּיער.

ער האָט פּרובירט דעם קאָפּ פון קישען אויפצוהויבען, אום זי אָנצוקוקען, און געזאָגט נאָך אַמאָל:

— פאַרברען זיי שנעל.

דאַן האָט זי גענומען צוויי פולע הויפענס, געהאַלטען זיי אַן אויגענבליק צווישען די פינגער. עס איז איהר אָנגעקומען שווער, מורא'דיג שווער. לעבען און טויט איז געלעגען אין איהרע הענד אין דעם דאָזיגען אויגענבליק. אַזוי פיעל פיינעס, צאַרטעס וואָס זי האָט געפיהלט און געטרוימט, די נשמה פון איהר נשמה, דאָס האַרץ פון איהר האַרצען, איהר גאַנצע ליעבע האָט זי דאָ אין איהרע הענד געהאַלטען. און זי האָט ווידער געטראַכט וועגען דעם, מיט וואָס פאַר אַ פלאַמענדער ליידענשאַפט זי האָט מאַנכע פון דיעזע בלעטלאך געשריבען, מיט וואָס פאַר אַ דורשט צו לעבען, אַ מענשען צו פאַרגעטערען און עס איהם צו זאָגען.

— אַליוויער האָט ווידערהאָלט:

— פאַרברענען! פאַרברענען! פאַרברענען, אננא!

מיט אַ בעוועגונג פון ביידע הענד האָט זי אַ וואָרף געטהאָן אין ברענענדיגען קאַמין ביידע הויפענס בריעף, וועלכע האָבען זיך צושפּרייט איבער'ן גאַנצען פייער.

דאַן האָט זי געבראַכט נאָך פון שרייבטיש, נאָך און נאָך, הויפענס גאַנצע און מיט אַ שנעלער בעוועגונג זיי אין פייער גע־

וואַרפען; זי האָט זיך בעוועגט שנעל און פיבעריש, כדי די מורא׳דיגע ארבייט וואָס שנעלער אָבצוטהאָן.

ווען דער פייער־פלאַץ פון קאַמין איז געוואָרען פול און דער שופליאַד ליידיג, איז זי וואַרטענדיג שטעהן געבליבען, בעטראַכט דעם כמעט פערשטיקטען פלאַם, ווי ער האָט פון אונטער׳ן באַרג בריעף זיך געריסען אַרויף; פון די זייטען האָט ער זיך אַרויס־געכאַפּט, געגומען לעקען דאָס פּאַפּיער און זיך שלענגלען אַרויף אַלץ העכער און העכער... דאָ איז ער פאַרלאָשען געוואָרען און דאָ איז ער ווידער אַרויסגעקומען, איז געוואַקסען און געוואַקסען און באַלד האָט זיך אַרום דעם באַרג בריעף אַ פייערדיגער גאַרטעל פאַרשפּרייט, וועלכער האָט דעם גאַנצען צימער בעלויכטען. און דאָס דאָזיגע ליכט, וואָס האָט באַשטראַהלט די פרוי, דאָ ביים קאַמין און דעם מאַן, דאָרט אין בעט, איז געווען זייער ליעבע, וועלכע איז איצט פאַרברענט געוואָרען, זייער ליעבע, וועלכע איז צו אַש געוואָרען.

די גרעפין האָט זיך אַ קעהר געטהאָן, און אין דעם העלען שיין פון׳ם פייער האָט זי דערזעהן איהר געליעבטען אַ טויט־בלייכען אריבערגעבויגען איבער׳ן ראַנד פון בעט.

ער האָט געפרעגט:

— זיינען אַלע פערניכטעט?

—אַלע.

אָבער איידער זי האָט זיך צוריקגעקעהרט צו איהם, האָט זי נאָך אַמאָל געוואָרפען אַ לעצטען בליק אויף איהר צושטערונגס־ארבייט, און איבער דעם הויפען פּאַפּיער, וועלכער איז שוין געווען האַלב פאַרברענט, וועלכער האָט זיך געקריממט און איז שוואַרץ געוואָרען, האָט זי דערזעהן פליסענדיג עטוואָס רויטעס, ווי טראָפּענס בלוט... זיי האָבען געשיינט צו קומען פון די הערצער פון די דאָזיגע בריעף, זיי האָבען געפלאָסען פון יעדען בריעף ווי פון אַ וואונד, און זיך לאַנגזאַם געקייקעלט צום פלאַם, לאָזענדיג הינטער זיך אַ פּורפּור־רויטען פּאַס.

די גרעפין האָט דערפיהלט, ווי עס האָט איהר אַ זעץ געטהאָן אין הארצען, אין קאָפּ האָט איהר גענומען ברענען פון איבער־נאַטירליכען שרעק און זי האָט אַ שפּרונג געטהאָן צוריק, ווי זי וואָלט געזעהן, ווי אימיצער ווערט ערמאָרדעט... און דאָן איז איהר פּלוצים קלאָהר געוואָרען, אז זי האָט איינפאַך געזעהן, ווי עס שמעלצט דער טריוואקס, מיט וועלכען די קאָנווערטען זיינען פערזיעגעלט געווען.

שנעל איז זי אוועק צוריק צום פערוואונדעטען, האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבען זיין קאָפּ און איהם פאָרזיכטיג אוועקגעלייגט צוריק אויף די קישענס. אָבער ער האָט זיך בעוועגט און די שמערצען זיינען שטאַרקער געוואָרען. ער האָט געכאָרכעלט, זיין פּנים איז איצט געווען פארקרימט פון מורא'דיגע יסורים, און ער האָט געשיינט ניט צו וויסען, אז זי איז דאָ.

זי האָט געוואָרט ער זאָל זיך בערוהיגען, זאָל די געשלאָסענע אויגען עפענען און איהר נאָך אַ וואָרט זאָגען.

צום סוף האָט זי געזאָגט:

— טהוט עס זעהר וועה?

ער האָט ניט געענטפערט.

זי האָט זיך אריבערגעבויגען איבער איהם און ארויפגעלייגט אַ פינגער אויף זיין שטערן, כדי איהם צו צווינגען, ער זאָל איהר אָנקוקען.

ער האָט ווירקליך געעפענט די אויגען, גרויסע, צושראָקענע, ווילדע.

זי האָט געפרעגט נאָך אמאָל פול שרעק:

— דו ליידעסט, אָליוויער? ענטפער דאָך. זאָל איך רופען מענשען? זאָג עפּעס, רייד צו מיר.

עס האָט זיך איהר געדאכט, ווי ער שטאַמעלט:

— ברייננגט זי אהער... דו האָסט עס פערשפּראָכען...

דאָן האָט ער זיך אַ ריהר געטהאָן אונטער דער דעקע, זיין לייב האָט גענומען צוקען, דאָס פּנים האָט זיך פארקרימט.

זי האָט ווידער געפרעגט:

— אַליוויער, מיין גאָט, אַליוויער! זאָל איך אימיצען רופען?

דאָס מאָל האָט ער פערשטאַנען, דען ער האָט געענטפערט:

— ניין... עס איז גאָרנישט...

און ער האָט אין דער אמת׳ן געשיינט צו ווערען רוהיגער, ווייניגער צו ליידען און פּלוצים איז ער גאָר עפּעס ווי האַלב אַנדרימעלט געוואָרען. זי האָט געהאָפט, אַז ער וועט איינשלאָפען, און האָט זיך געזעצט נעבען בעט, ווידער גענומען זיין האַנד און געוואַרט. ער האָט זיך ניט בעוועגט, איז געלעגען מיט׳ן קאָפּ אויף דער ברוסט אַראָבגעהאַנגען, דעם מויל האַלב אָפען, צוליעב דעם קורצען אָטהעם, וועלכער האָט איהם ביי יעדען אָטהעם־צוג אין האַלז געשטיקט. נור די פינגער זיינע האָבען זיך פון צייט־צו־צייט אונבעוואוסט בעוועגט מיט קאָנוואולסיווע צוקונגען, וועלכע האָבען דורכגענומען דער גרעפּין דורך און דורך ביז צו די וואָרצלען פון איהרע האָר. אַ קעלט איז איהר איבער׳ן גאַנצען לייב אַריבער און זי האָט געפיהלט ווי צו נעהמען שרייען. דאָס איז ניט געווען מעהר דער קליינער פינגער־דרוק, וועלכער דערצעהלט אַנשטאָדט די מיעדע ליפּען דעם גאַנצען טרויער פונ׳ם געפּלאָגטען הארצען, דאָס זיינען געווען אונשטילבאַרע קרעמפּפען, וועלכע האָבען נור פון ליידען פונ׳ם קראַנקען קערפּער דערצעהלט.

אַ אַנגסט איז אויף איהר אַנגעפאַלען, אַ מורא׳דיגע אַנגסט. עס האָט זיך איהר געוואָלט אַנטלויפען, אָנקלינגען, אימיצען רופען, אָבער זי האָט ניט געוואַגט זיך אַ ריהר צו טהאָן, כדי זיין רוהע ניט צו שטערען.

דורך די ווענט האָט זיך געהערט אַ ווייטער גערויש פון גאַס, אַ הוזשען פון פאַרבייפאָהרענדיגע וואָגענס, און זי האָט זיך צוגעהערט, צו שטעלט זיך ניט אָב איינער פון זיי פאַר דער טיר,

צו קומט ניט צוריק איהר מאַן, זי צו בעפרייען, ארויסרייסען זי פון דיעזען מורא'דיגען, דיעזען שרעקליכען ראנדעוואו.

ווען זי האָט פּרובירט לויז צומאַכען איהר האַנד פון אַלי־וויער'ס, האָט ער זי א דריק געטהאָן און ארויסגעלאָזען א לאַנגען קרעכץ. דאַן האָט זי זיך אָנגעטהאָן א כוח און איז געבליעבען, כדי איהם ניט אויפצורעגען.

דער פייער אין קאַמין איז פערלאָשען געוואָרען אונטער די שווארצע אַש פון די בריעף, צוויי ליכט זיינען אויסגעגאַנגען, עפּעס א שטיק מעבעל האָט געקראַכט.

אַלעס אין הויז איז געווען שטיל, אַלעס האָט אויסגעזעהן ווי טויט. נור דער גרויסער זייגער אויף די טרעפּ וועלכער האָט רעגעלמעסיג די שטונדען אָנגעצייגט, די האַלבע און די פערטעל, האָט מיט זיינע פערשיעדענע טענער אָנגעזאָגט אין דער נאַכט אריין דעם גאַנג פון דער צייט.

די גרעפין האָט געפיהלט, ווי אַן אימה'דיג מורא וואַקסט אויס אין איהר נשמה. פורכטבאַרע פאַרשטעלונגען קוועלען זי, מורא'־דיגע געדאַנקען צוטומלען איהר מוח. עס האָט זיך איהר גע־דאַכט, אַז אַליוויער'ס פינגער ווערען קאַלט אין איהרע. אָדער אפשר איז דאָס טאַקע געווען אין דער אמת'ן? ניין, עס קען ניט זיין! און דאַך, פון וואַנען האָט זיך צו איהר גענומען דער געפיהל פון א אונערקלעהרליכער אייזיגער בעריהרונג? זי האָט זיך אויפגעהויבען פול שרעק, כדי זיין פנים צו זעהן — ער איז גע־לעגען אויסגעצויגען, אונבעוועגליך, לעבלאָז, פון אַלע יסורים בע־פרייט. ער האָט געפונען פריעדען און אויביגעם פערגעסען.

ענדע.